יעקב כהן
בן אַהרן

# מַלכות ביאַלע

(אויטאָביאָגראַפישע דערציילונג)

•

בוך איינס
ביאַלע

Digitized by Touro College Libraries
For Project Zikaron
www.zikaron.tourolib.org
2021

ניו־יאָרק

תשל"ג — 1973

JACOB KAHAN
Ben Aron

# MALCHUT BIALE

---

*Copyright 1973*

*by*

J. KAHAN

125 Eastern Parkway

Brooklyn, N. Y. 11238

Digitized by Touro College Libraries
For Project Zikaron
www.zikaron.tourolib.org
2021

*Printed in U.S.A.*

אַריינפיר

# מלכות ביאַלע

ביאַלע האָט געהערט צו די יודיש-פּוילישע שטעט וואָס שמן נישט נאָר אין דער רבנישער ליטעראַטור, נאָר אויך אין דער מאָדערנער יידישער. אַ שטאָט, כאָטש ביי דער גרענעץ פון ליטע (בילה הסמוך לבריסק), האָט זי אָבער געהערט צו קרוין פּוילן און איז געווען אין איר דאָמינירנדיקן כאַראַקטער פּויליש חסידיש. הגם עס זענען דאָרט אויך געווען יידן מתנגדים.

ביאַלע איז נישט נאָר געווען געקניפּט און געבונדן מיט די גרעסטע חסידישע הייפן פון פּוילן און וואָלין, מיט פּשיסכע, קאָצק, ווורקע, גער א. א., מיט יידן לומדים און חסידישע בעלי השפעה, ווי: ר׳ נח, וואָס האָט ביי דער פּטירה פונעם קאָצקער רבין ר׳ מענדעלע מיט זיין זאָג: — „איך פאָר קיין גער״ — מיט זיך מיטגעריסן די גרעסטע צאָל חסידים און לומדים פון גאַנץ פּוילן, און ביי דער לוויה פון „שפת אמת״ האָט ער מיט זיין — „מזל טוב רבי״, געקרוינט דעם נפטרס זון ר׳ אברהם מרדכי (ר׳ נחס איידעם) פאַרן גערער רבין, אַזוי די בעלי השפעה ר׳ הערצל כהן און ר׳ אייזיק טשאַרנע (שחור) וואָס זענען געווען די איידעמס פון דער באַרימטער אין איר צייט באַנקירשע טעמערל און שוואָגערס פון ר׳ מענדעלע קאָצקער און ר׳ איטשע מאיר דעם ערשטן גערער רבי, נאָר זי האָט דער עיקר געהאַט אירע אייגענע באַרימטע ביאַלער רביים תושבים, ווי: ר׳ בעריש און ר׳ אהרן לאַנדוי און ר׳ יצחק יעקב ראַבינאָוויטש אַן איניקל פונעם „ייד הקדוש״.

שוין ביים סוף פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט איז זי געווען אָפּעסטונג פון חסידות. ר׳ משה מיכל, איינער פון די גרויסע ביאַלער רבנים וואָס איז נפטר געוואָרן אין תרט״ו, איז געווען פון די גדולי התלמידים פון ר׳ מענדעלע קאָצקער און אַ חבר פון „בעל חידושי הרים״ ר׳ יצחק מאיר אַלטער, גרינדער פון דער גערער דינאַסטיע. ווי דער פאַר לעצטער ביאַלער רב (נפטר געוואָרן 1932) ר׳ שמואל לייב ז״ק, איז געווען אַ תלמיד פון „חידושי הרים״.

איז נישט קיין וואונדער וואָס י. ל. פּרץ פון די אָבות פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און אַרויסהייבער פון דער נשמה פון

צווישן זיי ביי יאָסל פרעטער אַ שפּיליטער וואָס פלעגט צושטעלן סחורה צו די קרעמער.

*

ער אַליין יאַנקעלע געדענקט נישט זיין ברית. נאָר ווי די מאַמע האָט אים דערציילט און אַלץ וואָס ער ווייסט פון יענער צייט קומט פון דער מאַמען, ווייל זיין פאָטער איז אין אַזעלכע זאַכן געווען אַ שווייגער און האָט אויך נישט קיין צייט געהאַט פאַר דעם, איז זיין ברית געווען גאָר אַ געהויבענער.

נאָכן פּאַטש אויף דער בימה פונעם שמש פון סאָקאָלאָווער שטיבל מיט דער פריילעכער מודעה (מעלדונג) אַז ר׳ אהרן רופט דאָס גאַנצע שטיבל אויף זיין זונעלעס ברית, האָט שוין דער עולם נישט געזשאַליע־וועט צו קומען.

און נישט נאָר די אייגענע חסידים זענען געקומען, נאָר אויך באַקאַנטע פון די אַנדערע שטיבלעך. און דעם אויבן אָן האָט פאַרנומען דער טערעספּאָליער עילוי דער ביאַלער רב ר׳ שמואל לייב זאַק וואָס איז געווען סנדק, מיטן פעטער שמילקע. און די שמחה לכבוד דעם בן ברית וועמען מען האָט ביים מל זיין פאַרשיכורט מיט אַ טראָפּן ווייַן ער זאָל שרייען אויך נישט קענען, איז געווען גרויס.

נאָכן ברית האָט די מאַמע איבערגעלאָזט יאַנקעלען ביי דער אם און איז אַוועק אין איר קראָם. זי האָט זיך געוואָלט די מאַמע, און נישט נאָר זי אַליין, נאָר אויך דער טאַטע, האָט זיך געוואָלט אַרויפ־אַרבעטן. ביידע האָבן זיך באַזונדער געיילט. באַזונדער געהאָרעוועט, כדי איינעם זיך אַרופצואַרבעטן. —

נאָכן אַנטווייגען יאַנקעלען האָט די מאַמע אָפּגעזאָגט דער אם און האָט דאָס קינד מיטגענומען אין קראָם. זאָל ער אויך פאַרזוכן דעם טעם פון אַ קרעמער. וואָס יאַנקעלע האָט געטאָן אין קראָם און ווי לאַנג ער האָט דאָרט פאַרבראַכט ווייסט ער נישט. נאָר איין זאַך האָט די מאַמע יאָ דערציילט. און אויף דעם זאָגט עדות דער צייכן וועלכן ער טראָגט עד היום אויף דער רעכטער זייט באַק ביי דער סאַמע נאָז, מיט וועלכן עס באַנוצן זיך פריינט און פיינט — ווער צום גוטן און ווער צום בייזן... און דאָס איז זיין צווייטער סימן נאָכן סימן פון דער באַשניידונג.

און דערציילט האָט זי: אַז האַלטנדיק יאַנקעלען אין קראָם, האָט זי איינמאָל זייענדיק פאַרנומען מיט אַ קונה, אינגאַנצן פאַרגעסן אין יאַנקעלען און אין די הייסע גרייפּלעך וואָס זי האָט פאַר אים צוגעגרייט. און אָן השגחה, האָט זיך דאָס קינדערישע יאַטל וואָס האָט זיך גאָר

געוואָלט שפּילן, זיך צוגעשאַרט צום הייסן טעפּל און עס איינגאַנצן איבערגעדרייט אויף זיך. אַ נס, וואָס די הייסע גרייפּלעך האָבן ביי אים נאָר פאַרבאָפּט די רעכטע זייט פון פּנימל.

וואָס עס האָט זיך דאָן אָפּגעטאָן, איז נישט צו באַשרייבן. די בידנע מאַמע האָט אַ לעבן לאַנג זיך דאָס נישט געקענט שענקען. נאָר דער עיקר איז, וואָס ער איז פאַרט אַרויס אַ גאַנצער און איז געבליבן בלויז מיט אַ צייכן. — און דאָס זעט איר דאָך...

*

יאַנקעלע האָט אַ דורכגעמאַכט אַלע קינדער־קראַנקהייטן וואָס זענען דאָן נאָר געווען. ער האָט געשקאַרלאַטינעט, געפּאַקט און געמאָזלט און וואָס נישט? ער האָט זיי אָבער אַלע בייגעקומען. און דאָס אינעם איינגענעם זכות, אין זכות פון זיינע אָבות און אויך מיט דער הילף פונעם פעלדשער מאיר מיכל, ווען עס פלעגט אין אַ נויט אַרויסהעלפן דער דאָקטאָר זיטאָ.

מאיר מיכל פעלדשער איז געווען אַ הויכער ברייט־פּלייציקער ייד מיט גרויסע אויערן, וואָס זענען אים גוט צונוץ געקומען. זיין חוש השמיעה איז געווען שאַרף, און ער האָט נישט געדאַרפט קיין באַזונדערע אינסטרומענטן צו דערקענען די קראַנקהייט. האָט ער נאָר צוגעלייגט זיין גרויסן אויער צו אַ קראַנקער פּלייצע אָדער האַרץ, אַזוי האָט ער באַלד געוווסט וואָס דאָרטן טוט זיך. און האָט צו דעם צוגעפּאַסט די רפואה.

זיינע אויערן און פינגער זענען געווען זיינע אינסטרומענטן. מיט די אויערן האָט ער אויפגענומען דעם שטילסטן שאָרך פון האַרץ און לונגען, און מיט זיינע פינגער האָט ער אויסגעקלאַפּט אַלע קראַנקע ערטער. ער איז געווען אַ גרויסער מבין און זייער אָנגענומען.

נאָר דאָס ערגסטע איז אָבער געווען מיטן ריצינייל וואָס איז געווען זיין באַליבט מיטל און וואָס איז דאָן געווען די אָנגענומנסטע רפואה. וואָרעם וואָס עס זאָל נישט האָבן מיט אַ קראַנקן געשען, האָט מען דאָס ערשטע איינגעגעבן ריצינייל אויף צו רייניקן... און דווקא דעם דאָזיקן אייל האָט יאַנקעלע פיינט געהאַט סם המוות.

איז דאָס טאַקע שוין געווען דעם טאַטנס אַרבעט. ווייל ווי נאָר דאָס קליינע בן יחידל איז קראַנק געוואָרן, האָט שוין דער טאַטע אַ וועקגעוואָרפן אַלע זיינע געשעפטן און איז גלייך געקומען צולויפן מיטן אייל. ס׳איז וועגן דעם געווען ווי אַן אָפּגערעדטער אָפּמאַך צווישן דער מאַמען מיטן טאַטן. — מחמת די מאַמע האָט נישט געוואָלט נעמען אויף זיך צו מוטשען דאָס קינד, אים צווינגען מיט געוואָלט איינצונעמען

פארמאכטער קאטש, מיטאמאל דערזען גיין דעם דארף־גייער מענדל ראשאשער, א ביאלער קאצקער חסיד.

שמילקע האט געהייסן אפשטעלן די קאטש, און האט א רוף געטאן צו מענדלען:

— מענדל קום אריין. צוגעבנדיק: „יש קונה עולמו בשעה אחת".

— וואס? פאר אזוי ביליק ווילסטו שמילקע קויפן עולם הבא? האט מענדל אים געפרעגט און איז געבליבן שטיין.

— טא וואס ווילסטו מענדל? האט אים שמילקע געפרעגט.

— עס וועט דיר קאסטן א גאלד־שטיקל — האט מענדל גע־ענטפערט.

דעם פעטער האט פארדראסן אזא חוצפה. און ער האט באַפוילן זיין יידישן קוטשער צו פארן ווייטער. נאר אפפארנדיק א שטיקל וועג, די זאווערוכע איז געווארן גרעסער, האט דעם פעטער גענומען פלאגן דאס געוויסן. איבערגעלאזט א ייד אין אזא דרויסן, דערצו נאך אן אייגענעם חסיד.

האט ער צוריק געהייסן דעם אנטרייבער בלייבן שטיין. ווען מענדיל האט זיך ווידער דערנענטערט צו דער קאטש, האט דער פעטער א רוף געטאן: — נו, מענדל, באקומסט א גאלד־שטיקל און קום אריין. מענדל האט זיך דערנענטערט צו דער קאטש און א זאג געטאן: — האסט דאס אימפעריאלעכל (פינפערל)? קריגנדיק א תשובה אז יא, האט ער אויסגערופן: — טא באצאל! ערשט באַקומנדיק דאס פינפערל, איז מענדל אריין אין קאטש.

*

ווען יאנקעלע האט שפעטער חתונה געהאט קיין ביאליסטאק, האט ער נאכפרעגנדיק זיך דארט אויף זיינע קרובים, געטראפן אן עלטערן קרוב, א פיושיץ, וואס האט אים דערציילט א מעשה שהיה מיט אים אליין.

נאכן אפדינען פאניע, איז ער אויפן וועג קיין ביאליסטאק אפגעשטיגן ביים פעטער שמילקע, וואס איז אויך געווען זיינער א קרוב, הגם א ווייטער, און פון אים געפאדערט הונדערט און פופציק רובל אויף זיך איינצוארדענען. דער פעטער האט אים צו יענער צייט (ארום 1900) אזא סומע נישט געוואלט געבן. האט אים פארגעלייגט א קלענערע. דער קרוב האט אבער ווייניקער פון דעם נישט געוואלט נעמען. ער האט זיך באזעצט ביים פעטער ווי אן איידעם אויף קעסט און האט די שטוב נישט געוואלט פארלאזן.

יצחק פיושיץ, וואס איז נאך דאן געווען א יונגל ביים טאטן,

איז אַרויס פון געדולד פונעם קרובס חוצפה און האָט געוואָלט רופן פּאָליציי אים מיט געוואַלט צו דערווייטערן פון הויז. דער פעטער האָט אָבער נישט געלאָזט. ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו באַנוצן קעגן אים פּאָליציי. ביז ער האָט אים סוף כל סוף די הונדערט און פופציק רובל געגעבן.

*

פון דער מומעס מעשיות אַרום איר טויט, האָט ער געהערט צוויי ווערסיעס. איינע, אַז ווען זי איז געשטאָרבן, האָבן די יידישע רעוואָלוציאָנערן וועלכע ביאַלע האָט שוין דאַן געהאַט אַ שפּאָר ביסל, און וועלכע מען האָט אויך גערופן די סטרייקער, געפאָדערט פון דער פאַרשטאָרבענערס מאַן אַ גרויסע סומע געלד. און היות דער פעטער האָט זיך נישט געוואָלט לאָזן דיקטירן און געבן סתם געלד, — האָבן זיי דער געשטאָרבענער נישט געלאָזט מקבר זיין.

די צווייטע מעשה רעדט שוין פון דער חברה קדישה וואָס האָט דאָס געלד געוואָלט אויף אַ „דבר טוב" (אַ גוטע זאַך) און כאָטש אַ גרויסע סומע פאַר יענער צייט, איז מען צווישן זיך אָדורכגעקומען און שמילקע פּיזשיץ האָט געגעבן זעקס טויזנט רובל אויף צו בויען אין ביאַלע אַ יידישן שפּיטאָל. דער שפּיטאָל איז טאַקע שפּעטער געוואָרן אויפגעבויט. ער איז פריער געווען אונטערן אויפזיכט פון יודל שוואַרץ, שמילקעס איידעם, און דערנאָך פון זיין זון יצחק פּיזשיץ (קוראַטאָר).

נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן, ווען יאַנקעלעס מאַמע שוין אַן אַלמנה האָט געהאַט איר קראָם אויף דער בריסקער (אָפּגעזאָגט פאַר איר פונעם פעטער אויף איר גאַנץ לעבן) פלעגט איר די אַנטקעגנ־איבערדיקע שכנטע (אין זאַוועלע שערערס הויז) די אַלטע ראַנטשיכע, ביי יעדער געלעגנהייט „שלאָגן" מיט דער מומע איטע ברוכה'ס מעשיות.

*

אַרום דער צייט איז אויסגעבראָכן אַ שריפה אויף דער פּראָס־טער גאַס, פון וועלכער ווי עס ווייזט אויס האָבן אויך יאַנקעלעס עלטערן געליטן. ביי וועמען אין הויז זיי האָבן דאַן געוווינט, געדענקט ער נישט קלאָר. ער געדענקט אָבער, ווי ער, דאָס קליינע יונגעלע, האָט זיך דאַן געפונען מיט זעק ספרים ביים ראָג גראַבאַנאָווער אין אַנהויב יאַנאָווער גאַס ביים הויז וואו עס האָט שפּעטער געוווינט יודל שוואַרץ (פריער אויף דער וואָליע).

דאָס האָט מען אים איבערגעלאָזט צו היטן די געראַטעוועטע ספרים פון דער שריפה, ביז מען וועט זיי מיט די איבעריקע זאַכן

אריבערפירן אין דער נייער דירה אויף דער יאטקע גאס ביי שערבעלע פרוטה (גאלדשטיין) אין מויער. און פון דער צייט אָן הייבט שוין אָן זיין זכרון קלאָרער אויפנעמען אַלע ווייטערדיקע זאכן און געשעענישן וואָס זענען זיך מיט אים און אַרום אים פאַרלאָפן.

איינע פון אָט די געשעענישן וואָס האָט אויפגערודערט דאָס חסידישע ביאַלע, איז געווען דער מאָרד איבער צוויי יידישע פערד־הענדלער אין לאָמאַזער וואלד, אין וועלכן ס׳איז געווען פאַרמישט אַ געקומענער יידיש־רוסישער גנב וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין אָן הייזל.

ביי דער לוויה פון די הרוגים האָט דער ביאַלער רב ר׳ שמואל לייב זאַק אויסגערופן אַ חרם אויף די רוצחים. מען האָט געבלאָזן שופר און דער דאַמאַלטיקער רבי ר׳ אהרן לאַנדוי האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט זיינע חסידים נאָכן מערדער, וועלכן מען האָט טאַקע געפונען אין אָן הייזל באַהאַלטן אונטערן בעט.

דעם רוצח האָט מען ביטער צעממיסט און דאָס הייזל האָט מען אויפן באַפעל פון רבין אינגאַנצן צעשטערט. ר׳ אהרן לאַנדוי איז געוואָרן אַרעסטירט. נאָר נאָכן איינליינגן פאַר אים דורך שמילקע פיזשיץ קויציע, איז ער ביזן פּראָצעס געווען פריי. דעם פּראָצעס האָט ר׳ אהרן לאַנדוי שפּעטער אינגאַנצן געוווּנען, אַ דאַנק דער געלונגענער פאַרטיידיקונג פונעם יונגן אַדוואָקאַט דעם ביאַלער בן עיר אַפּאָלינאַרי האַרטגלאַס, דעם שפּעטערדיקן דעפּוטאַט און פאַרזיצער פון דער יידישער סיים־קאָלאָ אין פּוילן.

*

די דירה ביי „שערבעלע פרוטה" אויף דער יאַטקע גאַס, איז באַשטאַנען פון צוויי צימערן מיט אַ קיך מיט געבויגענע ווענט. דאָס איז פאַר יאַנקעלען געווען די ערשטע דירה נאָך דער שריפה אויף דער פּראָסטע, וועלכע ער געדענקט גוט. ער האָט זיך אין איר געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער.

צעפּיעשטשעט ווי אַ בן יחידל און צעווילדעט ווי אַ קליין לאַבוזל, פלעגט ער אָפט אָפּטאָן גאָר ווילדע זאַכן. די דירה האָט געהאַט אַ פאַדוווּר וואָס איז פון פאָרנט אַרויס אויף דער יאַטקע גאַס און פון אונטן אַ טויער וואָס איז כמעט שטענדיק געווען אָפן, האָט געפירט צום באָד־געסל, פונוואַנען ווידער עס האָט געפירט אַ וועג רעכטס צו דער קשיווער גאַס און לינקס צו דער בריסקער הויפּט־גאַס.

אַ חוץ דעם איז די באָד געווען אַ טריט פונעם טויער רעכטס און דעם טאַטנס סאַקאַלאַווער־קאָצקער שטיבל אַ טריט פונעם טויער

לינקס, אונטער וועמענס הויז משה דוד שטריקן־מאַכער (שיינבוים) פלעגט איבער דער גאַנצער לענג פון אורבאַכס הויף (וויינעס) פלעכטן זיינע שטריק. און דאָס אַלץ איז יאַנקעלען געווען ניהא. ס'איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן און ס'האָט אים אימפּאָנירט.

און אַזוי ווי דער פּאַדוווּר (הויף) איז געווען פון ביידע זייטן אָפן און נישט ווייט פון דער קשיווער מיעשטשאַנסקער גאַס (שטאָטישע פויערים־גאַס), פלעגט ער אָפט ווערן באַזוכט נישט נאָר פון דורכגייער, נאָר אויך פון חזירים און אַנדערע טמא באַשעפעניש, וועלכע דער באַפּאַהטער פרומער יאַנקעלע האָט נישט געקענט פאַרטראָגן.

וואָרעם ווי יונג ער איז נאָך געווען (פאַרן חדר) האָט ער שוין געוווּסט פון דער אומריינקייט פון קעץ און חזירים און האָט געהאַט צו זיי אַ ביטערע שנאה ווי אַ שטייגער צו שפינען וואָס האָבן „געטראָגן" פייער צום ברענענדיקן בית המקדש וועלכע ער פלעגט דערפאַר אונטערצינדן.

ער פלעגט אַפילו איידער ער האָט זיך דערוווּסט פון די חזירימס אומריינקייט אויף זיי פּרוּוון רייטן. נאָר ווען זיי האָבן זיך נישט געלאָזט און מען האָט אים געזאָגט אַז זיי זענען טמא באַשעפענישן צו וועלכע מען טאָר זיך נישט צורירן, בפרט אַ קליין כהנדל, האָט ער גענומען לייסטן מיט טשוועקעס און מיט זיי געקלאַפּט אין די חזירימס חזירעשע זייטן. די חזרים פלעגן זיך צעקוויטשען און אַנטלויפן.

ער האָט אויך געפּרוווּט פאַרטשעפּען די אויסגעהונגערטע הפקר־הינט פון דער יאַטקע גאַס וועלכע פלעגן זיך טאָג־טעגלעך יאַוועןטשאַטענדיק אויף אַ שטיקל פלייש אָדער ביין. נאָר הינט בילן און בייסן. און אַפילו פאַר אַ הינטעשן ביל האָט ער מער מורא געהאַט ווי פאַר אַ חזירישן קוויטש.

דערפאַר האָט אים אַביסל שפּעטער אַזאַ שפּיל שיעור נישט געקאָסט דאָס לעבן. און ס'איז נישט געווען מיט קיין חזיר אָדער מיט אַן אַנדער קליינע טמא בריאה, נאָר גאָר מיט אַ פערד. און געשען איז דאָס, ווען נאָכן פאַרמאַכן זיך אין „שערבעלע פּרוטהס" הויף פונעם שוסטער פאַבריקל, האָט מען דעם שפּיכלער פאַרדונגען לייבעלען פון די גלאָז פאַר אַ גלאָז־סקלאַד. און לייבעלע פלעגט זיין גלאָז אַהער ברענגען מיט אַ הויכע פּאַדוואָדע (פור) און זי דאָ מיט זיין פערד אַזוי לאָזן שטיין, ביז ער פלעגט די גלאָז פאַרשפּרייטן צווישן די קרעמער.

דאָס פערד איז געווען אַ יידיש פלאַכע פערד. עס האָט זיך געלאָזט גלעטן, אַריינקוקן אין די ציין וויפל מען האָט נאָר געוואָלט.

געליינגט, וואָס זעלטן ווען האָט דאָס יאַנקעלע ביים טאַטן געזען. פון דער מאַמען איז שוין אָפּגערעדט. זי איז גאָר געשטאַנען אין אַ ווינקל און זיך געווישט די אויגן.

דער באַהעלפער, אַ געזונטער בחור, האָט אים אַ נעם געטאָן אויף די אַקסלען און אים אַזוי געטראָגן ביז ער האָט אים אַראָפּ־געלאָזט אין אַן איין צימערדיקער דירה, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ זייטיק געסל, וואָס האָט זיך גערופן חדר. דאָס איז געווען יאַנקעלעס ערשטער חדר.

און ווען מען האָט אים אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק, האָט זיך ערשט דער טאַטע צו אים גענומען. ער האָט אים דערציילט ווי גוט עס איז צו לערנען תורה און צו מקיים זיין גאָטס מצוות.

אַ „מלאך" האָט אים איבערן קאָפּ אַראָפּגעוואָרפן מטבעות, און דער טאַטע האָט אים צוגעזאָגט צו געבן אַלץ וואָס נאָר ער וועט וועלן, אויב ער וועט זיך לערנען און פאָלגן דעם רבין. יאַנקעלע האָט אַלץ אויסגעהערט און איז געווען צופרידן פון די לאַסקעס וואָס אַלע ווייזן אים אַרויס. נאָר נאָכן טאַטנס אַוועקגיין און אים איבער־לאָזן אַליין אין דער פרעמדער שטוב, האָט זיך יאַנקעלע צעוויינט.

נאָר מער האָט יאַנקעלע נישט געוויינט. ער האָט ליב באַקומען דעם רבין וואָס איז געווען גוט צו אים, ווי אויך צו די איבריקע קינדער. נישט נאָר האָט דער רבי קיין קינד נישט אַנגערירט, נאָר די דירה וואָס איז באַשטאַנען פון איין גרויסן צימער מיט אַ טיש און בענק נאָענט צום פענצטער פון רעכטס און אַ פּאָר בעטן פון לינקס, צו וועלכע די רביצין פלעגט יעדן דאָנערשטיק צובינדן אירע עופות אויף שבת, האָט געהאַט אַ מעלה, וועלכע ער האָט נישט געזען אין קיין שום אַנדערן חדר.

דאָס איז געווען אַ קליין גערטנדל איבער דער לענג פונעם חדר. און כאָטש ס'איז געווען גרויס ווי אַ טל ומטר און ס'האָט נישט געהאַט קיין בוים און קיין גרעזל, ווער רעדט שוין פון אַ בלומל, איז עס פאַרט געווען אַ שטיקל דרויסן, ווי קליין דער הימל איז איבער דעם נישט געווען. און עס האָט אויך געהאַט פליגן, מאָפּסן, זומער פייגעלעך און משה רבינוס קיעלעך, וועלכע קינדער פלעגן ליב האָבן צו כאַפּן און אַזוי שפּילנדיק זיך זיי פייניקן און מוטשען.

ווי נאָר דער רבי פלעגט אָפּלערנען מיט אַ קינד, אַזוי פלעגט ער אים באַלד אַרויסשיקן אין גערטנדל. פלעגן זיך אינעם גערטנדל אַלע מאָל אָנקלייבן קינדער וואָס האָבן זיך באַקענט און צוזאַמען געשפּילט. ס'איז אים אויך געפעלן געוואָרן דאָס מענטשעלע וואָס איז

מיטן אָנקום פונעם יום טוב-אָוונט האָבן זיך שוין די חסידים געזאַמלט ביים פעטער אין שטוב און האָבן באַזעצט אַלע ערטער אַרום גרויסן טיש אין עס-צימער ביי דער קיך. דעם אויבן אָן האָט פאַר־נומען דער פעטער און די שמחה האָט זיך אָנגעהויבן.

מען האָט סערווירט חלה מיט ערינג, ניסלעך, אַרבעס, ביר, און ווען אויך פיש און וויין. זיין צווייטע פרוי דעם פאַריסאַווער רבינס טאָכטער, אַ הויכע ברונעטע פרוי מיט צוגעברווינטע וואָרצעלעך אויפן טונקל פנים און אַ פּאָק שליסלען ביי די זייטן, האָט צוזאַמען מיט די דינסטן דערלאַנגט די פיש, און יאָנטל דעם פעטערס משרת, וואָס איז אויך געווען זיין דאָראָשקאַר, האָט געטאָן זיינס.

מען האָט געגעסן און געטרונקען פּאַמעלעך, נישט געיילט. וואָרעם נישט צוליבן גוף עסט מען דאָס און מען איז זיך משמח, — נאָר פאַר גאָטס וועגן און זיין תורה מיטן געבאָט פון „ושמחת בחגיך”. און אינצווישן האָט ווער צוגעלייגט אַ האַנט צום אויער און איז אַרויס מיט אַ זמרל וואָס די אַנדערע האָבן גלייך אונטערגעכאַפּט.

אַזוי האָט מען פאַרבראַכט ביז האַלבער נאַכט. ערשט פאַרן אַהיים גיין, זענען די חסידים, צעוואָרעמט און דערהויבן, פון יעדן עול אויסגעטאָן און פון זיך אַליין אָפּגעטאָן, — און ווי אין אַנדערע עולמות זייענדיק, — אַפּיר פון אונטערן טיש און זענען אַרויס אין אַ השתפכות־הנפשדיקן טאַנץ.

און האַנט אויף אַקסל געלייגט און מיט געהייליקטע פּסוקים אין מויל, איז מען אַצינד פאַרגאַנגען אין אויבערערדישע וועלטן. אין וועלטן וואָס האָבן מיטן חומר און מיט דער ערד גאָרנישט צו טאָן. כאָטש נישט איינער, און אפשר טאַקע דערפאַר, — האָט נישט נאָר אויף דער וואָכן, נאָר אויך אויף שבת נישט געהאַט.

אָפּטמאָל האָט מען אויך דעם פעטער אין דער טאַנצנדיקער ראָד אַריינגעשלעפּט. און ווינשנדיק אים, „רב שמילקע, איר זאָלט האָבן אַ סך זעלנער”, וואָס האָט געמיינט אַז זיינע קאַזאַרמעס אויפן בריסקער שאָסיי און אויף דער אַרטילעריסקער גאַס זאָלן זיין פול באַזעצט, האָט מען דעם טאַנץ פאַרענדיקט.

פּורים איז גאָר געווען לעבעדיק. ביי פּורים האָט מען זיך שוין נישט באַנוצט מיט די געשטעלטע פלעשער ביר, נאָר גאַנצע פעסעלעך ביר האָט מען אויסגעפּאָמפּעט. און די חסידים פאַרשניאַשקעט, און לשם מצווה, האָבן ביי שושנת יעקב שוין גאָר זיך צעטומלט. און נישט איינמאָל האָט מען פאַרביטן דעם אָרור המן.

און דאָס קליינע חסידישע יאַנקעלע האָט געקוואָלן אי פון זייער

צעפריידטן צעטומל, און אי נאָך מער פון די פאַרשטעלטע וואָס פלעגן כסדר קומען ביז נאָך האַלבער נאַכט.

און פאַרשטעלטע זענען געווען אַלערליי. אין דער צייט האָט זיך די פאַנטאַזיע ביי די פאַרחושכטע, צעהונגערטע ביאַלער יידן, גאָר צעשפּילט. זיי זענען אין דעם איינעם פורים-אָוונט ווי אויפ־געריכט געוואָרן. געוואָרן פריי צו ווערן קיסרים, גענעראַלן, נאַטשאַל־ניקעס, פּריסטאַוון און וואָס נישט?... אויס דלות, אויס גאולה בענ־קעניש, אויס גלות, אַט טראָגן זיי דאָך אַליין די גאָלדענע און זילבערנע עפּאַליעטן, גענעראַלסקע הויזן מיט רויטע ליאַמפּעס און שווערדן מיט רעוואָלווערן...

די פאַרשטעלטע זענען געקומען און געגאַנגען. און דער קאַרג־לעכער פעטער האָט געטיילט רובלס, גאַנצע און האַלבע. און ווען מען לויטן צוועק אויך, ווייל אַ טייל זענען געגאַנגען פאַר זיך, אַ פינפערל, אַן אימפּעריאַלעכל, הגם זעלטן.

די פאַרשטעלטע האָבן זיך לאַנג נישט אויפגעהאַלטן. געכאַפּט אַ ביים, אַ טרונק, און ווייטער געגאַנגען. די פורים-נאַכט איז נאָר איינע אין יאָר און זי האָט נאָר צוועלף שעה. און מען האָט געדאַרפט אויספייען באַזוכן אַלע אָפענע טירן פון שטאָט. מחמת אַ טייל קנירער האָבן גאָר אין דער נאַכט פאַרהאַנגען די פענצטער און פאַרמאַכט די טירן.

עס פלעגט זיך אויך אין שטיבל מאַכן אַ הילולה, אָדער אַ יום טוב. און אַזאַ יום טוב פלעגט זיין, ווען דער סאָקאָלאָווער רבי הרב יצחק זעליג מאָרגענשטערן פלעגט קומען קיין ביאַלע און דאָ איינ־שטיין אין שטיבל אינעם צווייטן חדר. אין אַזאַ פאַל פלעגט אים דער טאַטע שוין מיטנעמען צו פּראַוועֶן חסידות און צום רבינס שבתדיקע טישן. און יאַנקעלע האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט. ס'איז דאָך געווען לעבעדיק און פריילעך אויך.

דאָס הילצערנע שטיבל וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסער בית המדרש, פלעגט מען שוין דאַן אויסקאַלכן, גוט אויסקראַבן די פּאָדלאָגע און אָנטאָן אויפן האַנטוך-רעדל אַ נייעם האַנטוך. אין די אָוונטן פלעגט מען די בליץ-לאָמפּן מיט די ליכט אין די גרויסע קופּערנע הענג-לייכטער צעצינדן, און דאָס שטיבל איז געוואָרן פול מיט ליכט ווי אין מיטן העלן טאָג. דאָס האָט אים דער טאַטע אַזוי געוואָלט צוגעווינען צו יידישקייט און חסידות, און גלייכצייטיק אים דעם בן יחידל אויך משמח זיין, אים געבן שמחה דקדושה.

*

ער איז אויך ביי בערעלען לאַנג נישט געבליבן. ער איז פון אים אַריבער צום רבין פון דער דריטער האַנט, צו שים שלמהן. ביידע, בערעלע און שים שלמה, האָבן ווי דער רוב מלמדים געוווינט אויף דער פראָסטער גאַס. אין דער צייט האָט די מאַמע געעפנט אַנטקעגן סאַמע אַלטן מאַרק ביי חיים לוי רובינשטיין אַ סקלאַד פון זאַלץ. ביי דער געלעגנהייט איז איר די קוזינע אסתר גאָלדשטיין וואָס האָט געוווינט אין הויז וווּ עס איז פריער געווען דער פּאָוויאַט, נעקומען אַנווינשעווען.

די קראָם האָט אויסגעזען צו זיין אַ נייע מיט אַ גלאַטע שטיינערנע פּאָדלאָגע. די זאַלץ-זעק זענען אין פולער אָרדענונג געווען אויסגעלייגט ביי דער וואַנט. פאַרקויפט האָט מען נאָר צו זעק. דער טאַטע פלעגט זיך זעלטן אַריינכאַפּן אין קראָם. ער פלעגט זיך נאָר באַווייזן ווען מען האָט אויסגעלאָדן אַ וואַגאָן זאַלץ. קענטיק, אַז ער איז דאַן געווען פאַרנומען מיט נאָך געשעפטן. און געשעפטן האָט ער שוין געהאַט פאַרשידענע. אַביסל פּאָדריאַד, אַביסל איבערקויפן וואַגאָנעם סחורה, אאַ״וו.

יאַנקעלע איז פון דעם נייעם רבין שים שלמה ווי פונעם ערשטן אַברהמעלע, געווען צופרידן. און נאָך מער ווי צופרידן. כאָטש ער האָט אַצינד געלערנט די שווערערע גמרא און ווינטער אויך אין די נעכט. און די שקלא וטריה פון „שנים אוחזין בטלית״ (צוויי מענטשן האַלטן אַ קלייד) אין בבא מציעא, מיט וועלכער ער האָט אָנגעהויבן זיין לערנען גמרא, האָט אים אויסגעזען צו טרוקן און האָט אים איבריק נישט געצויגן.

שפּעטער ווען ער איז געוואָרן פריי — און האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, — האָט זיך אים גאָר אויסגעוויזן ווי די דאָזיקע תלמודישע סוגיה מיטן קלייד, בפרט מיטן „זה אומר כולה שלי וזה אומר כולה שלי״ (דער זאָגט, דאָס קלייד איז מיינס, און דער זאָגט ס׳איז מיינס), ווי אַ טייל איבריקע סוגיות פון נזיקין, זענען פּוסטע, קאָמישע, פאַר-עלטערטע סיטואַציעס.

דערפאַר אָבער נאָך שפּעטער, אין די פּערציקער, ווען ער האָט זיך אויף זיינע וואָגלענדיקע שליאַכן אין סאָוויעט-רוסלאַנד געפונען אין טשאַרדזשאָאַ (סטאַלינס שטעטל אין סאָוויעט-גרוזיע) (זע, „אונטער די סאָוויעטישע הימלען, פ״ג י. ל. פרץ, תל-אביב, 1961), האָט ער אַליין איבערגעלעבט דעם טראַגי-קאָמישן טעם פון אַזאַ שטייגער בבא מציעא-סוגיה...

דאָס איז געווען, ווען אַדורכגייענדיק דורך ערגעץ אַ קראָם

אין טשאַרדזשאָא האָט ער פּלוצלונג דערזען ווי מען פּאַרקויפט סוועטערס. און אַזוי ווי אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן איז ער געווען און ער האָט זיך גענויטיקט אין אַ סוועטער, איז ער נאָכן אָפּשטיין אַ צייט אין דער אַטשערעד (ריי) אַהין אַריין און האָט באַצאָלט פאַר צוויי סוועטערס. איינעם פאַר זיך, און דעם צווייטן אויף צו פאַרדינען דעם ערשטן...

ער האָט אָבער פאַרגעסן, אַז אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד מעסט מען נישט קיין סוועטערס און מען קלייבט נישט איבער קיין זאַך, — נאָר מען נעמט וואָס עס לאָזט זיך און וואָס מען קריגט. האָט ער איין סוועטער געפּרוווט אַריבערנעמען איבערן קאָפּ אים אָנצומעסטן. און דאָ איז עס געשען.

ווי נאָר ער האָט דעם סוועטער פאַרצויגן איבער די אויגן, אַזוי האָט גלייך ווער ביי אים געריסן ביידע סוועטערס. עס האָט נישט געהאָלפן זיין שרייען: אַז אָט האָט ער דאָך פאַר זיי ביידע נאָר וואָס באַצאָלט און זיי זענען זיינע, ווי די רויבערקע האָט גאָר אָנגעהויבן טענהן אַז זיי זענען אירע.

ס'איז געוואָרן אַ טומל, און דער אָנקומענדיקער מיליציאָנער האָט ביידע, יאַנקעלען מיט דער רויבערקע, אַוועקגעפירט אין צירקל. דאָ, אויף דער מיליץ, האָט דער מיליציאָנער גלייך געמאַכט אַ פּשרה און געפּסקנט „יחלוקו". איין סוועטער האָט ער געגעבן דער רויבערקע, און איינעם יאַנקעלען, דעם קויפער פון זיי ביידע. אַזוי אויך האָט ער זיך אינעם זעלבן רוסלאַנד איבערצייגט אין דער מעגלעכקייט פון די איבריקע קאָמישע סיטואַציעס פון דער גמרא נזיקין, ווי די צינן וואָס טוען אָן שאָדן קריכנדיק אויף די דעכער פון די אָרעמע זעמליאַנקעס אין מיטל־אַזיאַטישן רוסלאַנד.

*

שים שלמה איז געווען אַ גאָר באַזונדערער סאָרט מלמד. אַ יחיד במינו. כאָטש געלערנט אויפן זעלבן טראַדיציאָנעלן אופן ווי די איבריקע מלמדים, איז ער דאָך געווען אַנדערש. זיין באַציונג צו די תלמידים איז נישט נאָר געווען אַ היימיש פריינטלעכע וועלכע יאַנקעלע האָט ביי קיין שום אַנדערן מלמד נישט באַגעגנט, נאָר מער ווי אַ פריינטלעכע.

ער איז געווען צו זיינע תלמידים אַ רבי, דערציער און חבר. און אַזאַ פריינטלעכע באַציונג צו די תלמידים האָט אויך אַרויסגעוויזן די רביצין וואָס פלעגט פאַר די תלמידים באַקן זאַלצקעס, ווי איר טאָכטער וואָס פלעגט די קינדער פאַריכטן די קאַפּאָטקעלעך.

געשטאַמט האָט שים שלמה פון קאַליש ביי דער דייטשער גרענעץ. און די רביצין האָט צוגעהאַנדלט מיט קאַלישער זיידענע פרויען־שאַלן און שפּיצן. ער איז געווען אַן אַנהויב גמרא מלמד, וואָס האָט אויך געלערנט שרייבן און לייענען יידיש. ער האָט געלערנט מיט די תלמידים נישט נאָר גמרא מיט רש״י, נאָר האָט אויך נישט פאַר־זען דעם תנ״ך.

יעדן דאָנערשטיק אין אָוונט האָט מען פאַרענדיקט די סדרה פון דער וואָך און פרייטיק די גמרא. און אין אַן ערב יום טובדיקע וואָך האָט מען אויך געלערנט מעניני דיומא. מען האָט געלערנט מיט אַ סדר און סיסטעם.

ער פלעגט אָבער אויך אָפּט איבערייסן מיט דברי חול. הגם אַ פריוואַטער טראַדיציאָנעלער חדר, איז אין זיין לערנען אויך עפּעס געווען פון אַ חדר מתוקן. וואָס דאָס איז אינעם חסידישן ביאַלע געווען אַ נייעס. דער עיקר אָבער איז ער געווען אַ מענטש פון שטי־מונגען. ער האָט מיטאַמאָל אין אַ פרייטיק געקענט איבערייסן דאָס לערנען, און די תלמידים עפּעס פאַרליינען.

צווישן אַנדערע זאַכן פלעגט ער אויך פאַרליינען פון דער בלאַט־צייטונג. באַזונדער האָט ער ליב געהאַט פאַרצוליינען איטשעלעס פאָליטישע בריוו. און פון אים טאַקע האָבן מיר זיך פרי באַקענט נישט נאָר מיט פאָליטיק און איטשעלען, נאָר אויך מיט יידישע צייטונג־שרייבער און זייער שרייבן. כאָטש צו גוט צו וויסן וואָס אַזוינס ליטעראַטור איז, האָבן מיר נאָך דאַן נישט געוווסט.

ער פלעגט אונדז אויך דערציילן מעשיות. נאָר דער עיקר מיט וואָס ער האָט ביי אונדז יונגלעך אויסגענומען איז געווען, דאָס לערנען אונדז פאַרשידענע שפּילן און אונדז מאַכן יום טובדיקע שפּילצייג. ער האָט אונדז געפּרופט לערנען שפּילן אין שאָך און דאַמקע, און אויך מאַכן אויף פורים גרעגערס און המן־קלאַפּער, און אויף ל״ג בעומר הילצערנע ביקסלעך און שווערדלעך. אויף וואָס ער איז געווען אַ מאַדים און דערביי אונדז שוין אויך דערציילן די געשיכטע פון ל״ג בעומר, חורבן בית המקדש און אַנדערע אַזעלכע געשיכטעס.

ס׳איז איבריק צו זאָגן אַז אַ חוץ שפּיל און פאַרווייל וואָס דער רבי האָט אונדז געגעבן, זענען מיר קודם געווען צופרידן פון איבערריסן דאָס לערנען. באַזונדער די טרוקענע ערטער אין דער גמרא. ס׳איז פאַר יאַנקעלען געווען דער ערשטער חדר וואָס איז געווען אויפן צווייטן גאָרן און האָט שוין געהאַט צוויי צימערן מיט אַ קיך. עס האָבן אין דעם חדר אויך געלערנט קינדער פון פאַרשידענע

אים קיין ביאַלע, ווו ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ פּאָליאַטשקע, און איז אַליין פון די זעלבע פּאָליאַקן געוואָרן דערמאָרדעט.

### די געשיכטע מיט די סטאָפּעס

בעת יאַנקעלע האָט געלערנט ביי שים שלמהן, איז די שטאָט געוואָרן אויפגעטרייסלט צוליבן שיסן אויף רוסישע פּאָליציאַנטן. ביאַלע האָט נאָך פריער געהאַט אַ חוץ חסידים און סתם פרומע יידן, אויך אַנאַרכיסטן, בונדיסטן און רעוואָלוציאָנערן וואָס האָבן געקעמפט קעגן דער צאַרישער מאַכט און אירע דינער.

האָט מען אין איינעם אַ זומער־אָוונט אַרום שפּרינגערס הויז געשאָסן אויף דריי רוסישע פּאָליציאַנטן, איינעם פון זיי אויף טויט. און כאָטש מען האָט קיינעם ביי דער האַנט נישט געכאַפּט און דער פּאַרהאַסטער צאַריזם האָט אויך געהאַט זיינע נישט־יידישע פיינט, איז באַלד פאַר די צאַרישע דינער געוואָרן „קלאָר” אַז ס׳איז אַ יידיש שטיקל אַרבעט און מען דאַרף בכן מיט די יידן זיך אָפּרעכענען. און די שרעק צווישן יידן איז געוואָרן גרויס. מען האָט אָנגעהויבן מורא האָבן פאַר אַ פּאָגראָם.

געענדיקט האָט זיך די געשיכטע מיטן אַרעסטירן די ביאַלער מאָטל אורטשע און שלמה טשאַרני מיט זיין זון יעקב, די סטאָפּעס, וועלכע זענען נאָך אַ ריי פּראָצעסן פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר אויף אייביקע קאַטאָרגע. געשמועסט האָט מען, אַז אַרעסטירט זענען זיי געוואָרן דורך אַ מסירה דווקא פון אַ פרומען באַלעבאַטישן ייד.

מאָטל אורטשע איז געשטאָרבן אויף דער פאַרשיקונג. און שלמה סטאָפּ מיט זיין זון יעקב, הויכע ברייט־פּלייציקע יידן, האַרעפּאַשניקעס, זענען נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע צוריקגעקומען קיין ביאַלע, ווו זיי האָבן געוווינט אין זייער פריערדיק הילצערן הויז אויף ראָג פּראָסטע און קשיווע נישט ווייט פון יאַנקעלען.

זיי האָבן ביים צוריקקומען געפירט אַ רוהיק שטיל לעבן, ווי געשאַרט זיך ביי די ווענט, — און זיך צוריק פאַרנומען מיט זייער פריערדיקער אַרבעט. שלמה איז געשטאָרבן פאַר די פערציקער.

### קאַפּיטל פיר

## דער טאַטע נעמט יאַנקעלען אויף אַן אָפּעראַציע

דער טאַטע, דער אַזוי פאַרנומענער, און ווי עס האָט זיך דאַן יאַנקעלען אויסגעוויזן, דער נישט צופיל צוגעלאָזענער טאַטע, וואָס

פעסטן מיטלאַלטערלעכן טורעם מיט זײַנע קראַטעס און פענצטער־לעכער. און דער עיקר, באַטראַכטן די אונטערערדעשע היילן אָדער קעלער, וואָס האָט זיך געדאַרפט געפינען אינעם מיטן באַרג, אָדער וואַל, אונטער וועמענס צופוסן עס האָט זיך געצויגן אַ מוטנע וואַסערל.

מען האָט געזאָגט, אַז דער קעלער, אָדער די אונטערערדעשע היילן, ציען זיך ביז העט ווייט אַרויס פון ביאַלע. און ווער עס גייט אין זיי אַרײַן, קומט שוין נישט צוריק אַרויס קיין לעבעדיקער. ער פאַרלירט זײַן וועג און ווערט אין די געדרייטע לאַבירינטן פאַרפאַלן, אָדער ער קומט אום פון שרעק פאַר די שדים און רוחות וואָס האָבן דאָרט געמאַכט זייער נעסט נאָך פון די אַלטע ראַדזשיווילס צײַטן.

יאַנקעלע האָט אויך געגליסט צו זען די אַלטע יידישע האָר־באַטע מויד קאַגאַן וואָס טראָגט זײַן נאָמען און וואָס איז די באַלע־באַסטע פונעם הויף און פון נאָך אַזעלכע עשירותן (שפּעטער זיך געשמדט און דעם הויף פאַרקויפט).

איינמאָל האָט אפילו יאַנקעלע געהאַט זיך אָפּגערעדט מיט נאָך אַ פּאָר חדר־יונגלעך פאָרט צו באַזוכן דעם געהיימניספולן קעלער. מען האָט אָפּגעמאַכט פאָרן אַרײַנגאַנג צום באַרג אַרײַנצוקלאַפּן אין דער ערד אַ פלאָקן און דורך צובינדן צו אים אַ שטריק, זיך אין אים אָנהאַלטן איבערן גאַנצן וועג הין און צוריק פון קעלער.

און פאַר די שדים און רוחות, די נישט גוטע, וועט מען פאָכען מיט די ציצית און שרייען: „שדים, שדים, אין די וויסטע פעלדער, וויסטע וועלדער גייט. פאַר אונדז חדר יונגלעך וואָס לערנען תורה, „פנו דרך", מאַכט אַ וועג"...

נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט זיך זײַן חבר מאָטעלע דער־שראָקן און געזאָגט, אַז נישט גוטע האָבן נישט קיין מורא פאַר קיין ציצית און מען טאָר זיך מיט זיי נישט אָנהייבן. און פונעם גאַנצן פּלאַן איז גאָרנישט געוואָרן. נאָר מיטן טאַטן וועט ער יאָ גיין. מיט אים אַ גרויסן, און אַ טאַטן, וועט ער נישט מורא האָבן צו גיין.

*

נאָך אַ זעקס שעה פאָרן זענען זיי אָנגעקומען קיין וואַרשע. ס'איז געווען יאַנקעלעס ערשטע רייזע. ער האָט פאַרנדיק אויף דער דראָזשקע ברייט צעעפנט די אויגן, און ער האָט אַלץ באַוווּנדערט וואָס ער האָט געזען. און ווען די דראָזשקע איז אַרויף אויפן ברוק איבער דער ווייסל, האָט יאַנקעלע נישט געקענט אײַנזיצן. אַלץ האָט אין אים געצאַפּלט פון נײַגעריקייט און פריידיקער ערשטקייט.

— טאַטע, האָט ער געפרעגט, וואָס פאַר אַ ים איז דאָס?

געקוקט אין אויער. ער האָט גענומען אַ מאָמקע, דעם שפּיץ אַריינ־געטאָן אין איינעם פון זיינע נאָזלעכער און מיט איר לייכט געבלאָזן. און באַלד האָט זיך ווי אַ טירעלע אין זיין אויער געעפנט, און אַ וועלט מיט קלאַנגען האָבן אַהין גענומען אַריינשטראָמען. ער האָט קיין וויטיק נישט געפילט און האָט אויך נישט געשריגן.

נאָך דעם האָט זיך דער טאַטע ווי גרייטנדיק זיך צו נאָך עפּעס וויכטיקערס, צו אים זיך נענטער צוגערוקט, און ער האָט אים אָנ־געהויבן ווי דאָן ס'ערשטע מאָל אין חדר, באַזונדער לאַשטשען און רעדן צו אים. און אַזוי רעדנדיק אים אָנגענומען ביי די הענט.

דער דאָקטאָר האָט עפּעס אַריינגעזעצט אין זיין נאָז וואָס האָט אים אין אָנהייב געקיצלט און דערנאָך געשניטן, נאָר נאָך איידער יאַנקעלע האָט אַ געשריי געטאָן, איז אַלץ געווען פאַראיבער. דער פּאָליפּ איז געווען אויסגעשניטן.

יאַנקעלע און דער טאַטע האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט. די זאָרג און די שרעק איז זיך ווי רויך צעגאַנגען. אויך דער דאָקטאָר האָט פרייער אָפּגעאָטעמט און איז געווען צופרידן פון זיין אַרבעט. פאַרן אַוועקגיין האָט דער דאָקטאָר דעם טאַטן מיטגעגעבן אַ קליין פלעשעלע מיטן אויסגעשניטענעם פּאָליפּ, ווי אַ זכר. און דאָס דאָזיקע פלעשעלע איז ווי אַ קמיעה יאָרן גאַנצע געוואָרן אָפּגעהיט אין שטוב.

דער טאַטע איז מיט יאַנקעלען אַוועק אין אַ האָטעל. ער האָט גענומען אַ צימער, און אַ צופרייטער און אויפגעלעגטער פון דער געלונגענער קליינער אָפּעראַציע, האָט ער יאַנקעלען געבראַכט פאַר־שידענע מתנות און שפּילצייגן.

ער האָט אים געבראַכט אַ יאָ, יאָ, אַ קונציקן קאַנטשיקל מיט אַ שעפּסן פּיסל־הענטל, אַ מעסערל און אַזאַ קונציק שיין פּאַפּיראָסן־קעסטעלע וואָס איז געווען צוגעפּאַסט פאַר אַ יונגל פון יעדן עלטער און מיט וועלכן יאַנקעלע האָט זיך אַמוזירט אין גאַס און אין שטיבל.

דאָס איז געווען אַ שיין הילצערן קעסטעלע אויף וועמענס דעקל עס זענען ווי אין אַ פּאַפּיראָסן־פּושקע געווען אָנגעזעצט פאַרמאַס־קירטע פּאַפּיראָסן. און ווען די וועמען יאַנקעלע האָט געפּרוווט פונדעווען, און דאָס קלוגע סוחרישע יידן, האָבן מיט זייערע הענט זיי געפּרוווט אַרויסציען, האָט זיך דאָס קעסטעלע גלייך געעפנט, און ס'איז פון דעם אַנשטאָט פּאַפּיראָסן גאָר אַרויסגעשפּרונגען אַ לאַכעדיק מאַלפּעלע... און די קלוגע באַנאַרישטע יידן אַליין, האָבן זיך פון דעם אויך צעלאַכט.

כדי אַביסל צו פאַרהיילן דעם שניט נאָך דער אָפּעראַציע, זענען

זיי געבליבן אַ וואָך אין וואַרשע. און דער טאַטע האָט אים די לעצטע טעג פאָרן אָפּפאָר גענומען אויף אַ שפּאַציר איבער די הויפּט־גאַסן פון שטאָט. אויפן שפּאַציר האָט יאַנקעלע באַוואונדערט די הויכע הייזער, שיינע גאַסן און דעם טראַמוויי. זיי זענען צוריקגעפאָרן קיין ביאַלע, אָפּשטעלנדיק זיך אויף אַ טאָג אין שעדלעץ.

אין שעדלעץ האָט יאַנקעלע געזען אויך אַנדערע יידן. יידן אָן בערד און מיט קורצע מאַרינאַרקעס און קאַפּעליושן. און די פרומע האָבן געטראָגן שיין־פּאַרפּוצטע בערד מיט שענערע קליידער. כאַלאַט־לעך און מיט צעכראַשטשעטע קעלנער־העמדער ווי אין זיין חסידישן ביאַלע האָט ער דאָרט ווייניק געזען. נאָכן קומען אַהיים, ווו אַלע האָבן אים געקושט און געהאַלדזט און זענען געווען אַזוי גוט צו אים, איז ער נאָך אַ וואָך דאַטשעווען צוריקגעגאַנגען אין חדר.

קאַפּיטל פינף

# די מאַמע

די מאַמע איז געווען אַ שוואַכע. און אין קאָנטראַסט צום טאַטן נישט געלערנט. אַ טאָכטער פון אַן איבער פרומער מאַמען טויבע רויזע קאַטלאַוויטש (פון דער היים פּיזשיץ, פון די בריסקער פּיזשיצעס) וואָס האָט געפּאַסט מאַנטיק און דאַנערשטיק, האָט די באָבע, און אפשר אויך דער זיידע הרב יעקב קאַטלאַוויטש, נישט געפונען פאַר נויטיק זייער בת יחידה צו לערנען לימודי חול.

האָט די מאַמע אַ חוץ דאַווענען, דעם טייטש־חומש און די דינים פון יידישקייט מער נישט געקענט. און כאָטש זי האָט געהאַט אַן איינגעבוירענע אינטעליגענץ און אַ פּראַקטישן שכל הישר, האָט זי אָבער ווי נאָר זי האָט ליקווידירט דעם איינפּאַכן זאַלץ־סקלאַד וואָס האָט נישט געפאָדערט קיין באַזונדערע חשבונות און איז איבער־געגאַנגען צו אַ געמישטער שפּייז־קאָלאָניאַל קראָם, זיך שוין גענויטיקט אין אַ הילף.

אַזוי איז יאַנקעלעס עלטערע שוועסטער הדס, וואָס איז אַליין נאָך אויך געווען ווי אַ קינד און וואָס האָט זיך שוין געהאַט דער־וואָרבן עלעמענטאַר וויסן, געקומען דער מאַמען צו הילף. זי האָט אָנגעהויבן איר קראַמעווען נאָך שטייענדיק אויף אַ בענקעלע ביים טובאַנק. און איז דערנאָך געוואָרן מער קרעמערקע פאַר דער מאַמען.

ביידע שוועסטער האָבן צווישן זיך פאַרטיילט די ראָלן. די יינגערע יאָכע, אַ הויכע און שיינע, האָט געפירט די הויז־ווירטשאַפט,

גענומען אויף זיך דעם יאָך פון שטוב. און די עלטערע הדס, אַ נידע־ריקע און אַ פולע, האָט אויף זיך נאָך ביים טאַטנס לעבן איבער־גענומען דעם שווערערן יאָך פון פרנסה. און נאָך זיין טויט, כמעט אינגאַנצן אויף זיך גענומען דעם עול.

די קראָם איז געווען אין סאַמע קעסטל־מאַרק. דער אַלטער מאַרק האָט אויסגעזען ווי אַ פיר קאַנטיק קעסטל, פון אַלע זייטן מיט קראָמען, האָט ער פון איין זייט ווי אָנשפּאַרנדיק זיך אינעם מאַרק־סאַד געווען פול מיט הילצערנע בודקעס און סטראַגאַנעס, ס׳רוב פון שפּייז. און אַנטקעגן איבער זענען געווען ס׳רוב גאַלאַנטעריע קראָמען. די קראָמען מיט די בודקעס האָבן געהאַט פון כל טוב. אַלץ וואָס דער פויער האָט געדאַרפט האָט ער אין זיי געקריגן.

איז דערפאַר דער פּלאַץ צווישן די קראָמען און די בודקעס געווען פאַרלייגט פון פויערישע פורן, נישט דווקא אין אַ יריד־טאָג. און ער איז געווען דער האַנדלס־נערוו פון שטאָט, פון וועלכן דער גרעסטער טייל יידן האָבן געצויגן זייער חיונה.

דער גרעסטער טייל סוחרים, ווי קרעמער און הענדלער, זענען געווען חסידים פון פאַרשידענע חסידים־שטיבלעך, צווישן וועלכע עס האָבן דאָמינירט די סאָקאָלאָווער, גערער און ראַדזינער. די איבריקע זענען געווען בעלי מלאכות, מתנגדים וואָס האָבן געדאַוונט אינעם גרויסן בית המדרש, אָדער אין דער גרויסער שול. אָבער אַלע זענען נאָך געווען פרום און האָבן געטראָגן לאַנגע מלבושים (זומער אַ כאַלאַטל) מיט אַ דענקע־היטעלע, וואָס די חסידים האָבן לכבוד שבת און יום טוב פאַרביטן אויף אַ זיידן און סאַמעט היטל, ווי זיי האָבן זייערע כאַלאַטלעך פאַרביטן אויף זיידענע און אַטלעסענע געהאַקטע קאַפּאָטעס.

אויך די גבירים האָבן געטראָגן לאַנגע מלבושים און דאָס טוכענע דענקע־היטעלע. דער איינציקער אויסנאַם איז נאָר געווען, וואָס אַנשטאָט די אָרעמאַנסקע, פּראָסטע יוכטענע שטיוול וועלכע מען האָט געדאַרפט שמירן מיט אויל אָדער דזשעגעכץ, כדי זיי אַביסל ווייכער צו מאַכן און זיי אָראָפּציען דורך אַ פיס־בענקעלע, האָבן די גבירים געטראָגן גלאַנציקע, ווייכע געמזאָווע שטיוועלעך, אָדער שטי־וועליעטן (האַלבע קאַמאַשן), און די פּיזשיץ־משפחה האָט צוגענעבן אַ בענדעלע מיט צוויי קנעפּלעך ביי די זייטן איבערן דאַשעק פונעם דענקע־היטעלע.

דאָס זעלבע האָט אויך געטראָגן יאַנקעלעס טאַטע, ווי ער אַליין, יאַנקעלע האָט געטראָגן. ער האָט אָבער קליינערהייט אויך געהאַט

חשק צו טראָגן אַ בלאָע ציצה אין זיין טלית קטן. דאָס האָט ער זיך מתקנא געווען אין די אַלעקסאַנדערער חסידים וואָס האָבן געטראָגן דעם תכלת נאָכן אַנטדעקן פון זייער רבין ר׳ הענעך דעם חלזון.

אין דער גרויסער שול ווו מען פלעגט אויך אָפּהאַלטן די אָפיציעלע תפילות פאַר דער מלוכה און אירע פאַרטרעטער, זענען די חסידים נאָר געקומען הערן דעם חזן. באַזונדערס פלעגט זיך דער חזן לאָזן הווילגיין אין אַ שבת מברכים און אין אַ יום טוב. ווער רעדט שוין אין די ימים נוראים. פלעגן טאַקע די חסידים אין די ימים נוראים אויסנוצן די תפילות-איבעררייסן אין זייערע שטיבלעך, און אויף גיך זיך אַוועקלאָזן צום שול-חזן אַריינכאַפּן אַ נגינה, ווי מען כאַפּט אַריין אַ קדושה. דערפאַר אָבער אין די נעכט, בפרט אין די ווינטער-נעכט, פלעגן אַ טייל אויסמיידן די שול ווי מען מיידט אויס אַ פּעסט. דאָס האָט מען אַזוי מורא געהאַט פאַר די מתים וואָס „קומען״ אין שול אַריין דאַווענען. פאַרוואָס די מתים קומען נאָר דאַווענען אין שול און נישט אין דערנעבנדיקן בית המדרש, און פאַרוואָס זענען זיי עפּעס אַלע נאָכן טויט געוואָרן מתנגדים, האָט קיינער נישט געפרעגט.

באַזונדער פלעגט אויף יאַנקעלען ציטערן די הויט ווען נאָר ער פלעגט דאַרפן אַדורכגיין דאָס שול-געסל. און דאָס שול-געסל איז אויך געווען אַ שטאָטישער דורכגאַנג, וואָס האָט פאַר פיל פאַרקירצט דעם וועג. באַזונדער האָט עס פאַר יאַנקעלען דערנענטערט דעם וועג פון זיינע צוויי חדרים וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער פּראָסטער גאַס. ווייל דורכן שול-געסל איז פון זיין חדר ביזן שטוב אויף דער יאַטקע גאַס, געווען ווי אַ קאַצן-שפּרונג. פלעגט טאַקע יאַנקעלע אין אַזאַ פאַל זיך שאַרן ביי די ווענט פון דער אַנדערער זייט געסל, אויס-מיידנדיק אַפילו צו קוקן אויף דער שול, ווי להבדיל אויף אַ טומאה...

יאַנקעלע האָט נישט נאָר מורא געהאַט פאַר די מתים, נאָר נאָך מער פאַר די שדים און רוחות וואָס האָבן זיך געפּלאָדיעט ווי מען האָט געזאָגט, אין אַלע וויסטע און חרובע ערטער. די מתים וואָס זענען נאָר „געקומען״ דאַווענען ביינאַכט אין שול, האָט ער נאָך געקענט אויסמיידן, נאָר מיט די שדים און נישט-גוטע וואָס זאָלן האָבן געווען אומעטום פול, האָט ער זיך דאָן נישט געקענט קיין עצה געבן. פלעגט ער באַזונדער היטן זיין קריאת שמע זאָגן, ווי די ציצית זיי זאָלן נישט ווערן פסול, ווי ער פלעגט היטן די איבעריקע סגולות און מצוות.

דערפאַר אָבער האָט ער פאַרן שטאָטישן בית המדרש וואָס האָט געהאַט זיינע אַריינגענג פון אַלע פיר זייטן שטאָט און צום נאָנטסטן פון דער בריסקער, שוין נישט מורא געהאַט.

דער גרויסער בית המדרש ווו עס האָט געדאַוונט דער רב ר' שמואל לייב ז"ק און בעל קורא איז געווען אַ צווייטער ז"ק, זלמן ז"ק, און ווו ביים לאַנגן טיש צווישן ביידע טירן האָט יומם ולילה געזעסן און געלערנט דער למדן קאַמלעט און דער שבתדיקער תהלים־זאָגער איז געווען דער שניידער פסח סקאָס, איז געווען נישט נאָר אַן אָרט צו דאַווענען און לערנען פאַר אַלע ביאַלער יידן, נאָר באַזונדער דאָס אָרט פאַר אַלע געדריקטע און אָרמע פשוטע יידן.

מיטן דאָזיקן בית המדרש איז שפּעטער יאַנקעלע צוליב זיין קדיש זאָגן נאָכן טאַטן געוואָרן נאָנט. ער פלעגט זיך אָפּט פאַר־שפּעטיקן צום מאָרגנדיקן דאַווענען אין שטיבל ווו מען פלעגט נאָר דאַווענען ביז ניין פרי. איז ער דעריבער מייסטנס געגאַנגען דאַווענען אינעם שטאָטישן בית המדרש ווו די תפילות האָבן זיך געצויגן ביז אָרום צוועלף.

און אַזוי דאַוונענדיק אין בית המדרש, האָט ער זיך צוגעקוקט צו דער הנהגה פונעם רב און אַ טייל מתפללים. דער רב ווען־מען שטענדיק אָרט איז געווען ביים רעכטן ווינקל פון אָרון קודש און ווען־מען דאַווענען און ענטפערן „אמן יהא שמיה רבא" איז געווען שטיל אָן האַוואַיעס און אויסברוכן — נאָך שטילער ווי ביי אַ מתנגד, — כאָטש קיינער קען נישט מעסטן די כוונות פון אַ מתפלל בפרט פון אַ גוטן ייד אַ רב...

מחמת אויב דאָס תפילהדיקע וואָרט זעט אויס צו זיין נידריק, — קענען אָבער די כוונות הלב זיין אַזוי טיף און גרייכנדיק, — אַז זיי זאָלן שפּאַלטן הימלען און דערגיין צו אים אַליין, דעם כסא הכבוד... דער רב האָט אָבער גאָר זיין ברען און התלהבות אויסגע־שטורעמט ביים עולה לתורה זיין.

דאָ, ביים די ברכות התורה, האָט דער שוואַכער, שוין געבויגע־נער טערעספּאָליער עילוי (רב), אַרויסגעוויזן גאָר זיין שארית הכוח. ווי נאָר דער שמש האָט אים געענדיקט אויפרופן, אַזוי האָט דער רב מיט זיין באַס און האַרטן ריש מיטן גאַנצן כוח ווי מיט אַ „שאגת אַרי" (נעשריי פון אַ לייב) אַ געשריי געטאָן „ברכו" (לויבט גאָט) מיט אַ קמץ אויפן ליטווישן שטייגער (נישט מיט קיין יוד) און מיטן דרוק אויפן בית, — אַז נישט נאָר האָבן זיך די פאַרטראַכטע מתפללים אויפגעכאַפּט ווי פון אַ זעץ פון אַ האַרמאַט, נאָר ווי די בימה אַליין וואָלט אַ ציטער געטאָן... און יאַנקעלע ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל דעם רבס ברכו געהערט האָט זיך פשוט דערשראָקן.

דאָס איז אָבער נאָר אַזוי געווען מיטן ערשטן וואָרט פון די

ברכות. ווי ער וואָלט אויף דעם גאַר זיינע כוחות און כוונות קאָנ־צענטרירט. ווי אַ קאָמאַנדיר קאָנצענטרירט גאַר זיינע כוחות אויפן ערשטן וואָרט פון זיין באַפעל, אַזוי האָט דער ביאַלער רב צונויפגענומען גאַר זיינע כוחות מיטן ברכו צו וועקן זיין עדה צו אַן אָנגע־שטרענגטער עבודת הבורא לעילא ולעילא (העכער און העכער)... וואָרעם באַלד נאָכן ברכו אויסגעשריי איז זיין קול געפאַלן, געוואָרן נידריקער.

דאָס בילד וואָלט אָבער נישט געווען גאַנץ, ווען מען וואָלט צו דעם נישט צוגעגעבן, אויך געשילדערט דעם הויכן ברייט צע־וואַקסענעם און צעזונגענעם בעל קורא פון בית המדרש, ר׳ זלמן ז״ק. יאַנקעלע האָט שוין געהאַט געהערט אַ סך בעלי קוראת. סיי פון די ביאַלער שטיבלעך און בתי מדרשים, סיי שפּעטער אין זיינע וואָגלע־נישן פון בתי תפילות פון אַנדערע שטעט און לענדער. נאָר אַזאַ שפּילעוודיק זינגנדיקן בעל קורא ווי ס׳איז געווען זלמן ז״ק, האָט ער ביז היינט נישט געהערט.

ער האָט די תורה נישט נאָר געלייענט, און מיט זיין זינגנדיקער ציקלענדיקער שטימע האָט ער נישט נאָר אויסגעטייטשט, אינטער־פּרעטירט יעדעס וואָרט און דעם טראָפּ, נאָר ווי יעדן אות, יעדעס פּינטעלע און קריינדל פון אַשורישן כתב פון דער תורה.

זיין לייענען די תורה איז געווען אַ מייסטער־ווערק, אַ שיר השירים פאַר זיך. און ווי פּסח סקאָם (קאַסאַי) ביי זיין תהלים זאָגן איז ער געשטאַנען אָביסל אין אַ זייט פון דער תורה. און ווי אַ דיריגענט מיט זיין מאַעסטראָ־שטעקעלע, אַזוי האָט ער מיט זיין אויסגעשטרעקטן קליינעם פינגער זיך אַליין דיריגירט דאָס לייענען. און נאָך דערהויבענער איז געווען זיין קריאה (לייענען), ווען דער עולה לתורה איז געווען דער ערשטער ז״ק פון שטאָט, ר׳ שמואל לייב ז״ק.

צווישן די טירן פון בית המדרש איז געווען אַ לאַנגער טיש וואָס האָט פאַרנומען די גאַנצע ברייט פון בית המדרש. ביי אָט דעם טיש איז געשטאַנען דער געלער מוכר ספרימניק (בלויז איבערן דאַווענען) און עס האָט געלערנט דער גרויסער מתמיד און למדן קאַמלעט (איטע קאַמלעטס מאַן). עס האָבן אינעם בית מדרש געלערנט נאָך יידן לומדים, נאָר קיינער פון זיי האָט נישט אויסגעקליבן אָט דעם לעצטן טיש צווישן ביידע טירן און קיינער האָט אַזוי לאַנג נישט געזעסן און געלערנט ווי קאַמלעט, וועמענס פרוי, זון יונה און טאָכטער האָבן געפירט די קראָם.

זיך געשדכנט, האָט זיך אין איר געלד־נירקייט אים איבערגעגעבן און מיט אירע צוויי מיידן זיך געשמדט.

מלכהלע איז מיט אירע מיידן אַריבער אינעם מיל־הויף ווו עס איז פאַר איר געווען צוגעגרייט אַן איין שטאָקיק הויז. און איר מאַן, דווקא אַ שיינער הויכער שלאַנקער ייד מיט אַ קליין שוואַרץ ביידל בערדל, איז פון איר אַוועק, און דאָס יוועליר געשעפט איז געוואָרן ליקווידירט.

דאָס מיל־געשעפט איז גוט אַוועק. דעם גרעסטן חלק האָט אין דעם געהאַט יאַנקעלעס טאַטע וואָס האָט ראַטאַיעוויטשן אויך געליען צוויי טויזנט רובל אַרויפצובויען אַ פערטן גאָרן און איבערגיין אויף עלעקטרי. די מיל האָט כסדר געאַרבעט און די מעל פונעם בעסטן אוקריינישן ווייץ האָט געקריגן אַ שם.

ישראל פינקלשטיין איז ווי יאַנקעלעס טאַטע געווען אַ נייער אינעם מיל־עסק. אַ מיטלוווקסיקער מער משכילישער טיפ (שפּעטער אַריין אין מזרחי), וועמענס פרוי האָט אויך געהאַט אַ באַזונדערע קראָם אויף דער יאַטקע גאַס, איז געווען אַ נישט צו פאַרטרוילעכער. דער איינציקער פאַכמאַן איז געווען משה נטע מילנער (מנחם פינקל־שטיינס פאָטער), אַ ברייט־פּלייציקער הויכער פּראָסטער ייד, וואָס האָט נאָך געטראָגן יוכטענע שטיוול און האָט געהאַט אונטערן שטאָט זיין אייגענעם וויאַטראַק מיט אַ קליין הילצערן הויז און שינדל־דאַך. דער קאָנטאָר איז געווען איבער מלכהלעס הויז. און דער בוכהאַלטער משה אַש, איז געווען יהודה לייב מלמדס איינציקער זון.

יאַנקעלעס טאַטע האָט נישט געדאַרפט זיין קיין מילנער. ווייל צו וואָס ער האָט זיך גענומען האָט ער געטויגט. ער איז געווען זייער אַ פּעיקער. און ווי זיינע צוויי ברידער יאַנקעלעס פעטער הערשל און יאַנקל (יאַנטשע), איז ער נישט געגאַנגען אין קיין באַזונדערע שקאָלעס און אוניווערסיטעטן. פונדעסטוועגן פלעגט ער זיך נישט באַנוצן מיט קיין אַדוואָקאַט און שרייבער, נאָר ער פלעגט אַליין שרייבן אין העברעיש, רוסיש און פּויליש, זיינע ביטעס און קאָנטראַקטן.

אַזוי אויך איז געווען מיט זיינע ברידער. זיי זענען אַלע געווען ספרא רבה׳ס. דער עלטסטער הערשל וואָס האָט פריער געוווינט אין טשעמעניק (לעבן לוקאָוו) איז געווען דער שטאָטישער ביטעס שרייבער. און דער יונגסטער יאַנקל וואָס האָט נאָך אַ קורצן זיין אין אַמעריקע געוווינט אין וואַרשע, איז אויך פון די איבריקע נישט אָפּגעשטאַנען. און זיין דירה איז געווען אַן אָפענע טיר פאַר אַלע קרובים און פריינט וואָס פלעגן קומען קיין וואַרשע.

# אינהאַלט


| קאַפּיטל | | זייט |
|---|---|---|
| | אַריינפיר | 5 |
| 1 | אַ זון ווערט געבוירן | 7 |
| 2 | די מומע איטע ברכה | 11 |
| 3 | ביי בערעלע מלמד | 19 |
| 4 | דער טאַטע נעמט יאַנקעלען אויף אַן אָפּעראַציע | 27 |
| 5 | די מאַמע | 33 |
| 6 | דער טאַטע | 46 |
| 7 | אַן ענדערונג אינעם לעבן פון ביאַלע | 52 |
| 8 | דעם פעטערס דאַטשעס | 62 |
| 9 | דער רבי קומט קיין ביאַלע | 67 |
| 10 | יצחק פּיזשיצעס הויז | 75 |
| 11 | יאַנקעלעס משפּחה | 83 |
| 12 | נאָך דער בר מצווה | 93 |
| 13 | מלחמה | 100 |
| 14 | דאָס שטיבל האָט דערציילט | 107 |
| 15 | דער טאַטע ווערט קראַנק און שטאַרבט | 113 |
| 16 | עס פעלט סחורה אין קראָם | 122 |
| 17 | די דייטשן הייבן אָן כאַפּן קלעפּ | 133 |
| 18 | דער פעטער יאַנקל קומט צו גאַסט | 141 |
| 19 | יאַנקעלע קומט אַהיים | 150 |
| 20 | דער ראָמאַן מיט רבקהלען | 158 |
| 21 | אין גאַנג פון די געשעענישן | 166 |
| 22 | די שטוב גרייט זיך | 175 |
| 23 | הדס ווערט אַ כלה און ס'ווערט אויס שידוך | 184 |
| 24 | יאַנקעלעס פלירט מיט דער שוועסטער | 192 |
| 25 | אַ דערלייכטערונג | 205 |
| 26 | דער אַרעסט | 213 |
| 27 | דער פּראָצעס | 221 |
| 28 | יאַנקעלעס שווערע קראַנקייט | 232 |
| 29 | דער קאָנסאַליום | 240 |
| 30 | יאַנקעלע ווערט געזונט | 244 |

ווי דער הויפּט-שותּף האָט זיך יאַנקעלעס טאַטע מער אָפּגעגעבן מיט דער מיל ווי די איבריקע צוויי. ער האָט קאָנטראָלירט די אַרבעט אין מיל און האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן קאָנטאָר. האָט געפּרוווט דעם ווייץ אויפן קליינעם מעשענעס וואָגל און האָט אינסטרוירט דעם בוכהאַלטער וואָס איז געווען דער איינציקער מענטש אין קאָנטאָר און די קאָרעספּאָדענץ.

קיין גרויסע אידיליע צווישן אים און מלכהלע דער משומדת וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַרן באַלעבאָס פון מיל, האָט נישט געהערשט. און דאָס האָט געפירט צום שפּעטערדיקן געשעפטס-ברוך. ווי אַ פרומער ייִד, הגם נישט קיין פאַנאַטיקער, האָט ער ווי ווייט מעגלעך איר אויסגעמיטן און האָט נישט געוואָלט האָבן מיט איר קיין מחזקות. צו דעם האָט נאָך צוגעהאָלפן איר גנבענען פון מיל קלאַיען מיט וואָס זי האָט געשפּייזט אירע קאַטשקעס, גענדז און ענדיקעס. דער איינציקער אַריינגייער צו איר איז נאָר געווען דער צווייטער שותּף ישראל דער ריטקער.

ווי נאָר ס'איז געווען אַ געלעגנהייט, יאַנקעלע איז געווען פריי פון חדר, פלעגט אים דער טאַטע מיטנעמען אין מיל, אים איבערלאָזן אונטער דער השגחה פונעם בוכהאַלטער און אליין זיך אַריינכאַפּן אין מיל באַטראַכטן די אָנגעקומענע ווייץ, די פּאַרטיקע זעק מעל, די וואַלצן, און אַרויפכאַפּן זיך אין דער הויך צו די קלאַיען און געבן די מענטשן זיינע אָנווייזונגען. יאַנקעלע איז פון די דאָזיקע באַזוכן געווען צופרידן. הגם פון שטוב ביז דער מיל איז געווען אַ מהלך רב און זיי פלעגן גיין הין און צוריק צופוס.

אַ חוץ עפּעס פרעגן אין לערנען, און געלערנט האָט ער שוין דאַן ביי יהודה לייב דעם פערטן רבין און משה אַשס פאָטער, האָט דער טאַטע מיט אים קיין גרויסע שמועסן נישט געפירט. צי דערפאַר וואָס ער איז נאָך געווען ביי 9 יאָר אַלט, צי צוליב דעם טאַטנס פאַרשלאָסנקייט, האָט יאַנקעלע נישט געוווסט. נאָר עפּעס האָט ער געפילט דריקט דעם טאַטן, כאָטש קלאָר וואָס, האָט ער נישט באַנומען.

*

יהודה לייב אַש איז געווען אַ מער ערנסטער ייִד. ער איז נישט געווען אַזוי שפּילעוודיק און מייסטערנדיק — ווי דער פריערדיקער רבי שים שלמה. ער איז אָבער אויך נישט געווען אַזוי באַגרענעצט אין ווויסן ווי אַנדערע. און כאָטש קיין שלעגער און שמייסער ווי בערעלע איז ער נישט געווען, פלעגט ער פונדעסטוועגן אַמאָל אַ קלעפּל

טאָן איבער דער האַנט מיט אַ ליניקע (ווירע) דעם תּלמיד וואָס האָט זיך פֿאַר עפּעס פֿאַרזינדיקט.

אַ ברייט-פּלייציקער ייד מיט אויך אַזאַ ברייטע באָרד, פֿלעגט ער פֿון צייט צו צייט אַריינהוסטן אין זיין גרויסער פאַטשיילע. און געלערנט האָט מען דאָ שוין נישט בלויז בבא מציעא, נאָר אויך אַנדערע מסכתות און מיט תּוספות. אַ חוץ דעם האָט ער איינגעפירט צו קומען אין די זומער-שבתים לערנען פּרק. כאָטש קיין תּלמיד האָט עס נישט געשמעקט.

אַזוי אויך יאַנקעלען וואָס האָט ווי די איבריקע געוואָלט אַ קאַמאַנדעווע טאָן אינעם פריייען שבתדיקן טאָג. ס'איז פֿאַר אים אָבער געווען גרינגער, ווייל דער חדר איז געווען אַנטקעגן סאָקאָלאָווער שטיבל, און ס'איז פֿאַר אים געווען אַ טריט פֿון שטוב.

קיין סך יונגלעך צו לערנען פּרק זענען נישט געקומען. עס זענען נאָר געקומען די וואָס האָבן נישט געוווינט ווייט פֿונעם שטיבל. און גלייך טאַקע נאָכן פּרק, פֿלעגט מען זיך אַריינכאַפּן אין שטיבל אויף אַ מנחה.

צווישן די שטענדיקע פּרק-לערנער איז געווען בערל איטשע איידלשטיין, יודל אַלטערס בן יחיד. כאָטש ער איז שפּעטער אויס־געוואַקסן צו אַ גאַנץ קלוגן קרעמער, אַפילו אַ דרייקאָפּ (ער האָט נאָר געוואָלט קויפן יאַנקעלעס עולם הבא), איז ער אָבער אין חדר געווען דער טעמפּסטער תּלמיד צווישן די תּלמידים. פֿלעגט טאַקע בערל איטשע אַריינכאַפּן אַלע ליניקע-קלעפּעלעך פֿון יהודה לייבן, נאָך וועלכע ער פֿלעגט זיך צעוויינען ווי אַ קליין קינד און פֿון וועמען די תּלמידים פֿלעגן לאַכן.

יהודה לייב האָט גוט געקענט העברעיש און חשבון. נישט אומזיסט איז זיין בן יחיד משה געווען אַ גוטער בוכהאַלטער. ער איז אויך געווען אַ חובב עבֿרית. פֿלעגט ער זיך טאַקע נוהג זיין אַלע זיינע השבונות צו פירן אין העברעיש. זיין סוף איז געווען אַ ביטערער. נאָכן טויט פֿון זיין פֿרוי, איז ער געוואָרן געליימט, און איז אָפּגעלעגן חדשים באַנאַנד אינעם בית שני פֿון סאָקאָלאָווער שטיבל, ביז ער איז אויסגעגאַנגען אין איינזאַמקייט.

*

יאַנקעלע איז פֿאַרויסגעגאַנגען אין לערנען. און נאָך יהודה לייבן איז ער אַריבער צו הירש הײמען דעם פֿערטן רבין. אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך געלערנט לימודי חול. אין אָנהייב דורך

לערער אין שטוב, דערנאָך ווען ער איז פרייערער געוואָרן פון די חדרים, האָט ער באַזוכט פאַרשידענע שולן.

ער האָט אויך געהאַט אַ באַזונדערן העברעיש-לערער יעקב שטיינמאַן, וואָס פלעגט זיך ביי די לעקציעס פאַרהאַלטן שוין צו ערנסט. מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל פלעגט ער יאַנקעלען אויסהערן דאָס ליינען און אים דיקטירן זיינע אויפגאַבן. אַלץ מיט אַזאַ ערנסט אַנגעצויגן פּנים, ווי אַ שליח צבור צו „הנני העני ממעש"... ער איז געווען אַ גוטער פּעדאַגאָג, איינער פון די עלטסטע ביאַלער ציוניסטן, און האָט אַ חבר אויך ליב געהאַט צו טאָן אַ טובה.

ווי יאַנקעלע האָט געהערט, האָבן סיי די רביים, סיי די לערער, אים געהאַלטן פאַר אַ גוטן תלמיד. לומדים אין שטאָט, צווישן זיי אויך דער מורה הוראה משה אוטשען (דעם רבס איידעם), האָבן צוליב אים זיין טאַטן מקנא געווען. נאָר זיין טאַטע האָט געוואָלט אַלץ מער. און געוואָלט האָט ער, נישט נאָר אַ גרויסער למדן זאָל זיין בן יחיד זיין, נאָר אויך אַ קענער אין לימודי חול.

און ווי רעליגיעז זיין פאָטער איז נישט געווען (האָט אָפּגעהיט אַלע דינים און מצוות), איז ער אָבער ווי זיינע ברידער קיין פאַנאַ־טיקער נישט געווען, און ער האָט געהאַט אַ באַזונדערע פאַרערונג פאַר קענען און וויסן. פלעגט ער טאַקע פאַר יאַנקעלעס רביים און לערער קיין געלד נישט זשאַליעווען.

דעם טאַטנס מאַטעריעלע מערכה האָט זיך אַלע מאָל פאַר־בעסערט. און וואָס מער די מערכה האָט זיך אים פאַרבעסערט, אַלץ שווערער איז אים געווען צו טראָגן דעם עול. אַ חוץ די מיל האָט ער אויך אַביסל צוגעפּאַדריאַטעוועט. און קיין מענטשן אַ חוץ דעם איינעם מיל־בוכהאַלטער, האָט ער נישט געהאַלטן. איז זיין עולם הזה טראַץ דעם מאַטעריעלן דערפאָלג געווען אַ גאַר שוואַכע. ער פלעגט קיינמאָל נישט עסן אין דער צייט זיין מיטאָג. אָפט דריי פיר אַזייגער נאָך מיטאָג, און אויך דאָס בחפזון, כאַפּנדיק און איילנדיק זיך, ווי די בני ישראל ביים אַרויסגיין פון מצרים.

דערפאַר אָבער איז זיין שבת געווען זיין עונג גופני און רוחני צוזאַמען. ערשט שבת, האָבן זיי ביידע, דער טאַטע מיט דער מאַמען אָפּגעלעבט. און נישט נאָר זיי האָבן אָפּגעלעבט, נאָר באַזונדער האָט יאַנקעלע אויסגעקוקט דעם שבת. און פון אָט דעם שבת האָט יאַנקעלע באַזונדער ליב געהאַט דעם פרייטיק צו נאַכט.

קודם איז מען פרייטיק פריער אַוועק פונעם חדר און מען איז

געוואָרן פריי פון לערנען. און ערשט אַהיים קומענדיק, האָט יאַנקעלע אָנגעהויבן צו פילן זיין חשיבות. די חשיבות נישט פון אַ קליין יונגל, נאָר פון אַ דערוואַקסענעם. זיין חשיבות איז באַשטאַנען אין די שבתדיקע שליחותן וואָס דער טאַטע האָט אים אָנגעטרויט, ווי ברענגען דעם ווייַן אויף קידוש און דאָס מאַנאַפּאָלקעלע (בראַנפן) פאַר משקה צווישן די פיש און זמירות, אַן וועלכן אַ ייד אַ חסיד האָט זיך נישט גערירט פונעם אָרט.

און ווי איז דאָס פירן אים אַזוי ערב שבתדיק ביי דער האַנט אין צעליכטיקטן שטיבל מקבל פנים זיין די מלכה שבת? און ערשט דאָס וואָרטן פון דער מאַמען מיט די שוועסטער אויפן טאַטן און אויף אים אַליין, דאָס קליינע פרינצל, צו הערן פון זיין מויל דעם גוט שבת?...

ער האָט נאָך דאַן נישט אַלץ קלאָר באַנומען. נאָר באַלד ווי ער איז פריי געוואָרן פון חדר האָט ער אָנגעהויבן פילן אַ פאַרבאָרגענעם גלוסט און בענקעניש צום אָנקומענדיקן פרייטיק צו נאַכט, וואָס איז איבערלעבנדיק אים — אַלע מאָל געוואָרן שוואַכער, זיך גלאָשן אין לויף פונעם שבתדיקן טאָג, ביזן אָנקום פון דער שבת־דיקער נאַכט.

פונעם שבתדיקן טאָג איז יאַנקעלע געווען ווייניקער צופרידן. ער האָט קודם געדאַרפט גיין צום פעטער שמילקע ער זאָל אים פאַרהערן אין לערנען. און ווען ער איז נישט געגאַנגען, האָט ער גע־דאַרפט פאַרן דאַווענען מעביר זיין די סדרה, גיין מיטן טאַטן דאַווענען און דערנאָך עסן. און נאָכן עסן איז דער טאַטע זיך געגאַנגען צולייגן מיטן ספר חסידים אין האַנט, מיטנעמענדיק אויך אים.

און טאָמער וואָלט ער זיך אַרויסגעגנבעט פונעם בעט, האָט אים אָבער דער טאַטע צוגעבונדן צו זיך מיט די ציצית פון זיין טלית קטן, כאָטש גיי צערייס די ציצית אום שבת. און איידער וואָס ווען, האָט מען שוין געדאַרפט לויפן אין שטיבל זאָגן דעם מעלאַנ־כאָליש־ציענדיקן „אתה אחד".

### הירש חיים

הירש חיים איז געווען גאָר אַן ערנסטער מלמד. די ערנסטקייט האָט מען געזען אין זיינע אויגן, אינעם פאַרקנייטשטן שטערן און אפילו אינעם טרייסלען מיט זיין נישט צו ברייטער גראָער באָרד. אַ למדן, אַריינגעטאָן אין די סוגיות און שקלא וטריא פון גמרא און מפרשים, האָט ער אָפט אויסגעזען פאַרטראַכט און פאַרזאָרגט. צי

האָט ער אַזוי געטראַכט פון עפּעס אַנדערש ווי פון דער גמרא, האָט יאַנקעלע נישט געקענט וויסן.

זיין חדר איז געווען אַ פולער חדר. האָט אויסגעזען ווי אַ ישיבה. פון ביידע זייטן איבער דער ברייט פון צימער איז געווען אַ לאַנגער טיש מיט בענק, ווי אויבן אָן איז געזעסן ער אַליין, הירש חיים, אַרומנעמענדיק מיט זיין שטרענגן בליק די תלמידים. ער האָט מיט די תלמידים געלערנט גמרא מיט תוספות באַטעמט און דער־קלערט מיט מהרש״א.

אויך תנ״ך, ווי שלחן ערוך האָט מען אין באַשטימטע טעג געלערנט, נאָר דער עיקר האָט דער רבי מקפיד געווען אויפן שיעור פון דער גמרא, וועלכן מען האָט געדאַרפט דאַנערשטיק גוט פאַר־ענדיקן. הירש חיימס בליק איז געווען אַ שאַרפער, אַן אַריינדרינגנ־דיקער.

באַזונדער איז זיין בליק געווען אַריינדריגנדיק דאַנערשטיק, ווען מען האָט פאַרענדיקט דעם שיעור פון דער וואָך. מיט זיין אַרומ־נעמענדיקן בליק האָט ער געזען און אפשר מער אַרויסגעפילט, ווער עס לערנט בכוונה און פאַרשטייט דעם ענין, און ווער עס פרוווט אָפּנאַרן און פאַרשטייט גאָרנישט. און אַזעלכן וואָס האָט געפּרוווט אָפּנאַרן, האָט ער ווי געממיתט מיט זיין בליק.

פרייטיק ווידער פלעגט מען איבערחזרן די סדרה פון דער וואָך וועלכע מען האָט אַ גאַנצע וואָך געלערנט אין די אָוונטן. אויך ביי הירש חיימען האָט בערל איטשע געלערנט. ער האָט אָבער ווי ביי גרעסערע לימודים נאָך וויניקער פאַרשטאַנען. דער רבי האָט שוין אָבער געוווסט אַז ער האָט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ און ער וועט מיט אים גאָרנישט מאַכן. האָט ער אים געלאָזט צורו.

און ער האָט זיך אויך ביי הירש חיימען אויפגעפירט קינדיש און לעקישעוואַטע. ער איז איינמאָל אין אַ ווינטערדיקן פרימאָרגן געקומען אין חדר מיט אַ געוויין. ווען מען האָט אים געפרעגט: „וואָס איז געשען בערל איטשע?" האָט ער דערציילט אַ מעשה, אַז גייענדיק אין חדר האָט אים אַ הונט אומגעוואָרפן און האָט ביי אים אַרויס־געכאַפּט דעם אָנבייסן.

הירש חיים האָט נישט נאָר געלערנט מיט די תלמידים די אָנגענומענע לימודים, נאָר האָט זיך אויך באַמיט זיי צו פאַרפרומען, פאַרטיפן די אמונה אין זיי. פלעגט ער אָפט דערקלערן און אויסטייטשן די עיקרים פון דער יידישער אמונה, ווי פון די תפילות.

און טאַקע אונטער זיין השגחה האָט זיך יאַנקעלע פאַרפרומט

און זיך אויך געפרווט פארטיפן אין מידות. באזונדער האט ער גענומען אויף זיך די מידה פון קנאה. אזוי פלעגט זיך יאנקעלע מיט די הענט פארשטעלן די אויגן ווי נאר מען האט וועמען פון די תלמידים געבראכט עסן, כדי נישט צו זען ווי זיי עסן און זיי דארפן אויף א רגע מקנא זיין.

ער פלעגט אין דער צייט אויך מוסרן דער מאמען אין קראם, פאר געבן די ארמעלייט א שטיקל צוקער אנשטאט א גראשן, ווי פאר אנדערע אזעלכע שטייגער זאכן. דעם טאטנס מסחרים האט ער נישט געזען, האט ער אים נישט געקענט מוסרן. ער איז אויך צו אים געווען ווייניקער דרייסט. ער איז דאן בכלל געווען פרייגיביק אויף נישט זיין יונגלעשער קאנטע... זיינע פרומע טראכטונגען און אמונה־איינלעבונגען — האבן אים אויך געפירט צו האבן פארשידענע חלומות און זעונגען.

אזוי האט זיך אים איינמאל אין זיין יונגלש־פרומען גארן און בענקען נאך משיחן, געחלומט ווי אין מיטן הימל הענגט א ריזיקער, קיילעכיקער זייגער וואס שלאגט אום די צוועלפטע שעה און זאגט אן דאס אנקומען פון משיח. און שוין בייט זיך דאס בילד און ער זעט: יידן לעבעדיקע און תחיית המתים־אויפגעשטאנענע לאזן זיך מיט לאדקעס און שיפלעך איבערן ים צו פארן קיין ארץ ישראל. און דער ים ווערט פול מיט אזעלכע שיפנדיקע יידן.

א צווייט מאל ליגנדיק אזוי פארטראכט אין שטוב אויפן בעט אין איינע פון די נאכמיטאג שעהן, האט ער „דערפילט" ווי ווער האט אים דערלאנגט א פייערדיקן פאטש. ס'איז אבער אין שטוב קיינער נישט געווען. איז ווי קען דאס אנדערש זיין ווי נישט דער שטן אליין זאל אים דערלאנגען אט דעם פאטש, ווי א שטראף פאר זיינע זינדיקע מעשים?...

## קאפיטל זעקס

# דער טאטע

ווען יאנקעלע פרווט היינט צונויפשטעלן א בילד פון זיין טאטן, איז שוין פינף און פופציק יאר נאך זיין טויט. א צייט, וואס קען דעם בעסטן זכרון פארטונקלען. בפרט ביי א זון וואס האט אזויפיל אדורכגעמאכט, איז אדורך אזוי פיל ליידן און פיין.

צו דעם נאך וועגן א טאטן וואס האט נישט אויסגעלעבט זיינע יארן, וואס איז צו זעקס און דרייסיק יאר פארשניטן געווארן (1916)

און פון ווע‏מען עס זענען געבליבן קלאָרערע ידיעות בלויז אַ וואַסערע צען יאָר מיט ווייניק פאַקטן און שטריכן. שטיקלעך און ברעקלעך פון אַ לעבן וואָס גיט ווייניק מאַטעריאַל פאַר אַ בילד.

פונדעסט וועגן וועלן מיר זיך באַמיען, בפרט ווען פון אים ווי פון גאָר יאַנקעלעס נאָנטסטע משפחה, איז קיין זכר נישט געבליבן, אויך פון אַט דעם מאָגערן מאַטעריאַל צונויפשטעלן עפּעס פון אַ פּאָרטרעט.

*

דער טאַטע איז געווען אַ הויכער שלאַנקער ייד מיט טונקעלע אויגן און הויכן שטערן. מיט אַ לענגלעך גלייך געשניצטע נאָז און קליין שוואַרץ בערדל. זיין פּנים איז געווען ריין, נישט פאַרוואַקסן. און זיינע פּאות קורצע ווי מאָדערן געשניטן.

ער איז געווען אַ געזונטער ייד, אַ גייער, וואָס האָט זיך זעלטן באַנוצט מיט אַ דראָזשקע. אין דעם פּרט איז ער געווען ווי ענלעך צו זיין עלטסטן ברודער הירשל, וועמען מען האָט אין וואַרשע גערופן „די דראָזשקע". מחמת זייענדיק אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַ מאַנו־פאַקטור־אָנגעשטעלטער, פלעגט ער צונעמען פאַרזיך דאָס געגעבענע פאָר־געלד און אַליין גיין צופוס.

איז געווען אַ סאָקאָלאָווער־קאָצקער חסיד, אַ שטיבל־ייד. הגם נישט קיין פאַנאַטיקער, האָט ער מקיים געווען אַלע מצוות די גרינגע ווי די שווערע. ער האָט אָבער ליב געהאַט און האָט געהאַט אַ שטאַרקן חוש פאַר קענען און וויסן, קענען און וויסן סיי תורה, סיי וועלטלעך וויסן, און זיך געפּרוווט האַלטן חסידיש מאָדערן.

נאָך זיין טויט האָט יאַנקעלע אַפילו געפונען באַהאַלטן אין שאַפע צווישן די וועש אַ מאָדערן־געשריבן ליד מיט אַן ענלעך כתב צו אים. ווי טיף זיין לומדות איז געווען, ווייסט נישט יאַנקעלע. נאָר ער האָט געקענט גמרא מיט מפרשים, די חסידישע ליטעראַטור און האָט זיך אויך געגריבלט אין אַ „ספר יצירה".

ווי די איבריקע שפּראַכן וועלכע ער האָט באַהערשט אין וואָרט און שריפט, האָט ער אויך גוט געקענט העברעיש. ער פלעגט יונגלווייז יאַנקעלען פאַרטייטשן די שווערסטע ערטער אין פּיוט. זיין העברעישע קאָרעספּאָדענץ איז געווען אַ סוחריש־למדנישע. אין אַ שבת און יום טוב, מחמת קיין אַנדער צייט האָט ער נישט געהאַט, — פלעגט ער אַ חוץ די מענינא־דיומאדיקע לימודים, זיך צוכאַפּן צו אַ „חובת הלבבות", ווי צו אַן אַנדער מיסטיש אָדער מעדיטירנד מוסר־ספר און אין דעם אַזוי לאַנג מעיין זיין ביז ער האָט אָנגעהויבן צו דרימלען.

ער פלעגט אמאל ווערן אימפולסיוו, כאטש זעלטן. ער איז אבער אין תוך געווען א גוטער, מיט א געלאסענעם אויפפיר און זיך נישט געלאזט באַווירקן פון קיין קריגערייען אפילו ווען ס'האט זיך געהאנדלט וועגן אייגן ווייב און קינדער.

און אויב ער איז אמאל דורך דער מאמען געווארן אריינגע־צויגן אין א מהלוקת מיטן בעל הבית פון דער דירה, צוליבן הענגען וועש אויפן בוידעם, האט ער באלד ווי דער שולדיקער האט זיך געלאזט קנסענען אויף א דבר טוב, אים מוחל געווען און נישט געטראגן מער קיין שנאה צו אים. ווי ער פלעגט, נישט ווי די מאמע, פארשווייגן אנדערע עוולות קעגן אים און וועגן זיי מער נישט רעדן. און פון דאן אן האט ער זיך מער נישט געלאזט אריינציען אין קיין ווייבערישע און קינדערשע מחלוקתן. ער פלעגט שטענדיק געבן גערעכט דעם צווייטן צד און נישט דעם אייגענעם.

נאך זיין טאטנס טויט האט ער זיך אפגעזאגט פון דער ירושה, נישט געוואלט פון איר נהנה זיין. האט געוואלט לעבן לויטן בעסטן אופן פון מוסר היהדות און איז געווען פיל מילדער פון דער מאמען וואס פלעגט אים אין איר קארגשאפט שטערן. כאטש פון „אין בודקין במזונות", — צו געבן אן ארעמאן ברויט, אדער אויפן ארט אפצועסן, האט אויך זי געהאלטן. איר קארגשאפט איז נאר ווי ביי א טייל פרויען וואס ארבעטן שווער און זענען נישט צוגעוווינט ווי די מענער צו קיין מצוות — באשטאנען אין געבן גרעסערע נדבות.

דער טאטע אבער, ווי נאר ער האט זיך צו עפעס דעראביעט, האט זיך געלאזט קאסטן אויף אלץ. ווי א חסיד האט ער געהאט אן אפענע האנט פאר די שטיבל הצטרכותן, פארן רבין, ווי פאר אנדערע צדקה־באדערפענישן, בגלוי ובסתר. זאמלער און משולחים האבן שוין געוווסט ווו אים צו נעמען — און אפהיטן ער זאל זיין אליין...

ס'האט אמאל אויך געטראפן, אז אים, איינעם פון די קליגסטע יונגעלייט אין ביאלע ווי מען האט אים געהאלטן, האט מען גאנץ פיין אפגענארט, אזוי אין צדקה (עפעס א ירושלימער משולח) ווי אין מסחר. אין אזעלכע פאלן, ווי בכלל אין דורכפאלן, האט די מאמע פון זיי נישט געטארט וויסן. זי וואלט אים אויפגעגעסן א לעבעדיקן. — פלעגט ער זיי אויסבאהאלטן, אין זיך אליין שטיקן. און קיין צופיל בארעדעווודיקער איז ער אויך נישט געווען, האט ער געליטן און געשוויגן.

אין די וואכן־טעג האט ער בכלל נישט געהאט קיין צייט צו

ער האָט זיך דאַן נאָך אַלע זיינע הכנות צום פסח, און דער עיקר, נאָכן פאַרקויפן דעם חמץ און ווערן פריי פון אַלע זיינע חמצ־דיקע געשעפטן, באמת געמוזט פילן נישט נאָר ווי אַ מלך, נאָר מער ווי אַ מלך, ווי אַן אמתער בן חורין. אַ בן חורין וואָס איז אינגאַנצן פריי פון יעדן מאַטעריעלן דרוק און עול, פון גאָר דעם עול פון „מלכותא דארעא" (ערדעשע קעניגרייך)...

האָט ער טאַקע זיין הגדה געזאָגט מיט אַן אַנדער ווי נישט ערדיש קול. מיט אַ זינגעוודיק דערהויבן קול, ווי אַ מלאך וואָלט געזאָגט שירה. און גלייך נאָך יאַנקעלעס פרעגן די קשיות, פלעגט ער אַזוי כולו שירהדיק און עקזאַלטירט אים ענטפערן מיטן „עבדים היינו" — ווי נישט מיט עפּעס אַ דערמאָנונג פון ווייטע דורות, — נאָר ווי מיט אַן אייגענע איבערלעבונג. ווי ער וואָלט אין מצרים אַליין געווען און דעם פּיין פון די אבות געפילט אויף זיין אייגן לייב... און מיט נאָך אַ גרעסערע עקזאַלטאַציע, ווייל פאַנטאַסטיש צעשפּילט און קינדיש־נאַאיוו, — האָט יאַנקעלע מיט אים מיטגעזאָגט.

מיט אַ באַזונדערע הנאה האָט דער טאַטע יאַנקעלען גענוצט צו יום טובדיקע מצוות. ווי ער וואָלט זיין איצטיקן קליין יידעלע געוואָלט זען אַ שוין דערוואַקסענעם גוטן ייד און שומר מצוות — צו וואָס ער האָט נישט דערלעבט. און פאַרן דאַן פרומען יאַנקעלע איז עס געווען אי אַ פרייד צו העלפן דעם טאַטן מקיים זיין די מצוות, אי אַ פריידיקע שפּיל צו וועלכער יעדעס יונגל רייסט זיך, ווען נאָך צו דערפילן אין זיך די חשיבות ווי פון אַ שוין דערוואַקסענעם.

אַזוי האָט זיך דער טאַטע אָן יאַנקעלען נישט גערירט ביים בודק זיין דעם חמץ, אַ חוץ וואָס ער האָט אים איבערגעגעבן די שליחות פון אים פאַרברענען. אַזוי ביים אויפשטעלן די סוכה ווו יאַנקעלע האָט אונטערגעטראָגן דעם האַמער מיט די טשוועקעס און האָט מיטן טאַטנס רשות אַליין אַריינגעקלאַפּט אַ פּאָר טשוועקעס. אַזוי ביים אויסלופטערן די ספרים און מיטנעמען אים אין דער שיוואַלניע ביים באַקן זיין שמורה־מצה.

אַ חוץ נאָך וואָס ער האָט אים געשיקט צו העלפן דער מאַמען ביים באַקן די פּראָסטע כל הנערים־מצות פאַרן גאַנצן הויז, צו וועלכע ער האָט זיך צוליב זיין פאַרנומענקייט נישט געמישט און זיך בלויז פאַרלאָזט אויף דער מאַמען און יאַנקעלען. און דאָס קליינע יאַנקעלע האָט ביים באַקן די דאָזיקע פּראָסטע מצות, איבערגענומען אויף זיך גאָר די קאָמאַנדע, ווי ער וואָלט געווען אַ באַפעלער פון אַרמייען גאַנצע.

ער האָט געקאָמאַנדעוועט איבער די צעוואָקסענע קנייטעריגס

זיך ליב געהאַט צו שפּילן און באַטראַכטן די אינסטרומענטן וואָס זענען געלעגן אינעם ראַוועס לעדערנע קעשענע. ס'איז אים אויך געפעלן געוואָרן די כמעט נייע פּליושענע זאַכן און מעבל, ניקלאַווע בעטן און דער מעשענער פּאַטשערקעס לאָמפּ, וואָס דער טאַטע האָט אָפּגעקויפט פון אַ פּריצישער ליציטאַציע.

נאָר דער עיקר, ער האָט אַצינד געוווּנט אויף איינע פון די הויפּט-גאַסן פון שטאָט מיט אַ ריזיקן הויף צו שפּילן זיך און האָט אויך באַקומען מער און נייע חברים. צווישן זיי מאַטעלע זוסמאַן מיט וועמען ער האָט געלערנט ביי אברהמעלען און בערעלען, בעריש רובינשטיין חיים לוים זון, זינגער א. א. נאָר אָט טאַקע, האָבן אים אַ טייל פון די דאָזיקע חברים צוביסלעך אויסגעפּרוּמט, אים צוריק צעשפּילט, און אים געפּרוּווט אָפּרייסן פון הירש חיימס השפּעה.

דערהויפּט פּלעגט מען זיך צעשפּילן אין די זומער-אָוונטן. אין לויפעריי, בלינד-שפּיל, קריכן אויף סלופּעס א. א. וו. דערביי פּלעגט מען אַדורכפירן פאַרשידענע ציילונגען, און ביי וועמען עס האָט זיך אויסגעלאָזט די לעצטע צאָל אָדער וואָרט פון עפּעס אַ זאָג, — האָט אָנגעהויבן די שפּיל. אַזוי געדענקט זיך ווי פּאָפּולער ס'איז געווען דאָס דערציילן און דווקא אין העברעיש (די לעצטע צוויי ווערטער זענען געווען אין רוסיש), און דאָס איז דאַן אויך געווען דאָס איינציקע ביסל העברעיש וואָס מיר האָבן גערעדט. און געגאַנגען איז דאָס אַזוי: „איש אחד פגע בי, מקל בידו וחרב בצדו ואמר אלי דיענגי דאַוואַי" (געלד גיב). דער העברעישער „ואמר אלי" מיטן רוסישן „דיענגי דאַוואַי" האָבן זיך געגראַמט.

אַ חוץ דעם פּלעגט מען זיך ביינאַכט אַריינכאַפּן אינעם ניי אויפגעקומענעם „אילוזיאָן" (קינאָ) וואָס איז געווען אין יאַסקע קאַשטענבוימס הויז אַ טריט פון חיים לוים הויף, וועמענס אייגענטימער ס'איז דאַכט זיך געווען אַברהם אורמאַכער. אינעם דאָזיקן „אילוזיאָן" האָבן מיר זיך אויך באַקענט מיט טשאַרלי טשאַפּלינס שטומע בילדער וועמענס באַדייט מיר האָבן ווייניק פאַרשטאַנען און דאָך פון זיי הנאה געהאַט. עס איז אונדז געפעלן געוואָרן דאָס מענטשעלע מיט די שוואַרצע קליינע וואָנצעלעך, צעדרייטע שיך און שטעקעלע, וואָס שפּרינגט און לויפט אַזוי פלינק און גיך און מאַכט פאַרשידענע קונצן. צי מיר האָבן די בילעטן געקויפט ביי דער קאַסע, צי זיך אַריינגעכאַפּט אויף גאַפּע, געדענקט שוין אַצינד נישט יאַנקעלע.

אינעם זעלבן זאַל האָט שפּעטער געליינט זיינע לידער דער דיכטער סעגאַלאָוויטש, האָט געמאָלט די שיינקייט פון די מאַלאַיען-

בערג אייסאָראָוויטש, האָט געהאַלטן זיינע טראַכטנדיקע רעדעס — יצחק גרינבוים און עס האָט אין אַ פּוילישער בלומען־שפּראַך ווען די פּאַליאַקן אַליין האָבן באַוואונדערט, אָפּגעגעבן זיינע באַריכטן פונעם פּוילישן סיים אין וואַרשע דער באַליבטער בן עיר אַפּאָלינאַרי האַרט־גלאַס, צו וועמענס רעדעס עס זענען געקומען הערן דער סטאַראָסטע מיט זיינע געהילפן.

אויך האָט אויפן זעלבן חיים לוים הויף געוווינט יאָסל וועטשיק (גאַטפריד) דער מצבה־קריצער. און יאַנקעלע האָט זיך ליב געהאַט צוצוקוקן ווי יאָסל וועטשיק קריצט זיינע מצבות. ס׳איז אַפילו דאָ אויך געווען אַ טרומנע־מאַכער אַ פּאַליאַק, מיט גרויסע אַראָפּגעלאָזטע וואָנצעס. וואָרעם ווי קען עס זיין אַזאַ גרויסער פויערישער הויף אָן טרומנעס?... נאָר צו קיין טרומנעס קוקט זיך אַ פרום יידיש יונגל נישט צו.

יאָסל וועטשיק איז געווען אַ פּראָסטער ייד, אַ מתנגד, וואָס האָט זיך אַפילו נישט געקענט אונטערשרייבן. פונדעסטוועגן האָט ער געקריצט מצבות מיט העברעישע ווערטער און דאָס פּינקטלעך לויט די טעקסטן וואָס מען האָט אים געגעבן. און נאָך מערקווירדיקער איז געווען, וואָס ער איז געווען ווי אַ נישט אָפיציעלער באַאַמטער אין מאַגיסטראַט, מיט וועמען די אָנגעשטעלטע האָבן זיך באַנוצט ביים אויסזוכן אַ דאָקומענט.

כאָטש נישט קענענדיק שרייבן און ליינען, פלעגט ער ווי אַ בלינדער, אַ דאַנק זיין פענאָמענאַלן זכרון, דערטאַפּן יעדעס אָרט פון געזוכטן דאָקומענט. ער האָט געדענקט ווו יעדעס פּאַפּירל געפינט זיך, ווי ער האָט געדענקט די דאַטעס און די קברים פון די גע־שטאָרבענע.

ער איז אויך געווען אַ חברה־קדישה־מאַן, אַ תהלים־זאָגער אין דער גרויסער שול און אַ טרינקער. נאָר אַ יידישער טרינקער אויף וועמען ס׳איז נישט שולט קיין שיכרות, איז נישט קענטיק. אַ מיטל־וווקסיקער ברייט־צעוואַקסענער ייד ווי אַ ברייט צעוואַקסענער דעמב, האָט ער אויף זיך מיט חשיבות געטראָגן זיין רויטן קאַרק און שווערן בויך, ווו ער האָט געטראָגן זיין ברייטע זילבער־באָרד וואָס האָט ביי אים געגרייכט פון אַקסל צו אַקסל.

ביים סוף פונעם גרויסן הויף ווו ער האָט געוווינט, איז לעבן זיין שטאָל געווען אָנגעשטעלט פאַרשידענע מצבות־שטיינער. די שטיי־נער זענען געווען ווייכע און זיי האָבן זיך געלאָזט טאָן מיט זיך וואָס מען האָט געוואָלט. איז אָנטקעגן איינעם אַזאַ שטיין איז אום זומער אויף

אַ שטול געזעסן דער דאָן שוין אין די זיבעציקער יאָרן, און האָט ווי אַ גענייטער מייסטער געקריצט זיינע אותיות, אַריינשניידנדיק זיך מיט זיין אינסטרומענט אינעם סאַמע לייב פון שטיין.

און אות צו אות באַהעפט, וואָרט צו וואָרט, איז פון זיי געוואָרן שורות גאַנצע. יידישע שורות וואָס האָבן דערציילט פון פאַרגאַנגענע יידישע לעבנס. און כאָטש זיי האָבן דערציילט נישט קיין פריילעכע מעשיות, האָט יאַנקעלע ליב געהאַט צו קוקן און גאַפן ווי דורך יאָסלס גענייטע הענט ווערן באַשאַפן יידישע אותיות און ווערטער. אַט אַזוי, האָט ער געטראַכט, זענען מסתם געוואָרן געקריצט די עשרת הדיברות אויף די שטיינערנע לוחות.

ביי יאַנקעלען אין שטיבל איז אַפילו געווען נאָך אַ מצבה־קריצער און מער למדן ווי יאָסל וועטשיק. דאָס איז געווען דער שטענדיקער תורה־אויפרופער און עליות־פאַרטיילער פונעם שטיבל שלמה חיים גרשונס, וואָס איז אויך געווען אַ חברה־מאַן, טרינקער און אַ מצבה־קריצער, פון וועמען מיר וועלן רעדן שפּעטער. נאָר ער האָט געוווינט אַ סך ווייטער אויף דער גראַבאָנאָווער, און אים האָט יאַנקעלע נאָר געזען אין שטיבל און נישט ביי דער אַרבעט פון קריצן מצבות.

*

קיין גרויסער שייגעץ איז נאָך דאָן יאַנקעלע נישט געווען. פאַרט געלערנט ביי הירש חיימען און געווען אונטער דער השגחה פון אַ חסידישן טאַטן. און הגם נישט ביי קיין פאַנאַטישן און פאַרנומענעם טאַטן, האָט פאַרט דער טאַטע אויף אים אַכטונג געגעבן. און ער האָט זיינע שפּילערייען פאַרגיטיקט מיט פרום שטיבלדיקע מעשים.

אַזוי פלעגט ער ווי נאָר ער איז געקומען אין שטיבל, זיך צוכאַפּן צו אַ ספר, אין אים מעיין זיין. דערהויפּט האָט אים דאָן אינטערעסירט די פאַרשטעלטע ערטער אין דער גמרא וואָס ער האָט זיי נאָך נישט גוט באַנומען, ווי די סתומהדיקע, רייצענדיקע ערטער וועגן מאַן און פרוי באַציונג, דער ספר יצירה און אַנדערע מיסטישע ספרים. און וואָס מער פאַרבאָרגן און רייצנד די דאָזיקע ערטער זענען געווען, — אַלץ מער האָבן זיי אים געלאָקט, געוועקט זיין נייגעריקייט. און פרעגן האָט ער זיך געשעמט.

ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין אייניקע יונגלעשע שטיבל־חברהס. און פון איינע אַזאַ חברה אויף צו פאַריכטן ספרים (תיקון ספרים) איז ער מיט נאָך אַ יונגל פורים געגאַנגען זאַמלען געלד. ער איז נישט געגאַנגען פורים ביינאַכט, נאָר בייטאָג, כדי נישט צו פאַר־

קאָנקורירן די פּורימדיקע פאַרשטעלטע, און זיך אַליין נישט צו שטערן ביי דער גרויסער פּורימדיקער סעודה ביים פעטער.

ער איז געגאַנגען מיט זיין חבר אַ שעמעוודיקער פון הויז צו הויז, באַזוכנדיק אויך דעם פעטערס קינדער. זיי האָבן געקריגן ס׳רוב צו גראָשן, זעלטן אויך אַ קאָפּיקע. נאָר ביים פעטערס קינדער האָבן זיי געקריגן מער. און דאָס האָט אים געשמייכלט, ווייל ער האָט געוווּסט אַז דאָס איז בלויז אין זיין זכות. און דאָס איז דאָך געווען זיין ערשטע זאַמל־אַקציע.

דאָס שפּילן זיך און דאָס ביסל פרייע צייט פאַר אַ חדר־יונגל האָט נאָר געקענט זיין אום זומער. מחמת ווינטער איז נישט געווען קיין צייט און קיין געלעגנהייט פאַר דעם. אַ גאַנצן טאָג ביז אין דער נאַכט אַריין איז מען געזעסן אין חדר און געלערנט. די קורצע פּויזע איז נאָר געווען, ווען דער רבי איז אין אָוונט געגאַנגען דאַווענען מנחה־מעריב. איז אום ווינטער דאָס טאַקע געווען דאָס איינציקע שטיקל צייט אַ שטיף צו טאָן. באַלד אָבער איז דער רבי צוריקגעקומען, און דאָס לערנען האָט זיך אָנגעהויבן אויפסניי, ביז מען איז אַהיים־געגאַנגען מיט די לאָמטערנעס אין די הענט.

ווי געזאָגט האָט יאַנקעלעס פאָטער אויך אַביסל צוגעפּאַדריאַ־טעוועט. אָבער ווי אומעטום האָט מען אויך דאָ געדאַרפט אַכטונג געבן, אַז דער פּאַניעשער פורמאַן זאָל עפּעס נישט אַראָפּשלעפּן פון וואָגן, נאָך איידער די סחורה קומט אָן צו דער וואָג. איז דעם טאַטן איינגעפאַלן צו מאַכן יאַנקעלען אין זיין פרייער צייט פאַר אַ שומר פון זיין פּאַדריאַט. האָט ער אים איינמאָל אין אַ ווינטערדיקן פרייטיק נאָכן חדר אַרויפגעזעצט אויף אַזאַ וואָגן מיט היי, ער זאָל מיטן פורמאַן מיטפאָרן ביזן סאַמע צושטעל אין די קאַזאַרמעס. צי האָט דער טאַטע געמיינט ערנסט מיט דער שמירה, צי בלויז אים צוצו־געוווינען צו מסחר — האָט יאַנקעלע נישט געוווּסט.

ביי קאַרטאָפל, קרויט, אָדער אַזעלכע ענלעכע האַרטע פּראָ־דוקטן, האָט זיך יאַנקעלע נאָך געפילט באַקוועם אויף זיין אָרט אין וואָגן. נאָר אויף אַ פור היי וואָס האָט געטורעמט ווי אַ הויכער באַרג, וווּ יעדער טרייסל פון וואָגן האָט יאַנקעלען שיעור נישט אַראָפּ־געוואָרפן, איז דער קליינער שומר געזעסן אויף זיין ווייכן געזעס אין איין שרעק און ציטער, ער זאָל פון זיין באַרג נישט אַראָפּפאַלן און אַרויס מיט ריסוק אברים (צעבראָכענע ביינער) ווי דער שעיר לעזאזל.

ערשט ווען ער איז אַ האַלב־געפרוירענער צוריקגעקומען אין שטוב, איז די מאַמע אַרויס קעגן טאַטן מיט אַ געוואַלט: „ווי שיקט

מען דאָס אַ קינד אוםווינטער מיט אַ פּור היי? אַ כּפּרה דער גאַנצער פּאַדריאַט פאַר יאַנקעלעס מינדסטן נאָגל. מען דאַרף דאָך זיין אַ גזלן צו טאָן אַזאַ זאַך. און וויפל יאַנקעלעך האָסטו דאָס אינגאַנצן, מער ווי איינעם?״...

דער טאַטע איז געשטאַנען ווי אַ שולדיקער, און ווי זיין שטיי־נער האָט ער איר גאָרנישט געענטפערט. און יאַנקעלע איז שוין דאַן געווען ניין יאָר אַלט. פאַרגלעטיקט די זאַך און שלום געמאַכט צווישן ווי האָט דער שבת. צו קבלת שבת האָט דער טאַטע אַ נעם געטאָן יאַנקעלען ביי דער האַנט, און איז מיט אים ווי תמיד געגאַנגען אין שטיבל מקבל פּנים זיין די שבת מלכּתה. און ווען זיי זענען צוריק־געקומען, איז שוין אַלץ געווען פאַריבער. די שבתדיקע שכינה האָט שוין גערוט איבערן גאַנצן הויז.

ווי די פריערדיקע דירה ביי „שערבעלע פּרוטה״, האָט אויך די איצטיקע רחבותדיקע געהאַט אַ פּאַדוואָר מיט אַן אונטערשטן אַרויס־גאַנג אויף צוויי זייטן. איין זייט רעכטס האָט געפירט דורך דער וואַליע צום באַן אין וואַלד, און די צווייטע זייט לינקס האָט געפירט צום מיעשטשאַנסקן טייל פון דער קשיווע גאַס.

נאָר באַלד ווי מען איז אַרויס פון דער אונטערשטער זייט פונעם גרויסן הויף, לינקס פון איוואַניצקיס שוסטעריי (שפּעטער וויצע־בירגערמייסטער), איז געווען דער רוסישער גלחים־סעמינאַר וואָס איז פאַר די חדר־יונגלעך געווען סגור ומסוגר (פאַרשלאָסן) מיט זיין טומאהדיקער פאַרבאַרגנקייט. — דערפאַר אָבער זענען פאַר זיי געווען כּשר און הפקר די פאַרפאַרקנטע נידעריקע בעז־ביימלעך, וואָס זענען פאַר זיי ווי פאַר די מאָיוקע־נייער געווען די גרעסטע אַטראַקציע. די נידריקע בעז־ביימלעך האָבן שוין נישט אויסגעמיטן די יידישע הענט, בפרט ערב שבועות. און נישט בלויז מיט די ביימלעך האָט יאַנקעלע ווי די איבריקע געהאַט צו טאָן, נאָר אין אַ צייט אַרום אויך מיטן סעמינאַר אַליין.

*

די שפּייז־קראָם אויפן הויף האָט אויסגעפילט דער מאַמעס און שוועסטערס גאַנצע צייט. זי האָט זיי ווי אינגאַנצן פאַרשלונגען. די קאָנקורענץ צווישן די קרעמער איז געווען אַ גרויסע. האָט מען גע־דאַרפט אַ סך לייזן כּדי צו קענען זיך אויסהאַלטן פון דעם קליינעם פאַרדינסט. האָט מען געהאַלטן אין שפּייכלער אַ חוץ די געוויינלעכע אַרטיקלען, אויך אַנדערע, וואָס האָבן זיך גאָרנישט אָנגעקערט מיט קיין שפּייז. מעל האָט צוגעשטעלט דער טאַטע פון זיין מיל. אויך

זאָלץ האָט ער די ערשטע צייט צוגעשטעלט פון זיין זאָלץ-האַנדל. דאָס איבריקע האָט שוין די מאַמע, דער עיקר די עלטערע שוועסטער הדס געדאָרפט באַזאָרגן.

הדס איז געווען דער מאַמעס הויפּט-עלפּערקע. אָפּט מער ווי דאָס. אויף איר איז געפאַלן די גאַנצע לאַסט פון דער קראָם. די מאַמע איז געווען אַ שוואַכע, זי פלעגט די זעק נישט שלעפּן און די פּעסער נאַפט מיט אויל נישט איבערדרייען ביים אויסליידיקן זיי. נאָר דאָס אַלץ האָט געטאָן די משפחה-טרייע הדס.

אַ טונקעלע און לייביקע, איז זי אויסערלעך געווען געראָטן נישט אין טאַטן, וואָס איז געווען אַ הויכער, שלאַנקער מאַן מיט אַ קליין שוואַרץ בערדל, נישט אין דער מאַמען וואָס איז געווען אַ מיטלוווקסיקע, בלאָנדע און דאַן שיינע פרוי, וועמען די ביאַלער האָבן גערופן די ליאַלקע (פאַר איר שיינקייט). נאָר דאָס איינציקע מיט וואָס זי איז געווען געראָטן אין זיי, איז געווען מיט די אויגן און מיט איר איינרייסעריי. איר איינרייסן איז אָבער נישט געווען פאַר זיך, אוודאי נישט אין דער צייט ווען זי האָט זיך געשטעלט מיט אַ בענקעלע אונטערן טו-באַנק, — נאָר פאַר גאָר דער משפּחה.

און ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט אויסזען, האָט זי נאָך אַפילו ביים טאַטנס לעבן גענומען אויף זיך נישט נאָר דעם עול פון פּרנסה, נאָר אויך די איבריקע משפּחה-זאָרגן. זי האָט זיך ווי אַ צווייטע מאַמע אינטערעסירט מיט אַלץ, אויך מיט יאַנקעלען.

זי האָט זיך אַפילו געמישט אין דער שטוב-ווירטשאַפט וואָס האָט אינגאַנצן געהערט צו דער יונגערער פאַר איר שוועסטער יאַכע, וואָס איז שוין דווקא געווען געראָטן סיי אין טאַטן מיט איר הויכקייט און סיי אין דער מאַמען מיט איר בלאָנדקייט. און אַז די שוואַכע מאַמע איז אין די זומערן געווען אויף דאַטשע, סיי ווען אין אויסלאַנד (טשעכאָטשינעק) סיי ווען זי האָט געדאַטשעוועט אין ביאַלער לאַמאַזער וואַלד, איז שוין הדס געווען אי די קרעמערקע און אי די באַלע-באַסטע פונעם הויז.

## די ביאַלער דאַטשעס

ביי אַ צוויי קילאָמעטער פון שטאָט נאָך דער וואַליע (פאָר-שטאָט) און אַריבער די באַן רעלסן, האָט זיך פון ביידע זייטן וועג רעכטס און לינקס געצויגן אַ פּרעכטיקער סאָסנע-וואַלד, ביי וועמענס אָנהייב עס זענען פון ביידע זייטן שאָסיי געווען הייזער-דאַטשעס.

דאָס זענען געווען לייכטע הילצערנע הייזער אויף צו וווינען אין זיי דעם זומער-סעזאָן. ווינטער זענען זיי געווען פאַרמאַכט. ווי אין

ער האָט אויך הנאה געהאַט פון קלויבן יאַגעדעס און שוואָמען. באַזונדער פון אַנטקעגן לויפן מיט די איבריקע צעהפקרטע דאַטשע־יונגלעך רייזעלען פון די פּלעצלעך, וואָס פלעגט מיט איר קויש דאָרע פלעצל אַנלייגן אַ פיר קילאָמעטער אַהין און צוריק, אַבי צו פאַרקויפן ביי די דאַטשניקעס איר שארית הפלעצל...

יאַנקעלע האָט אויך איינמאָל געדאַטשעוועט אָן דער מאַמען אין אַ דאָרף ביי ביאַלע, ביי אַ פאַרקרובעטע משפחה וואָס איז אַליין געווען אויף דאַטשע. די באַלעבאָסטע פון דער דאַטשע איז געווען אַ יונגע אַלמנה מיט אַ יונגל אינעם זעלבן עלטער וואָס יאַנקעלע. האָבן זיך באַלד ביידע יאָטן באַפריינדעט און געשפּילט.

ער איז געווען אונטער דער השגחה פון דער אַלמנה, און די טאָמע פלעגט זיך נאָר צוכאַפּן פון צייט צו צייט. דאָ, אינעם דאָרף, איז יאַנקעלע נאָך געווען מער צופרידן ווי אין לאָמאַזער וואַלד. כאָטש עס האָט אויך דאָ קיין וואַלד נישט געפעלט, הגם אַביסל ווייטער פונעם דאָרף. ער איז דאָס ערשטע מאָל געווען אין אַ דאָרף צווישן פויערים און אַזוי נאָענט צו דער נאַטור. ס׳איז אים געוואָרן היימיש די נידעריקע, קליינע שטרויענע כאַטעס, ווי ס׳איז אים געוואָרן נאָנט די פאַרהיימישטע עופות און חיות.

קיין סך ביימער איז אינעם דאָרף נישט געווען. דערפאַר אַבער איז פונקט אַנטקעגן זיין כאַטע געווען אַ הויכער, פעסטער אַלטער בוים, אויף וועמענס קרוין עס האָט גענעסט אַ באָטשאַן. דער באָטשאַן מיט זיין לאַנגן שנאָבל און הויכע פיס איז זיך אַזוי אין די פרימאָרגנס געשטאַנען אַ פאַריסענער אַנטקעגן דער אויפגייענדיקער זון, און צע־נעמענדיק פון צייט צו צייט זיינע פליגל, האָט ער ווי געזאָגט: „דאָ בין איך דער האר און געביטער". און אויך דער דאָזיקער באָטשאַן וועמען יאַנקעלע האָט אַצינד געזען ס׳ערשטע מאָל, איז אים געוואָרן היימיש.

קיינער אינעם דאָרף האָט דעם באָטשאַן נישט געפּרוווט באַום־רואיקן. פאַרקערט גאָר, די פויערים זענען געווען צופרידן פון האָבן אים ביי זיך. זיי האָבן געגלויבט, אַז נישט נאָר ברענגט ער זיי דעם ערשטן אָנזאָג פון פרילינג, נאָר אויך מזל. און די גאַנצע צייט פון זיין זיין דאָ איז מזלדיק.

זיי וואָלטן אים אויך דאָ געלאָזט נעסטן אום ווינטער, נאָר ווי נאָר דער זומער הייבט זיך אָן אָװעקרוקן, אַזוי נעמט ער נישט ביי זיי קיין דערלויבעניש און מאַכט גלייך אַ ויברח אין זיינע וואַרמע לענדער.

חסידות, — איז אזוי אינספּירירט געוואָרן פון ביאַלער חסידות און דורך זיין שילדערן אונדז אין זיין דערציילונג „צווישן צוויי בערג" די געשטאַלט פונעם ביאַלער רבין, דעם צדיק ר' נחקע — האָט ער אָנגעטאָן אויפן חסידישן ביאַלע דעם כתר מלכות... און ס'איז אַ סברה, אַז נישט נאָר אין זיין „צווישן צוויי בערג" איז פּרץ אינספּירירט געוואָרן פון ביאַלע, נאָר אויך אין זיינע איבריקע חסידישע דערציילונגען האָט ער געקריגן זיין יניקה פונעם הסידישן ביאַלע.

אַזוי אויך זענען אין זייערע חסידישע דערציילונגען באַווירקט געוואָרן פון ביאַלע די שריפטשטעלער, י. אָפּאַטאָשו מיט זיין דערציילונג „דער וורקער שתקן", וווּ עס ווערט דערציילט וועגן ערשטן ביאַלער רבי ר' בעריש לאַנדוי דעם זון פון ר' אברהמל טשעכאַנאָווער און תלמיד פון ר' יצחק וורקער. י. י. טרונק, וואָס דערציילט אין זיין בוך „פּוילן" (קאַפּיטל 35) וועגן מלכות ביאַלע, און א. ליטווין וואָס שילדערט אין זיין „דער ביאַלער הויף" דעם ביאַלער רבי ר' יצחק יעקב, אַן אייניקל פונעם „ייד" און אור־אייניקל פון די בעסטע תלמידים פון בעל שם טוב.

אָבער ניט נאָר מיט חסידות האָט זיך ביאַלע פאַרנומען.

ביאַלע פּאָדליאַסקע איז אויך געווען אַ שטאָט פון סוחרים, קרעמער, בעלי מלאכות און האַרעפּאַשניקעס. פון יידן וואָס האָבן שווער געהאָרעוועט אויף זייער אויסקומעניש. דאָס ביאַלע של מעלה האָט אויך געמוזט האָבן איר ביאַלע של מטה. —

באַזונדער האָט דאָס לעצטע ביאַלע, — דאָס ביאַלע פון יאַנקעלעס דור, ווי די אַנדערע יידיש־פּוילישע שטעט פון דער צייט, געווען אַריינגעצויגן אינעם פולן שטראָם פונעם יידישן לעבן. רעליגיעזן, נאַציאָ־נאַלן, און סאָציאַלן.

און דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער, ווי סאָציאַלער אויפוואַך, אַן אויפוואַך פון פאַרשידענע פאַריינען און אָרגאַניזאַציעס מיט פירער אָדער מיט־פירער פון באַוועגונגען, ווי די ביאַלער בני עיר אַפּאָלינאַרי האַרטגלאַס וואָס האָט ווי דער פאָרזיצער פונעם יידישן סיים־קאָלאָ פאַרנומען דעם העכסטן נאַציאָנאַל־פּאָליטישן אַמט אין פּוילישן יידנטום, אינזשיניער סענאַטאָר משה קערנער, פירער פון מזרחי דעפּוטאַט ד"ר שמחה בונם פעלדמאַן (אַ צייט געוווינט אין ביאַלע), טוער און באַאַמטע פון ציוניסטישן צ. ק. אין פּוילן משה רובינשטיין און חיים באַרלאַס, מיטגליד פון רעוויזיאָניסטישן פּאַרטיי־ראַט אין פּוילן יעקב כהן א. א. וו. אַט דאָס אַלץ געהער צוזאַמען מיט דער ביאַלער חסידישער קרוין צו מלכות ביאַלע.

יאנקעלע האט לכתחילה נישט געוווסט וואס עס דארף דא פארקומען. עס האט אבער לאנג נישט גענומען ווי אין דער סאליע האבן זיך באוויזן דריי יידן. דער טאטע, א צעוואקסענער ייד מיט פונקט אזא צעוואקסענער בארד וואס האט ביי אים געוואקסן אין דער ברייט און אין דער לענג פארשטעלנדיק דריי-פערטל פון זיין פנים, און א מיטלוואקסיקער, דארער און בלאסער בחור מיט שווארצע אויגן פון א יאר זיבעצן, פון וועמענס איינגעפאלענעם פנים מען האט נאר די נאז ארויסגעזען. און א פארהער האט זיך אנגעהויבן.

דער בחור א צעשראקענער, קענטיק זיין ערשטער ערנסטער פארהער, האט מיט גרוים מי אנגעהויבן זאגן פון דער גמרא נדרים, צוהעלפנדיק זיך מיט די הענט. נאר נאכן אפזאגן אביסל האט דאס זאגן אויפגעהערט, און מען האט אנגעהויבן טועם זיין פון לעקעך און בראנפן.

כאטש יאנקעלע האט נישט געוווסט צוליב וואס ס'איז דער פארהער און וואס טוען דא די צוויי פרעמדע יידן מיטן טאטן אין א מיטן וואכעדיקער נאכט, בעת דער טאטע האט נישט קיין צייט פארן אייגענעם בן יחיד, האט ער געפילט דעם בחורס אדורכפאל און אז דעם טאטן געפעלט נישט זיין זאגן. און פון ערגעץ ווו האט זיך ביי אים דערוועקט א רחמנות אויפן בחור.

און ס'איז טאקע פון דעם גארנישט געווארן. דעם טאטן איז נישט געפעלן געווארן דער בחור. א קנאפער למדן, און אוים שידוך. אוי ווי יאנקעלע האט דאן מיטגעפילט דעם בחור, כאטש עס האט זיך געהאנדלט וועגן זיין שוועסטער, וועמען מען האט אגב וועגן דעם נישט געפרעגט...

*

דעם פעטער שמילקעס זין זענען אלע, א חוץ איינעם דער יונגסטער נחמן, געווען פרומע יידן און ערנסטע מענטשן. זיי האבן חתונה געהאט רייך און האבן געפירט זייערע אייגענע געשעפטן. דער עלטערער דוד (נאך אליעזר לייבן) וואס האט חתונה געהאט קיין מלאווע, איז געווען א ייד א תלמיד חכם, א רייכער און גרויסער סוחר. א ברייטפלייציקער און א הויכער, מיט א לאנגער בלאנדער בארד, האט ער אויסגעזען ווי א פירשט.

ער האט געוווינט אין מלאווע, ביז ער איז ביים נייעם פוילן אין די צוואנציקער אריבער קיין ווארשע (אומגעקומען ביי די דייטשן), ווו ער איז געווען דער דאזאר פון די סאקאלאווער חסידים און איז געווען א מיטגליד אין דער סאציאלער קאמיסיע ביי דער ווארשעווער

קהלה. אַזוי אויך איז געווען אַן ערנסטער דער עלטסטער אלעזר ליב, הגם נישט אַזוי רייך ווי דוד (געשטאָרבן פאַר די פערציק).

דער דריטער, מענדל, אַ הויכער און שלאַנקער מיט אַ צוגע־שוירן זיידן בערדל און פענסנע, איז געווען דער שענסטער פון אַלע. אַ ציוניסט נאָך פון די יונגסטע יאָרן אין ביאַלע, האָט ער חתונה געהאַט קיין קאָנסק, וווּ ער איז געווען אַן אייזן־פאַבריקאַנט און דער קאָנסקער ראש הקהל.

יצחק ווידער וואָס האָט געלעבט אין ביאַלע און דאָ געפירט זיינע געשעפטן, איז געווען אַ סאָקאָלאָווער חסיד און אויך אַ גרויל־שאַפּטלעכער טוער. אַ טוערין איז אויך געווען זיין פרוי באַלטשע. נאָר דער איינציקער אויסנאַם איז געווען נחמן. שוין אין יענער צייט איז ער נישט געווען פרום און האָט נישט געטראָגן קיין באָרד. האָט צעפּטרט זיין פאַרמעגן, און האָט זיך אויפגעפירט לייכטזיניק.

די משפחה האָט אויף אים געקוקט קרום, אים באַדויערט און געשוויגן. ער פלעגט זיך דאַן אַלע מאָל אַראָפּכאַפּן קיין ביאַלע צום פעטער נאָך הילף. און קומנדיק זומער קיין ביאַלע, פלעגט ער שוין אויך באַזוכן דעם פעטערס דאַטשעס. איז אין איינעם אַ שבת, ווען יאַנקעלע איז געווען מיטן טאַטן ביי יצחקן אויף דער דאַטשע, איז דאָרט אויך געווען שלמה חיים גרשונס, וואָס איז געווען אַן אָפטער אַריינגייער צו יצחקן אין הויז, ווי אויך מאָטלדאַמאַטשעווער, וואָס איז געווען יצחקס רבי (שפּעטער אויך יאַנקעלעס) און נחמן. און מען איז אַזוי אַרום אַרויס צוזאַמען אויף אַ שפּאַציר אין וואַלד.

איז מען אַרויס דורך דער אונטערשטער זייט פון יצחקס דאַטשע, מען איז אַדורך די הויך־שטייענדיקע פולע זאַנגען ווו די נאָך מיטאָג זון האָט נאָך שטאַרק געבריט און מען איז אַריין אין וואַלד. דער וואַלד האָט די שפּאַצירער אַרומגענומען מיט אַ מחיהדיקער שאָטנדיקער קילקייט.

טרוקן דינע צווייגעלעך האָבן ווי פּראַסט געקנאַקט אונטער די פיס, אַזוי אַז דער פרומער מאָטל דאַמאַטשעווער האָט שוין געהאַט חרטה אויף אַזאַ שבתדיקן גאַנג. גייענדיק אָבער אַזוי טיפער אין וואַלד, און פאַרנומען מיט זיינע שבתדיקע מחשבות, איז אים פּלוצלונג אַנטקעגן געקומען נחמן, וואָס איז ווי די איבריקע שמילקעס קינדער געווען זיין תלמיד, און אַ געשריי טוענדיק צו אים: „דיענגי דאַוואַי!״ (געלד גיב) אים צוגעשטעלט צום פּנים אַ רעוואָלווער צעלאַכנדיק זיך דערביי ווילד.

מאָטל האָט אין זיין פאַרטראַכטקייט נחמנען גאָרנישט באַ־

מערקט. וואָס נאָר ער האָט געזען, איז געווען דעם אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער. זיין פנים איז געוואָרן שוואַרץ פון שרעק און ער האָט אויף אַ מאָמענט פאַרלוירן ס'לשון. ערשט ווען ער האָט דערזען נחמנען, איז ער נאָך מער געוואָרן אויפגעשוידערט פון דער ווילדער חכמה פון זיין געוועזענעם תלמיד דעם לאָבוז, וואָס האָט נישט קיין מורא פאַר גאָט צו טראָגן אום שבת אַ רעוואָלווער און מיט אים איבערשרעקן מענטשן. די געשיכטע איז לאַנג געווען דער געשפּרעך פון דער פּיזשיץ־משפּחה. און די פרומע שוועסטער האָבן אים דערפאַר געשאָלטן מיט קללות און חרמות.

*

הירש חיימס זאָרג האָט זיך דאָס יאָר נאָך פאַרגרעסערט. ער האָט געהאַט בלויז צוויי קינדער. אָן איינציקן אויסגעגעבענעם זון, וואָס האָט געוווינט אויסער ביאַלע און אָן איינציקע טאָכטער, אַ מיידל שוין אין די יאָרן, וואָס האָט געוווינט צוזאַמען מיט די עלטערן.

ביידע זענען געווען רויט ווי די פרה אדומה, און נישט גע־ראָטן אין די עלטערן. און פון זיי ביידע האָט ער נישט געהאַט קיין נחת. די טאָכטער אָן איבערגעוואָקסענע בוגרת, איז געווען אַ נייטאָרין וואָס האָט געאַרבעט שטיל אין איר קאַמער נישט צו שטערן דאָס לערנען.

איר דאַרער גוף איז געווען אַזוי פאַרדעקט און פאַרשטעלט, אַז קיין שטיקל האַלדז האָט מען ביי איר נישט אַרויסגעזען. מיר האָבן איר, אַ חוץ דער רביצין וואָס האָט אונדז געבאַקן זאַלצקעס און אויך זיך מיט אונדז אינטערעסירט, כמעט נישט באַמערקט. זי פלעגט זיך שטיל אַרויסשאַרן פון איר קאַמער, און פונקט אַזוי זיך שטיל צוריק אַריינשאַרן.

נאָר פון זיין אויסגעגעבענעם בן יחיד האָט הירש חיים געהאַט נאָך ווייניקער נחת. ער איז געווען אַ קנאַפּער בעל פּרנסה און פלעגט אָפט קומען צום טאַטן נאָך הילף. צו דעם האָט ער נאָך יונג חתונה געהאַט, נאָך פאַרן פּריזיוו. און אַז עס האָט זיך אונטערגערוקט זיין יאָרגאַנג — און די קאָמיסיע צו וועלכער ער האָט זיך צוגעשטעלט האָט געזאָגט: „גאָדיען!" (צוגענומען) האָט ער זיך געדאַרפט צו־שטעלן צו די זעלנער, גיין דינען פּאַניען.

איז ער אין איינעם אַ טאָג אַראָפּגעקומען צום טאַטן זיך גע־זעגענען פאַרן גיין דינען. דער פרימאָרגן ווען ער האָט זיך באַוויזן אינעם חדר, איז געווען אַ קאַלטער, פּראַסטיקער ווינטער־טאָג. די פענצטער זענען געווען פאַרקאַוועט מיט אייזיקע בילדער, ווי די האַנט

פון אַ קינסטלער וואָלט זיי געמאָלן. און אין דרויסן איז געווען אַ וויסטע זאַווערוכע. שניי מיט ווינט האָבן זיך ביטער צווישן זיך געראַנגלט, ווי ביידע וואָלטן וועלן באַהערשן די וועלט.

ער איז אַ פאַרזאָרגטער צוגעגאַנגען צום טאַטן און אים דערציילט צו וואָס ער איז געקומען. און דער רבי, ווי נאָר ער האָט געהערט די בשורה, האָט געקריגן אַלערליי קאָלירן. ער האָט לכתחילה נישט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט. ערשט ווען ער איז געקומען צו זיך, איז ער מיט אים און דער רביצין אַריין אין דער טאָכטערס קאַמער.

מען האָט אים געגעבן אַביסל געלד, און ער האָט געזעגנדיק זיך מיט אַלעמען אַ טרויעריקער אַוועק. און מיר די תלמידים האָבן געטראַכט: אויב דאָ איז אַזוי קאַלט, טאָ ווי איז שוין אינעם ווייטן קאַלוגע, וווּ ער דאַרף דינען?

דער רבי האָט אָבער געטראַכט מער ווי פון דעם. כאָטש די צייט פון די קאַנטאָניסטן איז שוין לאַנג געווען פאַרביי, און ביי ניקאָליי דעם צווייטן האָט מען דאַן מער נישט געדינט ווי דריי יאָר, איז ער דאָך אָבער פאָרט אַ „תינוק שנשבה בין הגויים"... און ער האָט מורא געהאַט פאַר זיין יידישקייט.

## קאַפּיטל ניין

# דער רבי קומט קיין ביאַלע

מיטאַמאָל האָט זיך אין שטיבל פאַרשפּרייט די ידיעה אַז דער רבי ר' יצחק זעליג מאָרגענשטערן קומט אויף אַ וואָך קיין ביאַלע. דאָס שטיבל האָט אָנגעהויבן גיין כאַדאָראַם, און די חסידים פריידיק צעשמאַיעט זענען געוואָרן אויפגעלייגט. יעדער איינער האָט זיך געגרייט ווי צו אַ גרויסן יום טוב. אָרעמע חסידים האָבן פאַרגעסן זייערע נויטן און האָבן אַצינד נאָר געטראַכט פונעם רבינס קומען, ווי זיין קומען וואָלט פאַר זיי געווען די גרעסטע ישועה.

באַזונדער האָבן זייערע פרויען, און נישט בלויז זייערע, אָפּגעוואָרט מיט אומגעדולד דעם רבין. יעדע איינע האָט געגלויבט, אַז דעם רבינס עצה, ווי זיין ברכה, וועט זיין די בעסטע רפואה פאַר אירע ליידן. בפרט וועט זיין אייגן געשריבענער רעצעפּט פועל פעולות זיין. און זייער גלויבן אינעם רבין, דעם צדיק, איז געווען גאַנץ, נישט אָנגערירט. איז דאָס שטיבל געוואָרן אָפּגעפרישט, באַזונדער דער בית

שני, וואָס איז געווען דעם רבינס יחוד־שטיבל, און אַלץ איז געווען צוגעגרייט פאַר זיין קומען.

דער טאָג איז געקומען. ס'איז געווען אַ מילדער ווינטער־טאָג. די זון, איינגעהאַלטן, האָט געשיינט און געליכטיקט. די חסידים זענען אַרויסגעפאָרן צום באַן אים מקבל פנים זיין. פאָרויס איז גע־פאָרן אין זיין אייגענער קאַטש געשפּאַנט אין צוויי ביסטרע קאַש־טאַנעס, שמילקע פּיזשיץ, וואָס האָט געדאַרפט דעם רבין אַריינגעמען צו זיך אין דאָראָזשקע.

נאָך אים זענען געפאָרן זיין זון יצחק מיטן איידעם ישראל ביאַלער מיט די חסידישע פּני. און נאָך זיי האָבן זיך געצויגן די איבריקע דאָראָזשקעס מיט חסידים. אַ גאַנצע ריי פון דאָראָזשקעס האָט זיך געצויגן פון וואָקזאַל אינעם שמאָלן באַד־געסל, ווו דאָס קאַצקער־סאָקאָלאָווער שטיבל האָט זיך געפונען. און דאָס שטילע זייטיקע געסל איז אין דער צייט געוואָרן אויפגעלעבט.

די ידיעה פונעם רבינס קומען האָט זיך גיך פאַרשפּרייט, און פון אַלע שטעטלעך און ישובים אַרום ביאַלע זענען געקומען חסידים און סתם יידן, באַזונדער פּרויען, צום רבין. און דעם רבינס גבאי האָט זיך נישט געקענט צערייסן פון שרייבן קוויטלעך און וואַכן ביים רבינס טיר.

פרייטיק צונאַכט און שבת נאָכן דאַווענען האָט דער רבי גע־פּראַוועט טיש. נאָר נאָך איידער דער רבי האָט זיך באַוויזן, איז דאָס שטיבל געוואָרן פול מיט יידן. אייגענע חסידים, פרעמדע און סתם יידן, זענען געקומען הערן דעם רבינס תורה.

דאָס שטיבל איז געווען געפּאַקט קאָפּ אויף קאָפּ. און די ענג־שאַפט אין געווען גרוים. מען האָט פאַרכאַפּט אַלע ערטער. מען איז געשטאַנען אויף די בענק, טישן, אויף די פענצטער און מען האָט זיך אָנגעהאַלטן אין די האַקעס פון די ווענט.

*

נאָכן באַזוכן מיט יאַנקעלען דעם רבין אין זיין חדר מיוחד, האָט אים דער טאַטע פרייטיק צונאַכט מיטגענומען צום רבינס טיש. דער טאַטע אין שטריימל און קאַפּאָטע (דעם שטריימל פלעגט ער טראָגן נאָר צום סדר) האָט זיך מיט שווערקייט אַדורכגעשלאָגן אַ וועג צום רבינס טיש. יאַנקעלען האָט ער איבערגעגעבן אַ היימישן חסידישן יונגערמאַן, וואָס האָט אים אַרויפגענומען אויף אַ טיש, אים האַלטנדיק ביי דער האַנט.

דער עולם אין אַ שפּאַנענדיקער דערהויבענער דערוואַרטונג

האָט אָפּגעוואָרט דעם רבין. ענדלעך האָט זיך דער חדר געעפנט, און דער רבי אין באַגלייטונג פון זיין זון משה און דעם גבאי, האָט אָנגע־הויבן מיט פּאַמעלעכדיקע טריט גיין צום טיש.

אַ פּולער, מיט אַ ליכטיקן פּנים און גראָבע לאַנגע פּיאות, האָט ער אין שטריימל און מיט קורצע ווייסע הויזן און שיך און זאָקן, זיך אַוועקגעזעצטביים טיש. און גלייך האָט ער אָנגעהויבן זאָגן „שלום עליכם". ער האָט געציילט וואָרט אין וואָרט. און געזאָגט האָט ער פּאַרצויגן, נישט עליכם, נאָר עליכם (ווי מיט אַ פּתח אונטערן למד). און געדאַכט האָט זיך דאָן דעם פרומען יאַנקעלען, ווי ער זעט די מלאכי השרת אַרומשוועבן ביים רבינס טיש.

ער האָט געמאַכט קידוש און אויך אַזוי געזאָגט פּאַמעלעך מיט פּויזעס און כוונות, ביז מען האָט זיך געוואַשן און אָנגעהויבן עסן די פיש. נאָך די פיש האָט דער רבי אָנגעהויבן זאָגן תורה, צו וועלכע אַלע האָבן זיך צוגעהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

נוט געהערט האָבן אָבער נאָר די טיש־זיצערס און די פון די נאָענטע טישן. די ווייטער שטייענדיקע און הענגנדיקע, — האָבן נאָר אויפגעכאַפּט דעם רבינס געדעמפטע באַזונדערע ווערטער, פון וועלכע למדנים און וויסנדיקע האָבן צונויפגעשטעלט די גאַנצע תורה.

יאַנקעלעס טיש איז נישט געווען ווייט פון רבינס. האָט ער דעריבער געהערט און פאַרשטאַנען זיין תורה. אויף צו זיין אין דעם זיכער, האָט ער איבערגעפרעגט דעם טאַטן וואָס האָט אים באַ־שטעטיקט די ריכטיקייט.

דער רבי האָט גערעדט און געוואָרנט קעגן משנה זיין דעם יידישן שטייגער. קעגן פרווון אַראָפּוואַרפן פון זיך די יידישע הלבשה וואָס האָט זיך דאָן אָנגעהויבן אין שטאָט ווי אין שטיבל צווישן די רייכערע חסידים און סתם יידן, וואָס האָבן אָנגעהויבן טראָגן קעלנער, און די יונגע אונטערהאַקן די פּיאות.

פאַרופנדיק זיך אויפן געבאָט „ובחוקותיהם לא תלכו" (און אין זייערע געבאָטן זאָלט איר נישט גיין), האָט ער אים גענומען אויסברייטערן און פאַרטיפן ביז צו די קלענסטע פּרטים.

„יעדער געבאָט, יעדע עשה און לא תעשה אין דער תורה", האָט דער רבי געזאָגט, „דאַרף מען פאַרשטיין און מקיים זיין נישט נאָר אינעם פּשוטן זין, — נאָר אינעם אויסגעברייטערטן ישראל־באַוואָרנדיקן און אין תורהדיקן מאָראַלישן.

„פּונקט ווי דער איסור פון גניבה למשל, ווערט אויסגעברייטערט נישט נאָר צום דירעקטן גנבענען, נאָר אויך צו יעדן סאָרט

קאפיטל איינס

# אַזון ווערט געבוירן

אין ביאַלע צווישן בריסק און מעזריטש ווּעמענס טייך קושנאַ פאַלט אַריין אין בוג, אַ שטאָט, וואָס ציט איר פּריציש־גראַפישן יחוס נאָך פון די אַלטע ליטווישע ראַדזשיווילס און ווּעמענס מיטל־אַלטער־לעכער שלאָס איז פאַר די בני עיר, באַזונדער פאַר די חדר־יונגלעך געווען פול מיט רייץ און סודות, אַן „עיר ואם" (נישט אין צאָל) פון לומדים, רבנים און רביים מיט זייערע חסידישע הייפן, ווי ר' בעריש לאַנדוי, ר' אהרן לאַנדוי און ר' יצחק יעקב ראַבינאָוויטש, איז אינעם הויז פון די כהנ'ס אין חשוון תר"ם (לויט דער מעטריקע דעם דריטן נאָוועמבער 1900), געווען ששון ושמחה. יום טוב אין דערוואַכן.

אין דעם טאָג איז זייער ווּנש געוואָרן דערפילט. אַזון איז צו זיי געבוירן געוואָרן. און ס'איז געווען נישט סתם אַ שמחה פון אַ ניי געבוירן קינד, מחמת קינדער האָבן די כהנס שוין געהאַט צוויי. הדס פון דריי יאָר און יאָכע פון צוויי. זיי זענען אָבער געווען מיידלעך.

און וואָס ווּעלן זיי פון זיי האָבן איבער די הונדערט און צוואַנציק?... און דער פאָטער ר' אהרן דאָן ביי די צוואַנציק און די מוטער אַלטע ביי די זיבעצן האָבן זיך שוין ביידע די אויגן אויסגעקוקט פאַר אַ בן זכר, אַ קדיש...

באַזונדער האָט די מאַמע אַלטע חיה פריידע ווּעגן דעם געאַרבעט מעשים. וואָס האָט זי נישט צעטאָן און צעאַרבעט, אַז יאַנקעלע זאָל אויף דער ליכטיקער ווּעלט אַרויסקומען. כאָטש אים אַליין האָט מען ווּעגן דעם נישט געפרעגט.

זי איז צוליב דעם געפאָרן צו רביים, גוטע יידן און בעלי מופתים. צו אייגענע און פרעמדע. זי האָט נישט איבערגעקליבן, אַ בי עס זאָל זיין אַ פעולה. זי איז אַפילו ווי חלילה צו אַ צרה, געגאַנגען אויפן פעלד — בעטן ביי אייגענע ווי ביי פרעמדע טויטע צדיקים און צדקניות.

און אַט האָט איר דער וואָס אין הימל נישט געוואָשן די הענט — געהאָלפן, און ביי איר זייט ליגט שוין דער רך הנולד קיין עין הרע זאָל אים נאָר נישט שאַטן, ווּעמען מען האָט אַ נאָמען געגעבן בישראל יעקב, נאָך זיין זיידן הרב ר' יעקב קאַטלאָוויטש פון ברייניסק. אַ נאָמען וואָס שטאַמט נאָך פונעם ערשטן יעקב פון די אבות און פון אַלע נאָך אים גאַטס פאַרכטיקע יעקב'ס...

און באַלד ווי נאָר די באָבע (אַקושערין) איז אַרויסגעקומען צום

כאַטש ער איז גאָרנישט געווען קיין שוואַכינקער. ער האָט געקענט דערלאַנגען אַ קליאַפּ.

און אַזאַ קליאַפּ האָט אים יאַנקעלע געזען דערלאַנגען אַ רוסישן פּאַניע, אַ זעלנער, וואָס איז געקומען אין שטוב רופן דעם טאַטן צו זיין קאָמאַנדיר. דערווייל אָבער האָט דער זעלנער אין שטוב עפּעס צוגעלקכנט.

און ווען דער טאַטע האָט דאָס באַמערקט און האָט אים האָט אים גע־הייסן עס צוריקלייגן, און דער זעלנער נישט נאָר וואָס ער האָט נישט געוואָלט, נאָר האָט נאָך דעם טאַטן באַליידיקט, באַליידיקט דעם ייד אין אים. — האָט דאַן דער טאַטע די גניבה אַרויסגענומען פון זיין ברייטער אָרבל־קעשענע און האָט אים דערלאַנגט אַ מתנת יד, אַז דער ערל האָט זיך ווי אַ שיכור נענומען וואַקלען אויף זיינע פּיס.

נאָר דאָ פּריטיק צונאַכט אין שטיבל, איז ער געשטאַנען ווי אַ פאַרשולדיקטער תלמיד קעגן זיין רבין, און האָט נישט געוואַגט זיין הסיד־פּריינט אָנרירן. וואָרעם, וואָס, ער וועט גיין שלאָגן אַ ייד, אַ חסיד? בפרט ווען דאָס איז לויטן רבינס באַפעל. ער איז אָבער ביים פּאַפּירענעם קאָלנער פאָרט געבליבן. און דאָס שטיבל האָט געמוזט שלום מאַכן מיט דעם, ווי עס האָט שלום געמאַכט מיט מער ווי מיט אַ פּאַפּירענעם קאָלנער.

*

יאַנקעלע פלעגט אין אַ שבת און יום טוב אָפט גיין צום פעטער אויף אַ פאַרהער. ביי די ערשטע פאַרהערן ווען ער איז צו אים געקומען מיט אַביסל חומש מיט רש״י, האָט ער זיך נאָך געפילט שעמעוודיק און איז נישט געווען פעסט ביי זיך.

כאָטש ער האָט דעם שיעור גוט געזאָגט, און ער פלעגט ביי אַלע פאַרהערן קריגן די זעלבע באַהאַנדלונג, ווייל ווי נאָר ער האָט געענדיקט זאָגן, איז שוין די הויכע שטיף־מומע אַריין אין סאַליע ווו די פאַרהערן פלעגן פאָרקומען, און אים דערלאַנגען די פאָרציע לעקעך מיט וויין (אָפט האָניק־לעקעך).

און דער פעטער שוין אין די זעכציקער מיט אַ ברייטער זילבער־באָרד און גאָלדענע האַלאַבליעס־ברילן, פלעגט אים מונטערן ער זאָל טונקען דעם לעקעך אין וויין און נעמען אויך די טערקישע און וועל־שענע ניסלעך, פלעגט ער זיך פונדעסטוועגן פילן נישט גאָר צופרידן מיט זיך.

נאָר זינט ער האָט אָנגעהויבן לערנען ביי הירש חיימען, און פלעגט קומען צום פעטער מיט אַ גרעסערן תורה־באַגאַזש, אָנגעגורט

## קאפיטל צען

# יצחק פיזשיצעס הויז

א חוץ דעם פעטערס צוויי קינדער, הדס (יודל שווארצס פרוי) וואס האט פריער געוווינט אויף דער וואליע (ביאלער פארשטאט) און אסתר (וואלף גאלדשטיינס פרוי) וואס האט געוווינט אינעם פאוויאט-הויז, האבן די איבעריקע צוויי, יצחק און רחל, געוווינט צוזא־מען מיטן פאטער אינעם גרויסן הויף אויף דער בריסקער.

דער הויף איז געווען א גרויסער. ער האט זיך געצויגן פון פארנט בריסקער ביז אריין אין דער פראסטע — אין שכנות פון יאנקעלע קצבס הויז. ער האט געהאט א דריי שטאקיקן מויער אינעם סאמע פראנט פון דער בריסקער גאס, ווו אויפן ערשטן גארן האט געוווינט דער פעטער, איבער אים איז געווען זיין משרת און דראזש־קע-פירער (יאנטל ?), און העכער איז געווען א דירה פאר א מנין, ווו דער פעטער פלעגט אויף די עלטערע יארן דאווענען. אריין אינעם הויף איז געווען אן איין דירהדיק מויערל, ווו עס האט פריי געוווינט אן אלטער איינבינדער, א סאקאלאווער חסיד.

און לינקס פונעם מויער, ראג בריסקער און פראסטע, איז געווען אן הילצערן הויז ארומגענומען פון רעכטס מיט א גערטנדל. אין אט דעם הויז האבן געוווינט פון רעכטס יצחק מיט זיין פרוי באלטשע, און פון לינקס רחל מיט איר מאן ישראל ביאלער (נאכן פעטערס טויט אריבער אין זיין דירה).

יצחקס דירה איז געווען ווי אן אפענע טיר. כאטש קיין יום טוב-סעודות פאר די חסידים ווי ביים פעטער, האט מען ביי אים נישט געפראוועט, איז דאך זיין הויז אין די ווינטער-אוונטן געווען פריי פאר פארשידענע אריינגייער.

עס פלעגן אין די אוונטן ביי אים פארברענגען שלמה חיים גרשונס, מאטל דאמאטשעווער, איסר ליוסטיגמאן און אנדערע שטיבל־יידן. צו א באזונדער קאטעגאריע האבן געהערט משהלע לעבנבערג, פינקעלשטיין (בוטשעס פאטער) און אנדערע. די חסידישע געסט פלעגן קומען אין די פריע אוונט-שעהן, טרינקען א טיי מיט ביסקוויט און שמועסן. און די אנדערע וואס פלעגן קומען שפעטער, פלעגן זיך גלייך אריינכאפן אין סאליע נאך א קערטל.

געשפילט האט מען צו קליינע סטאווקעס ווי פאר יוצא וועגן. נאר אויך מיט זיי האט מען געקענט פארלירן, אדער אוועקגיין מיט א פאר געוווננענע רובל. אויך יאנקעלעס טאטע, וואס איז מיטן זונדל

געמישט אין דער ווירטשאַפט, ווי אין אַלע איבריקע ווייבערישע ענינים. זי האָט אויך געוווּסט אַלע זייערע סודות. מען האָט געהאַט צו איר צוטרוי, און זי האָט נישט פאַראַטן אויך.

נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען דער פעטער איז צוריק קומענדיק פון רוסלאַנד אַריבער קיין וואַרשע, האָט די טויבע מייטשע אַריבערגעטראָגן איר הויפּט-קוואַרטיר צו באַלטשען יצחקס פרוי, וועמען זי האָט טריי געדינט מיט אירע פּאַטשטן און עצות. פונדאַנען האָט זי ביז איר טויט אויסגעשפּרייט אירע „פליגל" איבער דעם פעטערס איבריקע ביאַלער קינדער.

## אַ נייע פאַרוויילונג פאַר יאַנקעלען

ווי ס'איז אין אָנהייב געוואָרן דערציילט, האָט דער פעטער שמילקע ביי דער קבורה פון דער מומען איטע ברכה, געגעבן זעקס טויזנט רובל אויף צו בויען אין ביאַלע אַ יידישן שפּיטאָל. דאָס איז נאָר געווען די ערשטע גרעסערע נדבה אויף דעם צוועק. דאָס אויפ־בויען אַ שפּיטאָל אָבער האָט געדאַרפט קאָסטן פיל מער.

האָט מען פאַר דעם צוועק אָנגעהויבן זאַמלען נאָך געלד, ביז מען האָט אים אָנגעהויבן בויען. און אין 1911 איז דער שפּיטאָל פאַרטיק געוואָרן. איז אין דעם יאָר פאַרגעקומען זיין פייערלעכע דער־עפענונג, צו וועלכער ס'איז אַראָפּגעקומען דער שעדליעצער גובער־נאַטאָר.

דער טאָג פון דער דערעפענונג איז פאַר די ביאַלער יידן געווען אַ יום טוב. די דריי-גאָרנדיקע געביידע אויף דער יאַנעווער גאַס איז געוואָרן פאַרפּוצט און אילומינירט. אינווייניק אין די זאַלן האָט מען אָנגעהאָנגען פאַרשידענע בענד און ליענטעס, און אין דרויסן האָט מען אַרויסגעהאָנגען די רוסישע פאָן מיט אַ סאַליוט פאַרן גובערנאַטאָר. און די געביידע אין איר גאַנצער ברייט איז געווען אַרומגענומען מיט אַ קאָלירטער ליענטע, וועלכע דער גובערנאַטאָר האָט ווי אַ צייכן פון אָפיציעלער דערעפענונג געדאַרפט איבערשניידן.

ביי דער דערעפענונג זענען געווען פאַרזאַמלט טויזנטער מענטשן ס'רוב פון זיי יידן. יאַנקעלע איז געשטאַנען צוזאַמען מיטן טאַטן מיטן פעטערס משפּחה. און טראָץ וואָס די פּאָליציי האָט געפּרוּווט האַלטן אָרדענונג, איז דער געדראַנג און די שטופּערייַ געווען גרויס. יעדער איינער האָט געוואָלט זיין נענטער צום גובערנאַטאָר און זיין סוויטע.

דער אויפלויף האָט זיך אָנגעהויבן גלייך אויפן וואָקזאַל ביים

גובערנאַטאָרס אָנקומען. און פאַרזאַמלט איז דאָ געווען די גאַנצע נאַטשאַלסטווע מיטן שפּיטאַל־בוי־קאָמיטעט און אַנדערע חשובי העדה.

דער פעטער האָט אַריינגענומען דעם גובערנאַטאָר אין זיין קאַטש, פאַרנדיק מיט אים צום שפּיטאָל, ווו דער עולם האָט שוין אויף אים געוואַרט. און נאָך זיי האָבן נאָכגעפאָלגט אַנדערע קאַטשן מיט אַ רייטער־וואַך. נאָך די רעדעס און איבערשניידן די ליענטע דורכן גובערנאַטאָר, איז געוואָרן דערקלערט די דערעפענונג פון שפּיטאָל און דער פאַרזאַמלטער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

### ביי ברוך שלום מלמד

יאַנקעלע איז עלטער געוואָרן און האָט זיך אַלץ מער דער־נענטערט צו זיין בר מצווה. אַן ערנסטע צייט פאַר אַ יונגל אין יענער צייט. באַזונדער האָט זיך דער טאַטע ווי אינסטינקטיוו מיט אים געאיילט. ער האָט ווייזט אים נאָך געוואָלט אַריינכאַפּן דעם נחת פון בר מצווה ביי זיין לעבן.

האָט ער צו דעם צוועק פאַר אים געזוכט אַלץ גרעסערע מלמדים, באַרימטע לומדים, וואָס זאָלן אים צוגרייטן אי צו זיין בר מצווה, אי ווייטער אַליין צו לערנען אין שטיבל. ער איז מער נישט געווען איבערקלויבעריש צו נעמען מלמדים בלויז פון זיין שטיבל. ער האָט זיי שוין אַצינד געזוכט פון אומעטום, אַבי זיי זאָלן זיין גרויסע לומדים און גוטע מסבירים. און ער האָט אַזעלכע טאַקע געפונען.

איז יאַנקעלע, נאָכן אָפּלערנען אַ צייט ביי הירש חיימען, אַריבער צו ברוך שלום קרייטשטיין דער קאָסיטינערנס, וואָס איז גאָר געווען אַ ביאַלער חסיד. מען האָט אים גערופן „די קאַטשקעלעך", ווייל זייענדיק אַ מקובל האָט ער געוואָלט דורך „צירוף השמות" באַ־שאַפן לעבעדיקע קאַטשקעלעך.

וואָס עפּעס קאַטשקעלעך? מחמת ער האָט נישט געוואָלט זיך גלייכן צום גאון מהר"ל מפּראָג, וואָס האָט אין אַ נויט פאַר יידן „באַשאַפן" אַ גולם. ער וועט זיין באַשיידענער ברוך שלום און וועט נאָר באַשאַפן אַ קאַטשקע. און כאָטש ער האָט די קאַטשקע נישט באַשאַפן, ווייל צווישן די ביאַלער לומדים און מקובלים איז געוואָרן אַ רעש, אַ רעש נישט אין הימל, נאָר אויף דער ביאַלער ערד, און דער ביאַלער רב ר' שמויל לייב זאַק האָט ביי אים גענומען אַ האַנט דאָס נישט צו טאָן, איז פונדעסטוועגן דער נאָמען, וואָס די ביאַלער האָבן אים געגעבן בלויז פאַרן ווילן... ווי די נעמען וואָס די ביאַלער האָבן אַנדרע געגעבן, שוין ביי אים געבליבן לעולם ועד.

*

ברוך שלום וואָס האָט געהאַט זיין חדר אין זיין אייגענער הייזקע אויף דער יאַנאָווער גאַס, איז געווען אַ מיטלוווקסיקער טונ־קעלער ייד מיט אַ קליינער שוואַרצער באָרד און שוואַרצע פאות, מיט פעך־שוואַרצע אויגן וואָס האָבן פון צייט צו צייט געגליט. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ חוץ דעם היטל צוויי יאַרמולקעס, מחמת טאָמער פאַלט אַראָפּ די אויבערשטע יאַרמולקע, וועט בלייבן די אונטערשטע.

אַ חוצן חדר, האָט זיין ווייב, אַ ברייטע פולע יידענע מיט אַ טשופּיק און פאַרטוך, אינעם זעלבן ברייטן חדר־צימער געהאַט אַ קליין שפּייז־קרעמל. אַ טל ומטר־קרעמל, ווו אַלץ האָט מען פאַר־קויפט אויפן לויט און פערטעלע. דאָס איז געווען יאַנקעלעס איינציקער חדר ווו די רביצין האָט געהאַט אַ קרעמל.

זי איז געווען אַ בייזע די רביצין. זי האָט פאַר איר מאַן דעם למדן און מקובל קיין גוט וואָרט נישט געהאַט. ס׳איז געווען ווי „היא תמשל בו״ (זי וועט געוועלטיקן איבער אים). זי האָט זיך מיט אים געשאָפּט, און דאָס באַפעלעריש, ווי מיט אַ יונגל. זי האָט, אין קאָנט־ראַסט צו יאַנקעלעס איבריקע רביצינס, איר מאַן נישט אַרויסגעוויזן קיין איבריקן רעספּעקט.

אפשר איז עס געווען דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ שטיקל נאַשער דער מקובל. ברוך שלום וואָס האָט געהאַט בדעה צו באַשאַפן קאַטשקעלעך און וואָס איז טיילמאָל געווען פאַרטראָגן אין אַנדערע וועלטן, האָט זיך אויך פון דער וועלט נישט אָפּגעזאָגט. ער פלעגט פון צייט צו צייט, ווען נאָר די רביצין איז אין קרעמל נישט געווען, זיך אַהין אַריינכאַפּן און טועם זיין פונעם גרעסטן אוצר וואָס איז אין קרעמל געווען, פונעם ביסל ראָזשינקעס און מאַנדלען. אוודאי האָט ער איבער זיי געמאַכט אַ ברכה...

נאָר די בייזע אשה זיינע האָט דאָס נישט געקענט פאַרטראָגן. פלעגט זי ווי נאָר זי האָט אים געפּאַקט, און דאָס אין קעגנוואָרט פון די תלמידים, אים דערפאַר שעלטן מיט וויסטע קללות. און ער, ברוך שלום, איז געבליבן שטיין אין מיטן חדר ווי אַן אָפּגעשמיסן יונגל און האָט איר קיין וואָרט נישט געזאָגט. אַזוי איז אויך געווען מיט די שליחותן וואָס זי האָט אים געשיקט. ער האָט זיי אויסגעפירט, ווי ער האָט אויסגעפירט די מצוות פון דער תורה.

און ווי בייז זיין אשה איז געווען, אַזוי איז ער אַליין געווען אַ מזג טוב. ער האָט קיין תלמיד נישט נאָר נישט אָנגערירט, נאָר אויף אים קיין געשריי נישט געטאָן. און דאָס זענען געווען עלף־צוועלף יאָריקע בחורים, איינס אין איינס, וואָס האָבן אים אָנגעטאָן

מען האָט אַליין געדאַרפט זיין אַ גענוגנדיקער למדן, צו קענען אָט דעם „עקספּרעס" נאָכיאָגן. ער האָט פונדעסטוועגן אַמאָל אויך ווען נויטיק, — זיך אויך קענען אָפּשטעלן און מסביר זיין אַן ענין ביז צום תלמידס אייגענעם באַנעמען, ביז זיין אַליין פאַרייגענען די סוגיה.

## קאַפּיטל עלף

# יאַנקעלעס משפּחה

יאַנקעלעס משפּחה איז געווען אַ גרויסע. זי איז געווען גרויס פון טאַטנס ווי פון דער מאַמעס צד. כאָטש נישט אַלע פעטערס און קוזינעס האָט ער געקענט. ער האָט נאָר געקענט די וואָס האָבן זיך באַוויזן אין זיין עלטערנס הויז, אָדער די, צו וועלכע ער האָט זיך אַליין באַוויזן.

די משפּחה האָט זיך געצויגן איבער אַלע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן, ליטע און רוסלאַנד, און ווייט אַריבער די ימים. דער מאַמעס משפּחה, די פּיזשיצעס, האָבן געשטאַמט פון בריסק. און פון איר טאַטנס צד, די קאָטלאַרוויטשעס, פון בריינסק לעבן ביאַליסטאָק.

פון צייט צו צייט פלעגט זיך אַראָפּכאַפּן אַ פעטער, אַן עלטער־פעטער, זעלטן אַ מומע, ווי די מומעס וואָלטן געפירט אַ ברוגז. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל נישט די מומעס האָבן געפירט די געשעפטן, נאָר זייערע מענער, די פעטערס. און אַזוי קומענדיק צוליב געשעפט, פלעגן זיי שוין אויך באַזוכן אַ קרוב. בפרט ווען אין איין צייט פלעגן זיי שוין ביי אים אויך האַלטן אַכסניה.

דער טאַטע פלעגט וויניק דערציילן פון זיין משפּחה, ווי בכלל וויניק שמועסן מיט יאַנקעלען, אַ חוץ אין תכלית זאַכן. און יאַנקעלע האָט זיך געשעמט און איז נישט געווען דרייסט צו פרעגן.

די מאַמע נאָר האָט געטראָגן איר חשבון היחוס פון ביידע צדדים. זי האָט גוט געקענט די משפּחה פון ביידע זייטן, און פלעגט וועגן זיי דערציילן וווּנדערלעכע זאַכן. זי האָט זיך וואָרעם באַצויגן צו אַלע קרובים, צו די אָרמע ווי צו די רייכע.

עפּעס איז געווען אין איר אַ נישט־אויסגעלעבטקייט און אַן אומצופרידנקייט נאָך פון די פריע יאָרן. אַ גאָרן און בענקען נאָך עפּעס וואָס איז איר פאַרלוירן געגאַנגען. און דאָס וואָס האָט איר אַליין געפעלט, האָט זי געפּרוווט געבן די אַנדערע פון דער משפּחה.

דער צו פרומער רעליגיעזער גייסט וואָס האָט געהערשט אין אַ טייל חסידישע משפּחות, האָט טראָץ דער נאָענטקייט און איבער־

געגעבנקיים פון איינעם צום אנדערן, געשאפן א געוויסע דיסטאנץ צווישן קינדער און עלטערן, וואס האט נישט דערלאזט צו קיין אינטי־מער התקרבות הנפש, צו א מין פרייע חברשאפט... בפרט צווישן פאטער און טאכטער. און שפעטער האבן דאס די קינדער אפגעפילט.

אויך יאנקעלע האט צייטנווייז געפילט דאס פעלן פון א מער אינטימערער התקרבות צווישן אים און דעם פאטער. כאטש ס'איז נישט געווען דעם טאטנס פערזענלעכע שולד, נאר גיכער דער גורם פון פארנומענקייט און רעליגיעזע געוווינהייטן. נאר די מאמע, ווי א בת יחידה, וועמען ס'איז נאך אין דער יוגנט פארלוירן געגאנגען אן איינציקער ברודער, האט דאס גוט אפגעפילט.

ווי געזאגט, האט יאנקעלעס מאמע טראץ דעם וואס זי איז נישט געווען קיין מלומדת, געהאט א פראקטישן שכל הישר. און איר שכל הישר איז אמאל געגאנגען ווייטער ווי דעם טאטנס. און זי האט נישט איינמאל פארגעזען און פארגעפילט זאכן וואס האבן זיך שפעטער באשטעטיקט.

אזוי האט זי א גאנצע צייט ווי נאר די מאטעריעלע לאגע האט זיך פארבעסערט, באזונדער ווען דער טאטע האט געהאלטן ראטא־יעוויטשעס מיל, צו אים צוגעשטאנען ער זאל זיך פארזיכערן מיט א רעכט הויז, און נישט מיט עפעס אן אלט קליין הילצערן הויז, אויף וועלכן ער האט נאך געלאזט שטיין דעם היפאטעק.

דאס זעלבע איז זי צוגעשטאנען חתונה צו מאכן באצייטנס די עלטסטע הדס, און נישט זיין אזוי איבערקלויבעריש אין חתנס לומדות. אזוי אויך מיט אנדערע זאכן. זי האט אבער אויך א חוץ איר פראקטישן חוש, פארמאגט א געוויסן ראמאנטיזם און געווען מער עלאסטיש נאכגיביק צו די קינדער ווי דער טאטע. און דאס טראץ דעם וואס זי איז דערצויגן געווארן אין א שטרענגערער פרומקייט ווי דער טאטע.

און דער דאזיקער כוח פון צופאסן זיך און נאכגעבן, האט איר דערמעגלעכט נאכן טאטנס טויט איבערצוטראגן איר אלמנהשאפט, שלום צו מאכן מיטן זונס אויספרומען זיך, אפצוריייניקן דעם היפאטעק פון הויז, און דער עיקר, חתונה צו מאכן אויף א בכבודיקן אופן אירע קינדער.

*

דעם פעטער שמילקעס קינדער האט יאנקעלע א הוץ זיין איידעם שעפס יאכעס מאן, וואס האט אין לאדוש פאבריצירט טוך און פליוש, אלע געקענט. זיי פלעגן פון צייט צו צייט קומען צו זייער טאטן אויף א באזוך.

דעם טאַטנס ברודער יאַנקל וואָס האָט שפּעטער געוווינט אין וואַרשע, ווי זיין ברודער הערשל (הערשל טשעמעניקער) און זיין שוועסטער דבורה דראַגאַטשינסקי מיט איר מאַן און קינדער, ווי די מומע פּאַקמאַן פון לוקאָווע מיט די קינדער וועלכע ער האָט שפּעטער באַזוכט, האָט ער אויך געקענט. אויך אַ פּאָר קרובים פון בריסק, אַטוואָצק און וואַרשע האָט ער געקענט.

די איבריקע זענען אים געווען אומבאַקאַנט. און פון די דאָזיקע אומבאַקאַנטע האָט די מאַמע פאַר אים געפלאָכטן אַ קראַנץ פון לעגענדעס. אין דער אמתן אָבער זענען זיי געווען לעבעדיקע, נישט קיין אויסגעטראַכטע געשטאַלטן. די מאַמע האָט זיי, ווי ער האָט זיך דערנאָך איבערצייגט, נישט אויסגעטראַכט.

נאָר די אומשטענדן פונעם געשען און דער אופן פון איר דער־ציילן וועגן זיי, האָט אים דאַן דעם קליינעם יונגעלע אויסגעזען ווונ־דערלעך, נסים ונפלאותדיק. פון בריסק, פונוואַנען זיין פּיזשיץ־משפחה שטאַמט און וואָס איז אַזוי נאָענט צו ביאַלע ווי אַנצוטאַפּן מיט דער האַנט, האָט ער געוווּסט. אויך פון ירושלים, די שטאָט פון דוד און שלמה און פון ביידע בית המקדשן, וואָס הגם זי איז ווייט, ווייטער פון בריסק, האָט ער אויך געוווּסט. זי איז דאָך אַזוי נאָענט צו אַ יידיש יונגל.

נאָר ווו געפינט זיך אַמעריקע און וואָס פאַר אַ לאַנד דאָס איז, דאָס האָט ער נישט געוווּסט. וואָס דאַרף מען מער, אפילו בריינסק, זיין זיידנס שטאָט און דאָס אָרט פון זיין משפחה די קאַטלאָוויטשעס, האָט ער דאַן נישט געוווּסט ווו עס איז. עס האָט אים אויסגעזען ווי עס געפינט זיך ערגעץ אונטער די הרי חושך...

און דערציילט האָט זי די מאַמע מיט פאַרטרערטע און פאַר־בענקטע אויגן, ווי איר קינדהייט איז געווען אַן איינזאַמע. זי האָט געהאַט אַן איינציקן יונגן ברודער, וואָס איז איר פּלוצלונג פאַרפאַלן געוואָרן און זי האָט ביז דעם טאָג נישט געוווּסט וואָס מיט אים איז געשען און צי ער לעבט בכלל.

אירער אַ פּיזשיץ, משה פּיזשיצער, אַ זיידע צי אַן עלטער זיידע (פּיזשיצער איז געוואָרן פאַרקירצט אויף פּיזשיץ), אַ גרויסער גביר און למדן, אַן אַרויסהעלפער צום בריסקער מהרי״ם אין דיינות, האָט זיך אין בריסק אין מיטן טאָג מיישב געווען איבערצולאָזן אַלע זיינע געשעפטן און פאָרן קיין ארץ ישראל. „וואָס עפּעס מיטאַמאָל אַזוי פּלוצלונג?״ האָט אים דאָס ווייב געפרעגט. „ווייל״, האָט ער געענט־

פערט, „מען טאָר נישט וואַרטן. אז מען וועט וואַרטן, קען מען נאָך האָבן חרטה”. און ער איז אַוועק קיין ארץ ישראל קיין ירושלים, און האָט דאָרט געבויט הייזער און געגראָבן ברונעמער. ער האָט דאָרט געטאָן נאָך גוטע זאַכן, פון וועלכע ער האָט זיך קונה שם געווען ווי דער צדיק פון ירושלים.

אַן אַנדער נאָנטער קרוב, אַ פּיזשיץ, איז מיט אַן אייגענער שיף אָנגעלאָדן פון כל טוב, געקומען פון אַמעריקע קיין דאַנציג צו באַזוכן פּוילן. און נאָך אַזעלכע אים דאָן פאַנטאַסטיש אויסזעענדיקע משפּחה־מעשיות. לײדער האָט דאָן דער קליינער יאַנקעלע נישט פאַרשטאַנען דעם ווערט פון אירע דערציילונגען און האָט זיך נישט באַמיט פון איר אַרויסצוקריגן מער קלאָרקייט און פאַקטן, וואָס וואָלטן צוניץ געקומען נישט נאָר דער געשיכטע, נאָר אים אַליין.

ווען יאַנקעלע איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט ער זיך דער־ וווּסט פון דוד פּיזשיצעס (שמילקע פּיזשיצעס אַ זון און יאַנקעלעס אַ קוזין) אַן אייניקל (וו. לאַנדוים פּרוי) וועגן אַ משפּחה־נאָנטן לואיס פּיזשיץ (פּיזיץ), פונעם ביאַליסטאָקער משפּחה־אָפּצווייג, וואָס איז געשטאָרבן צו 93 יאָר אין בירמינגהאַם, אַלאַבאַמאַ, איבערלאָזנדיק פאַר זיינע קינדער איזידאָר, סילוויאַ און בערטאַ „דעפּאַרטעמענטס סטאָרס” איבער גאַנץ אַלאַבאַמאַ. אַזוי אויך האָט ער זיך דערוווּסט פון אַ משה פּיזשיץ פונעם וויים־רוסישן אָפּצווייג (אַלע פונעם בריסקער שטאַם), וואָס האָט שוין אויך נישט געלעבט. לײדער זענען לואיסעס קינדער אָפּגעפרעמדט, און ווייסן, אַ חוץ פון זייער טאַטן, גאָרנישט מער פון דער משפּחה. אין יאַנקעלען עגבערט אַ געדאַנק: איז נישט אַמאָל איינער פון די פאַרשטאָרבענע אין אַמעריקע פּיזשיצעס געווען דער מאַמעס פאַרלוירענער ברודער ? . . .

אַ באַזונדערע באַציונג האָט זי אַרויסגעוויזן צו אַזאַ משפּחה צונאָמען ווי משה דזשעשקע (משה פּיזשיץ ?). זי פלעגט אים אָפט דערמאָנען. נאָר אויך פון דעם איז קיין באַזונדערע קלאָרקייט ביי יאַנקעלען נישט געבליבן. דערפאַר אָבער איז אים קלאָר געוואָרן די סיבה פון איר באַציונג צום טאַטנס אַ פעטער משה מענדל, וואָס פלעגט זיך אָפט אַראָפּכאַפּן פון טערעספּאָליע קיין ביאַלע.

דאָס איז געווען אַ הויכער ברייט־פּלייציקער ייד, מיט אַ פיין געפלעגטער שוואַרצער באָרד און פאות, וואָס האָבן אַזוי באַחנט זיין טונקעלן הדרת פּנים. זיין אויסזען און געשטעל איז געווען ווי פון אַ פּרינץ פון מזרח־לאַנד. כאָטש סך הכל איז ער אין טערעספּאָליע (ביי בריסק) געווען נישט מער ווי אַ גאַלאַנטעריע קרעמער. ער איז

נערוט פון זיין כסדרדיקן לויפן, זיך צונויפגענומען און קאָנצענטרירט אויף איינס. מיט דער גאַנצער שאַרפקייט פון זיין דיאַלעקטישן און תלמודישן כוח הסברה אַרויסצוברענגען דעם געדאַנק, אים אויפבויען און אויסקלאָרן, דערנאָך דורך פּרוּוון אים אָפּפרעגן, צעוואָרפן דעם גאַנצן געדאַנקען־בנין, ביז אים צוריק אויפבויען, אים צוריקשטעלן און שוין לאָזן אים אַזוי שטיין אויף אַ פעסטן יסוד.

יאַנקעלע האָט דעם חנוכה־ענין, דעם דיאַלעקטישן חנוכה גע־פלעכט, גיך אויפגעכאַפּט און באַנומען. האָט ער דאָך די סוגיה פון חנוכה צוליב איר מענינא דיומאדיקע אַקטועלקייט (די דינים פון חנוכה) געלערנט אויך ביי זיינע פריערדיקע רביים. הגם נישט אַזוי אויסגעברייטערט און פאַרטיפט ווי ביי ברוך שלומען.

האָט ער נאָך אַ פּאָר מאָל איבערזאָגן דעם בר מצווה־פּלפּול וואָס האָט זיך נאָך דער שקלא וטריא פון „כבתה זקוק לה ואין זקוק לה" (שבת), דער עיקר אָפּגעשטעלט אויפן קריגעלע בוימל ווי אַזוי ס'איז געבליבן גאַנץ, איז נישט געוואָרן צעבראָכן און נישט טמא געוואָרן נישט דורך אַנרירן עס און נישט דורך טרעטן אויף דעם (בהיסט), ציטירנדיק דערביי אַלע שייכותדיקע מקורות פון ראשונים און אחרונים ווי פון יעדן רבנישן און רבישן איינפאַל, שוין דאָס פּשטל געקענט אויף אויסנווייניק. און אויפגעמונטערט פונעם קענען און באַהערשן דעם פּלפּול, האָט ער שוין אַ צעפרייטער מיט שפּאַנונג אויסגעקוקט דעם בר מצווה־אָוונט.

*

ס'איז געקומען חנוכה און עס האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון דער בר מצווה. אין שטוב איז אָנגעגאַנגען אַ פיבערהאַפטע צוגרייטונג. די מאַמע האָט פאַר דעם אָוונט צוגענומען אַ חוץ דער יידישער דינסט וואָס זי האָט געהאַלטן, אויך אַ קריסטין.

מען האָט די שטוב גענוצט און געווי ווי צו א חתונה. געשייערט און געוואַשן די פענצטער, און אויף זיי אָנגעצויגן נייע פאַרהאַנגען. געריייניקט און גענוצט דעם מעשענעם פּאַטשערקעס־לאָמפּ פון דער סאַליע, ווי אויך דאָס פּליושענע מעבל. און כאָטש די סעודה איז געווען באַשטימט פאַרן עס־זאַל און נישט פאַר דער סאַליע, האָט זי אָבער געדאַרפט זיין גרייט פאַר די פּרוּיען.

יאַנקעלען אַליין האָט מען אין די לעצטע טעג צעריסן פון אַלע זייטן. דאָס איז שוין געווען דער מאַמעס אַרבעט. מען האָט אים גע־שלעפּט פון שניידער צום שוסטער און פון שוסטער צו דער נייטאָרין. ביים שניידער האָט ער געדאַרפט גיין מעסטן דאָס נייע זיידענע

געהאַקטע קאַפּאַטקעלע, וואָס מען האָט פאַר אים צו דער בר מצווה באַשטעלט, און ביי דער נייטאָרין האָט ער געדאַרפט מעסטן די נייע שלאָף־ראָקן.

און אַט איז אויך דער אָוונט געקומען. די קראָם אונטער די דירה אויפן הויף איז ווי צו אַ יום טוב געוואָרן פרי פאַרמאַכט. דער טאַטע איז באַצייטנס געקומען פון מיל, און האָט זיך צוזאַמען מיט דער מאַמען און שוועסטער געגרייט אויפצונעמען די געסט. אַלע צימערן זענען געווען צעהעלט און צעליכטיקט. די זייטן פונעם גרויסן טיש אינעם עס־צימער זענען געווען אַרויסגערוקט, און אַרום אים און די צוגעשטעלטע טישן, רייען מיט שטולן און בענק.

פון דער גרויסער סאַליע האָט אַהער אַריינגעשיינט דער פּאַ־טשערקעס לאָמפּ, וועמענס ליכט־געשפּיגל האָט זיך געטיקט און גע־מיניעט אינעם אייגענעם מעש און פּאַטשערקעס ווי אינעם קרישטאָל פון די צעשטעלטע לעקעך־קלאָשן, אויסמישנדיק זיך מיטן ליכט פון די לייכטער און גרויסן בליך־לאָמפּ פונעם עס־צימער. פון דער קיך האָבן אַהער אַריינגעשמעקט ריחות פון געבראָטנס און געווירץ, ווי אַלץ וואָלט זיך אויסגעמישט אין איין אָנגענעמען ריח־געמיש.

דער ערשטער האָט זיך באַוויזן יאָנקעלעס רבי ברוך שלום קרייטשטיין. נאָך אים האָט אויפן הויף אָפּגעהילכט דעם פעטער שמילקעס אָנגעקומענע קאַטש. די קאַטש מיט די רויטע קאַשטאַנעס האָט זיך ביי דער דירה אָפּגעשטעלט און די פערד האָבן זיך פריידיק צעהירזשעט, ווי אויך זיי וואָלטן זיך געפרייט מיט דער בר מצווה. נאָך דעם זענען אָנגעקומען דער ביאַלער רב ר׳ שמואל לייב ז״ק מיטן שמש און איידעם דעם דיין ר׳ משה אוטשען, און נאָך זיי די איבריקע פּיזשיץ־משפּחה מיט אַלע איבריקע געסט.

מיטן אָנקומען פונעם רב און דעם פעטער, איז דער מאַמען אַראָפּ אַ שטיין פונעם האַרץ. דער פעטער איז שוין געווען שוואַך, אין די זעכציקער. אויך דער טרעספּאָליער עילוי איז געווען אַ קראַנקער און געבויגענער. האָט זי מורא געהאַט, טאָמער וועלן זיי אין אַזאַ ווינטערדיקער נאַכט נישט קענען קומען. און אַז זיי זענען געקומען, איז זי געוואָרן אויפגעלייגטער, צעפרייידט. דער פעטער האָט זיך מיט די עלטערן און די שוועסטער וואַרעם באַגריסט. און יאָנקעלע האָט פון אים אַריינגעכאַפּט אַ קניפּ אין באַק. פאַרן רב האָט דער שמש געמאַכט אַ וואָרע, און די נשים האָבן זיך מיט יראת הכבוד פון אים אָפּגערוקט.

דער צימער איז געוואָרן פאַרפולט מיט פריינט און חסידים פון

שטיבל. נאָך אַ תורה־שמועס צווישן רב און די פּאַרזאַמלטע לומדים און טועם זיין פון לעקעך און בראָנפן, איז געוואָרן שטיל און יאַנקעלע האָט אָנגעהויבן זיין פּשטל.

ער האָט פריער איבערגעזאָגט די גמרא אָנהייבנדיק פון „תנו רבנן, מאי חנוכה?" ביז ער איז צוגעקומען צום קריגעלע בוימל. דאָ, ביים ענין פון קריגעלע בוימל, האָט ער באַוואָפנט מיט תוספות, מהרש"א און אַנדערע מפרשים, זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ פּלפּול וועגן נס פונעם בוימל.

ער האָט געפרעגט און געענטפערט. געפּשטלט אויף יאָ און ניין. אויפגעבויט געדאַנקען און סברות, און זיי אַליין צעשטערט. ביז ער האָט זיי צוריק אויפגעבויט, אָט אַזוי ווי מען בויט צוריק אויף אַ צעפאַלענעם בנין. און צוריק אויפבויענדיק, האָט ער שוין דעם בנין פּאַרפעסטיקט, ווי אַ בנין עד.

זיין געדאַנק און זכרון איז געווען קלאָר ווי אַ קלאָר קוואַליק וואַסער. ער האָט זיך נישט פאַרלוירן, נישט פאַרפּלאָנטערט. די צו־הערער האָבן געגאַפט און די לומדים האָבן מיט הנאה זיך איבער־געוווּנקען. די מאַמע איז געשטאַנען אין אַ ווינקל אין קיך און זיך געווישט די אויגן. און כאָטש אַ חוץ איינציקע ווערטער האָט זי ווי די איבריקע פרויען גאָרנישט פאַרשטאַנען, האָט זי אָבער דערקענט אין יאַנקעלעס גלאַטן זאָגן ווי אינעם פאַרגאַפטן הערן פון די לומדים, אַז ס'איז גוט.

זי האָט פונדעסטוועגן, כדי צו טיילן זיך מיט איר פרייד, אָפּ־געזוכט דעם טאַטן און אים מיט ליבשאַפט געפרעגט: „נו, וואָס זאָגסטו אהרן?"... דער טאַטע אַ פאַרסאָפּעטער, האָט אַצינד נישט געהאַט קיין איבריקע צייט צו רעדן. „גוט, גוט, אַלטע, ער האָט גוט געזאָגט", האָט ער איר קורץ געענטפערט. און ער האָט אַוועקגעאיילט צו ברוך שלומען אים דריקן די האַנט און זאָגן אַ יישר כוח פאַרן פּשטל.

נאָכן ענדיקן זאָגן, האָבן זיך אָנגעהויבן די ווינשעוואַניעס און דאָס געבן יאַנקעלען מתנות. דער פעטער שמילקע האָט אים געגעבן אַ זילבערנעם זייגער אָן „אַנקערל", מיט אַ גאָלדן קייטל. זיין זון יצחק, אַ קליינעם ווילנער ש"ס. זיין איידעם וואָלוויש (וואָלף גאָלדשטיין) אַ תנ"ך. און אַזוי אַנדערע.

די סעודה האָט זיך לאַנג געצויגן. מען האָט געשמועסט אין לערנען, און די פּאָליטיקער אין פּאָליטיק. ביז די זינגער האָבן צוגע־לייגט אַ האַנט צום אויער און זענען אַרוים אין אַ געזאַנג. דאָס

געזאַנג האָט זיך צעגאָסן, געשטאַרקט, איז אַרויס דורך די פֿענצטער אויפֿן גרויסן הויף און דורכן הויף אויף דער גאַס. ביז עס האָט אויפֿגעהערט, און דער עולם איז זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען.

אויך די קריסטלעכע באַדינערין איז פֿון דער שמחה געווען צופֿרידן. צופֿרידן נישט פֿון יאַנקעלעס פּשטל, נאָר פֿונעם בראָנפֿן. זי האָט פֿאַרענדיק זיך אין קיך און אויסנוצנדיק די פֿאַרנומענקייט פֿון די באַלעבאַטים, אַריינגעוואָרפֿן אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל, ביז זי איז געוואָרן פֿאַרשניאַשקעט. און שיכור, האָט זי שוין מיט צעצונדענע אויגן און קרומנדיקע, גראָבע וואַקלנדיקע פֿיס אַרומגעזוכט יאַנקעלען.

### קאַפּיטל צוועלף

## נאָך דער בר מצוה

דער יום טוב פֿון בר מצווה איז אַריבער. און גלייך נאָך דעם האָט זיך די משפּחה צוריק איינגעשפּאַנט אין יאָך. די מאַמע האָט זיך צוריקגעקערט צו איר שפּייכלער־קראָם און דער טאַטע צו זיין מיל. נאָר ווער ווייסט וואָס די צייט טראָגט אין זיך?... האָבן דווקא נאָך דער פֿרייד פֿון דער בר מצווה די געשעענישן אין דער משפּחה גענומען יאָגן איינע נאָך דער אַנדערער. און דאָס נישט צום גוטן.

נאָכן פֿאַרענדיקן דעם זמן ביי ברוך שלומען, האָט דער טאַטע באַשטימט יאַנקעלען צו לערנען ביי די יאַקובאָווסקיס אין הויז (זעליג יאַקובאָווסקיס פֿאָטער) אויף דער יאַטקע גאַס, ווו דער רבי איז געווען מאָטל דאָמאַטשעווער. ער האָט געלערנט צוזאַמען מיט יאַקובאָווסקיס יונגערן זון (זעליגס ברודער), אַ צוגעפּוצטער בחור מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פֿון אים. געלערנט האָבן זיי זאַלבע צווייט נאָר אַ האַלבן טאָג.

דעם אַנדערן האַלבן טאָג האָט ער אויסגענוצט פֿאַר וועלטלעכע לימודים. ער האָט געלערנט אין פֿאַרשידענע שולן, ביי משה קראַמאַרזש, וואָלף נוכאָוויטש און ביי לערער וואָס זענען געקומען אין שטוב. מאָטל דאָמאַטשעווער פֿלעגט זיך אויך נישט צופֿיל אָפּשטעלן אין לערנען, כאָטש ער האָט נישט גערייכט ווי ברוך שלום. דאָס איז געווען, כדי אונדז צוצוגעוווינען אַליין צו לערנען.

די יאַקובאָווסקיס זענען געווען משפּחה־פֿריינט. פֿרוי יאַקובאָווסקי איז געווען דער מאַמעס אַ חברטע. און די יונגסטע רויזע, אַ בת יחידה און אַן ערנסט מיידל, איז געווען יאָכעס אַ חברטע. זיי

זענען אויך פריער ווען מיר האָבן געוווינט אויף דער יאַטקע־גאַס געווען שכנים.

דער טאַטע האָט געוואָלט יאַנקעלע זאָל נאָך אַביסל צולערנען איידער ער הייבט אָן לערנען פאַר זיך. דער חשבון האָט שוין אָבער אַביסל נישט געשטימט. ביידע זענען שוין נישט געווען קיין גאָר פרומע יונגלעך. און מיטן אויספרומען זיך איז אויך קלענער געוואָרן די התמדה צום לערנען. בפרט בלויז הלכה.

געהאָלטן האָט זיי נאָך די סביבה און דער כיבוד אב ואם. אויך איז די השפעה פונעם מיטלערנער אויף יאַנקעלען נישט געווען קיין געהויבענע. זיין הלבשה איז שוין געווען מתנגדיש. די פאה אָן אַרונטערגעהאַקטע מיט אַ גלייכן שניט. און אין כאַלאַטל האָט ער שוין גאָר געהאַט מורד געווען. כאָטש זיין טאַטע איז געווען אַ גערער חסיד.

די יאַקובאָווסקיס זענען נאָך דאַן געווען אין די פּעדערן. — זיי האָבן געהאַט אַ הילצערן ירושה־הויז, און דער פאָטער יאַקובאָווסקי האָט געהאַנדלט מיט וואַלד. דער עלטערער זון זעליג, איז געווען אַן אַסעקוראַציע אַגענט, און אַ ציוניסטישער אַקטיוויסט. ער האָט חתונה געהאַט מיט דער אינטעליגענטער בעלאַ, אַ געזעלשאַפטלעכע טוערין. און זיין חבר צום לערנען, דער יונגערער יאַקובאָווסקי, האָט אַרויס־געוויזן אַ באַזונדערן טאַלאַנט צו פאַנטאַזיעס. יאַנקעלע ווייסט נישט מיט וואָס ער האָט זיך נאָך זיין אָוועקפאָרן פון ביאַלע (1929) פאַר־נומען, נאָר וואָלט ער געהאַט אַ טאַלאַנט צום שרייבן, וואָלט ער געווען דער פאַנטאַסטישסטער דערציילער.

אַלץ איז ביי אים אַרויסגעקומען הונדערט־פאַכיק, טויזנט־פאַכיק. האָט זיין טאַטע געקויפט אַ הונדערט ביימער, איז ביי אים אויסגעקומען צען טויזנט. האָט ער געקויפט אַ שטיקל וואַלד, האָט עס געמעגט זיין אַזוי גרויס ווי דער ביאַלער בית המדרש, האָט ער שוין געשילדערט דעם טאַטנס קניה אַזוי גרויס ווי גראַף פּאָטאָצקיס וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן פון ביאַלע ביז מעזריטש. ערשט ווענן זיינע עלטערנס חתונה האָט ער גאָר געהאַט צו דערציילן נסים ונפלאות. אַזוי האָט זיין טאַטע דער מאַמען צו זייער חתונה געקויפט אַ שנירל פּערל, די לענג פון דרייסיק אייל...

*

די מאַמע האָט פאַרט אויסגעפירט, כאָטש נישט אַזוי ווי זי האָט געוואָלט. דער טאַטע האָט ענדלעך ביי אַ ישובניק (דעם קאָב־רינער פעלדשערס שווער) אָפּגעקויפט אַ דריי דירהדיק הילצערן הויז

אויף דער פּראָספּעט, אין שכנות רעכטס מיט קאַטשעטמויניק דעם שוסטער, און לינקס מיטן מיעשטשאַן (שטאַטישן פּויער) יוזעף כאַר־לאַמפּאַוויטש.

יאַנקל האָט עס פּאַרקויפט, ווייל אין זיין אַרענטלעכער האַרע־פּאַשנער משפּחה האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ טאָכטער אַ משומדת און ער האָט נישט געוואָלט זי זאָל אים ירשענען. דער טאַטע האָט אָבער אַ טייל געלט געלאָזט שטיין אויפן היפּאָטעק, כאָטש ער האָט דאָס געלד געהאַט. ער האָט געהאַלטן אַז ס׳איז גלייכער דאָס איבריקע געלד אַריינצולייגן אין בעסערע געשעפטן.

נאָכן קויפן דאָס הויז האָט זיך די משפּחה גלייך אַהער אַריבער־געצויגן. כאָטש פּאַר ביידע, דעם טאַטן מיט דער מאַמען, איז דער מרחק צו זייערע געשעפטן געוואָרן אַ ווייטערער. מען האָט זיך אָבער איינגעבראַכט דירה־געלד און עס איז נאָך עפּעס געבליבן פון די צוויי פּאַרדונגענע דירות מיט דער ליודאָווניע (אייז־קעלער).

דער עיקר איז אָבער געווען, וואָס די נייע דירה אינעם היל־צערנעם טרוקענעם הויז איז געווען בעסער פאַר דער מאַמעס געזונט וואָס האָט געליטן אויף די לונגען און רעוומאַטיזם, ווי די פריערדיקע דירה ביי חיים לוין, ווו די זון איז וויניק צוגעקומען.

כאָטש אַן אייגן הויז מיט אַן אייגענעם הויף וועמענס פּענצ־טער זענען אַרויס צו דער סאַמע גאַס, איז פונדעסטוועגן לכתחילה יאַנקעלען געווען אַ שאָד חיים לויס גרויסער הויף מיט די חברים. ער האָט זיך אָבער ביסלעכווייז צוגעוווינט צו זיין אייגענעם הויף, וואָס כאָטש אַ קליינער, אַ טל ומטר די גרוים פון חיים לוים, איז ער אָבער אַן אייגענער, און איז אַ טריט צום פעטער שמילקעס הויז אויף דער בריסקער גאַס.

ער איז אויך געווען צופרידן פון זוניקן גאַניקל מיטן בוידעם אין סאַמע שטוב, צו וועלכן מען דאַרף נישט קריכן מיט קיין לייטער נאָר מען שפּאַצירט זיך פּשוט צו אים אַרויף מיט די טרעפּ דורך דער טיר פון צימער, ווו מען קען זיך באַהאַלטן, און פון אים זען גאַנץ ביאַלע.

דער טאַטע האָט די דירה פאַרשענערט. מען האָט אַרויסגע־וואָרפן דעם גרויסן באַק־אויוון מיטן קוימען, און אויף דעם אָרט איינ־געסטראָיעט אַ ניי קאַכלאָווע קיכל מיט אַ קאַכלאָווע ווענטל פאַר כלים, מיט טאָפּעלע עלעגאַנטע פייער־טירלעך. און די קיך איז געוואָרן גרעסער און שענער. מען האָט אויך אונטערן הויז אונטערגעלייגט

בלאַנדער אַפּיציר אין די דרייסיקער, מיט אומרואיקע, אַרומלויפנדיקע אויגן, אַ געבוירענער אויפן אוראַל.

דער עס-צימער איז געווען פאַרפּוצט, און דער טיש מיט כל טוב איז געווען גרייט. ער האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן, און האָט ביים עסן אַריינגעוואָרפן איין כוסה נאָך דער אַנדערער. און „כטוב לב באַנדאַראַוו ביין", האָט ער אונטערגעשריבן דעם קאָנט־ראַקט. און ווי צו באַווייזן זיין יידן-פריינטשאַפט, האָט ער ווי אַ פאַרליבטער אָנגעהויבן רעדן וועגן תנ"ך.

און אַזוי רעדנדיק, האָט ער גענומען יאַנקעלען וואָס איז גע־זעסן מיטן טאַטן און דער מאַמען ביים טיש (די שוועסטער האָט מען אַרויסגעשיקט) אויף אַ פאַרהער. באַנדאַראַוו האָט דווקא אַרויס־געוויזן אַ קענטשאַפט אין תנ"ך. נאָר יאַנקעלע, כאָטש אין רוסיש, איז אויך נישט אָפּגעשטאַנען. און ביידע, דער טאַטע מיט יאַנקעלען, זענען געווען צופרידן. דער טאַטע האָט פאַר באַנדאַראַוון געוואָלט באַווייזן זיין דרייצן יאָריק יונגעלעס קענטשאַפט, און דערביי זיך אויך איבערצייגן אין זיין רוסיש. און יאַנקעלע איז געווען צופרידן פונעם טאַטנס צעפרייטע אויגן, און דער מאַמעס קאָמפּלימענטן איבער אים.

נאָך דעם אָבער איז אין דער משפחה אַריינגעטראָטן אַן ענדע־רונג לרעה. דער רעזולטאַט פון די אינטריגעס אַרום הויפּט-געשעפט, דער מיל, וואָס האָבן זיך ביז דער צייט געוועבט אין דער שטיל, זענען איצט אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין. עס האָט זיך געענדיקט דער טערמין פון קאָנטראַקט איבער דער מיל. נאָר אַנשטאָט ווי ביז אַהער אים אין דער שטיל צו באַנייען, האָט מלכהלע ראַטאַיעוויטשעס פרוי דאָס ווידער אַרענדירן די מיל אַרויסגעשטעלט אויף אַן עפנט־לעכער ליציטאַציע, אונטערשטעלנדיק איינעם פון די פריערדיקע שותפים ישראל פינקלשטיין דעם טאַטן צו איבערליציטירן מיט אַ הויכן פרייז.

דער פרייז פאַר זיך אַליין אַ צו הויכער, וואָלט נאָך דער טאַטע כדי אים איבערצושטייגן, אים נאָך מער געדאַרפט העכערן. און דאָס וואָלט געווען אַ צו ריזיקאַלישער שריט. האָט ער איבערגעלאָזט די ליציטאַציע און איז אַוועק.

ער איז אַהיים געקומען פון דער געשיכטע אַ פאַרביטערטער. און נאָך מער האָט אים געקרענקט דער פאַראַט פונעם שותף דעם ריטקער. אויף מלכהלען דער משומדת האָט ער זיך אַלץ געקענט ריכטן. נאָר אויף אַן אייגענעם שותף, ווער זאָל זיך ריכטן? די מאַמע האָט אין אים דערקענט אַז עס איז עפּעס געשען. נאָר דער טאַטע,

ס'רוב א שווייגער, בפרט אין ענינים פון דורכפאַל, האָט ווי זיין שטייגער איז געווען איר נישט געוואָלט דערציילן.

ער האָט אָבער לאַנג דעם סוד אין זיך נישט געקענט האַלטן. האָט די פאַרביטערונג אין זיך אַליין נישט געקענט טראָגן, ביז ער האָט זיך מיט עמעצן געמוזט טיילן. און ווען די מאַמע איז דערפון געוואָר געוואָרן, איז איר כעס און צאָרן קעגן ריטקער געוואָרן נאָך שטאַרקער ווי ביים טאַטן.

זי האָט געברענט קעגן אים מיט אַ פייערדיקן גרים צאָרן. האָט אים געשאָלטן מיט קללות נמרצות. און נאָכן טאַטנס טויט, האָט זי גאָר איר גאַנצע ביטערקייט קעגן אים געווענדט. זי האָט נישט וויי־ניקער ווי געוואָלט דערלעבן אין אים אַ נקמה, דעם טויט, האַלטנדיק, אַז ער דער ריטקער, איז געווען דער גורם פון איר מאַנס טויט.

דאָס לערנען ביי די יאַקובאָווסקיס אין הויז מיט מאַטל דאַמאַ־טשעווער האָט זיך געענדיקט. און יאַנקעלע, וועלנדיק אויסמיידן די אָנגעשטרענגטע אַטמאָספערע אין הויז, איז אַוועק אין שטיבל לערנען. קיין סך בחורים־לערנער איז דאַן אין שטיבל נישט געווען. און פון די יונגעלייט איז געווען בלויז שלמה חיים גרשונס מצבה־קריצערס איידעם, דער מאַן פון זיין איינציקער טאָכטער, דאַן אַן איידעם אויף קעסט.

*

דער טאַטע האָט לאַנג נישט געקענט בלייבן אָן אַ געשעפט. איז ער צוגעטראָטן צו בועז ליוסטיקמאַן דעם „הילצערנעם" פאַר אַ שותף אין זיין געשעפט פון בוי־מאַטעריאַלן. דאָס נייע געשעפט האָט געפאָדערט מער אָנשטרענגונג און אויך מער געלד אַריינצולייגן.

מען האָט געדאַרפט קויפן וואַלד, אים האַקן, און ערשט נאָכן אַריינפירן די געריייניקטע קלעצער אינעם טאַרטאַק, זיי שניידן אויף ברעטער און טריקענען, ביז עס וועט זיך אויף זיי באַווייזן אַ קונה.

ס'איז נישט געווען קיין גרינג געשעפט. אוודאי נישט ווי די מיל, וועמענס אָפּגעמאָלטן ווייץ מען האָט גלייך געקענט פאַרקויפן און אָנזען אַ מזומנעם גראָשן. פונדעסטוועגן האָט זיך דאָס געשעפט געהאָט איינגעשטעלט, און דווקא די לעצטע חדשים פונעם יאָר האָט מען אָנגעהויבן לייזן. און ווי די דייטשע סוחרים וואָלטן געוווסט דעם סוד וואָס עס וועט געשען, — זענען זיי אין סוף 1913 געקומען קיין ביאַלע איינקויפן וואָס מער בוי־האָלץ. זיי האָבן געקויפט און אויך גוט געצאָלט.

מורא געקריגן פארן טאטן, ער זאל נישט ווערן מאביליזירט אין דער צארישער ארמיי.

די מורא פאר דער ארמיי איז געווען אן אומזיסטע. ער האט זיך פון איר אויסגעדרייט, ווי ער האט זיך אויך אויסגעדרייט פון דער מיליטערישער ארבעט, פאר וועלכער ער האט וועמען געדונגען צו ארבעטן פאר אים. ס'איז אים אבער נישט געווען באשערט זיך ארויסצודרייען פון דער נאך גרעסערער סכנה, וואס איז אים שוין אויף אייביק באפאלן.

דער מסחר מיט בוי-מאטעריאל, וואס האט זיך דער עיקר גע־האלטן אויפן אויסלענדישן האנדל, האט זיך אפגעשטעלט. די גרענעצן זענען גלייך געווארן פארמאכט און עס איז געווען אין יוצא ואין בא.

דער טאטע איז ווי פריער יעדן טאג געגאנגען אין טארטאק. און געגאנגען איז ער שוין אצינד נישט אויף צו לייזן, נאר בלויז אכטונג צו געבן אויף זיין שווער פארהארעוועט פארמעגן, וואס איז אין פארם פון ברעטער און באלעס ווי אנגעזאמלטע באנקנאטן אין א באנק, אצינד געלעגן פראנק און פריי פאר די פיינטלעכע דייטשע רויבער.

ער איז שוין נישט געווען דער זעלבער פינף און דרייסיק יאריקער יונגערמאן, וואס איז פול מיט ענערגיע און אקציע. זיין פנים טונקל-פארגעלט, האט אויסגעדריקט זארג און דורכפאל.

די אויגן ווי ארײן אין קאפ, האבן דערציילט פון אן אינער־לעכער געבראכנקייט און דערדריקטקייט. עס האט אים צענומען נישט אזוי די מורא פאר זיך, ווען וועלכער ער האט אפשר נישט געאנט, ווי די מורא פאר דער משפחה, וועמענס מאטעריעלן יסוד ער האט שוין געזען א חרובן.

### קאפיטל דרייצן

## מלחמה

אין שטיבל איז געווען אן אויפרודער. אן אויפרודער נישט פון עפעס א צוגעגרייטע הילולא, אדער פון אזוי א חסידישע שמחה, נאר גאר ווי פון עפעס אן אנקומענדיקע צרה, וואס הגם איר פולע אויסווירקונג איז נאך נישט געווען באקאנט, איז אבער איין זאך געווען קלאר: אז קיין גוטס פארן כלל וועט זי נישט ברענגען.

דערווייל האבן זיך באוויזן די ערשטע פליטים, און צווישן זיי אייגענע חסידים. די לערנער האבן אין די ערשטע טעג נישט געהאט

קיין געדולד צו לערנען. פּאָטשטן און ידיעות זענען געקומען איינע נאָך די אַנדערע. און די שטיבל־פּאָליטיקער האָבן זיי גלייך גענומען מפרש זיין. זיי האָבן אַנגעהויבן פּאָרויסזאָגן דעם גורל פון פעלקער און לענדער „מי לחיים ומי למוות", ווער עס וועט געווינען די מלחמה און ווער עס וועט איר פאַרלירן.

אַפילו יצחקל, חיים יאָסקע קאַשטענבוימס איידעם, וועמענס פרוי האָט געהאַט אַ גלאָז־קראָם און אַליין איז ער געזעסן אין שטיבל און האָט געלערנט, אַ ייד אַ שווייגער, — איז דאָס מאָל געוואָרן באַרעדעוודיק, און האָט נביאות געזאָגט וועגן רוסישן בער, דעם דייטש און דעם טערק. און דעם ערגסטן פּסק האָט געכאַפּט דער טערק. אויף אים, דעם טערק, האָבן זיך אַלע שטיבל־פּאָליטיקער גע־וואָרפן און אים צוגעטיילט זיין חלק. ווער אַ קלענערע און ווער אַ גרעסערע מפּלה.

זענען ביים פענצטער־ווינקל אין שטיבל פאַר מנחה געזעסן די שטענדיקע „פּאָליטיקער" און האָבן אַצינד געמועסט וועגן דער מלחמה.

— איך זע יידן, אַז נישט נאָר דער טערק, נאָר אויך דער קאַיזער (ווילהעלם) און זיין שותף פראַנצל, דער מיט די באַקן־בערד, וועלן קריגן זייערס. זיי וועלן אַראָפּ פון דער גדולה. האָט זיין צו־שטייער געגעבן יאַנקל ריבאַק, אַ שפּיליטער וואָס פלעגט ברענגען פון וואַרשע סחורה פאַר די קרעמער.

— און איך זאָג אייך, אַז צום ערגסטן וועט אָפּשניידן דער טערק. זיין „הייליקע" אימפּעריע וועט זיך צעפאַלן ווי אַ „סוכה הנופלת" (צעפאַלענע סוכה). האָט זיך אַריינגעמישט יצחקל בערטשעס, אַן אָפּגעפּוצטער יונגערמאַן, אַ זון פון אַ וואַסער־פאַבריקאַנט.

— און איך מיין, האָט געטענהט יאַנקל, אַ ייד אַ בטלן, וועמענס פּיס זענען ביי אים נישט געגאַנגען, נאָר האָבן זיך אים ווי נאָכגעשלעפּט, אַז אַלע וועלן זיי קריגן זייערס... ווי שטייט געשריבן: אויף דער וואָס שלאָגט, וועט געשלאָגן ווערן.

— און וואָס וועט זיין מיט אונדזערן? האָט אהרן שלמה חיים גרשונס, אַ יונגערמאַן אויף קעסט געפרעגט.

— ער וועט פאַלן און זיך אויפהויבן. ער האָט אַזוי פיל, אַז וואָס ער פאַרלירט איז ווי אַ טראָפּן אין ים. און פון יעדער מפּלה גייט ער ביים סוף אַרויס געשטאַרקט. — האָט ריבאַק געענטפערט.

— אוי יידן, יידן, בטלנים וואָס מיר זענען, ווי אָרעמע לייט זענען מיר רייכע שאַצער... מיר טיילן נצחונות און גיבן מפּלות. מיר, דאָס „עם עני ואביון" (אָרעם פאָלק). וואָס טראַכט איר נישט

וועגן זיך? וואָס פרעגט איר נישט וואָס עס וועט זיין מיט אונדז?...

— וואָס ווילסטו זאָלן מיר טאָן? ציציליסט. „אם ה׳ לא יבנה בית" (אויב ג׳ וועט נישט בויען) האָט יאַנקל בטלן שוין מיט פאַר־דרוס אים צוריקגעפרעגט.

— וואָס מיר זאָלן טאָן? מיר זאָלן אַרבעטן פאַר ארץ ישראל. פאַר אַן אייגן לאַנד. האָט אויסנוצנדיק די געלעגנהייט יאַנקעלע גע־ענטפערט.

*

דער פעטער שמילקע מיט די קינדער, ווי אַנדערע פאַרמעג־לעכע ביאַלער יידן, האָבן פאַרפאַקט זייערע ווערטפולסטע זאַכן און זענען אַפּגעפאָרן טיפער אין רוסלאַנד.

אויף זייער אָרט זענען אין שטאָט אָנגעקומען אַנדערע פּליטים, שוין געצוואונגענע. יידישע פּליטים אַרויסגעטריבענע פון זייערע גרענעץ־שטעטלעך דורך דער רוסישער מאַכט.

אויך דער טאַטע האָט זיך לכתחילה געגרייט אָפּצופאָרן. ער האָט צו דעם צוועק געלאָזט מאַכן צוויי לאַנגע הילצערנע קאַסטנס, שיעור נישט די לענג ווי נחס תיבה, אויף צו פאַרפּאַקן די זאַכן. ער האָט זיך אָבער באַרעכנט און איז געבליבן. און אויך די קאַסטנס זענען שוין געבליבן. ער האָט נישט געקענט איבערלאָזן אויף הפקר ויינע ברעטער און באַליעס.

אין דער צייט איז ביי יאַנקעלען פאָרגעקומען אַן אינערלעכע איבערקערעניש. ער האָט נאָך פריער געהאַט ספקות. ספקות, אינעם פּאַטום־אָרטיקן דרך פון יידן. זיין יונגע נשמה האָט זיך געבונטעוועט קעגן גאָרנישט טאָן אויף צו ענדערן דעם גורל פון זיין פאָלק. קעגן דעם בלויזן שב ואל תעשהדיקן וואַרטן אויף משיחן. הגם נאָך גלוּיביק, האָט שוין אָבער דאָס נאַציאָנאַל־פאָלקישע אין אים איבערגעוווינן. און ער האָט פון זיין לערנען געצויגן אַנדערע אויספירן, איז געקומען צו אַנדערע מסקנות.

האָט אים געצויגן צו ווערן אַקטיוו און ער האָט שוין געזוכט ויינע געדאַנקען צו פאַרווירקלעכן אין מעשים. ער האָט אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט איניקע פון זיין גלייכן, מיט דער דעה צו גרינדן און אַקטיוויזירן זיך אין אַ רעליגיעז־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

די געשעענישן זענען שוין אַצינד געלאָפן מיט אַ שווינדלדיקער גיכקייט. די פּליטים האָבן פאַרנומען אַלע ליידיק געבליבענע דירות. אויך דעם פעטערס הויף אויף דער בריסקער איז שוין אין רוב

געוואָרן פּאַרנומען. זיין אייגענע דירה האָט פאַרנומען שמואל שוחט (רובינשטיין) און די איבריקע, אַנדערע.

די מאַמע האָט ליקווידירט דעם שפּיכלער ביי חיים לוין. נאָך פאַר דער מאָביליזאַציע האָט שוין די קראָם נישט געטראָגן. חיים לוים הויף איז אַלע מאָל געוואָרן ליידיקער פון פויערים וועלכע האָבן זיך איבערגעטראָגן אויפן נייעם מאַרק, און עס איז נישט געווען ביי וועמען צו לייזן. און נאָך דער מאָביליזאַציע איז דער הויף געוואָרן גאָר פּוסט.

נאָכן קויפן דאָס הויז אויף דער פּראָסטע און איבערנעמען דורכן טאַטן דאָס נייע האָלץ-געשעפט, האָט די מאַמע שוין געהאַט גאָר אַנדערע פּלענער. און אַז זי האָט שוין יאָ געטראַכט פון אַ קראָם, האָט זי געמיינט אַ פּראַנטאַווע קראָם וואָס זאָל זיין נאָענט צום הויז. די מלחמה האָט אָבער נישט נאָר אַלע אירע און דעם טאַטנס פּלענער צעשטערט, נאָר האָט פאַר איר צוגעגרייט אַ לאַגע, צו וועלכער זי האָט זיך בכלל נישט געריכט.

*

די צאַרישע אַרמיי האָט געכאַפּט איין מפּלה נאָך דער אַנדע-רער. אין מזרח-פּרייסן האָט רוסלאַנד פאַרלוירן גענעראַל מעיאַזניקאָווס גאַנצע אַרמיי. אַזוי אויך האָט זי געהאַט שווערע פאַרלוסטן אין גאַליציע. און מיט אַ בליץ שנעלקייט האָבן די טייוולאָנישע דייטשן זיך אַלץ מער דערנענטערט צו ביאַלע. די פייערן פון די אַרומיקע ברענענדיקע שטעטלעך האָבן געמאַכט רויט דעם הימל, אים צעצונדן אין אַ העליש פייער וואָס האָט אַלץ פאַרשטעלט, אויך די שטערן. און אָן אַפּהילך פון אַ וויטער שיסעריי האָט זיך שוין געלאָזט הערן אין ביאַלע.

אין די דאָזיקע טעג איז די משפּחה, ווי פאַרויספילנדיק אַ סכנה, ציטוויייליק אַריבער פונעם אייגענעם הילצערן הויז אויף דער פּראָסטע, צום פעטער אין דער געמויערטער פּאַרטער-דירה אויף דער בריסקער. די דירה פון צוויי קליינע צימערלעך מיט אַ קיך, איז פאַר אַ פאַר-גרעסערטער משפּחה פון זיבן וואָס האָט זיך זינט דעם אַריבערציען אינעם אייגענעם הויז פאַרגרעסערט מיט אַ יונגעלע יוסל און אַ מיידעלע מרים, געווען אָן ענגע אַפילו פאַר בלויז די נויטיקסטע זאַכן.

ס'איז אָבער ניט געווען קיין ברירה. מען האָט מורא געהאַט פאַר די דייטשע צעפּעליניען און באָמבאַרדירונגען וואָס האָבן געקענט גרינ-גער פאַרניכטן אַ הילצערן הויז ווי אַ געמויערט, בפרט אַזאַ, וואָס געפינט זיך אין שכנות פונעם גרעסטן רעגירונגס הויז (מעוועסעס).

אין דער דאַזיקער מהומה האָט קיינער נישט באַמערקט דאָס פעלן פון טאַטן. ערשט די מאַמע האָט זיך געכאַפּט אַז דער טאַטע איז נישטאָ. איז זי אַרוים מיט אַ געוואַלט: „וווּ איז מיין מאַן, וווּ איז ער ערגעץ?" און ווי אַ ליכט איז איר אַצינד דער זכרון אויפגעגאַנגען און זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז אייגנטלעך שוין אַ גאַנצן טאָג נישטאָ. און איר שרעק איז געוואָרן נאָך גרעסער.

די מענטשן אין קעלער האָבן איר געפּרוווט באַרואיקן, זיי האָבן מורא געקריגן פאַר איר געשריי, ביז זי האָט זיך אַליין באַ־הערשט. ערשט באַגינען האָבן די דייטשע אָפּטיילונגען אָנגעהויבן אַריינמאַרשירן אין שטאָט. די ערשטע האָט זיי דערזען די ראַנטשיכע (שפּעטער געעפנט אַ קאַפע־הויז אינעם זעלבן הויז). זי האָט אַרוים־געקוקט דורכן קעלער־פענצטערל און מיט שמחה אַ געשריי געטאָן צו די באַהאַלטענע יידן: „מזל טוב יידן, דער דייטש איז שוין דאָ!"

ווי די קעלער־יידן האָבן געוואַלט פּטור ווערן פון דער שיסעריי און דער שרעק, האָבן אַ טייל פון זיי, די „רוסן", — אויף איר אַ קוק געטאָן בייז און מיט חשד. „נאַדיר גאָר אַ נייער גליק אויף יידן, אויך מיר אַ גליק, די דייטשן". אַלע זענען אַרויס פון קעלער מיט אַ רואיקער און לייכטער געמיט. נאָר יאַנקעלע מיט דער משפּחה האָבן זיך צוריק־געקערט אין הויז מיט אַ ביטער און שווער געמיט. זיי האָבן נישט געוווּסט וווּ דער טאַטע איז אַהינגעקומען.

נאָך שעהן פון שווערע איבערלעבונגען, האָט זיך דער טאַטע מיט נאָך איינעם אַ האַלץ־סוחר, אַ ברייט־צעוואַקסענער ייד מיט אַן אַראָפּהענגענדיקן שווערן בויך און ציגאַר אין מויל, זיך באַוויזן מיט אַ האַנט־זועגעלע פול מיט קאַרטאָפל. די מאַמע אַ פאַרביטערטע פון די שרעק וואָס ער האָט איר גורם געווען, איז אויף אים אַרויפגעפאַלן מיט אַ געשריי: „וווּ ביזטו געווען אַ גאַנצע נאַכט? האָסט דאָך די נשמה פון אונז אַרויסגענומען פאַר שרעק. און ווער דאַרף דיינע קאַרטאָפל? זע בעסער ווי דו זעסט אויס. אַן איינפאַל צו שלעפּן אַזש פון אונטערן טאַרטאַק קאַרטאָפל. ס'איז פאַר דיינע כוחות? וואָס ביזטו, אַ טרעגער ביזטו?"...

ערשט אין שטוב, האָט דער טאַטע דערציילט זיין שטוינענדיקע געשיכטע. ער איז אין דער נאַכט פון דער שיסעריי געלעגן באַהאַלטן אונטער אַ באַרג טראַטשינע (זעג־אָפּפאַל). ער האָט געזען און געהערט אַלץ וואָס עס קומט פאָר. און נאָכן אויפהערן שיסן און אָפּמאַרשירן פון די דייטשן אין שטאָט, האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק אין נאָענטסטן דאָרף נאָך קאַרטאָפל, וווּ ער האָט געטראָפן זיין פריינט

וועמען ער האָט צוגענומען פאַר אַ שותּף צו די קאַרטאָפל און צום שלעפּן.

מ'איז גלייך אַריבער אינעם אייגענעם הויז כּדי פון דאָרט צו זען וואָס ס'איז געשען מיט דער באָמבע וועמענס אָפּקלאַנג ס'האָט אין קעלער אויסגעזען אַזוי נאָענט. און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער מאַמעס חוש האָט איר נישט אָפּגענאַרט. די באָמבע וועמענס ציל ס'איז געווען צו טרעפן אין שכנותדיקן מעוועס הויז, האָט איר ערער אַ שפּליטער אויך געטראָפן אין דער אָפּיצינע פונעם אייגענעם הויז, אָפּרייסנדיק די אונטערשטע וואַנט פון דער דירה צוזאַמען מיטן געבוי איבערן קעלער. און ביידע, דער טאַטע מיט דער מאַמען, האָבן גע־דאַנקט און געלויבט גאָט פאַר אַריינגעבן אין זיי דעם געדאַנק פון אַוועקגיין איבער דער צייט פונעם אייגענעם הויז צום פעטער אין מויער אויף דער בריסקער.

*

דאָס לעבן האָט אויסגעזען צו ווערן נאָרמאַל. די שטאָט האָט צוריקבאַקומען איר אויסזען. ס'האָט אָבער נישט גענומען לאַנג ווי עס האָבן זיך אָנגעהויבן די דייטשע קאָנפיסקאַציעס און מלוכה־רויבערייען. אונטערן אויסרייד „ס'איז קריג" האָבן די דייטשן קאָנפיסקירט אַלץ וואָס נאָר זיי האָבן געדאַרפט פאַר זייער מלחמה. בוי־האָלץ, מעטאַלן, שפּייז און אַפילו סאַמאָוואַרן מיט די מעשענע קליאַמקעס פון די טירן.

ס'ערשטע האָבן זיי קאָנפיסקירט דאָס גאַנצע בוי־מאַטעריאַל וואָס האָט זיך געפונען אין די טאַרטאַקן און האָבן אַנשטאָט געלט געגעבן פּאַפּירענע שיינען, אַראָפּטרייבנדיק פון זייערע פּלעצער די פריערדיקע אמתע בעלי בתּים.

דאָס זעלבע האָבן זיי געטאָן מיטן טאַטן. ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן, האָבן זיי אים גלייך פאַרטריבן פונעם פּלאַץ. ער האָט בלויז פון זיי מיט שוועריקייטן אַרויסגעקריגן אַביסל שיינען וואָס האָבן דאַן נישט געהאַט קיין שום ווערט.

און נאָך עטלעכע אַזעלכע טעג האָט ער שוין אין טאַרטאַק נישט געהאַט וואָס צו טאָן. דאָס גאַנצע בוי־האָלץ איז שוין ביי אים געווען קאָנפיסקירט. ער איז נאָכדעם אַהיים געקומען אַ פאַרביטערטער. ער האָט אָפּגעראַטעוועט זיינע ברעטער פון די רוסן, פון די קאָזאַקישע אונטערצינדער, כּדי זיי אַוועקצוגעבן צו די דייטשע רויבער. און די פאַרביטערונג איז שוין פון אים ביזן סוף פון זיינע טעג נישט אָפּ־געטראָטן.

דער טאַטע האָט אין אַ ליידיקע, געוועזענע מאַנופאַקטור־קראָם

פונעם פעטערס הויז געעפנט אַ פענצטער, וועלכע הדס האָט גלייך פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרקויף־שטעלע פון פּאַפּיראָסן, ביסקוויטן און שאָקאָלאַד, וואָס די דורכגייענדיקע דייטשע סאָלדאַטן האָבן געקויפט.

הדס האָט זיך בכלל איצט אַריינגעוואָרפן אַרויסצוהעלפן די שטוב אין דער פרנסה. בפרט זעענדיק דעם טאַטנס געדריקטקייט, און דער מאַמעס פאַרנומענקייט מיט די צוגעקומענע קליינע קינדער. די קראַם האָט זיך ביסלעכווייז פאַרגרעסערט. ס׳איז צו איר צוגעקומען נאָך אַרטיקלען.

דער טאַטע האָט זיך נאָך געפּרוווט צוריקכאַפּן, צוריק געווינען זיין ענערגיע און קוראַזש. ער איז עטלעכע מאָל געפאָרן קיין בריסק און פון דאָרט געבראַכט פאַרשידענע זאַכן צו פאַרקויפן.

און די זאַכן האָבן זיך אין דער דאָזן אויסגעהונגערטער צייט גרינג פאַרקויפט. דאָס איז אָבער פאַר אים געווען בלויז אַ קורצער אויפשיין. ווי אַ ליכט וואָלט זיך ס׳לעצטע מאָל אַדורכגעריסן דורך אַ פינצטערע כמאַרע אויף קיינמאָל נישט צוריק צו שיינען.

### קאַפּיטל פערצן

## דאָס שטיבל האָט דערציילט

יעדן טאָג פאַר מנחה פלעגן זיך ביי אַ טיש־ווינקל אין שטיבל צונויפנעמען די עשרה בטלנים און זיך דערציילן פאַרשידענע מעשיות, דערהויפּט וועגן חסידות און רביים. דאָס אָרט ווו מען פלעגט זיך צונויפקומען איז געווען אַ שטענדיק, ווי ס׳איז געווען שטענדיק דאָס לערנען און דאַווענען אין שטיבל.

ביים דאָזיקן ווינקל פלעגן זיך צונויפקומען נישט נאָר די צייט־פרייע מיסטיש גענויגטע חסידים, נאָר נישט איינמאָל אויך סוחרים בעלי דעת, מענטשן מיט אַ געזעצטן שכל הישר. ווער רעדט שוין פון די שטיבל־לערנער און עלטערע חדר־יונגלעך.

צווישן די דאָזיקע עשרה בטלנים איז באַזונדער געווען באַקאַנט אַ קאָצקער חסיד פון לאָמאַז, אַ שטעטל ביי ביאַלע, וועמען מען האָט גערופן ר׳ לייזער. דאָס איז געווען אַ מיטלוווקסיקער, מיטל־יאָריקער ייד מיט אַ קליינער באָרד און ברייטן שטערן מיט ווי נישט־דאָיקע פאַר־חלומטע שוואַרצע אויגן. דער ייד אויף וועמען מען האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ גרויסער למדן, אַ בקי בנגלה ובנסתר, האָט אויך געהאַט אַ באַזונדערן ווייכן כאַראַקטער.

ראַן איז ר׳ מענדעלע צו זיי אַרויס און געזאָגט: הערט, „חתימתו של הקדוש ברוך הוא אמת" (גאָטס חתימה איז דער אמת). איר הערט ווי הויך דער אמת איז? אַז ער אַליין — איז דער אמת, „ואין זולתו", אַ חוץ אים איז קיין אַנדער אמת נישטאָ, איז נישט בנמצא.

און איר יאָגט זיך נישט נאָך דאָס העכסטע, נאָכן אויבערשטן אמת, נאָכן אמת העליון; נאָר נאָך אייער אייגענעם ערדעשן אמת. אייער עבודה איז אַן עולם הזהדיקע. צום גוף זענט איר מכוון, רק די הצטרכות הגוף זוכט איר. און איך בין נישט קיין בעל מופת און קען זיי פאַר אייך נישט צושטעלן. איך קען זיך נישט פאַרלייקענען און אייער רבי מער נישט זיין.

— הייליקער רבי — האָבן די חסידים נישט אָפּגעלאָזט — „עמך ישראל צריכים פרנסה"...

— דערפאַר טאַקע קען איך אייער רבי נישט זיין. איך בין נישט גאָטס פאַרטרעטער און קען אייער פאַרזאָרגער נישט זיין. ווענדט זיך צו אים אַליין. איך אַליין ראַנגל זיך מיטן אמת און קען אים נישט משיג זיין.

זינט די כלים, די מאורות זענען געוואָרן צעבראָכן, נתקלקל געוואָרן, זיי זענען צעפּיצלט און צעברעקלט געוואָרן; איז אויך דער אמת, דער ערדישער אמת וואָס איז נישט מער ווי אַן אָפּשיין, אַ פאַרהוילענער שפּריץ־אָפּגלאַנץ פון די העכערע וועלטן, צעפּיצלט און צעשפּריצט געוואָרן. און אַז דער אמת אַליין איז צעשטיקלט און צעבראָכן, איז ער קיין אמת נישט. מחמת דער זין פון אַן אמת איז אין זיין גאַנצקייט, אין זיין פולער פולקייט...

און ווי לאַנג די ליכטער, די מאורות וועלן נישט פאַריכט ווערן, מיר וועלן זיי נישט מתקן זיין, וועט אויך דער אמת נישט זיין גאַנץ. ער וועט בלייבן צעבראָכן „כחרס הנשבר" (ווי אַ צעבראָכן שערבל). און ביי אַ צעפּגמט, צעבראָכן ליכט; ווען עס פעלט דאָס פולע, עכטע ליכט, איז שולט דער חושך. חושך, — אין גאָר דער ערדישער ליכטיקייט... און ר׳ מענדעלע איז גלייך נאָכדעם צוריק אַריין אין זיין חדר מיוחד און זיך שוין אויף אייביק אין אים אָפּגעשלאָסן.

*

יאַנקעלע איז געווען צופרידן פון אַט דער מעשה. ער איז געווען באַגייסטערט פון בונטאַרן קאָצקער, פון זיינע ראַנגלעניש, זוכענישן און רעיונות. ער, דער קליין וווקסיקער ר׳ מענדעלע, איז אין גייסט געווען אַ ריז. ווי אַ רבי איז ער געווען אַ יחיד במינו. זיינע תורות און שאַרפע זאָגן, זענען נישט געווען קיין פלאַך־חסידישע, נאָר טיף

מיינענדיקע געדאַנקען און אויסטייטשונגען וואָס וואָלטן זיך אין נישט איין שיטה אַריינגעפּאַסט. און ער, דאָס דרייצן־יאָריק חסידל, איז געווען שטאָלץ מיטן קאַצקער יחוס וואָס דאָס שטיבל, די היינטיקע סאָקאָלאָווער חסידים האָבן אַדאָפּטירט.

פון זיינע פריסטע יאָרן אָן האָבן שוין יאַנקעלען גערייצט די אַלערליי פאַרבאָרגענישן און מיסטעריעס. וואָס מער פאַרבאָרגן אַ ענין איז פאַר אים געווען, אַלץ מער האָט ער אים געלאָקט און פאַרכאַפּט. אַלץ מער האָט זיך אין אים צעברענט דער גלוסט אים צו באַנעמען. ער האָט אין דער צייט שוין געהאַט אַריינגעקוקט אין „ספר יצירה" וואָס האָט זיך געפונען צווישן די קליינע ספרים אויף דער אויבערשטער פּאָליצע פון זיין טאַטנס באַגלאָזטע שאַפע.

ער האָט טאַקע נאָך דאַן דעם „ספר יצירה", ווי קבלה בכלל, צופיל נישט פאַרשטאַנען. ער פלעגט קוקן אויפן אויסגעמאָלטן ברייט צעוואָקסענעם עץ החיים־בוים מיט זיינע ספירות פון ר' חיים וויטאַלס עץ החיים־ספר און זיך געמאַטערט זיי צו פאַרשטיין. ער האָט אָבער פאָרט עפּעס דערגרייכט. און דאָס איז פאַר אים דאַן געווען גענוג. ס'איז פאַר אים געווען גענוג צו וויסן אַביסל פון אַט דעם ספר. דאָס איבריקע האָט ער געהאָפט וועט שוין קומען.

און מיט ר' לייזערם איבערגעבן ווי אַזוי דער קאָצקער האָט פאַרבונדן דעם ענין פון „שבירת הכלים" מיטן אמת, איז אַביסל שפּעטער יאַנקעלען ווי אַ ליכט אויפגעגאַנגען דער טעם פון „שבירה" (צעברעכן) און „צמצום" (איינשרומפּן זיך).

און ווירקלעך האָט נאָך דעם דאָן פרום־אמונהדיקן בחור גע־פייניקט די זעלבע קשיות וואָס האָבן געמאַטערט די דענקענדיקע מקובלים. זיי זענען געווען: א. ווי פּאַסט עס פאַרן בורא עולם, דעם אדון הכל, זיך צו פאַרנעמען מיט אַזעלכע נידריקע ערדישע ענינים, און פאַרוואָס איז די וועלט אַזוי נישט געראָטן? ב. ווי אַזוי האָט דער „מלוא כל הארץ", וואָס פילט אָן און פילט אויס די גאַנצע וועלט, גאָר דעם קאָסמאָס, געקענט געפינען אַן אָרט פאַר דער וועלט, פאַר גאָר דעם באַשאַף?

די דאָזיקע קשיות זענען דורך דער קבלה געוואָרן פאַרענטפערט מיטן געדאַנק פון „ספירות", „שבירת הכלים" און „צמצום". אַז די וועלט ווערט טאַקע נישט געפירט דורך אים אַליין דירעקט, נאָר דורך פון אים אויסשטראַלנדיקע כוחות, די ספירות.

און די וועלט האָט געקענט באַשאַפן ווערן דורך זיין אייגענעם צמצום. דאָס מיינט: אַז ער אַליין דער בורא עולם האָט זיך כביכול

מצמצם געווען, זיך איינגעשרומפּן, כדי צו מאַכן אָרט פֿאַר דער וועלט. און שלעכט איז זי, — צוליב די „שבירת הכלים״ (צעברעכן זיך פֿון די ליכטער)... שפּעטער האָבן אים די דאָזיקע תירוצים שוין אויך נישט באַפֿרידיקט. נאָר דאַן, איז עס פֿאַר אים געווען גענוג.

*

ביז דאַן האָט יאַנקעלע נישט געוווסט פֿון קיין ליטעראַטור. ער האָט נישט נאָר קיין ביכער, נאָר אויך קיין צייטונגען נישט געלייענט. כאָטש פֿון זיין רבין שים שלמה וואָס האָט פֿאַר זיינע תלמידים גע־לייענט איטשעלעס בריוו פֿון וואַרשעווער „מאָמענט״ האָט ער שוין געקריגן אַ שטיקל באַגריף וועגן אַ יידישע צייטונג, איז אָבער אין זיין טאַטנס הויז נישט נאָר קיין יידיש בוך נישט אַריינגעקומען, נאָר אויך נישט קיין יידישע צייטונג.

און הגם ער האָט נאָך פֿריער דערפֿילט אין זיך אַ נייגעריקייט און אַ דאָרשט נאָך וויסן וואָס האָט אין אים אַרויסגערופֿן די פֿאַר־שטעלטע, רייצנדיקע ערטער אין תנ״ך און תלמוד, האָט ער אָבער די ביז דאַן אויפֿגעקומענע אין זיך נייגעריקייט געמוזט דערשטיקן. ער האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיטן וויסן פֿון זיין לערנען.

נאָר דער אויפֿקום פֿון ביילים־פּראָצעס אין קיעוו (רוסלאַנד) וואָס האָט אויפֿגערודערט אַלע יידישע ישובים און וועמענס ידיעות זענען אויך דערגאַנגען קיין ביאַלע, האָט אויך אים דעם קליינעם יאַנקעלע אויפֿגערודערט. און אויפֿגערודערט און פֿול מיט נייגער איז ער שוין געגאַנגען אין שטיבל און אין בית המדרש הערן נייעס וועגן פּראָצעס.

און דאָרט, אין בית המדרש, האָט ער שוין נאָכן הערן די נייעס, זיך אויך באַקענט מיטן געלן מוכר ספרימניק, אייגענטלעך רויטן, ווייל געהאַט האָט ער נישט קיין געלע באָרד, נאָר גאָר אַ רויטע. נאָר די הומאָריסטיש געניגטע ביאַלער וואָס האָבן זייערע צונעמען אויך גע־געבן אַ הומאָריסטישן קאָלאָריט, — האָבן יעדן רויטן ייד אַנשטאָט רויטער, אים גערופֿן געלער. אַן אַנצוהערעניש פֿון געלן „רמאי״ (אָפּנאַרער). כאָטש דער מוכר ספרימניק איז קיין רמאי נישט געווען.

און אַז זיי האָבן געהאַט הומאָר, באַווייזן די צוגעטראַכטע נעמען, ווי: „דער סקאָרעי״ (אַ גיך־גייער), „די קאַטשקעלעך״ (צוליבן ווען באַשאַפֿן אַ קאַטשקע), „אַסטאַטני גראָש״, אַנפּאַיער, „בעזעם״, „שערבעלע פּרוטה״ (אַ קאַרגער, וואָס ווען מען האָט שוין געגעבן אַ גראָשן, האָט ער זיך נאָך אַלץ געהאַלטן ביי דער פּרוטה), א. אַ. וו.

הכלל, ביי אַט דעם „געלן״ מוכר ספרימניק, ביי וועמען זיין

דעם אייל. האָט זי דאָס איבערגעלאָזט פאַרן טאַטן. און דער טאַטע, דער פאַרהאַרטעוועטער מאַנספּערשוין, האָט קודם געפּרוווט דאָס קינד איינגעמען מיט גוטנס. ער האָט אים געגעבן געלד, זיין גאָלדענעם זייגער וואָס יאַנקעלע האָט צו מיינסטנס ליב געהאַט, און אַנדערע צאַצקעס. נאָר אַז דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן, האָט ער אים בלית ברירה אַנגענומען ביים נעזל און אין אים דעם אייל אַריינגעגאָסן.

דאָס זענען געווען די איינציקע פאַלן ווען דער אַזוי פאַרנומענער און אין זיך פאַרמאַכטער טאַטע, — האָט זיין יאַנקעלען געצערטלט און געפּיעשטשעט. און נאָך אַלעמען איז יאַנקעלע דערפון געווען צופרידן. צופרידן צו האָבן נעבן זיך דעם טאַטן און ווערן פון אים פאַרשפּילט.

קאַפּיטל צוויי

# די מומע איטע ברכה

די מומע איטע ברכה דעם פעטער שמילקעס ווייב, געדענקט נישט יאַנקעלע צופיל. ווייל ווען ער איז אַלט געווען פיר יאָר, אַרום 1904, איז זי געשטאָרבן. ער געדענקט אָבער ווי דורך אַ חלום ווי זי זיצט אויף אַ שטול אין דער סאַליע פון איר הויז אויף דער בריסקער גאַס. זי איז געזעסן ביי זיין אַריינקומען דוט־שבת (גוט־שבת) בעטן ביים ברעג פון טיש מיטן פנים צו דער טיר, ווי זי וואָלט ווען אויסגעקוקט. זי איז שוין ווייזט אוים דאַן געווען קראַנק. מער וועגן איר געדענקט ער נישט.

די מומע איטע ברכה איז אויף איר אופן געווען אַן אשת חיל. און מען האָט וועגן איר אַ סך מעשיות דערציילט. מען האָט געזאָגט אַז זי איז געווען דער גורם פונעם פעטערס גבירהשאַפט. זי האָט אים גענומען פון בריסק אַן אָרעמען ישיבה־בחור, אַ לערנער, און האָט אים דאָ פאַר אַ סוחר און גביר געמאַכט.

ער איז געווען אַ צושטעלער צום רוסישן מיליטער, האָט אַ צייט געהאַלטן דעם בראָנפן־מאָנאָפּאָל, האָט אויפגעבויט די קאַזאַרמעס אויפן בריסקער שאָסיי און אויף דער אַרטילייריסקער גאַס ווו עס זענען איינגעשטאַנען די רוסישע פאַלקן, און האָט פאַרמאָגט אויך אַ טאַרטאַק אויף צו שניידן ברעטער, מיט הייזער, דאַטשעס, פּלעצער און פעלדער. אַ גאַנצע מלוכה.

מען האָט וועגן אים דערציילט, אַז ווען ער איז אין איינעם אַ זאַווערוכעדיקן פרייטיק צוריקגעפאָרן אַהיים פון זיין טאַרטאַק אויף דער וואָליע (ביאַלער פאָרשטאָט), האָט ער זיצנדיק אין זיין

גאנצע סחורה פון חומשים, סידורים, בענטשערלעך, מזוזות און ציצית, איז געווען אויסגעלייגט אויף א שטיקל פון א בית מדרש־טיש צווישן ביידע טירן, האט יאנקעלע געפונען נישט נאר בילדער פון ביילים־פראצעס, נאר א גאנצן אוצר פון נסים ונפלאותדיקע מעשה ביכלעך.

און א, נישט אויסגערעדט און נישט גערעדט זאל זיין, — אויך דעם ערשטן טריף־פסול, וואס אט דער „געלער", פרומער מוכר ספרים־ניק האט אזוי פארזיכטיק ארויסגעשלעפט פון א טיש־זייט. און דאס איז שוין נישט געווען קיין מעשה־ביכל פון „הייליקע צדיקים", נאר א צעפליקט, צעשאטן בוך פון יעקב דינעזאן, „דער שווארצער יונגער־מאנטשיק".

אז דאס בוך איז געגאנגען פון האנט צו האנט האט מען גע־קענט זען פון די צעפליקטע, מיט טרערן פארגאסענע זייטלעך, וועלכע האבן אויך יאנקעלען גערירט. צי פאר א גראשן, צי פאר א קאפיקע, געדענקט ער שוין נישט, נאר פאר עפעס א מטבע מיט א שטיקל משכון, האט אים דער מוכר ספרים דעם סענטימענטאלן בוך אויסגעליגן.

מטבעות האט אים דאן נישט געפעלט. ער האט זיי טאקע גרייט נישט געהאט, נאר האט ער זיי גענדארפט האבן, בפרט פאר א טריף פסול, האט ער, דאס פרום יונגעלע, אריינגעשטעקט זיין האנט אינעם גרויסן בייטל פון טאטנס הויזן־קעשענע, און זיי די זילבערנע רוסישע צענערלעך פון דארט ארויסגעצויגן.

אבער דאס איז נאר געשען אין א נויט ווען ער האט זיי שטארק באדארפט און ער האט דעם טאטן נישט געקענט דערציילן צוליב וואס ער דארף זיי. און געשען איז עס ביינאכט, ווען דער פארמאטער־טער טאטע האט געשלאפן זיין הארטן שלאף... און דער „שווארצער יונגערמאנטשיק" איז געווען זיין ערשט ליטעראריש ווערק מיט וועלכן ער האט זיך באקענט.

שפעטער נאך דער בר מצווה ווען ער האט געלערנט אין זיין קאצקער־סאקאלאווער שטיבל, האט ער זיך באקענט מיט א צווייטן, שוין מער ראפינירט ווערק. מיט אפאטאשום „אין די פוילישע וועלדער" ווו עס ווערט אויך דערציילט וועגן קאצקער רבין ר' מענדעלע.

דאס דאזיקע בוך האט די שטיבל־בחורים באזונדער געצויגן צוליב דער מעשה פון יענער נאכט, ווי בכלל וועגן שארפן קאצקער. איז עס טאקע אין געהיים געגאנגען פון האנט צו האנט. און פון דאן אן איז שוין געוואקסן זיין אינטערעס אין דער יידישער ליטעראטור.

געוווּסט וואָס צו טאָן. רופן אַ דייטשן דאָקטאָר האָט זי לכתחילה מורא געהאַט, טאָמער איז עס פאָרט יענע זאַך — און מען וועט אים צו־נעמען אין שפּיטאָל. און דאָרטן? איין גאָט ווייסט וואָס מיט אים קען געשען.

נאָר אַז ס'איז אַריבער וואָכן און קיין שינוי צום בעסערן האָט מען נישט געזען, האָט מען בלית ברירה גערופן דעם דייטשן מיליטער־רישן דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט זיך צום קראַנקן נישט צוגערירט. נאָר שטייענדיק אַזוי פונדערווייטנס האָט ער זיך אויסגעפרעגט וועגן דער קראַנקייט, און אַזוי פונדערווייטנס פעסטגעשטעלט אַז ס'איז די כאָלערע. ער האָט פאַרשריבן עפּעס אַ רפואה, געהייסן רייבן דעם קערפּער מיט אַלקאָהאָל און אים איבערטראָגן אין אַ באַזונדערן גרע־סערן צימער.

אַ פרישע צרה איז באַפאַלן דאָס הויז. דאָס וואָס מען האָט פון מויל נישט געוואָלט אַרויסברענגען, איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט. און אַ נייע זאָרג האָט גענומען פרעסן און אַ פינצטערער שאָטן האָט זיך שוין פון דעם מאָמענט צעלייגט איבער גאָר דעם הויז. מען האָט דעם קראַנקן תיכּף איבערגעטראָגן אינעם אייגענעם הויז אויף דער פראָסטע. אויך ער אַליין, דער טאַטע, האָט דאָס פאַרלאַנגט. ער האָט געוואָלט, פילנדיק די סכנה, זיין ביי זיך אין הויז.

מען האָט אים געלייגט אין דער גרויסער סאַליע, פונוואַנען מען האָט אָפּגערוימט יעדע איבריקע זאַך. די געטרייע הדס האָט אַרומ־געפלאַטערט אַרום אים ווי אַ פויגל־מוטער אַרום אירע יונגע. זי איז געלאָפן פון קראָם אין שטוב און פון שטוב אין קראָם. פון איר האַנט האָט ער זיך דערנערט און אַזוי אויך גענומען די רפואות. די מאַמע האָט אים געוואָלט פירן קיין וואַרשע, נאָר די דייטשע מאַכט האָט אויף דעם קיין דערלויבעניש נישט געוואָלט געבן.

דעם טאַטנס לאַגע איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג. זיין שוואַכקייט האָט זיך פאַרשטאַרקט, אַז ער האָט שוין מיט קיין אבר נישט געקענט אַ ריר טאָן. די מאַמע אָבער האָט נישט רעזיגנירט. זי האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן. זי האָט אויסגעזוכט און האָט גערופן ווו אַ שטיקל רופא און זנאָכער צו באַטראַכטן און היילן איר קראַנקן מאַן. עס זענען געקומען יוסף איטשע אַש (אַשבערג?), דער קאָברינער פעלדשער, וועמען די מאַמע האָט באַגעגנט מיט אַ גרויס געוויין — מיינענדיק אַז צוליבן ברוגז מיט זיין שווער פאַרן פאַרקויפן דעם טאַטן דאָס הויז, וואָלט ער גאָרנישט וועלן טאָן פאַרן קראַנקן, וואָס איז אין איר פאַנטאַזיע און פאַרצווייפלונג געווען נישט ריכטיק,

מחמת גראָד דער קאַברינער האָט זיך מיט אים צום מײנסטן פֿאַר־אינטערעסירט. אַזוי אויך זענען געקומען אַנדערע, ווי אויך חסידים פֿונעם שטיבל.

זיי האָבן געריבן זײַן קערפּער מיט שפּירט, מאַסאַזשירט, אים געטרייסט און אַוועק. און דער חולה איז צוריק געבליבן אַליין מיט זײַנע ווייטיקן און מחשבות. יאַנקעלע האָט זיך דערפֿילט שולדיק. שולדיק, פֿאַר פּרוּוון פֿריער מצער זײַן דעם טאַטן און פֿאַר דעם ווי עס האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז ער האָט אים צו גרינג גענומען. בפֿרט פֿאַר זײַנע הפקרדיקע געדאַנקען פֿון באַפֿרייען זיך פֿון אונטער זײַן אויפֿזיכט.

ער האָט אויפֿגעהערט זיך טרעפֿן מיט זײַנע מזרחיסטישע חברים, האָט איבערגעריסן מיט אַלע זײַנע פּלאַנירטע טעטיקייטן און איז שוין נישט אָפּגעטראָטן פֿון שטוב. ער איז כסדר אַרײַן צום טאַטן, ווי ער וואָלט מיט זײַן אַנוועזנהייט אים קענען העלפֿן. נאָר אַ חוץ איינמאָל, וואָס דער מיט זיך אַליין פֿאַרטאָענער טאַטע האָט אים מיט אַ פֿאָטערלעכן פֿאַרוואָרף באַמערקט, פֿאַרוואָס ער עסט אַ רויען, נישט געקאָכטן עפּל, האָט ער שוין פֿון אים די גאַנצע צייט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסקריגן.

נאָר אָט די איינע פֿאָטערלעכע באַמערקונג האָט אַצינד אינעם פֿערצן יאָריקן יונגל געמאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש. עס האָט מיטאַמאָל פֿון זײַנע טיפֿסטע טיפֿן גענומען שלאָגן אַ באַזונדערע וואַרעמקייט פֿאַרן קראַנקן טאַטן. ער האָט דערפֿילט דעם זאָרג פֿון אַ טאַטן לגבי זײַן קינד, אַפֿילו אין זײַן פֿאַרצווייפֿלטן מאָמענט. און זײַן גאַנצער באַוווּסטזײַן, ווי אַלע זײַנע געפֿילן זענען אַצינד געווען געווענדט אין איין פּונקט, ווי אַזוי צוריקצוברענגען דעם קראַנקן טאַטן צו זײַן פֿריערדיקן מצב. און ער וואָלט אַצינד געגלוסט און געגאַרט וואָס מער פֿון אים צו הערן, זאָל זײַן די שווערסטע פֿאַרוואָרפֿן.

ס'איז שוין געווען מער ווי פֿיר וואָכן ווי דער טאַטע איז אַזוי געלעגן. די מאַמע האָט גענומען ביידע דערוואַקסענע שוועסטער און איז מיט זיי אַוועק אין די שולן און אין איינגענעם שטיבל אײַנרייסן. אירע געשרייען און תחנונים האָבן אַ שטיין געקאָנט רירן. זי האָט אויפֿגעריסן די טירלעך פֿון אָרון קודש און אין אים אַרײַנגעהעשעט: „רבונו של עולם, איך בין גרייט אַלץ וואָס איך פֿאַרמאָג אַוועקצוגעבן, נאָר מאַך ניט מײַנע קינדער פֿאַר קיין יתומים. מאַך געזונט מײַן מאַן. ער איז דאָך אינגאַנצן זעקס און דרייסיק יאָר אַלט. האָב רחמנות

אויף מיר און מיינע קינדער”. און באַלד נאָך איר אַוועקגיין האָט דאָס שטיבל אָנגעהויבן זאָגן תהלים.

עס האָט זיך דערנענטערט יום כפור. די לעצטע טעג פאַר יום כפור איז שוין דער קראַנקער געלעגן איינגאַנצן אַ פאַרטראַגענער. יאַנקעלע איז שוין די גאַנצע צייט פון אים נישט אָפּגעטראָטן. ס'איז געווען זיין ערשטע דערפאַרונג ביי אַ שווער־קראַנקן, בפרט ביי אַ טאַטן. ער האָט נאָך קיין אַזאַ מענטש־פאַרשעמונג נישט געזען.

די מאַמע מיט די קינדער זענען געווען אין קיך. זי האָט נישט געוואָלט די געוויינען און דער טרויער זאָל צו אים דערגיין. כאָטש סיי ווי האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט שוין גאָרנישט באַנומען און באַגריפן.

ערב יום כפור אין דער פרי האָט די מאַמע נאָך געפּרוווט אויס־נוצן איר לעצט מיטל. זי איז מיט די שוועסטער אַוועק אויפן פעלד איינרייסן. זי האָט געמאָסטן דאָס פעלד, און איז אַרויפגעפאַלן מיט אַ געוויין אויף די אייגענע משפחה־מצבות ווי אויף די מצבות פון אירע צדיקים.

ווען זי איז צוריק געקומען, האָבן זיך שוין דעם חולהס אויגן אין ערגעץ נישט באַוועגט. זיין פאַרגליווערטער בליק איז געבליבן הענגען אויפן לעבן בעט שטייענדיקן יאַנקעלע. ווי ער וואָלט אים אין זיין לעצטן ווילן עפּעס וועלן איבערגעבן.

נאָך מיטאָג האָבן זיך באַוויזן איניקע חסידים. דער גוסס האָט אַ ציק געטאָן, און ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ שווערן שלאָף, האָט ער זיך צוריק גענומען באַוועגן. איינער פון די באַזוכער איז גלייך צו אים צוגעלאָפן און אים איינגעגעבן איניקע טיי־לעפעלעך וואָס ער האָט אַראָפּגעשלונגען. ביים פאַרצאַגטן וויינענדיקן יאַנקעלע איז ווי אַ ליכט אַ האָפענונג אין אים אויפגעגאַנגען. אפשר פאָרט? אפשר וועט ער פאָרט צוריק קומען צו זיך?...

עס האָט אָבער לאַנג נישט גענומען ווי דער גוסס איז צוריק אַריין אין זיין לעצטן אָנמאַכט. דער טויט האָט אים באַזיגט. עס זענען אָנגעקומען די חברה קדישא־לייט וואָס האָבן אָנגעהויבן טאָן זייער רעכט. פון קיך האָט זיך אָהער אַריינגעריסן אַ ביטערער גע־יאָמער וואָס האָט יאַנקעלען צענומען. ער איז געוואָרן אויפגערעגט און האָט זיך אָנגעהויבן ווערן קעגן אָפּהייבן דעם בר מינן.

— וואָס איז די איילעניש, אפשר לעבט ער נאָך! — האָט ער גענומען שרייען.

וועט אים פעלן אין הויז, באזונדער אין די שבתים און ימים טובים, ווי ער וועט אים פעלן אומעטום וווּ נאָר ער וועט שטעלן אַ טריט.

ער וועט נישט האָבן מער קיין טאַטן און זיינע קינדער קיין זיידן, ווי ער אַליין האָט נישט קיין זיידן. און אַ רחמנות נעמט אים אָן אויף זיין קליין שוועסטערל און ברודערל. זיי האָבן אים אפילו רעכט נישט געקענט. און ער זעט אַצינד ווי זינדיק ער אַליין איז געווען. זינדיק, ווען אפילו מיט דער בלויזער מחשבה, מיט די בלויזע יונגלעשע איינרעדענישן... דער עול און דער כיבוד אב האָט אויסגעזען צו זיין פאַר אים שווער. פריי, הפקר־פריי האָט ער געגלוסט צו זיין.

ווי נאַיוו ער איז דאָס געווען. איז דען דעם טאַטנס עול געווען גרינגער? ער האָט דאָך געטראָגן אַ פיל גרעסערן עול ווי ער דאָס צעבאַלעוועטע זונדל האָט פאַר זיך אויסגעטראַכט. ער איז דאָך געווען ווי אַן אייזל געשפּאַנט אין יאָך. און געטראָגן האָט ער אויף זיך דעם יאָך פון זיינע יונגסטע יאָרן אָן. אַ יאָך, וואָס האָט פון אים אַוועק־געראַבעט יעדע שעה און פרייע מינוט, יעדן גאָר און גלוסט פאַר תורה און מעשים. ער האָט דאָך אפילו אין זיינע ספרים אַ חוץ אין אַ שבת און יום טוב קיין צייט נישט געהאַט אַריינצוקוקן.

און פאַר וועמען איז ער אַזוי געגאַנגען אין שפּאַן דען נישט אויך פאַר אים? כדי אים צוצושטעלן די בעסטע רבים און לערער, זיינע דאַטשעס און גאָר זיינע אַלע באַקוועמלעכקייטן? און ווי פאַר זיינע אויגן זעט ער, ווי דער „הארטער", אַזוי פאַרנומענער טאַטע שטייט לעבן אים דעם קראַנקן קליינעם יונגעלע און פאַרשפּילט אים מיט אַלערליי קינדערישע שפּילערייען און הוועיות, כדי אים איינצו־געבן די פאַרשריבענע רפואה. און ווי נאַריש, יונגלעש־נאַריש ער איז אין זיינע פאַנטאַזיעס געווען. און אַצינד איז אַלץ געענדיקט. נישטאָ און ס'וועט נישט זיין מער דער טאַטע.

די לוויה און די קבורה איז פאַרגעקומען אין איילעניש. ס'איז געווען נאָענט צו כל נדרי. און גלייך נאָכן פאַרפאַסטן האָט יאַנקעלע אַוועקגעלייגט זיין בונט און האָט אַוועקגעיילט אין שטיבל זאָגן קדיש. ביים קדיש זאָגן האָבן אים אַלע מיט אַזאַ רחמנות אַרומגענומען וואָס ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן. און ער האָט דערפילט דעם טעם פון זיין אַ יתום.

*

ווען ער איז צוריקגעקומען פון שטיבל, איז די שטוב געווען איינגעהילט אין אַ טיפער דריקנדיקער שטילקייט. אַ שטילקייט, וואָס איז העכער פון יעדן געשריי און וואָס קען אַ וועלט צערייסן...

יאַנקעלע האָט די דאָזיקע שטילקייט נישט געקענט פאַרטראָגן. ער האָט פאַרקערט דערפילט אין זיך אַ באַדערפעניש צו רעדן, זיך אָפּ־צורעדן...

נאָר מיט וועמען וועט ער רעדן, מיט וואָס און מיט וועמען וועט ער אָנהויבן, אַז זיי זענען אַלע אַזוי פאַרצערט, שטיין פאַר־שטומט?... האָט ער זיך דערמאָנט אין זיין געוווינהייט צו לערנען אין דער יום כפורדיקער נאַכט די משנה יומא. אי דאָס וועט ביי דער מאַמען אויסזען אַז ער לערנט משניות נאָכן טאַטן פאַר זיין עלית נשמה, וואָס דאָס אַליין וועט פאַר איר זיין אַ שטיקל טרייסט (אַ זון אַ לערנער) און פאַרגרינגערן איר צער, — אי ער אַליין וועט אַרויס פון זיין פאַרקלעמטער דריקעניש.

האָט ער אָנגעהויבן: „שבעת ימים קודם יום כיפורים מפרישין כהן גדול מביתו ללשכת הפלהדרין". זיבן טעג פאַר יום כפור טיילט מען אָפּ דעם כהן גדול פון זיין הויז, צו גיין אין דעם שטיבל פון די „פלהדרין" (בית המקדש־באַאַמטע), און מען גרייט אים צו נאָך אַ פרוי. מחמת טאָמער וועט אינצווישן זיין פרוי שטאַרבן. ווייל „וכפר בעדו ובעד ביתו", ער זאָל פאַרגעבן פאַר זיך און זיין הויז, שטייט אין דער תורה. און „ביתו", זיין הויז, מיינט מען זיין ווייב. — ביים דאָזיקן אויסטייטש האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן ווי געביסן פון אַ שלאַנג, און האָט פאַרמאַכט דעם משניות.

ניין, ער קען אַצינד אַזאַ אויסטייטש נישט אָננעמען. ס'שטימט נישט מיט זיין לאַגע. קען דען נאָר דעם כהן גדולס ווייב שטאַרבן, און ער אַליין דער כהן גדול קען נישט שטאַרבן?... אָט האָט דאָך זיין טאַטע דער כהן סאַמע פאַר נעילה געשטאַרבן. איז דען לגבי דעם שטאַרבן אַ חילוק צווישן אַ כהן און אַ כהן גדול?...

ער דאַרף אַצינד כדי זיך אַביסל צו טרייסטן אָן אַנדער סוגיא. אַזאַ וואָס זאָל פאַרקלענערן דעם צער פון בר מינגס אַוועקגיין, דורך באַווייזן דעם מענטשנס אומבאַהאָלף און נישט, גלייך ביי זיין אָנהייב, ביי זיין געבוירן. האָט ער זיך דערמאָנט אין אַזאַ שטייגער סוגיא אין נדה. „דרש רבי שמלאי, למה הילד דומה במעי אמו"... האָט רבי שמלאי געדרשנט: צו וואָס איז דאָס קינד גלייך בעת עס איז נאָך אין מוטערס טראַכט צונויפגעוויקלט און צונויפגעדרייט ווי אַ פנקס? זיינע צוויי הענט ליגן אויף זיינע צוויי שלייפן. די צוויי עלנבויגן אויף די צוויי שענקלען. די צוויי טריט אויף די צוויי שולטערן. דער קאָפּ איז צווישן די קני. דאָס מויל איז פאַרשטאָפּט און דער נאָפּל אָפן... און ווען עס גייט אַרויס אויף דער וועלט, ווערט אָפן דאָס פאַרשטאָפּטע

און עס ווערט פאַרשטאָפּט דאָס אָפּענע. וואָרעם אַנדערש וואָלט עס נישט געקענט לעבן אפילו איין שעה...

ער איז געוואָרן מיד, די אויגן האָבן זיך אים אָנגעהויבן צו פאַרמאַכן און ער איז געגאַנגען שלאָפן. אויף צו מאָרגנס איז ער שוין אַביסל אַ באַרואיקטער געגאַנגען אין שטיבל דאַווענען, ווו ער האָט שוין אָן איבעררייס פאַרבראַכט דעם גאַנצן טאָג.

נאָר נאָך יום כפור איז אַלץ געווען פאַרביי. דער טרויער האָט זיך גענומען אָפּזעצן. יאַנקעלע האָט געהיט זיין קדיש זאָגן און צוליב דעם אויך זיינע תפילות בצבור. כאָטש אַנדערע געדאַנקען האָבן שוין אין אים גענומען אויפקומען. אויך די מאַמע האָט צוגעהיט זיין קדיש זאָגן.

באַזונדער האָט די פרומע מאַמע אַצינד אָנגעהויבן אויף אים קוקן אַנדערש. זי האָט אָנגעהויבן אויף אים קוקן נישט נאָר ווי אויף אַ זון (ס'ברודערל איז נאָך געווען קליין), נאָר ווי אויף אַ קדיש-זאָגער, קידוש-מאַכער און אויף אַזעלכן וואָס דאַרף אַצינד פאַרטרעטן דעם טאַטן אין יידישקייט...

יאַנקעלע האָט איר געדאַרפט פאַרטרעטן דעם טאַטן. עפּעס אַ מין במקום טאַטע אין יידישקייט און אין הויז-פירונג. האָט זי אים טאַקע די ערשטע צייט פּריווילעגירט און פון די איבעריקע קינדער אויף אים קיין שפּרענקעלע נישט געלאָזט פאַלן. און ער האָט דאָס אויסגענוצט פאַר זיין ציוניסטישער טעטיקייט.

די מאַמע האָט פאַרקויפט דעם טאַטנס נייעם טולעפּ, זיין גאָלדענעם זייגער און די גרויסע פוסקים ספרים און אַנטיקן, אַ ירושה פון איר טאַטן ר' יעקב קאַטלאָוויטש, פאַר וועלכע זי האָט אָפּגענומען גוטע געלט און דאָס אַלץ אַריינגעלייגט אין קראָם. די צווייטע שאַפע מיט ספרים, דעם ש"ס, חומשים, נ"כן און אַנדערע קלענערע ספרים, האָט זי געלאָזט פאַר איר לערנער יאַנקעלען.

אויך הדס קומנדיק ווי די מאַמע צו זיך, האָט זיך גלייך אַריינגעוואָרפן אין דער פרנסה. זי האָט די קראָם פאַרגרעסערט און איר דערפירט צום שטאַנד פון אַ פולער שפּייז און קאָלאָניאַל-קראָם.

זי האָט אויך לטובת דער קראָם צוזאַמען מיט יאַנקעלען זיך גענומען לערנען דייטש. און יאַנקעלע האָט באַוואונדערט איר פעיקייט נישט נאָר צו מסחר נאָר אויך צו שפּראַכן. ווייל בלויז אין אַ קורצע צייט, און דאָס טראָץ איר פאַרנומענקייט מיט דער קראָם, האָט זי זיך פון אַ דייטשן „אַליין לערער" אויסגעלערנט דייטש אין וואָרט און שריפט.

און דער יונגערער יאַנקעלע האָט זיך דאַן גאָר אין פאַרלויף פון אַ דריי פיר וואָכן זיך פונעם זעלבן „אַליין לערער" אויסגעלערנט פאָל־שטענדיק צו באַהערשן די דייטשע שפּראַך. ער האָט איר באַהערשט ביזן שרייבן דייטשע ביטעס און קאָנטראַקטן.

די ערשטע צייט האָט מען נאָך די נויטיקע סחורה, הגם מיט שוועריקייטן, געקריגן צו קויפן. און די דייטשע זעלנער האָבן די סחורה, דערהויפּט פוטער, לינדזן און אַרבעס, צעכאַפּט און עס אין שיינע געפּאַקטע קעסטעלעך אָפּגעשיקט קיין דייטשלאַנד.

נאָר מיט דער צייט האָט אָנגעהויבן ווערן אַ מאַנגל אין שפּייז. די דייטשן האָבן אַלץ אויסגעקויפט. נאָר קיין נייע סחורה איז נישט צוגעקומען. קודם האָבן זיי גלייך ביים פויער ווי ביי די גרויסע סוחרים אַלץ קאָנפיסקירט. דאָס איבריקע האָבן זיי אויסגעקויפט. און פון אויסלאַנד האָט מען גאָרנישט געקענט אַריינפירן. געקריגן האָט מען נאָר דורכן מאַגיסטראַט מאַנטשקע, עס צו צעטיילן אויף צוקער־קאַרטן.

ביאַלע איז געווען אַ רעזערוו־פונקט פון דער דייטשער בוג־אַרמיי. זי האָט געהאַט אַ גרויסן גאַרניזאָן ווו די זעלנער פלעגן זיך אויפהאַלטן ביז מען האָט זיי אָפּגעשיקט אויפן פראָנט. נאָר ביז מען האָט זיי נישט אָפּגעשיקט, האָבן זיי דערוויל געשיקט זייערע שיינע קעסטעלעך אין דער „היימאַט" און זיך פאַרווײַלט אין מאַיאָר פונקס קאָנצעסיאָנירטע קאַפע־הייזער.

אין שטאָט איז געוואָרן אַ הונגער. און עס זענען געווען עולים ויורדים. — די פריערדיקע סוחרים און פאַרמעגלעכע זענען אַראָפּ פון דער סצענע, זענען געוואָרן יורדים. און אויף זייער אָרט זענען אויפגעקומען אַ נייער סאָרט בעלי־פּרנסה און פאַרמעגלעכע.

דאָס זענען געווען שמוקלער, פאַרהאַרטעוועטע מענטשן און איינשטעלער וואָס האָבן זיך געלאָזט איבער די וועגן און ראַגאַטקעס, אַריינצושמוקלען אין שטאָט אַלץ וואָס זי האָט באַדאַרפט. צווישן זיי זענען געווען קליינע שמוקלער וואָס האָבן זיך אויסגעאַרבעט די חיונה, און גרויסע, שוין מיט דייטשער פּראָטעקציע און שטילער שותפות, וואָס זענען געוואָרן רייך. דער גרויסער רוב אָבער איז געוואָרן פאַר־אָרעמט און האָט צוגעהונגערט.

דערפאַר אָבער האָבן די דייטשע רויבער געלאָזט פריי דאָס קולטור־לעבן. דעם נאַציאָנאַלן גייסט פון די אָקופּירטע, האָבן זיי נישט אָנגערירט. זיי האָבן געלאָזט קולטורעל זיך פריי אויסלעבן וויפל איינער האָט געוואָלט.

און ס׳איז געווען ווי „הוליאי קבצן״... איז אנשטאט דער עקאנאמישער שפע אריינגעטראטן א גייסטיקע. און ס׳איז אויפגעקומען אן אויפלעבונג אויף פארשידענע יידיש-גייסטיקע געביטן. דערהויפט אויפן געביט פון ארגאניזאציאנעלע אידייען.

עס זענען אויפגעקומען פארשידענע יידישע פארטייען און ארגאניזאציעס. נאציאנאלע, ווי סאציאלע, ווו די יוגנט האט זיך געלערנט און אויסגעלעבט, ווי אויך שולן און ביבליאטעקן. צו די נאציאנאלע ארגאניזאציעס האבן אויך געהאלפן א טייל פון די יידיש-דייטשע מיליטער-לייט וואס האבן זיך דאן געפונען אין ביאלע.

קאפיטל זעכצן

## עס פעלט סחורה אין קראם

די קראם האט זיך אנגעהויבן איינשרומפן פון א מאנגל אין סחורה און ס׳איז נישט געווען וואס צו פארקויפן. האט זיך יאנקעלע געפרווט בריהן צו ראטעווען די לאגע. ער האט זיך אפשר אויך געוואלט אביסל אדורכפארן. איז ער געפארן צו א קרוב אין אטוואצק ביי ווארשע אויף עפעס זיך צו דאביוויען. ס׳איז אים אבער נישט געלונגען און ער איז צוריקגעקומען מיטן ליידיקן. ביז הדם האט זיך דערוווסט פון א דייטשן שאפער וואס איז אליין געווען א קונה אין קראם און האט אנגעפירט מיט א מאגאזין אינעם זעלבן הויף, אז אין וולאדאווע קין מען נאך עפעס קריגן צו קויפן, און ער איז אליין גרייט אדורכצופירן דעם עסק.

און ס׳איז מיט דער מאמעס רשות און בתנאי אז יאנקעלע זאל זיין דער „שומר״, ער זאל נישט אפטרעטן פון דער שוועסטער און זיצן צוזאמען מיט איר אין אויטא, באשלאסן געווארן צו פארן מיט אים קיין וולאדאווע נאך סחורה. דאס איז געווען יאנקעלעס ערשטע דערפארונג צו זיין א „שומר״ ביי דער אייגענער שוועסטער. א פונקציע, וואס די מאמע האט שפעטער איינציקע מאל אויסגענוצט פאר זיך אליין.

ס׳איז געווען זומער 1916. און די רייזע פון ביאלע קיין וולאדאווע מיט א משא-אויטא אויף דער ריינער, פרישער לופט, איז געווען דערפרישנדיק און אנגענעם. ס׳איז אויך געווען זייערע ביידנס ערשטע דערפארונג צו פארן מיט אן אויטא בכלל. זיי זענען אנגעקומען אין אוונט אין שטאט און גלייך פארפארן אין א יידישער אכסניה ווו זיי האבן גענעכטיקט.

און דאָ, אין דער אכסניה, האָט יאָנקעלע ס'ערשטע מאָל דערזען און באַוווּנדערט דאָס נייע עלעקטרישע כישוף־ליכט וואָס צינדט זיך אָן פון זיך אַליין דורך עפּעס אַ קוועטש אין אַ קנעפּל אויף דער וואַנט. ער האָט זיך פון דעם העלן, בלענדנדיקן שיין גאַרנישט געקענט אָפּ־רייסן. פאַרגאַפט און פאַרחידושט איז ער פון דעם געווען. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין קאָנטראַסט צו ביאַלע, איז שוין גאַנץ וואָלדאָווע דאַן געווען עלעקטריפיצירט.

די רייזע איז געלונגען. מען האָט איינגעקויפט וואָס נאָר ס'האָט זיך געלאָזט. אַ חוץ מעל און שפּייז, אויך אַזעלכע אַרטיקלען ווי קאַרביד־לאָמפּן, בלעכענע קריגן און שטאָבעס גליצערין־זייף. און אַלץ איז דאַן געווען אַ סחורה. צוריק פאַרגדיק האָבן אפילו איניקע וואָכן דעם דייטשן שאָפער געפּרוווט פאַרהאַלטן, ס'איז אָבער באַלד ווי נאָר ער האָט באַוויזן זיינע פּאַפּירן, אַדורך בשלום. און צופרידענע האָבן זיך ביידע, יאָנקעלע מיט דער שוועסטער אומגעקערט אַהיים.

די סחורה האָט אויף אַ צייט צוריק אויסגעפילט די קראָם. און מען האָט אַלץ ווי פאַרצוקערט. ס'איז אָבער געווען די ערשטע און לעצטע סחורה־רייזע וואָס הדם האָט מיט יאָנקעלען געמאַכט. מער איז אַזאַ געלעגנהייט נישט געווען. און די קראָם האָט זיך געמוזט באַנוצן מיט די קליינע שפּייז־שמוקלער ביי וועמען מען האָט אַלץ איינגעקויפט.

יאָנקעלע האָט זיך דערפילט פריי. כאָטש דער בלויזער געדאַנק פון זיין פריי, האָט אים אויסגעזען ווי אַ פאַרשוועכונג קעגן פאָטערס אָנדענק, האָט ער דאָס אָנגענומען. און נישט מורא האָבנדיק פאַר דער מאַמען וואָס איז צו אים געווען טראַץ איר פרומקייט, מער ליבעראַל און האָט זיך אַ חוץ זיין דאַווענען צו אים זיך נישט געמישט, אָנגע־הויבן צוריק צו באַזוכן דעם ציוניסטישן לאָקאַל ביי מאיר קאַרמאַן אויף דער גראַבאַנאַווער. ערשט מיטן אַוועקגיין פון יהושע פישער און בראַווערמאַנען פון בית עם און דאָס גרינדן פון מזרחי, איז ער אויך אַהין אַריבער.

דאָ, אין גרוימערן לאָקאַל פון מזרחי אויף דער יאָנעוווער ביי מאָטל מינצן, איז ער געווען אָן אָפּטער באַזוכער. ווי נאָר ער פלעגט אָפּעסן אָוונט־ברויט איז ער גלייך אַהין אַוועק. באַזונדער אין די פרייטיק צונאַכטסן נאָכן עסן. פרייטיק צונאַכט האָט ער זיך דאָרט גאָר דערפילט יום טובדיק דערהויבן. עס האָט אים אויסגעזען ווי ער האָט נישט נאָר איין נשמה יתירה די שבתדיקע, נאָר צוויי. און די צווייטע איז געווען די ציוניסטישע אידייע.

זי איז פאַר אים נאָך דאַן געווען אַ ריינע, אַ פרישע, אַ נישט באַרירטע. און מיט זיין גאַנצן יוגנטלעכן ברען האָט ער צו איר גע־שטרעבט. און ער געדענקט מיט וואָס פאַר אַן ענטוזיאַזם ער האָט געלייענט די ערשטע העפטן פון „המזרחי". ער האָט זיך אויף דעם זשורנאַל גאַרנישט געקענט דערוואַרטן. און די העברעישע ווערטער, די פאַרשטאַנענע, ווי די נישט גאָר פאַרשטאַנענע, האָט ער געשלונגען ווי דעם זיסטן מאכל.

אַלץ האָט אים אויסגעזען אַזוי ניי און פריש פאַר זיין געדאַנק און געמיט. ער איז געווען צוזאַמען מיט משה באַנקהאַלטערן און מאַטעלע האָכבערג פון די ערשטע אַקטיווסטע יוגנטלעכע חברים. צום ערשטן וועד האָבן געהערט, אויב ער האָט נישט קיין טעות, משה בראַווערמאַן, יהושע פישער, יצחק האָכבערג, בערל זשעלאַזאָ און מ. באַנקהאַלטער פון די צעירים. יאַנקעלע האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פאַר די קרנות, איז געגאַנגען אויף שמחות זאַמלען פאַרן קרן קימת, זיך פאַרנומען מיט די קערות און געטאָן אַלץ וואָס איז געווען נויטיק פאַר דער אָרגאַניזאַציע. צו די עלטערע חברים זענען שפּעטער צוגעקומען: זעלמאַן און ישראל פינקלשטיין (דער ריטקער). צו די יוגנטלעכע: די ברידער גדליה און יעקב קראַמאַרזש, ראָטענבערג און י. נירנבערג.

*

דער מאַנגל אין שפּייז איז אַלע מאָל געוואָרן גרעסער. די זיג־רייכע דייטשן וואָס האָבן שוין אָנגעשפּאַרט ביי קיעוו, האָבן ביים פויער, ווי ביים שטאָטישן איינוואוינער, די מעשענע קליאַמקעס און סאַמאָוואָרן, אַלץ צוגענומען. און וואָס זיי האָבן נישט באַלד גענומען, האָבן זיי דאָס פאַרשריבן אויף מאָרגן צונעמען.

און גאָרנישט האָבן זיי אַ חוץ די „באָכקעס" פון מיליטערישע קאָצן, געטשוועקטע שיך, ליילעכער און מאַרמאַלאַדע, וואָס דייטשע זעלנער האָבן פון זיך, אָדער פון די מאַגאַזינען געלקחנטע פאַרקויפט, אין שטאָט גאָרנישט אַריינגעבראַכט.

אויך דאָס ביסל פאַרקויפטע זאַכן האָבן דעם קונה קיין גרויס נחת נישט געגעבן. זיי האָבן טאָקע די זאַכן פאַרקויפט און זייערס אָפּגענומען, נאָר ווי נאָר זיי האָבן דאָס פאַרקויפט, האָט שוין די שליטה איבער דעם איבערגענומען דער מיליטערישער „רעוויזאָר", אַ הויכער שלאַנקער דייטש מיט אַ קליין שפּיציק בערדעלע, וועמען די ביאַלער בעלי הנעמען האָבן אים טאָקע אַזוי אַ נאָמען געגעבן, „דאָס בערדעלע",

לערער יעקב שטיינמאַן (אַ ברודער פון יונה שטיינמאַן פון ניו־יאָרק) געוואָרן געגרינדעט די העברעישע שולע „יבנה״, דער ספּאָרט־קלוב „מכבי״, ווי אויך די ביבליאָטעק ביים „בית עם״ וועמענס ביבליאָטעקאַר עס איז שפּעטער געווען אשר ראָזענצווייג. אַזוי אויך זענען אויפגעקומען די ביבליאָטעקן ביי די לינקע פּועלי ציון (אָנפירער סאָלסקי) און „בונד״. ס׳איז געווען טעטיק דער „אחיעזר״, ס׳קינדער־היים און די יידישע פאָלקס־קיך.

פון די עלטסטע ציוניסטן אין ביאַלע געדענקט זיך, יהושע פּי־שער, בנימין קליגער, אשר האָפער, יעקב שטיינמאַן, אַפּאָלינאַרי האַרט־גלאַס, דער שפּעטערדיקער דעפּוטאַט און פאָרזיצער פונעם יידישן „סיים־קאָלאָ״ אין פּוילן, וואָס האָט נאָך אָנגעהויבן זיין ציוניסטישע טעטיקייט אין ביאַלע ווי אַ סטודענט, וועמענס פאָטער קלמן איז געווען אַן אַסימילירטער יידישער אַדוואָקאַט, אויף וועמען מען האָט אין שטאָט געזאָגט אַז ער עסט אַ הינדעלע מיט פּוטער, וואָס איז דאַן אינעם פרומען ביאַלע געווען די נידריקסטע מדרגה פון זיין אַ ייד (שפּעטער, אַ דאַנק זיינע צוויי ציוניסטישע זין, געוואָרן נאַציאָנאַלער).

*

ווי פריער, האָט אויך אַצינד ביים פאַרערגערן זיך פון דער לאַגע, די מאַמע זיך נישט פאַרלוירן. די מאַמע איז געווען אַן אויסגע־רעכנטע און גוטע בעל הביתטע. און זי האָט ביים איינשרומפּן זיך פון דער פרנסה אָנגעהויבן קאַרגן און וואַרגן. זי האָט ראשית פאַר די דערוואַקסענע קינדער אָנגעהויבן טיילן דאָס ברויט אין פּאָרציעס. יעדן איינעם אַ גלייכע פּאָרציע. אויך זיך אַ גלייכע פּאָרציע. אַנשטאָט צוקער און קאַפע, האָט מען אָנגעהויבן נוצן ציקאָריע און סאַכאַרין. און פליייש האָט מען שוין זעלטן אָנגעזען. זי האָט זיך אָבער באַמיט אַז גאָר הונגעריק זאָל מען אויך נישט זיין.

האָט זי צו דעם צוועק גענומען אַ טייל פונעם פעטערס פעלדער אויף צו באַאַרבעטן. זי האָט געדונגען אַ שטאָטישן פוער (מיעשטשאַן) וואָס האָט דאָס פעלד פאַראַקערט, באַמיסטיקט און פאַרזייט אויף קאַרטאָפל און גריקע. און ס׳האָט לאַנג נישט גענומען ווען אין סוף זומער (1917) האָט מען אָראָפּגענומען דעם פאַרזיי מיט אַ נישקשהדיקן שניט פון קאַרטאָפל און גריקע. ביים גראָבן די קאַרטאָפל האָט מען שוין אַליין אויך צוגעאַרבעט. די קאַרטאָפל האָט מען געלאָזט פאַר זיך, זיי אָפּגעשיט אינעם אייגענעם קעלער. נאָר די גריקע, וואָס האָט געפאָדערט נאָך אַרבעט עס אויסצוקלאָפּן, האָט די מאַמע גלייך פאַר־

קויפט. און דאָס הויז איז פאַרן יאָר לכל הפחות געווען באַוואָרנט מיט קאַרטאָפל.

ס'לעצטע מאָל אָבער ווען ס'איז נישט געווען קיין פערד אָפּ־צופירן די רעשטע קאַרטאָפל און מען האָט מורא געהאַט זיי צו לאָזן אויפן פעלד, האָט זיך יאַנקעלע אַליין איינגעשפּאַנט אין אַ האַנט־וועגעלע און גענומען פירן די קאַרטאָפל אַהיים. און שלעפּנדיק אַזוי די קאַרטאָפל שוין נאָענט פון שטוב, איניקע שפּאַן בלויז פון הויז, איז פאַרביינגעפאַרן אַ מיעשטשאַנסקע פור וואָס האָט מיטן גאַנצן כוח יאַנקעלעס וועגעלע אַ שטויס געטאָן אויף צוריק, אומוואָרפנדיק אים אויפן בריק, וווּ ער איז געבליבן ליגן מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ.

די מאַמע וואָס איז מיט אים מיטגעגאַנגען, האָט דערזעענדיק דאָס פליייצנדיקע בלוט זיך אויף אַ מאָמענט פאַרלוירן. זי איז ווי געוואָרן פאַרשטיינט. זי איז אָבער באַלד געקומען צו זיך, האָט געמאַכט אַ געוואַלד און מען האָט אים אַריינגעטראָגן צום נאָנטסטן אין דער שכנות דייטשן דאָקטאָר. און מערקווירדיק, ס'איז געווען דער זעלבער דייטשער דאָקטאָר וואָס האָט געפּרוווט באַהאַנדלען יאַנקעלעס טאַטן אין אָנהייב פון זיין קראַנקייט. נאָר צו אים האָט ער זיך שוין יאָ צוגערירט. דער דאָקטאָר האָט גלייך פאַרהאַלטן דאָס בלוט און אים פאַרבאַנדאַזשירט דעם קאָפּ. און די שמחה פון אַראָפּנעמען דאָס אייגענע גערעטעניש איז דערווייל געוואָרן פאַרשטערט.

יאַנקעלע איז אָבער געווען יונג, און נאָך איניקע וויזיטן ביים דאָקטאָר איז ער גיך געקומען צו זיך. און באַלד נאָך דעם ווי ער איז געקומען צו זיך, האָבן די דייטשן ווידער גענומען כאַפּן אויף אַרבעט, ווו אויך ער איז אויף אַ טאָג אַריינגעפאַלן.

ער איז דעריבער כדי צו באַוואָרענען זיך פון ווייטערדיקע צוואַנגס־אַרבעט, אויף אַ שטיקל צייט געוואָרן אַ גאַסן־מיליציאָנער, וועמענס אויפגאַבע ס'איז געווען אַכטונג צו געבן אויף דער גאַסן־ריינקייט פון זיין ראַיאָן. אָן אַרבעט, וואָס ער האָט געהאַלטן פון אסתר תענית ביז פורים.

## יאַנקעלע האָט אָנגעהויבן פרעגן קשיות

ווען יאַנקעלעס טאַטע איז געשטאָרבן איז יאַנקעלע געווען בלויז ביי פופצן יאָר אַלט. נאָר שוין פריער, נאָך אין די לעצטע יאָרן פון זיין חדר־לערנען, איז אין אים אויפגעקומען פיל קשיות. אפשר נאָך נישט קיין שאַרף אַפּלייקנדיקע, אָבער קשיות און ספקות אין לערנען, אומקלאָרקייטן און שכלדיקע אָפּפרעגעכצן — יאָ.

ער האָט מיט אַ סך זאַכן און שטעלן אין לערנען נישט געקענט מסכים זיין. זיי נישט געקענט פאַרדייען. זיין נאָך יונגער, אָבער קריטישער גייסט האָט זיך אין אים שוין געהאַט אַנטפּלעקט און ער האָט מיט אַט די אויפגעקומענע שאלות נישט געקענט שלום מאַכן. אַזוי אין לערנען חומש ווי אין גמרא.

און פרעגן האָט ער מורא געהאַט און האָט אויך נישט געהאַט די דרייסטקייט פאַר דעם. ער איז אין זיינע יונגע יאָרן געווען אַ שעמעוודיקער. ער איז געווען אַזוי שעמעוודיק, אַז נישט נאָר האָט ער דאַן נישט געהאַט דעם מינדסטן קאָנטאַקט מיטן צווייטן געשלעכט, כאָטש ס'האָט אים צו אים געצויגן, נאָר אויך שפּעטער האָט ער מיט זיין ערשטער כלה נישט געקענט פירן דעם מינדסטן געשפּרעך אפילו ביחידות. ווער רעדט שוין צו מאַכן ווען ס'איז קאָמפּלימענטן און הנפּענען. ער איז אין תוך געווען און איז נאָך היינט געבליבן קריטיש און מער ווייניקער אמתדיק.

אויך זיין באַציונג צום טאַטן איז אָפּט געווען אַן אומדרייסטע, שעמעוודיקע. ער האָט זיין טאַטן קיינמאָל נישט באַגריסט ביי זיין צוריק קומען פון ערגעץ, אים נישט געגעבן קיין שלום. און אים האָט זיך נאָך אויסגעדאַכט אַז דאָס איז נישט זיין אייגענע שולד, נאָר נאָר דעם טאַטנס. געדענקט זיך טאַקע ווי נישט איין מאָל האָט אים דער טאַטע, הגם מיט ליבשאַפט און איינגעהאַלטן, געפרעגט: „אַ טאַטן גיט מען נישט קיין שלום ווען ער קומט צופאָרן?"...

אָבער טראָץ דעם וואָס ער האָט זיינע קשיות דאַן נישט אַרויסגעבראַכט, האָט ער זיי אין זיך, אין גאָר זיין אינערן געטראָגן. האָט זיי געהאַט אינעם באַוווסטזיין. און הגם ער האָט זיי דערווייל פאַרשטעקט אין די אונטערערדישע היילן, אין די גאָר טיפענישן פון זיין גייסט, האָבן זיי אָבער ווי פאַרשטאָפּטע קוואַלן געוואַרט אויף זייער געלעגנהייט זיך אַרויסצורייסן אויף דער אויבערפלאַך.

*

זיינע קשיות זענען געווען פילאָזאָפישע און מאָראַלישע. עס האָט זיך אים באַלד אין אָנהייב חומש (בראשית) די מעשה פון גן עדן נישט געקלעפּט. און נישט נאָר האָט זי זיך אים נישט געליינט אויפן שכל, נאָר זי האָט אים פונעם שטאַנדפּונקט פון דער יידישער אמונה אַליין, אויסגעזען ווי ווילדע קרעפּיווע פון געדאַנק.

הערט אַ טענה: „הן האדם היה כאחד ממנו לדעת טוב ורע, ועתה פן ישלח ידו ולקח גם מעץ החיים ואכל וחי לעולם" (דער מענטש איז געוואָרן ווי איינער פון אונדז צו וויסן פון גוטס און שלעכטס, און

אַצינד נאָך ווען ער וועט עסן פון בוים פון לעבן, וועט ער דאָך לעבן אייביק).

אַזאַ אַ זאַג וואָס קוקט אויס ווי דער כביכול וואָלט זיך דער־שראָקן פאַר מענטשלעכער קאָנקורענץ, — האָט יאַנקעלעוו אויסגעזען נישט נאָר ווי אַ לעסטערונג כלפי מעלה, קעגן דעם „בלי ראשית, בלי תכלית" (אָן אַן אָנהויב, אָן אַ תכלית), נאָר עפּעס ווי „ממעט צו זיין את הדמות" (צו פאַרקלענערן גאָטס געשטאַלט).

אַזוי האָט אים אויסגעזען נישט ריכטיק די האַנדלונג פון אברה־מען מיט שרהן לגבי הגרן. שרה האָט אין אָנהייב נישט געהאַט קיין קינדער. האָט זי אברהמען געגעבן איר דינסט הגר מיט וועמען ער האָט געהאַט אַ זון ישמעאל. און נאָכדעם ווען שרה האָט אים געבוירן יצחקן, הייסט זי אברהמען אַרויסטרייבן הגרן מיטן קינד. און דער טאַטע אברהם פאָלגט איר און פאַרטרייבט זיי ביידע אין דער וויסטער מדבר (וירא כ"ח).

נאָך ווייניקער האָט ער נישט געקענט באַגרייפן דאָס הארץ פון אַ טאַטן וואָס איז גרייט מקריב צו זיין פאַר אַן עולה זיין געליבטן זון יצחק (וירא)... דאָס זעלבע מיט יעקבן וואָס האָט נישט געגעבן דעם מידן און הונגעריקן ברודער עשו עפּעס אָפּצועסן, ביז ער האָט אים נישט פאַרקויפט די בכורה (תולדות כ"ו).

אַזוי איז אים אויך נישט געפעלן געוואָרן דאָס לשון פון די קרבנות ווי: „את לחמי לאשי ריח ניחוחי" (מיין ברויט, מיין גע־שמאַקן ריח. פּנחס כ"ה). כאָטש שוין רש"י פּרוּווט אַזעלכע אויסדרוקן פאַרענטפערן מיטן: „שדיברה תורה בלשון בני אדם" (די תורה רעדט מיט דער שפּראַך פונעם מענטש).

ווי דער זהר זאָגט גאָר: „ווי להאי בר־נש דאמר דהאי אורייתא אתיא ספורים בעלמא". — וויי צו דעם וואָס זאָגט אַז די תורה ברענגט סתם מעשיות, סתם זאָגעכצן...

און דער „חובת הלבבות" לאַכט גאָר אויס אַזעלכע מענטשן־אַרטיקע רייד (אַנטי פּראָמאָרפיזמען) וואָס האָבן אַ שייכות צו גאָט. און האָט דאָך דער רמב"ם געשאַפן אַ גאַנץ ווערק „מורה נבוכים", כדי אָראָפּצונעמען און אויסטייטשן אָט די אַלע פאַרמענטשלעכונגען לגבי דעם כביכול. אַזוי אויך אַנדערע.

אַגב וואָס שייך רש"י, איז נאָך היינט ווען ער שרייבט אָט די שורות, קען ער זיך נישט באַפרייען פון זיין אַמאָליקער פאַרערונג צו אָט דעם גרויסן בעל מפרש און בעל דקדוק. צו רש"ין דעם פאָלקס־טימלעכן און אַלזייטיקן אויסטייטשער פון תנ"ך און תלמוד.

אַז עס האַנדלט זיך וועגן געצנדינער און אַליין מערדער וואָס האָבן מקריב געווען זייערע קינדער צום מולך, ווי ער האָט געוווּסט פון די מאָדערנע אַפּאָלאָגישע פּירושים.

און דאָס קליינע יאַנקעלע, ווייל נאָר וואָס נאָך דער בר מצווה, האָט זיך געפּרעגט: ווי קומט עס און ווי קען עס זיין,... אַ תורה וואָס איז אַזוי רייך אין סאָציאַלע און מאָראַלישע געזעצן, ווען אַפילו סאָציאַלע רעפאָרם-געזעצן, אָבער דאָך אַ טייל פון זיי אייביקע און אַלע צוזאַמען אַ וווּנדער פאַר יענער צייט, באַזונדער די פּרשה קדושים פאַר וועמענס וואָרנונגען און מצוות מען דאַרף זיין אַ מלאך אָט דאָס אַלץ אויספירן, איז ווי קומט אַריין אין אַזאַ תורה, אַ תורה פון „ואהבת לרעך כמוך" (ליב דיין חבר ווי דיר), אַ „לא תחנם" און אַ „לא תחיה כל נשמה", ווען אַפילו בלויז צו די זעקס אָדער זיבן פעלקער?...

שפּעטער אָבער, ווען ער איז געוואָרן רייפער און מער באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון די פעלקער, באַזונדער מיט זייערע קענגזייטיקע פאַרכאַפונגען און אויסראַטונגען פיל שפּעטער פון דער ביבלישער תקופה, — בפרט היינט ווען ער שרייבט די שורות אין 1972 נאָך דער דערפאַרונג מיט די דייטשן און אַפילו מיט די „פרייהייטלעכע" קאָמוניסטן, — האָט ער אָנגעהויבן קוקן אַנדערש אויף דער מעשה פון די „ששה עמים" (זעקס פעלקער) וואָס האָט געזאָלט פאַרקומען (אויב ס'איז ווירקלעך אַזוי פאַרגעקומען?) אין אַזאַ פריען, כמעט פרע-היסטאָרישן פעריאָד פון דער יידישער געשיכטע.

ער האָט אויך אָנגעהויבן אַנדערש צו קוקן אויפן בית המקדש. לערנענדיק אין דער משנה יומא וועגן כהן גדול, דעם העכסטן גייסט-לעכן ביי יידן, דער וואָס איז אין יום כפור אַריין אין קדשי קדשים וווּ קיין אַנדערער אַ חוץ אים האָט נישט געטאָרט אַריין, נאָר וועמען מען האָט גאָר אין דער יום כפורדיקער נאַכט פאַרהערט צי ער קען די דינים פון דער מאָרגנדיקער עבודה. און רש"י, וועמען אויך אָט די מעשה איז געווען קשה, פאַרענטפערט דאָס דערמיט, וואָס אין דער צייט פון בית שני האָט מען אַרויפגעצוווּנגען אַ נישט פאַסיקן כהן גדול אויף דער עדה צוליב כאַבאַר אָדער מאַכט-פּאָליטיק.

האָט ער דעריבער שוין דאַן אָנגעהויבן באַטראַכטן דעם בית המקדש, דעם ערשטן, ווי דעם צווייטן, פון אַן אַנדער, נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט. דער בית המקדש האָט געדאַרפט פאַרייניקן די שבטים, צעמענטירן דאָס פאָלק און עס צובינדן צום הויפּט-צענטער, צו דער הויפּט-שטאָט, ירושלים.

און דער צערעמאָניאַל פון די פּי און פייגל־קרבנות האָט די בני ישראל געדאַרפט אַפּציען פון די אַנדערע געצנדינערישע צערע־מאָניאַלן, בפרט פונעם מולך, פון פאַרברענען לעבעדיקע קינדער, ווי בכלל פון יעדן קאָנטאַקט מיט די עבודה זרות און פרעמד־פעלקערשע פירונגען. דאָקעגן זיי פאַרייניקן און פאַרפעסטיקן אינעם אייגענעם שטייגער, אינעם אייגענעם פיר און אויפפיר.

דאָס אַלץ, צוזאַמען מיט דער ווירקונג פונעם אַלגעמיינעם און אייגענעם אַרום, ווי אויך דאָס דערזען סתירות צווישן לערנען אונעם לעבן, האָט אים דאַן געפירט דערצו, ער זאָל זיך ביסלעכווייז אָנהייבן אויספרומען. און וואָס מער ער האָט זיך אויסגעפרומט, אַלץ אַנדערש האָט ער די זאַכן געזען און באַנומען...

ער האָט שוין נישט מקפיד געווען אויף די אַלערליי תפילות, האָט זיי אָנגעהויבן אַדורכלאָזן, האָט שוין נישט געגלויבט אין אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט, ווי ער האָט אויך אויפגעהערט מקפיד צו זיין אויף די איסורים, זיי אָנגעהויבן איבערצוקלויבן.

און אויב ער איז ביי געוויסע איסורים צו ווייט פאָרט נישט אַוועק, איז עס געווען בלויז צוליב זיין שעמעוודיקייט. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט זיין לערנען וואָס איז שוין נישט געווען אַ לערנען לשמה, נאָר אַ לערנען לשם לערנען און געדענקען.

קענען און געדענקען געשיכטע, קולטור און שטייגער פון זיין פאָלק. ער האָט די קדושה פון דער רעליגיעזער זייט — איבערגע־שטעלט אויף דער נאַציאָנאַלער. און נאָר דאָס לעבעדיקע פאָלק מיט אַלע זיינע פיזישע און גייסטיקע נויטן און באַדערפענישן, האָט ביי אים אָנגעהויבן אַרויסטרעטן אין פאָדערגרונט.

ווי ווייט ער איז געווען שעמעוודיק אַפילו שוין אויסגעפרומ־טערהייט, קען דינען פאָלגנדיקער עפּיזאָד. ער איז שוין געווען אַ בחור פון אַ יאָר זעכצן. ער איז שוין אַפילו געווען אַן אַריינגייער אין „בית עם" וווּ עס זענען זיך צונויפגעקומען יונגלעך מיט מיידלעך. ער איז אָבער נאָך געווען אַ חבר פון „מזרחי" און האָט נאָך מיט קיין מיידלעך נישט פאַרקערט.

ער האָט נאָך אויך אַ חוץ זיינע שטיבל־באַקאַנטע און די חברים פון „מזרחי", קיין צו נאָנטע חברים נישט געהאַט. ער פלעגט זיך מיט זיי טרעפן אין לאָקאַל, שמועסן איבער פאַרשידענע ענינים, נאָר צו קיין נשמהדיקן אויסטאָן זיך, צו קיין נשמהדיקן אַנטבלויז, צו אַזאַ מדרגה פון חברשאַפט איז נישט געקומען. און ער האָט געגלוסט

צו אַט אַזאַ אינטימע חברשאַפט. צו אַ חברשאַפט אַן תנאים, ווי צווישן דודן און יהונתן.

האָט זיך איינמאָל מיט אים באַקענט אַ יונגל פון זיין גאַס און עלטער, און האָט מיטגענומען צו אַ היימישער מיידלשער פאַרוויילונג. אין דער שטוב זענען געווען מער מיידלעך ווי יונגלעך, און דווקא שיינע. מען האָט געשפּילט אין בלינדעניש, אין פלירט, טערנעס, און אין נאָך אַזעלכע שפּילן וואָס דערמעגלעכן די באַטייליקטע זיך צו דערנענטערן.

דער חבר און די איבריקע יונגלעך האָבן זיך מיט אַ גלוסטנדיקן ברען אין אייפער אַריינגעוואָרפן אין דער שפּיל. נאָר ער, כאָטש אַן אַנגעצונדענער און צערייצטער, האָט זיך צו די מיידלעך נישט צוגע־רירט. און נישט נאָר נישט צוגערירט, נאָר האָט אַפילו פאַר זיי קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען.

ער איז אַזוי געשטאַנען גאָרנישט טוענדיק און גאָרנישט רעדנ־דיק, ביז די יונגלעך האָבן די קעגנזייטיקע פאַרוויילונג פאַרוואַנדלט אין אַ חוזק־פאַרוויילונג קעגן אים אַליין. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן וויצלען און חכמהן אויף זיין קאָנטע. און זיי האָבן זיך אַזוי לאַנג געוויצלט איבער אים, ביז ער איז אַליין אַוועק און די חברשאַפט איז געוואָרן איבערגעריסן.

### קאַפּיטל זיבעצן

## די דייטשן הייבן אָן כאַפּן קלעפּ

די פּאַריסענע דייטשן האָבן אויף די פראָנטן, באַזונדער אין פראַנקרייך ביי ווערדון, אָנגעהויבן כאַפּן קלעפּ און צוריקטרעטן. און די דייטשע אָקופּאַציע וואָס האָט אויסגעזען ווי צו דויערן אייביק, האָט אָנגעהויבן ווייזן סימנים פון איינברעכן זיך.

צו דעם האָט אויך געהאָלפן די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש אין רוסלאַנד וואָס האָט געהאַט אַ פאַרקערטע ווירקונג ווי די דייטשן האָבן אויסגערעכנט ביים אַריינשמוקלען לענינען און טראָצקין קיין רוסלאַנד, וואָס האָט אַנשטאָט צו שטאַרקן די דייטשע אַרמיי, גאָר פון איר זייט באַאיינפלוסט און אַרויסגערופן די קורצע איבערקערעניש אין בערלין, אַראָפּזעצנדיק דעם דייטשן קיסר ווילהעלם דעם צווייטן.

און מיטן אַראָפּזעצן דעם „קייזער" און דאָס דערנענטערן זיך פונעם פּוילישן לעגיאָן אונטערן אָנפיר פון יוזעף פּילסודסקי, איז די דייטשע אַרמיי נאָך מער געוואָרפן אָפּגעשוואַכט און דעמאָראַליזירט.

קערונג האָט אַנגעהויבן קומען צו זיך. דאָס פאַראָרעמטע יידישע ביאַלע איז געקומען צו הילף דער אַמעריקאַנער „דזשאָינט" וואָס האָט אַריינגעשיקט שפּייז און קליידונג, מיטהעלפנדיק אויך צום אַנטשטיין פון פאַרשידענע יידישע הילף־אינסטיטוציעס לטובת די פאַראָרעמטע יידן.

אויך האָט צוליב דעם וואָס דאָס נייע דעמאָקראַטישע פּוילן האָט דערמעגלעכט די עקזיסטענץ פון פּאָליטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, באַזונדער דורכן איינשטעלן די נייע געזעצגעבערישע קאַמערן אין וואַרשע און די לאָקאַלע זעלבסט־פאַרוואַלטונגען אין די שטעט, האָט דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע לעבן ווידער גענומען קאָכן און ברויזן.

מען האָט געדאַרפט אַדורכפירן פאַרשידענע וואַלן און פּאָליטישע אַקציעס, וואָס האָבן געגעבן אַ מעגלעכקייט די פאַרשידענע יידישע פּאַרטייען אַרויסצווייזן זייער אַקטיווויטעט און דורכדעם אויך געווינען פאַר זיך די יידישע מאַסן.

צו די פריערדיקע יידישע פּאַרטייען, ווי ציוניסטן, פּועלי ציון און „בונד" איז אויך צוגעקומען די „אגודה", אַ נייע אָרטאָדאָקסישע פּאַרטיי וואָס האָט פאַרטראָטן די פרומע יידן דעם רוב פונעם עלטערן דור, און וואָס האָט אויך געהאַט די שטיצע פון אַ טייל רבנים און רביים, ווי אויך די „פאָלקס־פּאַרטיי" אונטערן אָנפיר פון נח פּרילוצקי, וועמענס אָנהענגער זענען אין ביאַלע געווען ווייניק. און ס'איז אויף אַ צייט ווידער געוואָרן לעבעדיק.

אין אָנהייב 1918 נאָך דער פּטירה פונעם ציוניסטישן פירער ד"ר טשלענאָוו, האָבן די ציוניסטן באַשלאָסן פאַר אים איינצואָרדענען אין דער גרויסער שול אַן הזכרה. און ווען אַלץ איז געווען גרייט, האָט זיך דער ביאַלער רב אַריינגעמישט און האָט נישט דערלאָזט צו געבן די שול.

די פרומע זענען נאָך פון פריער געווען בייז אויף די ציוניסטן פאַר האַלטן אָפן אום שבת דעם בופעט אין בית עם, ווי בכלל פאַרן פרייען גייסט וואָס האָט זיך צווישן דער ציוניסטישער יוגנט אַריינגעכאַפּט. נאָר נאָכן אויפקום פון דער „אגודה" האָט זיך דער קאַמף פאַרשאַרפט. ער איז שוין אַצינד געוואָרן אַ רעליגיעזער פּאָליטישער קאַמף אויף אַלע געביטן פון יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. ס'האָט אָבער דעם רב (און אפשר גאָר זיינע יועצים) נישט געהאָלפן. די פאַרשלאָסענע שול איז דורכן „מכבי" אונטערן אָנפיר פון אשר פייגנבוים געוואָרן געעפנט, און די הזכרה איז פאָרגעקומען.

אינעם זעלבן יאָר איז אויך פאָרגעקומען די וואַלן צו דער

אָרגאַניזיר־קאָנפערענץ פונעם יידישן נאַציאָנאַל־ראַט אין וואַרשע, ווי אויך צום גרינדונג־סיים. און ביידע וואַל־אַקציעס האָבן אויפסניי צע־ברויזט די געמיטער פון די ביאַלער יידן, באַזונדער פון דער יוגנט. עס זענען אַראָפּגעקומען די אָנגעזעענסטע פּאַרטיי־פירער פון וואַרשע און די שלאַבט צווישן די פּאַרטייען האָט זיך אָנגעהויבן.

די ביאַלער ציוניסטן האָבן ווי אַ קאַנדידאַט צום סיים אַרויס־געשטעלט דעם בן־עיר, אַדוואָקאַט אַפּאָלינאַרי האַרטגלאַס (פיגורירט אויף דער ליסטע צוזאַמען מיטן אַדוואָקאַט א. העריץ אַלשוואַנגער און אינזשיניער משה קערנער), וועלכער איז אויך דערווײַלט געוואָרן. און די שמחה ביי די ביאַלער ציוניסטן פאַר איר ערשטן וואַל־זיג איז געווען גרויס.

אין אַלע אַקציעס האָט זיך יאַנקעלע באַטייליקט. ער איז אויך געווען אַן עדות, ווען אין אַ שבת־צונאַכט איז אין קינאָ־זאַל פון חיים יאָסקע קאַשטנבוים פאַרגעקומען דער גרויסער וואַל־מיטינג מיט דער באַטייליקונג פונעם פון רוסלאַנד צוריקגעקומענעם ציוניסטישן פירער, אַדוואָקאַט יצחק גרינבוים.

דער זאַל איז געווען פול געפּאַקט. און דער פאַרזאַמלטער עולם, באַזונדער די עלטערע ווי די יונגערע ציוניסטן, האָבן שוין מיט אומ־געדולד געוואַרט אויף גרינבוימס וואָרט. נאָר אויך די בונדיסטן האָבן געוואַרט. זיי האָבן זיך געגרייט אויפצורייסן דעם מיטינג.

זיי האָבן מעשה מחותנים באַזעצט די ערשטע ערטער און זיך געגרייט צו דער עבודה. זיי האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן אַ טומל כדי נישט צו לאָזן דעם רעדנער רעדן. אָבער אויך די ציוניסטן האָבן נישט געשוויגן. זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם רעדנער און זיך באַמיט איינ־צושטילן דעם טומל. און גרינבוים האָט ווי עס איז אָנגעהויבן רעדן.

נאָר ווען דער רעדנער האָט אויף זיין שטייגער אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען זיינע געדאַנקען וועגן דער יידישער לאַגע אין שייכות מיט די געשעענישן אין רוסלאַנד און פוילן, און דער עולם האָט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד, האָט איינער אַ בונדיסט צו אים אַ געשריי געטאָן „פּראָוואָקאַטאָר!” גרינבוים אָן אויפגעצאָרנטער האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַטש אויסרופנדיק: „פאַר באַליידיקונג באַצאָלט מען מיט בלוט!” און דער מיטינג האָט זיך מיט דעם געענדיקט.

*

יאַנקעלע האָט שוין גאַנצע אָוונטן פאַרבראַכט אין דער אָרגאַ־ניזאַציע. ער האָט שוין אין שטיבל ווייניק געלערנט. זעלטן זיך אַריינ־געכאַפּט לערנען. ער פלעגט אָבער נאָך אָפּהיטן זיין לערנען שבת און

יום טוב אין שטוב. שבת די סדרה פון דער וואָך מיט די מפרשים, און יום טוב די גמרא און משניות מענינא דיומא.

זיין פרומקייט איז יעדעס מאָל געוואָרן שוואַכער. זיין פריער־דיקע הלבשה האָט ער שוין לאַנג געהאַט פאַרוואָרפן. אויך אין די הלכות „בין אדם למקום" איז ער נישט געווען שווה בשווה. ער איז אָבער געוואָרן נאַציאָנאַלער, יידיש־שטאָלצער, און האָט זיך געגערט מיט די נאַציאָנאַל־גייסטיקע ווערטן פון זיין פאָלק. ער האָט גענומען אויף זיך גאָר דעם עול פון נאַציאָנאַלן קיום — אָננעמענדיק די פולע היסטאָרישע גאַנצקייט פון ישראל סבא...

די מאַמע, הגם אַ רעליגיעזע אין איר אַלט־מאָדישער פרומקייט, האָט געהאַט אַ חוש פאַר איר זון. זי האָט אים מיט גאָרנישט גע־שטערט אין זיין באַזונדערן אויפפיר. ס'איז פאַר איר גענוג געווען דאָס קוויקן זיך מיט יאַנקעלעס פאַרגיין זיך אין אַזאַ זיס־ציענדיקן ניגון פון אַ שבתדיקן, צי יום טובדיקן לערנען. אַ סומנע זיסע ציענדי־קייט, וואָס פאַרווייגט און פאַרשפּילט דאָס שווערע יידישע געמיט.

האָט זי געוווּסט אַז דאָס לערנט ער אַזוי נישט צוליב דער באַזונדערער הייליקייט פון תורה־לערנען, נאָר פשוט צוליבן וועלן קענען די פאַרגאַנגנהייט פון זיין פאָלק, זיין קולטור און שטייגער, און אַז ער אַליין ווערט פאַרכאַפּט און פאַרווייגט פון אָט דעם דורותדיקן, ווי מיסטישן ניגון?...

זיין ברודערל יוסילע וואָס איז געבוירן געוואָרן אין פאַר דער משפחה אַזאַ נישט גליקלעכער צייט (1914) איז אונטערגעוואַקסן, און די מאַמע האָט אים איבערגעגעבן מיט אים צו לערנען. ער האָט אָבער אין אַנהייב נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויסן חשק צו לערנען. עס האָט אים געפעלט דער אויטאָריטעט פון אַ טאַטן און די התמדה פון זיין עלטערן ברודער.

צופיל אָבער צו מאַטערן דאָס קליינע ברודערל, אַ יתומל, וואָס איז קוים אַלט זייענדיק דריי יאָר אין איינער אַ נאַכט אַוועק אויפן בית עולם זוכן דעם טאַטן, און וועלוועלע באַגרעבער האָט אים צוריק־געבראַכט אין שטוב, האָט ער נישט געהאַט קיין הארץ.

יוסילע האָט אָבער זיינס נישט אַנגעוווירן. ווי אַלע אין דער משפחה איז אויך ער געווען אַ פעיקער. און ער האָט דערנאָך זיינס אָפּגענומען כפל כפלים. ס'איז פאַר אים געווען גענוג דאָס זיין אַ זמן צי צוויי אין אַ קיבוץ. און ווען ער איז צוריקגעקומען, איז ער שוין געווען נישט נאָר אַ גוט אַנטוויקלטער און באַוווּסטזיניקער בחור, נאָר ביי זיינע קוים פופצן יאָר, אַ מענטש מיט אַ געזעצטן שכל.

קיינער האָט אים אין קיבוץ נישט געשיקט. ווי קיינער האָט דעם מוזשינעק אין קיין וואַרשטאַט נישט געטריבן. ווי קיינער האָט אויך אין דער פריער פאַרמעגלעכער חסידישער משפחה זיין עלטערן ברודער צו קיין אַרבעט נישט געטריבן. אַליין איז ער אַוועק אין קיבוץ, ווי ער איז פריער זעענדיק די לאַגע אַליין אַוועק אַרבעטן ביי ראַווערן. אַרבעטן, מחמת ער האָט דעם פאַך כמעט נישט געלערנט, אָדער גאָר ווייניק אים געלערנט. און ער איז געוואָרן אַ גוטער ראַווערן־מעכאַניקער.

און ווען ער האָט זיין עלטערן ברודער נאָך זיין חתונה אין ביאַליסטאָק געשיקט געשריבענע קאַרטלעך, האָט יאַנקעלע זיך נישט געקענט אַפּוואונדערן פון זיין קורץ־געפּרעסטן סטיל און קלאָרן אויסדרוק וואָס האָט דערמאָנט אינעם טאַטן. און ער האָט זיך געפרעגט: „ביי וועמען און ווען האָט ער דאָס געלערנט?”...

אויך יוסילס עלטער שוועסטערל מרים איז אונטערגעוואַקסן. און אויך די קליינע מרים האָט פאַרשטאַנען די לאַגע. ווייל פון זיך אַליין האָט זי אָנגעהויבן צו גיין אין די פּיס־טריט פון דער עלסטער הדס. און ווען הדס האָט שפּעטער חתונה געהאַט, האָט די קליינע מרים פאַרנומען איר אָרט אין קראָם און איז געוואָרן דער מאַמעס אַרויסהעלפערין.

*

יאַנקעלע האָט אָנגעהויבן לייענען ביכער. ער האָט זיך צו זיי צוגעכאַפּט מיטן זעלבן ברען און התמדה, ווי ער האָט זיך פריער צוגעכאַפּט צו זיין לערנען. ער האָט זיי אַצינד געלייענט ווי נאָר ער האָט געהאַט אַ פרייע מינוט. באַזונדער אין די נעכט.

ער האָט לכתחילה נישט מקפּיד געווען אויפן סדר אין לייענען. מחמת די תרבות־ביבליאָטעק אין „בית עם” מיט וועלכער ער האָט זיך אין אָנהייב באַנוצט, איז נאָך דאַן נישט געווען קיין גרויסע און קיין פול געאָרדנטע. האָט ער גענומען פון וואָס און פון וועמען ס'האָט זיך נאָר געלאָזט.

ער האָט זיך געוואָרפן אויף די פאַרשידנסטע ליטעראַרישע געביטן. האָט געלייענט ריינע ליטעראַטור, יידישע ווי וועלטלעכע, ווי ער האָט אויך געלייענט און געלערנט וויסנשאַפט און פילאָסאָפיע. אַזוי אין יידיש ווי אין העברעיש. און נישט איין וויסנשאַפטלעך ווי פילאָסאָפיש בוך האָט ער נאָך דאַן נישט גוט פאַרשטאַנען. דאָס איז געווען צוליבן נישט האָבן קיין גענוגנדיקע צוגרייטונג, ווי אויך צוליב די אומגעלומפּערטע שווערע איבערזעצונגען אין יידיש.

### קאַפּיטל אַכצן

## דער פעטער יאַנקל קומט צו גאַסט

ווי נאָר די דייטשן האָבן זיך אָפּגעטראָגן און די פאַרבינדונג צווישן די שטעט האָט זיך באַנייט, האָבן זיך אויך באַנייט די פאַר־בינדונגען צווישן מענטשן. און אַלערליי ידיעות וואָס זענען ביז דאַן אין די ערטער נישט דערגאַנגען, האָבן אַצינד אָנגעהויבן דערגיין.

האָט זיך אין די דאָזיקע טעג באַוויזן דער פעטער יאַנקל, דעם טאַטנס יונגערער ברודער פון וואַרשע, מיט צוויי ידיעות. איינע, אַז די באָבע אידעס, די איינציקע באָבע וועמען יאַנקעלע האָט געקענט און האָט ליב געהאַט, איז געשטאָרבן. ווען און אונטער וואָסערע אומ־שטענדן זי איז געשטאָרבן, האָט עפּעס יאַנקעלע פון אים נישט געהערט.

ס׳האָט אויסגעזען ווי דער פעטער האָט אין אָנבליק פון נאָך פרישן אייגענעם וווּנד נאָכן טאַטן, נישט געוואָלט וועגן דער באָבעס טויט צופיל רעדן. נאָר ווי יאַנקעלע אַליין האָט פאַרשטאַנען, איז זי געשטאָרבן גלייך נאָך איר זונס, דעם טאַטנס טויט.

די צווייטע ידיעה, וואָס האָט אויף אַ ווייל געמאַכט פאַרגעסן אין די טויטן און האָט אָנגעמאַכט אַ גאַנצן יריד אין דער משפּחה, איז געווען דאָס פאַרקויפן דער באָבעס גרויס הילצערן הויז אין יאַנאָווע (אַ שטעטל לעבן ביאַלע). דער פעטער האָט געקריגן עפּעס אַ קונה, צי דער קונה האָט אים געקריגן, אַ יאַנאָווער יידישער פורמאַן וואָס איז געווען אַ זעלטענער מענטש, אַ מזג טוב, וואָס האָט אָפּגעקויפט דאָס הויז.

דער ייד איז פּשוט געקראָכן „מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט". ער איז אריין צווישן יורשים־פאַרקויפער וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט קיין רעכט צו פאַרקויפן. ווייל זיי זענען נאָך געווען מינדער־יאָריק. און נאָך אַלע קאָמפּליצירטע פּראָצעדורן פון מאַכן איבער זיי, די מינדער־יאָריקע, אַ „אַפּיעקונסטווע". וועמענס אַפּיעקון־אויפזעער ס׳איז איבער יאַנקעלעס משפּחה געווען ישראל ביאַלער (שמילקע פּיזשיצעס איידעם), האָבן די מינדער־יאָריקע זייער חלק ירושה נאָך אַלץ נישט געקענט אָפּשרייבן.

אָבער דער יידישער קויפער האָט נישט מורא געהאַט און האָט זיך נישט גערעכנט מיט אָפּשרייבן. ער האָט דערווייל געטיילט געלט אַזוי, און האָט אויך דער מאַמען געגעבן אַביסל געלט. און נישט נאָר דער מאַמען, נאָר וואָס פאַר אַ אייניקל האָט זיך צו אים געווענדט,

האָט ער געהאַלטן אין איין געבן. זיין האַנט האָט זיך גאָרנישט פאַר־מאַכט.

דערווייל איז די שטוב, אי צוליבן גאַסט דעם פעטער, אי צו־ליבן אַדורכפירן די פאַרפלאָנטערטע פאָרמאַליטעטן, אויף אַ שטיקל צייט אויפגעלעבט. באַזונדער איז יאַנקעלע געווען צופרידן צו באַ־קענען דעם יונגסטן פעטער, וועלכן ער האָט ביז דאַן נישט געקענט.

יאַנקעלע האָט זיין חלק ירושה נישט געקענט אַפּשרייבן. און ער האָט ווי די אַנדערע, ביים קויפער נישט געבעטן קיין געלט. ער איז פאַר דעם געווען שעמעוודיק, און ער האָט ווי זיין פאָטער נישט געהאַלטן פון קיין ירושות. ערשט שפּעטער נאָך זיין שוועסטער יאַכעס חתונה, האָט ער איר אַוועקגעגעבן זיין חלק.

דער פעטער יאַנקל איז אין קורצן נאָך אַמאָל געקומען צו גאַסט. ער האָט דאָס מאָל מיט זיך געפירט פון ווילנע קיין וואַרשע אַ שפּאַר ביסל סאַכאַרין, וואָס ס'איז דאַן צוליבן מאַנגל אין צוקער, געווען אַ גוטע סחורה. ער האָט אין שטוב פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די משא און זיך גוט אויסגערוט.

מער קיין ביאַלע איז דער פעטער נישט געקומען. מ'איז אָפט צו אים געקומען. דערהויפּט איז שפּעטער צו אים געקומען יאַנקעלע צוליב זיינע ציוניסטישע קאָנפערענצן וואָס זענען פאָרגעקומען אין וואַרשע. דער פעטער האָט אויך שוין נישט געהאַט קיין באַדערפעניש צו קומען. ער איז געוואָרן אַ געזעצטער וואַרשעווער סוחר. אַ וואַלוטע סוחר אויף די נאַלעווקעס וואָס האָט זיך אַרויפגעאַרבעט, און האָט אויף דער מוראַנאָווסקע געפירט אַ רואיק, באַלעבאַטיש הויז, וועמענס טירן זענען געווען אָפן פאַר אַלערליי באַזוכער און געסט.

## דער פּאַטש צוליבן רבינס מורעה

ווי נאָר פּוילן האָט זיך באַפרייט פון די דייטשן, האָט זיך די אגודת ישראל אונטערן אָנפיר פונעם גערער רבין און די איבריקע רביים מיטן סאָקאָלאָווער בתוכם, זיך צוריקגענומען צו דער קנאות־דיקער פרומקייט.

שוין ביי זיין צווייטן באַזוך אין ביאַלע, האָט דער סאָקאָלאָווער רבי ביים געזעגענען זיך מיט די חסידים געהאַלטן אַ רעדע (נישט קיין דרשה) וואָס איז באַשטאַנען פון אַנטיציוניזם. אויף וויפל יאַנקעלע געדענקט, איז דער תמצית פון זיינע רייד געווען: „פון הערצלען אַן האַלט אין איין קלינגען אַ גליאָק פון גאולה... ס'איז אָבער אַ פאַלשער גליאָק". ס'איז דאַן געווען די צייט פון וואַלן ווו יידן האָבן זיך גע־

דאַרפֿט באַטייליקן. און ער האָט גערופֿן צו שטימען בלויז פֿאַר דער אגודה.

האָט טאַקע אין איינעם אַ שבת נאָך דעם רבינס אָװעקפֿאָרן, דער גבאי פֿון שטיבל בועז מאַנטשער, אַ הויכער פֿעסט־געבויטער ייִד וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גבר, פֿאַרגעלייענט פֿון דער בימה דעם רבינס מודעה נישט צו שטימען פֿאַר די ציוניסטן.

יאַנקעלע איז שוין דאַן געווען אַ בונטאַר און אַ פֿייערדיקער ציוניסט. איז ווי נאָר ער האָט דערהערט דעם רבינס באַפֿעל, אַזוי האָט ער באַלד פֿון זיין ווינקל אַ רוף געטאָן: „וואָס פֿאַר אַ באַפֿעלן? שטימט ווי איר פֿאַרשטייט און פֿאַר וועמען איר ווילט”. מען האָט מער נישט געדאַרפֿט. בועז מאַנטשער האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿונעם אָרט, איז צו צו יאַנקעלען און האָט אים דערלאַנגט אַ פֿייערדיקן, שבתדיקן פּאַטש.

יאַנקעלע, אויפֿגערעגט און באַליידיקט, האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ האַלב צעשפּאַלטענע פּאַליענע האָלץ וואָס איז געלעגן ביים מאַט־קאַכליאַוון אויוון וואָס האָט ווי פֿאַרנומען אַ האַלב שטיבל, און האָט זיך מיט איר פֿאַרמאָסטן קעגן גבאי.

אין שטיבל איז געוואָרן אַ מהומה. חסידים האָבן נישט דערלאָזט יאַנקעלען זיך דערנענטערן צו בועזן. קיינער האָט אים אָבער נישט אויסגערעדט פֿאַר הייבן אַ שטיק האָלץ אום שבת. די סימפּאַטיע פֿון אַלע, אפֿילו פֿון די פֿרומסטע, איז געווען טראָץ זיין איבערייסן דעם רבינס באַפֿעל, אויף יאַנקעלעס זייט. און דאָס בלויז צוליבן שלאָגן. האָט טאַקע פֿון סאַמע מזרח — יצחק פּיזשיץ מיט ביטערניש אַרויס־געשריגן: „אַ יתום שלאָגט מען”?... און ס'איז אויסקומען, אַלץ יאָ, נאָר קיין יתום שלאָגט מען נישט ביי ייִדן...

יאַנקעלע איז געווען צופֿרידן פֿון יצחקס אָפּרוף. פּאַרט אַ קוזין. ער האָט אָבער אַזוי לאַנג זיך נישט געקילט, זיך נישט באַרוהיקט; ביז ער האָט בועזן נישט אָנגעגעבן אין געריכט און בועז האָט זיך געלאָזט קאָסטן אויף אַ דבר טוב. און דעם פּאַטש אַליין האָט יאַנקעלע פֿאַרעכנט פֿאַר זיין ערשטן צושטייער דעם ציוניזם.

*

מיטן פּטור ווערן פֿון די דייטשן איז די ווירטשאַפֿטלעכע לאַגע אין לאַנד באַלד געוואָרן גרינגער, ביז נאָרמאַל. מען האָט שוין פֿאַר געלד אַלץ געקריגן צו קויפֿן. דער פּויער וואָס האָט שוין נישט מורא געהאַט פֿאַר קיין קאָנפֿיסקאַציעס, האָט אָנגעהויבן אַרויסברענגען אויפֿן מאַרק זיין קאַרטאָפֿל און תבואה. די מילן האָבן אָנגעהויבן

מאָלן, און די פאַבריקן אַרבעטן. און אַלץ איז צוריק געוואָרן כמקדם.

די מאַמע האָט צוריק גענומען אָנפילן איר ליידיק געוואָרענע קראָם, וואָס האָט אויף אַ צייט ווידער אויפגעלעבט. עס האָבן זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן באַווייזן קונים. נאָר צו די פריערדיקע טעג פאַר נײַנצן פערצן — איז שוין דאָס הויז נישט געקומען.

די אַוועקגעפאָרענע ביאַלער זענען צוריקגעקומען פון רוסלאַנד. און מיט זיי אויך די פיזשיץ־משפחה. נאָר דער פעטער שמילקע איז שוין קיין ביאַלע מער נישט צוריקגעקומען. ער האָט זיך באַזעצט אין זײַן אייגן גרויס הויז אין וואַרשע אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע־שיענע. זײַן עלטערער זון דוד פון מלאַווע האָט אין וואַרשע שוין אויך געוווינט.

דער פעטער איז שוין געווען נײַן און זעכציק יאָר אַלט און שוואַך. און ער האָט ווייזט אויס נישט געוואָלט האָבן נאָך זײַן פטירה די זעלבע באַהאַנדלונג ווי זײַן ערשטע פרוי די מומע איטע ברכה האָט נאָך איר טויט אין ביאַלע געהאַט.

עס איז אויך צוריקגעקומען אונדזער לאָקאַטאָרין איטע קאַמלעט, גאַמפּלס, וואָס האָט אין הויז פאַרנומען די אונטערשטע דירה ביים טויער. נאָך איר איז די דירה געוואָרן פאַרדונגען צו אַ פּראַשעקירן. און שפּעטער האָט די מאַמע פאַרדונגען די אייגענע פראָנטאָווע דירה דעם לערער נחמן שיוואַק און אַליין זענען מיר אַריבער אין קאַמלעטס פריערדיקע דירה.

יאַנקעלע דערמאָנט דאָ דעם דאָזיקן דירות־בייט, ווײַל שפּעטער וועלן זײַערע צימערן שפּילן אַוויכטיקע ראָלע אין זײַנע שוועסטערס שידוכים וואָס די מאַמע האָט ווי אַן מיטלען אַדורכגעפירט, און צוליב וועמענס קאָנפליקטן, זי האָט אים אַרײַנגעשלעפּט...

איטע קאַמלעט האָט אַ צייט געהאַט אַ באַקאַליי־קראָם אין ראָג בריסקער־פּראָסטע. איר חיונה האָט זי געצויגן פון די באַאַמטע פונעם נאָענטן מעוועסעס רעגירונגס הויז. ווען דער טאַטע האָט געקויפט ביי יאַנקל יורטשע דאָס הויז, האָט זי מיט איר מאַן, אַ ייד אַ תלמיד חכם און בטלן וואָס איז גאַנצע טעג געזעסן אין בית המדרש און האָט געלערנט, און וואָס איז געווען מיט אַן עלטערע טאָכטער און זון יונה, שוין פון פריער דאָרט געוווינט.

די קראָם איז אַמאָל געווען אַ גאַנץ גוטע. נאָר מיטן שינוי הזמן, — מיטן אַוועקגיין פון די רוסן און אָנקומען פון די פּאָליאַקן, איז אויך זי ווי די אַנדערע אַראָפּ פון איר גדולה. און אַזוי ווי די מאַמע האָט נאָכן טאַטנס טויט נישט געוואָלט וווינען אין דער זעלבער גרויסער דירה, האָט זי איר פאַרדונגען צו שיוואַקן, און אַליין איז מען

אַריין אין דער אונטערשטער קלענערער. איטע קאַמלעט האָט פאַר־שטאַנען די לאַגע — און האָט נישט געמאַכט קיין שוועריקייטן מיטן אַרויסציען זיך.

צוזאַמען מיט די צוריקגעקומענע ביאַלער יידן האָבן זיך אויך מיטגעשלעפּט יידן נישט קיין פריערדיקע איינוווינער. אויך קריסטן, דערהויפּט ווילנער. ביידע, די יידן ווי די פרעמדע קריסטן, זענען שוין דאָ געבליבן און האָבן זיך אויך איינגעאָרדנט.

אין קראָם האָט מען ביסלעכווייז גענומען לייזן. נאָר צופיל פרנסה פאַר אַ שטוב פון זעקס איז נישט געווען, ווי צופיל הענט וואָס זאָלן זיך מיט איר פאַרנעמען האָט זי אויך נישט געדאַרפט. זענען אַ חוץ דער מאַמע מיט הדסן די איבריקע דערוואַקסענע קינדער געשטאַנען אין קראָם ליידיק און האָבן נישט געוווּסט וווּ אַהין צו טאָן די צייט.

אויך יאַנקעלע ווי יאַכע איז אַזוי געשטאַנען און האָט אַרומ־געקוקט פון דעם קראָם־טיר, גאַפנדיק זיך אויפן דרויסן און אויף די דורכגייער. ער וועט דאָך נישט גיין אין שטוב אין מיטן טאָג זיך זעצן לייענען צי לערנען. דאָס וואָלט שוין אויסגעזען ווי עפּעס אײנ־גאַנצן אָן אַן עול. און כאָטש די מאַמע האָט זיך צו אים נישט געמישט, האָט אים גאָרנישט געזאָגט און האָט אים אויך נישט געשיקט אין שטיבל לערנען, האָט ער זיך פון דעסטוועגן אַליין גענומען פילן ווי אַ לאַסט אויפן הויז.

ער האָט אָבער צו לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטן אויף צו האָבן מיט וואָס אויסצופילן די צייט. די געלעגנהייט איז געקומען. און דאָס פאַר אים אַן אומגעריכטע און נישט זייער קיין פריידיקע... אַגעלעגנהייט וואָס האָט אים באַפרייט פון שטוב אויף גאַנצע דריי יאָר.

*

דאָס ניי־אויפגעקומען פּוילן האָט נישט ווייניק צרות און זאָרג פאַרשאַפט. צרות און זאָרג נישט נאָר אַלגעמיינע, נאָר באַזונדער אויך ייִדישע. ווי ביי יעדן דערוואַרטן און אָנקום פון אַ גלוסטנדיק געשען איז די פרייד גרויס נאָר זי קילט זיך אָפּ און שאַפט שוועריקייטן ביים פאַרווירקלעכן זיך אין לעבן, — אַזוי אויך איז געווען מיטן אויפ־קומנדיקן פּוילן, פאַר ווּעמען דאָס יאָר 1919 איז געווען אַ שווער יאָר.

די פרייד פון די ערשטע אויפקום־טעג איז ביי פּוילן שוין געווען פאַרביי. די נייע ווירקלעכקייט האָט באַצוווּנגען דאָס מלוכה לעבן, און

די אַלטע פּרעטענזיעס און מוראס צווישן פּוילן און רוסלאַנד זענען אויפסניי אַרויף אויף דער אויבער פלאַך.

דאָס נייע פּוילן האָט וועלנדיק איינשטעלן אירע גרענצן, — זיך אַנגעשטויסן אין דער קעגנערשאַפט פונעם נייעם רוסלאַנד אונטער די סאָוויעטן. די באַציונגען צווישן פּוילן און רוסלאַנד האָבן זיך פאַרשאַרפט, דערפירנדיק צו דער פּויליש-באָלשעוויסטישער מלחמה פון יענע טעג. אין אָט דער צייט איז יאַנקעלע, אַ בחור פון אַכצן און מיט אַן איסוען פון אַ יאָר פערצן, וואָס איז געווען באַוואָרפן מיט מיחושן און אַ קלאַפּעדיק הארץ, געוואָרן גערופן זיך צו צושטעלן צו דער ביאַלער „פּאָבאָראָווער" קאָמיסיע.

יאַנקעלע האָט געקענט זיין לאַגע. ער האָט געוווּסט אַז אַן דעם טאָטן און אַן דער פּריוועליגיע פון זיין אַ בן יחיד, וועט ער האָבן קנאַפּע שאַנסן צו ווערן באַפרייט. דאָך האָט ער זיך נישט געצערט און געמאַרעט, נאָר האָט זיך צוגעשטעלט צו דער קאָמיסיע אַן ווידערווילן און אָן מורא פון די אַמאָליקע פּריזיוויניקעס (רעקרוטן), מיט דער איינציקער שוואַכער האָפענונג צו ווערן באַפרייט צוליב זיין געזונט-צושטאַנד. און דאָס ערשטע מאָל האָט אים טאַקע די קאָמיסיע באַפרייט.

נאָר ערשט מיטן פונאַנדער פלאַקערן זיך פון דער מלחמה און מיטן וווּקס פון דער נויט פאַר סאָלדאַטן, האָט זי אים ווידער גערופן און געשיקט קיין וואַרשע פאַר אַן אונטערזוכונג אין אויאַזדאָווסקין שפּיטאָל. די מאַמע איז מיט אים מיטגעפאָרן קיין וואַרשע, מיטנעמענדיק מיט זיך אַ קויש שפּייז.

איידער יאַנקעלע איז אַריין אין שפּיטאָל זענען זיי אָפּגעשטיגן ביים פעטער יאַנקל אויף דער מוראַנאָווסקע, ווו די מאַמע האָט לכתחילה אויף אים געפּרוווט וואַרטן מיטן אַרויס גיין פון שפּיטאָל. ערשט שפּעטער זעענדיק אַז די זאַך פאַרציט זיך, האָט זי באַשלאָסן צוריק צופאָרן קיין ביאַלע.

דערווייל האָט זיך נאָך איניקע טעג די מאַמע מיט דער גוטער מומע ביילע (געשטאָרבן אין די דרייסיקער אין וואַרשע) ווידער באַוויזן מיט שפּייז. דער מאַמעס אויסזען איז געווען אַ טרויעריקער, אַ פאַרזאָרגטער. איר זאָרג האָט זיך איינגעפּרעסט אין איר פאַרגעלטן פנים, אין די אויגן, אין גערונצלטן שטערן און אין גאַר איר לייב און לעבן. כאָטש ער ווייסט נישט צי די מאַמע האָט עפּעס אָנשטרענגנדיק — געפּרוווט טאָן פאַר זיין באַפרייונג. הגם איר מאַטעריעלע לאַגע איז נישט געווען קיין צו גוטע...

זייענדיק טעג און וואָכן אין דער „זכורנער סטאַציע" און זעענדיק דאָרט די אומדערטרעגלעכע לאַגע, ווו ס'איז ווי אין אַ מיליטערישע תפיסה געווען פול מיט דעזערטירן און זעלנער־כולי־גאַנעם וואָס האָבן געגנבעט און געגזלט, האָט ער איינשטעלנדיק זיך — זיך אַליין באַמיט אַנצוקומען אין שפּיטאָל וואָס ס'איז אים אויך געלונגען.

נאָך דער אונטערזוכונג אין שפּיטאָל און נאָכן שטייען נאָך אַמאָל אויף דער קאָמיסיע, איז ער באַשטימט געוואָרן צו דינען אונטערן פראָנט. כאָטש שפּעטער האָט זיך די אַרמיי מיט דעם נישט גערעכנט און אים יאָ געשיקט אויפן פראָנט.

אָרום דער פּוילישער „פּאָבאָראָווער" קאָמיסיע איז שוין נישט געווען אַזוי טומלדיק און פול מיט פּחד, ווי אַמאָל אָרום דער רוסישער.

די באַציונג פונעם ייד צי מיליטער־דינסט האָט זיך ביים נייעם פּוילן געביטן — הגם יידן האָבן קיין צו גרויסע אילוזיעס לגבי דעם נייעם פּוילן נישט געקענט האָבן, ווייל סיי די פאַרגאַנגנהייט, סיי די סאַמע ערשטע טעג פון פּוילנס אויפקום, האָבן ביטער אויסגעלאַכט דעם „קאָכאַימישיען" (לאָמיר זיך ליב האָבן) און האָבן פאַרקערט, באַוויזן ווי עס זעט אויס אין דער אמתן די פּויליש־יידישע אידיליע — האָבן דאָך די יידן אין פּוילן זיך אַנדערש באַצויגן צום נייעם פּוילן, ווי צום פריערדיקן צאַרישן רוסלאַנד.

זיי האָבן זיך אָן תנאים איבערגעגעבן צו פּוילן, ווי צו זייער היימלאַנד און צום לאַנד פון זייער געבוירן, און דאָס צושטעלן זיך צי די קאָמיסיעס און גיין אין דער פּוילישער אַרמיי האָט אָנגענומען נאָרמאַלע פאָרמען.

און נישט נאָר האָט מען זיך געשטעלט אויף פּוילנס רוף, נאָר סיי אין די פּוילישע לעגיאָנען און סיי אין דער שפּעטערדיקער מלחמה קעגן די סאָוויעטן (1920) זענען געווען פיל יידישע פרייוויליקע.

געבליבן זענען נאָך די אַמאָליקע פריזיוו־מנהגים. ווי אַמאָל האָבן זיך די מערהייט יידישע רעקרוטן פאַרזאַמלט אין די שטיבלעך, דאָס מאָל אינעם קאָצקער (סאָקאָלאָווער) שטיבל, און געפּראַוועט „חצות" אונטערן אָנפיר פונעם שטאָטישן שטאַרקן יאַנקל „קרעמפּלס", וואָס איז מיט זיין „פייפער" — אויך געשטאַנען צום פריזיוו.

## יאַנקל „קרעמפּלס"

יאַנקל „קרעמפּלס" איז געווען אַ הויכער ברייט־ביייניקער יונג. ווען שטענדיק אָרט איז צוזאַמען מיט זיין חבר דער גראָבער

וואָווע געווען אויפן קעסטל־טראַטואַר ביים אַפּטייק. זיין פּאַטער, אַ ברייט־פּלייציקער מיטל וווקסיקער ייד מיט אַן אַשוריש אויסגע־קאַנטיקטע ווייסע באָרד, איז געווען אַ שוסטער אויף דער גראַבאַ־נאָווער גאַס וואָס פּלעגט נייען יוכטענע שטיוול פאַר די ירידים.

ווי דער גראַבער וואָווע האָט יאַנקל געהאַט צו טאָן מיט הפקר־מיידלעך... און טאַקע וואָווע האָט אים אַרויפגעפירט אויף דעם וועג. ווייל ווי עס געדענקט זיך, האָט נאָך וואָווע אין זיינע יונגע יאָרן, זייענדיק אַ שיק־יונגל ערגעץ אין אַ האָטעל אויף דער בריסקער, מיט דעם פאַך געהאַט צו טאָן.

„קרעמפּל" איז אָבער געווען אַ טיפּ פאַר זיך. ער איז ראשית אין ביאַלע געווען פּאָפּולערער פון אים און ער האָט זיך מיט פיל אַכן פון אים אונטערשיידט. טראָץ דעם וואָס ער איז געווען אַ לאָבוז, אַן הפקרניק, האָט ער אויך געהאַט זיינע גוטע מעשים, מיט וועלכע ער איז פאַר די ביאַלער יידן געווען צו אַן הילף.

נישט זייענדיק קיין ציוניסט און אַפילו נישט קיין באַוווסט־זיניקער נאַציאָנאַלער ייד, פּלעגט ער אָפּט באַגלייטן און וואַכן איבער יעדער יידישע דעמאָנסטראַציע. איז אַ יידישע שולע, בפרט אַ ציוני־סטישע אָרגאַניזציע געגאַנגען ל"ג בעומר אין וואַלד, איז שוין יאַנקל „קרעמפּלס" אויסגעוואַקסן מיט אַ גראָבן סעקעוואַטן שטעקן ביי דער זייט, גרייט צו שיצן די יידישע קינדער, ווי די דערוואַקסענע.

און אַז יאַנקל איז געגאַנגען, האָבן שוין די גוישקע זשוליקעס נישט געוואַגט צו טשעפּען. ער איז קיין פייערלעשער נישט געווען, דאָך האָט ער נישט פאַרפעלט צו זיין ביי יעדער יידישער שריפה און העלפן ראַטעווען וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. און מען האָט יאַנקלען געקענט געטרויען. ער איז קיין גנב נישט געווען.

אַרויער, ווילדער בחור, וועמענס שם פון אַ שטאַרקן איז געווען גרעסער פון זיין גבורה, האָט ער פאַרמאָגט אַן עכט יידיש האַרץ. אפשר נישט אַזאַ אויסגעחשבונט יידיש האַרץ, ער איז אָבער אויף זיין אופן געווען דורך און דורך פאָלקיש. און אינסטינקטיוו איז ער געווען פול מיט יידישע עמאָציעס, ווען אַפילו פּרימיטיווע, און אַליין נישט קלאָר וויסנדיק פון זיי...

און הגם די געפילן וואָס האָבן אין אים דורותדיק געשלומערט, זענען נישט געווען קיין גייסט־פילטרירטע — זענען זיי אָבער דערפאַר געווען שטאַרקע, לייביק פאַרוואָרצלטע און פאַרמאָצעוועטע און האָבן געזוכט זייער וועג זיך יידיש צו פאַרווירקלעכן.

שבת און יום טוב איז זיין אָרט שוין נישט געווען ביים

אָפּטייק און נישט מיט וואָוען, נאָר אין שול. ער פלעגט שוין דאַן אַן אויסגעפּוצטער, אַ שבת יוסטובדיקער, צוזאַמען מיט די אַנדערע יידן זיך שטופּן און שטויסן צו זיין נאָענטער און בעסער צו הערן דעם חזן. ער האָט ווי אַ טייל אַנדערע נישט געדאַוונט. נאָר הערן, פאַר־נעמען די תפלות פון יידן, צו זיין צוזאַמען מיטן פאָלק, אויף דעם איז ער דאָך געווען אַ ייד...

און ווי ער פלעגט באַגלייטן די יידישע דעמאָנסטראַציעס, אַזוי איז ער אויך אויסגעוואַקסן ביי די „פּאַבאָראַווע" קאָמיסיעס, ווען מען האָט געדאַרפט שיצן די יידישע רעקרוטן און זייערע פריינט פון די יונגע גוישקע כוליגאַנעם. ער האָט זיי דאַן מיט אַן אָפּגעריסענע פון אָפּלויט ברעט איינגעשטילט און באַרוהיקט.

נאָר דאָס יאָר איז „קרעמפּל" אַליין געשטאַנען צום פּריזיוו. און ער האָט שוין אַכטונג געגעבן אויף די יידישע רעקרוטסקע מנהגים און אינטערעסן, ווי ער פלעגט אויף זיין שטייגער ביי אַנדערע געלעגנהייטן אַכטונג געבן אויף יידישע אינטערעסן.

*

דעם 29־טן אַפּריל 1920 האָט יאַנקעלע געדאַרפט קומען אין פּ. ק. או. ער איז אָבער צוליב פּסח דעם טאָג נישט געקומען. ס'האָט זיך אים נישט געגלוסט אַוועק צו פאָרן פאַר פּסח. ס'איז געווען פרילינג אויף דער וועלט. אַ גאָלד צעפלאַמטע קויל האָט זיך אויפ־געהויבן אַלץ העכער און העכער און האָט געזייט מיט ליכט און וואַרעמקייט.

די באַנייטע ליכטיקייט האָט געשפּרייט אַזאַ פרייד אין די הערצער, אַז די מענטשן זענען געגאַנגען מיט אויפגעהויבענע קעפּ ווי זיי וואָלטן באַקומען פליגל. זאָל ער אַצינד אַוועקגיין, אַוועקגיין פון אַ דער ליכטיקייט און אַריינפאַלן ערגעץ אין אַבייזע פינצטער־ניש?... ניין! ס'האָט זיך אים נישט געגלוסט.

ערשט נאָך פּסח איז ער געקומען אין פּ. ק. או. ווו ער האָט שוין געפונען אַ גאַנצע היימישע גרופּע. און טראָץ דעם וואָס מען האָט אים שוין געהאַט אויסגערופן מיט עטלעכע טעג פריער, האָט מען אים פון דעסטוועגן נישט אויסגעבראַקירט, נאָר מ'האָט אים גאַנץ פיין אָנגענומען מיט „קהל" (אַזוי האָט ער אין דעם מאָמענט געמיינט).

זיין מיליטערדינסט איז אים אָנגעקומען שווער. ער איז לויט זיין געזונט צי דעם נישט געווען צוגעפּאַסט. און די קעלטן זענען אים אויף די איבונגען געוואָרן געשוואָלן די הענט, און ביי יעדן גיכן טריט און לויף, האָט ער דעם אָטעם נישט געקענט כאַפּן. ער איז

שטענדיק אין מאַרש נעבליבן דער לעצטער און ער האָט דעם ראַניעץ אויף זיך נישט געקענט טראָגן.

צו דעם האָט זיך אים נאָך אָפּגערופן אַן אויער. און אַ חוץ איינמאָל וואָס ער האָט זיך אויף דעם געקלאָגט און דער „דאָקטאָר"־פעלדשער האָט אים דערפאַר נאָך אָנגעקלאָגט אין סימולירן אַ קראַנקייט (שפּעטער האָבן די דאָקטוירים געפונען אינעם זעלבן אויער אַן אָנצינ־דונג) האָט ער זיך מער נישט געפּרוווט קלאָגן און האָט די גאַנצע צייט פון זיין דינסט געשפּילט דעם העלד. — אַפילו ווען מען האָט אים אומ־באַרעכטיקט געשיקט אויפן פראָנט, האָט ער שוין נישט ווי אַנדערע פּראָטעסטירט, נאָר ער האָט אָנגענומען שטיל דעם גזר. ער האָט אין זיך שטאַרק אונטערדריקט די מורא און דעם פּיין.

די ווייטערדיקע באַשרייבונג פונעם פּוילישן מיליטער ווערט דאָ איבערגעריסן, ווייל די גענויע פּאַרצייכענונגען פונעם מיליטער־דינסט, פון 24־טן אָקטאָבער 1919 ביזן 22־טן אָקטאָבער 1924, זענען פאַראַן אין שרייבערס בוך „דריי יאָר אין פּוילישן מיליטער", ערשטע אויפלאַגע, ביאַליסטאָק, 1930, און צווייטע אויסגעבעסערטע אויפלאַגע, „המנורה", תל־אביב, 1967.

## קאַפּיטל ניינצן

# — יאַנקעלע קומט אַהיים —

סוף אָקטאָבער 1922 איז יאַנקעלע אַהיים געקומען. די פרייד און באַגייסטערונג וואָס האָט אים באַהערשט ביים באַפרייט ווערן פון מיליטער־דינסט, האָט זיך אים באַלד נאָך די ערשטע טעג פון אַהיים קומען גענומען אָפּקילן.

אין די דריי יאָר וואָס ער איז געווען אין מיליטער האָבן זיך דאָ אַסך זאַכן געענדערט. ער איז אַוועק ביי אָנהייב פון אַן איבער־גאַנגס־צייט אינעם לעבן פון פּוילן. אַ צייט פון אָנהייב מלחמה ווען נישט אַלץ איז געווען זיכער, פעסט און אַריינגעשטעלט, און געקומען איז ער מיט אַ דריי יאָר עלטער אין אַ צייט פון שלום און סטאַבילי־זירונג, מיט אַ פּאָר אַלטע אויסגעריבענע הויזן, צעריסענע שיך און אָן געלד. ער האָט זיך גענויטיקט אין אַ נייע באַקליידונג און באַשעפטי־קונג.

די מאַמע האָט דאָס אַפילו פאַרשטאַנען. זי האָט גלייך אויף צומאָרגנס נאָכן אָפּרייען זיך מיט אים אַוועק אין מאָטל מינץ'ס שניט־קראָם, און האָט פאַר אים געקויפט אַפּאָר מעטער קאָרט אויף אַן

אַנצוג. זי האָט אָבער אויך פאַר אים געקויפט אַ פאָר אַלטע שטיוול, וואָס ער האָט גאָר קיינמאָל אויף זיינע פיס נישט געטראָגן.

ער האָט אמת נאָך געדענקט דעם טאַטן טראָגן שטיוול, ער פלעגט זיך קינדוויז שפּילן מיטן טאַטנס שטיוול-בענקעלע, מיט וועלכן ער האָט מיט שוועריקייטן זיינע שטיוול אַראָפּגעצויגן. דאָס איז אָבער געווען אַמאָל, אין יאַנקעלעס פריסטע יאָרן. באַלד נאָך דעם איז דער טאַטע איבערגעגאַנגען צו ווייכע געמזאַווע שטיוועליעטן. די מאַמע איז פון דעם נישט געווען צופרידן. ס'איז געווען צי טייער פאַר יענער צייט... זי איז געווען אַ קאַרגלעכע די מאַמע. איז נאָך נישט געווען געוווינט צי אַזאַ „פאַרשווענדערישקייט". בפרט נאָכן מיל-געשעפט. אַצינד אָבער, אין 1922, האָט זי גאָר געקויפט פאַר איר חתן-בחור אַפאָר אַלטע שטיוול מיט אַ ביליקן קאָרט פאַר אַן אַנצוג.

יאַנקעלע האָט שטאַרק געהאַלטן פון כבוד אם. ער האָט דאָס געלערנט ביים טאַטן וואָס האָט אַזוי ערלעך געהאַלטן זיין מאַמען, די באָבע אידעס. האָט ער זיך באַמיט דער מאַמעס כבוד נישט אָנ-צורירן. בפרט ווען ער האָט געזען ווי זי האָרעוועט אַ גאַנץ לעבן, תמיד פאַרנומען מיט דער קראָם און קינדער. האָט ווי דער טאַטע אַ חוץ שבת און יום טוב קיינמאָל נישט געהאַט קיין פרייען טאָג. און נאָך זיין טויט האָט זי אַלע שדכנים פון זיך פאַרטריבן, ווי מען פאַרטרייבט שדים און רוחות. „איך דאַרף פריער התונה מאַכן מיינע קינדער", פלעגט זי טענהן.

פלעגט ער שטענדיק זיך אָננעמען פאַר אַלע אירע קריוודעס. אַפילו פאַר די איר אויסגעדאַכטע. און ביז היינט באַדויערט ער די עוולות וואָס ער האָט צוליב איר אַנדערע גורם געווען. עוולות, אַפילו לגבי דער אייגענער טרייער שוועסטער הדס. הגם זי האָט אים נאָך ביי איר לעבן מוחל געווען. און פלעגט ער אַמאָל ווערן אין כעס, און עס פלעגט טרעפן אַז ער פלעגט ווערן, פלעגט ער זיין כעס אויסלאָזן צו עפעס אַזאַך, — אָבער קיינמאָל נישט דער מאַמען דערצערענען. האָט ער אויך אין דעם פאַל דעם פאַרדרוס אין זיך געשטיקט און געשוויגן. ער האָט מיט דער מאַמען וועגן דעם קיין טענות נישט פאַרלעגט.

די קראָם איז אַ צינד געווען אַן אויסגעפּילטע. מען האָט אָבער וויניק געלייזט. די מאַמע האָט זיך לאַקאַמעט אויפן דירה-געלד וואָס זי האָט פאַר דער קראָם נישט געצאַלט. זי איז געווען דעם פעטער

שמילקעס. ס'איז אָבער דאָ קיין פּונקט נישט געווען. און אַ חוץ הדסן, האָבן די איבריקע קינדער דאָ נישט געהאַט וואָס צו טאָן.

דער אָנצוג הגם אַ ביליקער, איז ער פּאַרט געווען אַ נייער און איז געווען אויף זיין מאָס אויפגענייט. נאָר מיט די שטיוול איז געווען ערגער. קיינער פון זיין גלייכן האָט שוין קיין שטיוול נישט געטראָגן, בפרט אַלטע. פלעגט ער בלית ברירה אַראָפּלאָזן די הויזן איבער די כאָלעוועס מען זאָל זיי נישט אַרויסזען. ער האָט זיי פאַר־שטעלט און מבטל געמאַכט ווי אַ פרומער ייד איז מבטל דעם חמץ.

די טעג פלעגט ער פאַרברענגען אין קראָם. ער האָט געוואָלט מיט עפּעס העלפן, זיך מאַכן נוצלעך. ס'איז אָבער געווען איבריק. ווייל אויך פאַר דער מאַמען מיט הדסן די הויפּט-קרעמערקע, איז נישט געווען צופיל וואָס צי טאָן. צו דעם פלעגט אויך די יונגערע שוועסטער יאָכע נאָכן פאַרטיק ווערן מיט איר באַלעבאַטעשקייט אין שטוב אויך אַרויסקומען אין קראָם.

יאַנקעלע האָט כאָטש אין די אָוונטן פאַרוועגדט זיין צייט אין דער אָרגאַניזאַציע. ער פלעגט זיך גאָרנישט קענען דערוואַרטן אויפן אָוונט. ער איז שוין דאַן געווען אַ פייערדיקער גרינבוימיסט. פלעגט מען אַ חוץ דער אַרבעט פאַר די קרנות, האַלטן אין איין פירן דיסקוסיעס וועגן „על המשמר" און „עת לבנות" און קיינער פון די צדדים האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן כהוא זה.

נאָר יאָכע האָט דאָס אויך נישט געהאַט. און חברטעס האָט זי אויך נישט געהאַט צו פיל. איז איר אַזאַ לעבן פאַרמיסט געוואָרן, ביז זי איז סוף כל סוף אַוועק פון שטוב. עס האָט איר גענומען צו זיך דער מאַמעס קוזינע הדס שוואַרץ (דער פעטער שמילקעס טאָכטער) און איר באַשטימט פאַר דער אויפזעערין פון איר ווירטשאַפט.

דער מאַמעס עול איז אָביסעלע געוואָרן גרינגער. כאָטש זי האָט נאָך אַלץ געדאַרפט אויסהאַלטן אַ משפחה פון פינף. צו דעם האָט זי זיך נאָך געדאַרפט גרייטן צו באַווייזן דעם קונץ פון חתונה מאַכן הדסן וואָס איז שוין געווען אַ בוגרת.

*

יאַנקעלע האָט אַצינד נאָך מער גענומען לייענען. ער פלעגט אַפּזיצן גאַנצע נעכט אין דער סאַליע ביים אַכטער לעמפּל און לייענען. ער איז שוין איבערגעגאַן אין סאָלסקיס ביבליאָטעק אויפן ברריסקער וועג. און סאָלסקי דער לינקער פועלי ציוניסט פלעגט זאָגן, אַז יאַנקעלע פאַרשלינגט אים די גאַנצע ביבליאָטעק.

מיט די רוסישע קלאַסיקער ווי דערמאָנט איז ער געווען פון

פריער באַקאַנט. און מיט די פּוילישע האָט ער זיך באַקאַנט אַרבעטנדיק ווי אַ שרייבער אין דער קאַנצעלאַריע פונעם דריטן באַאָן פון 22־טן פּאָלק, ווו עס איז געווען אַ פיינע פּוילישע ביבליאָטעק.

די צייט וואָס ער האָט דאָרט געאַרבעט האָט ער פּאָר זיך געהאַט נישט נאָר די נעכט, נאָר אויך די נאָכמיטאָגן. ער האָט דאָרט בכלל נאָכן פאַרטיק ווערן מיט די טאָג־דאַפּאָרטן און זיי אָראָפּטראָגן צום קאַפּיטאַן אונטערשרייבן נישט געהאַט מער וואָס צו טאָן. האָט ער דאָרט אויסגענוצט זיין צייט און האָט געלייענט שיענקיעוויטשעס „אָגניעם אי מיעטשעם", עליזאַ אָרזשעשקאָוואַס מאיר יוזעפאָוויטש, באָלעסלאַוו פּרוס און אַנדערע.

אַ טייל פּוילישע שרייבער האָבן אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק און ער האָט געהאַט אַ הנאה פון זיי לייענענדיק. נאָר די יידן־פריינלעכע אָרזשעשקאָוואַ מיט אירע יידישע געטרייע שטייגער שילדערונגען, איז פאַר אים געווען אַן אַנטפּלעקונג. ווייל ער האָט זיך דאָרט גאָר פאַרקערט אַנגעשטויסן אין יידן־פיינטלעכע ביכער און בראשונה.

ער האָט אָבער גיכער געזוכט וויסנשאַפטלעכע און פילאָזאָפישע ביכער. ער איז געווען מער פאַרינטערעסירט אין תוך־ענינים. כאָטש ער האָט די איבעריקע — אויך נישט פאַרקוקט. מיט די תוך־פראַגן האָט ער זיך אַנגעהויבן אָפּגעבן נאָך פון זיינע יונגסטע יאָרן. ער האָט געמיינט, אַז עס געוועדנדט זיך נאָר אין לייענען און אין פאָרשן זיי. אַז די וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע וועט אים שוין אַלץ פאַרענטפערן. און אַצינד, ווען ער איז עלטער און רייפער געוואָרן, איז ער איז זיי נאָך מער געוואָרן פאַרינטערעסירט. און ער האָט זיי אויך געוואָלט קאָנפראָנטירן מיט זיין ריין יידישן וויסן.

ער האָט דער עיקר געלייענט אין יידיש און העברעיש. צום מערסטן אין יידיש. ווייל ווי ער האָט געקענט די אַנדערע שפּראַכן (אויך דייטש), האָט ער זיך נישט געוואָלט אָפּנאַרן און שפּילן זיך מיט זיין לייענען. — ער האָט געהאַלטן אַז עס טראַכט זיך בעסער אין יידיש. און ווי איז די באַציונג צו דער אייגענער שפּראַך ? . . .

ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין הויך שטאַפּלער. ער איז אויך נישט נאָכגעגאַנגען נאָך קיין מאָדעס, — אַפילו נישט נאָך קיין אידעען־מאָדעס. האָט ער אין עפּעס געגלויבט, האָט ער זיך צו דעם איבערגעגעבן בלב ונפש. האָט ער אין דעם אויפגעהערט גלויבן, האָט ער דאָס געקענט מיט דער לייכטקייט פון אַ נוצלאָזע זאַך עס אָוועקוואַרפן.

ער האָט ווידער גענומען שרייבן. ער האָט געשריבן לידער

און האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ וויסנשאַפטלעך יודאַיסטישע אַרבעט וואָס האָט געדאַרפט הייסן: „נאַציאָנאַל־פּאָליטישע עלעמענטן אין דער תורה". ער האָט דאָס נאָך אָנגעהויבן שרייבן צו זעכצן יאָר. נאָר צוליב זיין שעמעוודיקייט, ווי אויך נישט האָבנדיק אין ביאַלע ווענען דאָס צו ווייזן (אַזוי האָט ער געמיינט), האָט ער דאָס שרייבן איבערגעריסן. ער האָט זיך אָבער געפילט דאָס בכוח צו טאָן. דער געדאַנקען־גאַנג און דער גאַנצער אויספיר פון אָט דער אַרבעט, איז שוין ביי אים אין קאָפּ געווען אָפּאַרטיקער.

די אינספּיראַציע ווענן דעם האָט ער געקראָגן פון ברוך שפּינאָזאָס „טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט", וועלכן ער האָט דאַן (צו זעכצן) אין קעגנזאַץ צו זיין „עטיק" גוט באַנומען. ער האָט אָבער מיט אַ טייל פון זיינע געדאַנקען און פאָרמולירונגען נישט מסכים געווען. ער האָט געהאַלטן, ווי ער האַלט נאָך היינט, אַז אויך די טעאָלאָגישע עלעמענטן זענען נישט מער ווי נאַציאָנאַלע... און די אַלע איבריקע עלעמענטן זענען ריינע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע. און דאָס האָט ער אין זיין אַרבעט געוואָלט באַווייזן.

ער איז נישט קיין איבערטרייבער און איז עס אויך נישט געווען. און ער איז זיך מודה, אַז ער איז נישט קיין באַזונדערער טעכניקער. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין באַזונדערע נייגונג פאַר טעכניק. סיי פאַר מעכאַנישער טעכניק, סיי פאַר בלויזער קאָנ־ציקער שרייב־טעכניק. ער האָט נישט געהאַט און האָט היינט אויך נישט קיין געדולד פאַר דעם, ווי ער האָט בכלל נישט קיין געדולד פאַר צופיל ציען אַן ענין. — זיין שרייבערישער אָטעם איז אַ קורצער. און אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט ריינעם טעכנישן וויסן קומט אים אָן שווער.

נאָר אַ גייסטיק־טעאָרעטישן אַריינדרינג, אַ שכלדיקן באַנעמען און אַ כוח צו אַנאַליזירן זאַכן און דערשיינונגען, — זיי קריטיש פונאַנדערצולעגן און פּרוּוון דערגיין צו זייערע וואָרצלען, — דאָס יאָ.

ער האָט די אַרבעט שפּעטער פאַרענדיקט. און דער מאַנוס־קריפּט האָט זיך אַזוי לאַנג אַרומגעוואַלגערט, ביז ער איז אין די חורבן־טעג פאַרפאַלן געוואָרן. נאָר טיילן פון די דאָזיקע געדאַנקען האָט ער אַריינגעפּירט אין זיינע שפּעטערדיקע יודאַיסטישע, אָדער טיילווייז יודאַיסטישע ביכער.

## מיט דער מאַמען צום פעטער קיין וואַרשע

די מאַמע האָט זיך דערוווּסט אַז דער פעטער שמילקע איז קראַנק. האָט זי באַשלאָסן צו פאָרן קיין וואַרשע אים באַזוכן. דעם

בכבודו ובעצמו אויסגערופן אויף די ביאַלער ציוניסטן. דער חרם איז געוואָרן אויסגערופן ביי אָנגעצינדענע ליכט, שופר בלאָזן און קללות מיט חרמות כהלכה. און יאַנקעלע האָט דאַן די געשיכטע וועגן חרם אָוועקגעשיקט אין וואַרשעווער „היינט" ווו זי איז געוואָרן געדרוקט (1923-24).

אין זיין ראָמאַן „די משפחה ערליך", פ"ג ניי-לעבן, ישראל, תשכ"ד-1964, שילדערט דאָרט יאַנקעלע אַזוי דעם חרם (געקירצט): דער שטאָטישער בית המדרש איז דעם אָוונט געווען פול געפּאַקט. יונג און אַלט זענען געווען פאַרזאַמלט. דער רוב איז באַשטאַנען פון פרומע גאָטס-פּאַרכטיקע יידן. נאָר אַ טייל איז אויך געווען פון סתם נייגעריקע, וואָס זענען געקומען ווי אויף אַ בייז וווּנדער זען די אַדורכפירונג פון חרם.

אַלע לאָמפּן און ליכטער זענען געווען צעצונדן. אַ פּחדפולע שטימונג האָט אַרומגעכאַפּט די גלויביקע און פון האַס און צאָרן די אַנדערע. נאָר ביידע צדדים האָבן אין גרויס שפּאַנונג אָפּגעוואַרט דעם אָנהייב פון צערעמאָניאַל. אין מיטן פון בית המדרש אויף דער בימה, איז געשטאַנען דער רב מיטן דיין. און זיי צו לינקס דער שמש... אַ געשפּאַנטע שטילקייט האָט אַלעמען אַרומגענומען, ווען דער רב האָט אָנגעהויבן: „רבותי, אין אונדזער קהלה הקדושה זענען אויפגעשטאַנען בני בליעל". „חוטאים און פושעים, מסיתים און מדיחים" ר"ל, וואָס זענען עובר אויף אַלע געבאָטן און פאַרבאָטן פון דער תורה. ווי איז אונדזערע אויגן צו זען און אונדזערע אויערן צו הערן. זיי האָבן זיך צונויפגענומען די חוטאים אין איין אגודה, אין איין בונט כלפּי מעלה". זיי ווילן מדחיק זיין דעם קץ און אויפבינדן אַלע איסורים מדאורייתא און מדרבנן. — — —

„ולכן, און כדי אָפּצוטאָן פון אונדז דאָס שלעכטס, ווי עס שטייט: ובערת הרע מקרבך", האָבן מיר גוזר געווען אָט די פושעים מחרים צו זיין". אין חרם זאָלן זיי זיין און קיינער זאָל מיט זיין קיין מגע ומשא נישט האָבן. מיט זיי נישט רעדן און נישט שטיין אין זייערע דלת אמות.

„אָפּשיידן זאָלט איר זיך פון זיי, ווי די בני ישראל האָבן זיך אָפּגעשיידט פון דתן ואבירם און פון קרחן און זיין עדה. און אַלע קללות פון דער תורה, פון קאַפּיטל כ"ו פון בחקותי און פון כ"ח פון כי תבוא און פון יהושע איבער יריחו, זאָלן פאַלן אויף זייערע קעפּ, אָמן. און אַזוי זאָל זיין זיין ווילן".

נאָך די דאָזיקע רייד האָט דער שמש געבלאָזן שופר און

אסקרוך איז אדורך איבער די לייבער פון די מאמינים און אן אויפ־
רעגונג און פארשעמונג, דורך אלע איבריקע.

פון דעם חרם איז פארשטייט זיך גארנישט געווארן. ער האט
קיין ווירקונג נישט געהאט. מחמת הונדערטער ביאלער משפחות
וועמענס קינדער אויב נישט זיי אליין, זענען געווען ציוניסטן, זענען
נאך טויזנטער משפחות, אפילו פרומע, אויף פארשידענע אופנים מיט
זיי געווען פארבונדן. און דער רב אליין פאר וועמען ביז דאן האט
דער גרעסטער רוב געהאט דעם גרעסטן יראת הכבוד, האט פון דעם
מאמענט אן ביי אגרויסן טייל אנגעווירן פון זיין אנזען.

און דאס האט זיך יאנקעלע שפעטער איבערציינגט ביים ווערן
אן אריינגייער צו זיין שטיבל־חסיד, צי שמיליע שוחט אין הויז.
כאטש יאנקעלע איז ביים חרם אויסרופן אין ביאלע נישט געווען, איז
ער דאך אבער אויך געווען א ציוניסט. און ווען ישראלקע גאלדשטיין
אן אקטיווער ציוניסט וואס איז שוין ביים חרם יא געווען, פלעגט
אריינקומען צי שמיליעס טאכטער רבקהלע, האט זיך דער פרומער
שוחט כלומרשט פון אים אפגערוקט, נאר פראטעסטירט קעגן זיין
אריינקומען האט ער נישט.

קאפיטל צוואנציק

## דער ראמאן מיט רבקהלען

יאנקעלע ווי א ציוניסט, פלעגט ליינען דעם ווארשעווער
„היינט". דער „היינט" איז געווען א ציוניסטישער ארגאן אין וועלכן
עס האבן זיך צווישן אנדערע באטייליקט די אנגעזעענסטע ציוניסטן
פון יענער צייט מיט אדוו. יצחק גרינבוים פון „על־המשמר", ד"ר יהושע
גאטליב פון „עת לבנות", זאב זשאבאטינסקי פון די רעוויזיאניסטן
און פון צייט צו צייט אויך נחום סאקאלאוו.

איז איינמאל ווען ער איז געווען אליין אין קראם צו אים ארײן
שמיליע שוחטס יונגערע טאכטער רבקהלע לייען די צייטונג. ס'איז
דעם טאג אין די נייעס געווען אסענסאציע. מען האט דערמארדעט
אין ווארשע פארנדיק צו דער „זאכענטא" דעם פוילישן מלוכה־
פרעזידענט נארוטאוויטש. יאנקעלע האט איר די צייטונג געגעבן.

ער האט איר נאך געקענט פון פריער. ער פלעגט ארויסקוקנדיק
פון דער מאמעס קראם כמעט יעדן טאג איר זען גיין צו איר היים
אויף דער בריסקער וואס איז געווען אין דער פריערדיקער דירה
פון ישראל ביאלער. און זי האט אויף אים ביז דאן קיין באזונדערן

איינדרוק נישט געמאַכט. נאָר ס׳איז געווען ס׳ערשטע מאָל ווי ער האָט מיט איר גערעדט.

יאַנקעלע האָט ביז דאַן מיט קיין מיידלעך נישט פאַרבראַכט און האָט קיין ליבעס נישט געפּירט. ער האָט אַ חוץ דעם עפּיזאָד מיט דער מיידלשער געזעלשאַפט פון וועלכער ער איז אַשעמעוודיקער אַוועק, נאָך אַלץ מיט קיין מיידלעך נישט געפלירטעוועט. ס׳איז געווען זיין שולד. אַפילו אין די לעצטע חדשים פון זיין מיליטער דינסט ווען דער יידישער „לאַכנדיקער דראַגנ״ פון זיין קאָמפּאַניע האָט אים מיט־געשלעפּט אין דאָרף צו עפּעס אַ פּוילישער כאַטע וווּ עס איז אין אַן אייזערן בעטל געלעגן אַ רייצנד־שיין מיידל פון אַ יאָר 14-15, אַ מיידל ווי אַ נאָר וואָס צעבליטע רויז מיט גליסטנדיקע צעפינקלטע אויגן און אָפּגעדעקטע שטייפע ברוסטן ווי צערייפטע שטייפע עפּל, איז דערפון אויך גאָרנישט אַרויסגעקומען.

ער האָט זיך דערמאָנט אין דער מעשה וואָס ווערט דערציילט אין סוף פּרק התכלת (מנחות) וועגן איינעם וואָס איז געווען זייער אָפּגעהיט אין דער מצווה פון ציצית. ווען אָבער ער האָט געהערט וועגן איינע פון די שענסטע זונות ביי די שטעט פון ים („בכרכי הים״) וואָס נעמט פאַר איר שכר — פיר הונדערט רענדלעך, האָט ער פול מיט תאווה צו איר, די פיר הונדערט רענדלעך איר געשיקט און איז געקומען מיט איר זינדיקן. נאָר ווען זי איז אַ נאַקעטע אַרויף און זיך געזעצט אויף איר אויבערשטער גאָלדענער בעט און אויך ער איז צו איר אַרויף און זיך געזעצט אַנטקעגן, זענען געקומען זיינע פיר ציצית און האָבן אים גענומען שלאָגן אויפן פּנים. ביז ער האָט זיך פון איר צוריקגעצויגן און איז אַראָפּ אונטן...

די מורא און די אויסרעכענונג האָט ביי אים איבערגעוווּיגן דעם באַגער. ער האָט זיך פון זיינע יונגסטע יאָרן ביטער געראַנגלט מיט זיינע באַגערן, וועלכע ער פלעגט אומרחמנותדיק אונטערדריקן. און כאָטש צוריק קומענדיק פון מיליטער איז ער געוואָרן דרייסטער און די לוסט האָט זיך ביי אים נאָך מער געשטאַרקט, איז ער נאָך אַלץ ווי פאַר אַן אויסגעפרומטן בחור אין זיינע יאָרן געווען צוריק געצויגן. ער האָט ווען ער האָט זיך אַנאַליזירט פאַרשטאַנען די סיבה. ס׳האָט נאָך אויף אים געדריקט די אַלטע שטרענגקייט און די געוווינהייטן פון זיין סביבה. די פרום משפּחהדיקע מחיצה צווישן איינעם און דעם אַנדערן, — און די אייגענע איבערטריבענע מורא זיך נישט צו פאַרפּלאָנטערן אינעם לעבן...

רבקהלע האָט אים די ציישונג נישט צוריקגעבראַכט. איז ער

נאכן פאַרמאַכן די קראַם צו איר אַריין זי אַפּנעמען. אַריינקומענדיק, האָט אים איר פאָטער שמיליע שוחט געבעטן זיצן און עס האָט זיך פאַרבונדן אַ שמועס. ער האָט אים נאָך געבעטן צו לערנען מיט זיינע יונגלעך. און אַז ס'איז געוואָרן שפּעט, איז ער אַהיים געגאַן.

אויף צומאָרגנס איז יאַנקעלע שוין געווען דרייסטער. ער האָט נאָכן אָפּעסן זיין אָוונט-ברויט, איר די צייטונג שוין אַליין געבראַכט. זי האָט אים געבעטן פאַרצוליינען אייניקע זאַכן. ער האָט אַזוי געליינט, ביז די עלטערן האָבן זיי ביידע איבערגעלאָזט אַליין. צי בכוונה? יאַנקעלע האָט געמיינט אַז יאָ — און אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן...

יאַנקעלע האָט דעם שוחט גוט געקענט. ער האָט אים געקענט פון שטיבל, פון שעכטן ביי אים עופות און פון וווינען אין שכנות פון דער קראַם נאָך פון 1915. אַ שוחט, מיט אַ רויטע באָרד און פּיאות און פינקלדיקע אויגן, איז ער אין תוך נישט געווען קיין צו פרומער. צום ווינציקסטן אַפּאַטאַטיקער.

דער שוחט האָט אויך יאַנקעלען גוט געקענט. אים געקענט נאָך פון קינדוויייז פונעם זעלבן סאָקאָלאָווער שטיבל און פון ברענגען צו אים עופות צו שעכטן. ער האָט כמעט געקענט דעם גאַנצן אַנט־וויקלונגס-גאַנג פון זיין לעבן. און ווי אַ יאַנאָווער, האָט ער זיין פאַר־שטאָרבענעם פאָטער נאָך מער געקענט און איז מיט אים געווען היימיש און פריינטלעך.

די פרומקייט האָט אים פון דעסטוועגן נישט געשטערט גוט צו היטן זיין פרנסה. ער פלעגט זיך נישט אָפּזאָגן אויף אום יום טוב צו שעכטן אַן עוף. בפרט פאַר אַ פריינט. ער האָט אָבער ווען ס'איז געקומען צו שעכטן, קיינעם נישט געטרויט. אויך נישט זיין בעסטן פריינט. מען האָט אים פאַר דער מלאכה — געדאַרפט איבער־לאָזן אַ משכון. און אויך דאָס קליינע יאַנקעלע פלעגט אים פאַרן שעכטן עפּעס מוזן ברענגען.

כאָטש ער האָט אָפּגעהיט, געשאַרפט און בודק געווען דעם חלף לויט אַלע דיקדוקי הלכה, איז ער אָבער אין אַנדערע זאַכן קיין צו אָפּגעהיטענער נישט געווען... דאָס האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן אין שייכות צום חרם. ווערלכער האָט אים נישט געשטערט צו לאָזן פאַרברענגען זיין רבקהלען מיט אַזאַ אַקטיוון ציוניסט, אַ בית-עמניק, ווי ישראַלקע גאָלדשטיין, אירער אַן אַלטער פאַרערער.

דאָס איינציקע וואָס ער האָט ביי זיין אַריינגעקומען געטאָן, איז געווען דאָס אַריינשאַרן זיך אינעם צווייטן צימער. ער איז אָבער

אויסער דעם געווען אַ ווילער ייד. אַ פֿאָטער, וואָס האָט ווי אַלע פֿאָטערס געוואָלט חתונה מאַכן זיינע קינדער, בפרט זיין טאָכטער. און נאָר אים האָט יאַנקעלע געהאַט צו פֿאַרדאַנקען זיינע פֿריידיק פֿאַרבראַכטע שעהן מיט רבקהלען.

רבקהלע האָט נאָך געהאַט אַן אויסגעגעבענע עלטערע שוועסטער, אַן אויסגעגעבענעם ברודער אַן אָרעמען לערנער-בטלן, מיט צוויי ברודערלעך חדר-יונגלעך מיט גרויסע, ברייטע פֿלאַקסענע פּיאות. זי איז געווען אַ באַליינטע, באַוווסטזיניקע גוט אַנטוויקלט מיידל. מיטל-ווּקסיק און בלאָנד מיט טונקל-בלאָע אויגן, האָט זיך ביי איר גייענדיק איר בלאָנדער קאָפּ ווי אַ ביסל געטרייסלט. זי איז געווען מיט איייניקע יאָר עלטער פֿאַר יאַנקעלען.

ביי די דייטשן בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה ווען ס׳איז געווען אַ מאַנגל אין שפּייז, איז זי דאַן אַ יונג מיידל, געווען אַ גאַנצע סוחרטע. זי האָט מיט אַ דייטשן שאָפֿער געבראַכט קיין ביאַלע מעל, אַרויסהעלפֿנדיק איר משפּחה. מחמת קיין בהמות צו שעכטן האָט איר טאַטע דער שוחט דאַן נישט געהאַט. די דייטשן האָבן זיי גלייך ביים פֿויער צוגענומען. האָבן איר צוליב די דאָזיקע מעל-נסיעות — די בעלי רכילות נישט פֿאַרגונען און האָבן איר באַרעדט.

*

מיט רבקהלען איז יאַנקעלען געוואָרן פֿריילעכער אויפֿן געמיט. ער האָט זיך שוין נישט געפֿילט אַזוי איינזאַם ווי פֿריער. ער האָט שוין געהאַט מיט וועמען צו טיילן זיך מיט זיינע געדאַנקען. ס׳איז דאַן געווען אַן איבערגאַנג אין זיין לעבן. ער האָט איבערגעריסן מיט זיין פֿריערדיקן לעבנס-שטייגער, און איז נאָך אינעם נייעם נישט צופֿיל אַריין...

זיינע דריי יאָר אינעם פּוילישן מיליטער ווו ער איז דער גרעסטער טייל צייט געווען איין ייד צווישן נישט יידן, האָט אים פֿאַרוואַנדלט אינעם איינזאַמסטן ייד. און די לאַסט פֿון דער דאָזיקער איינזאַמקייט האָט אויף אים געדריקט אויך אַצינד. אויך זי, רבקהלע, האָט אפשר עפּעס ענלעכעס געפֿילט. אויב מענטשלעכע געדאַנקען און געפֿילן זענען אַמאָל פֿאַרשידן, קומען זיי זיך סוף כל סוף ערגעץ ווו צונויף. —

יעדן אָוונט ווי נאָר ער פֿלעגט אָפּעסן, איז ער שוין צו איר אַריין. אין אָנהייב איז עס געווען ווי סתם אַ פֿאַרברענגען. אַ פֿאַר-ברענגען פֿון צוויי יונגע מענטשן, וואָס ווילן זיך אַביסל אויסרעדן און

אויסלעבן. דאָס סתם פאַרברענגען איז אָבער יעדעס מאָל געוואָרן וואָרעמער און היימישער.

מען האָט געשמועסט איבער טאָג־נייעס, ליטעראַטור, געלייענטע ביכער, ווי איבער אַלץ אין דער וועלט. קיין געבּיט פונעם לעבן איז נישט געוואָרן אַדורכגעלאָזט און דיסקוטירט האָט מען פריי. אָנגעהויבן אין עס־צימער, איז רבקהלע אין די שפּעטערדיקע נאַכט־שעהן אַריבער אין קיך. כדי צו זיין ווייטער פון די עלטערנס שלאָף־צימער. דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפן. ווייל אין די שפּעטערע שעהן פלעגט שוין די שוחטקע אַרויסשרייען פון איר בעט. „רבקהלע, פאַרלעש דעם לאָמפּ און גיי שלאָפן”. זיי זענען אָבער ווייטער געבליבן אויף זייערע ערטער.

דאָס פאַרברענגען איז אָנגענאָן אַ צייט. לכתחילה האָט ער מיט איר געשמועסט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. ערשט ווען זי האָט אים אויף דעם אויפמערקזאַם געמאַכט. האָט ער זיך פאַרשעמט פאַר זיין בטלנות און דער אייגענער שעמעוודיקייט... ער איז געוואָרן דרייסטער און האָט איר שוין געקוקט גלייך אין די אויגן. און קוקנדיק איר אין די אויגן, האָט ער שוין אָנגעהויבן דערזען טיילן פון איר בלאָנד־צעגאָלדיקט לייב.

זיינע בלוטן האָבן זיך צעצונדן, די אברים זענען שטייפער געוואָרן און ער האָט געברענט פון לוסט. ער האָט אָבער ווי ער זאָל זיך מיט זיך נישט האָבן געראַנגלט, נישט געהאַט די דרייסט איר אָנצורירן. אויך זי האָט אים נישט אָנגערירט. נאָר ווען די קליגע רבקהלע האָט דערזען זיינע צעצונדענע אויגן, — האָט זי אים גלייך מיט אירע ערנסטע פראַגן אָפּגעווענדעט פון זיינע גלוסטענישן. —

אין דעם אָוונט איז ער צו איר אַריין אַ באַזונדער אויפ־געלעגטער. ס׳איז געווען חנוכה. אין דרויסן האָט געפלאַקערט אַ פראָסט. ס׳איז אָבער געווען אַ טרוקענער, שטילער פראָסט, אָן שניי און ווינט, וואָס מאַכט שטייפער די גלידער. דאָס פרעסטל האָט צעפלאַמט זיינע אַזוי אויך רויטלעכע באַקן און האָט זיי נאָך רויטער געמאַכט.

ווען ער איז צו איר אַריין, איז ער געווען אינגאַנצן אַ צעפלאַמ־טער. זי איז געזעסן אויף דער סאָפע אָנגעטאָן אין אַ ווייס דורכ־זיכטיק בלוזקעלע, פון וואָס עס האָבן זיך אַרויסגעזען אירע ווי עפּל רונדע שטייפע ברוסטן.

זי האָט אים אויפגענומען מיט צעשטראַלטע אויגן און אייגענער צעפלאַמטקייט. — אין שטוב איז געווען וואַרעם און ער האָט זיך

וועלכע זענען גוטע געבאָטן און וועלכע שלעכטע? איך מיין, ווי אַזוי ווייסט איר זיי אונטערצושיידן?

— ס'איז אַ גוטע פראַגע רבקהלע. ס'איז אָבער דאָ פּונקט אַזאַ גוטער ענטפער.

איך אונטערשייד זיי לויטן שכל און לויטן עטישן צוגאַנג צו אַט די זאַכן און דערשיינונגען. אַלץ וואָס איז שכלדיק, נוצלעך און עטיש פאַרן מענטש און פאָלק, נעם איך אָן. און אַלץ וואָס איז דער־ווידער דעם שכל און דעם לעבן און איז נישט מאָראַליש, וואָרף איך אָפּ.

— גלויבט איר אַז דער שכל קען אַלץ דערקלערן און באַווייזן?

— ניין, רבקהלע. דער מענטשלעכער שכל איז פּונקט אַזוי באַגרענעצט ווי אַלע מענטשלעכע אָרגאַנען און זאַכן זענען באַגרענעצט. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז דערפאַר דאַרפן מיר זיך אָנכאַפּן אין אַלע נאַרישקייטן און בבא מעשיות. מיטן שכל לעבן מיר, און צו אים ווי צו דער דערפאַרונג דאַרפן מיר זיך צו הערן. וואָרעם אויב דער שכל קען זיך נישט דערגרונטעווען צו אַלץ, צום תוך פון די זאַכן; קען ער אָבער זיך דערגרונטעווען צום ווי אַזוי פון די זאַכן...

— גלויבט איר אין דער תורה?

— אין דאָס גוטע פון דער תורה, יאָ. די יידישע תורה האָט אַסך דערהויבענע מאָראַלעשע און סאָציאַלע געזעצן. זיי זענען אַ וווּנדער פאַר יענער צייט, — ווי אַ טייל זענען נאָך היינט אַקטועל און אייביק. נאָר נישט אַלץ האָט דאָרט געדאַרפט אַריין...

— און ווי אַלט איר מיטן תלמוד?

— ווידער דאָס זעלבע. דער תלמוד איז אַן ענציקלאָפּעדיש ווערק, וואָס טייטשט אויס די תורה און רעגולירט גאָר דאָס יידישע לעבן. ער פּאַסט צו די געזעצן פון דער תורה צום לעבן, און ברייטערט אויס און פאַרטיפט די מאָראַלישע געזעצן. ער מאַכט אָבער אויך דורך זיינע איבערגעטריבענע אַרויסדרינגענישן פון דער תורה — שטרענגער און שווערער דאָס יידישע לעבן. פון איין זייט מאַכט ער גרינגער דאָס לעבן דורך צופּאַסן די הלכות צום לעבן, און פון דער צווייטער זייט אָבער באַשווערט ער דאָס זעלבע לעבן, דורך די נייע ריגאָריסטישע איסורים.

— וואָס מיינט איר ער מאַכט שווערער דאָס לעבן דורך די נייע איסורים?

— דאָס רבקהלע וועט אייך זיין גרינג צו פאַרשטיין. אָט למשל, פון איין זייט מאַכט דער תלמוד גרינגער און באַקוועמער דעם שבת

דורך דערלויבן צו צוגרייטן ליכט אויף שבת, מחמת לויט די קאַראַי־מער דאַרף מען פּריטיק צונאַכטס זיצן אין דער פינצטער, און פון דער צווייטער זייט איז פאַרבאָטן נישט נאָר דאָס אָנצונדן פייער אום שבת, נאָר צוליב דער מורא פאַרן אָנצונדן, — טאָר מען שוין אויך די לייכטער און די שוועבעלעך נישט אָנרירן.

און אָט האָט איר אַ ביישפּיל וואָס איז אַ צינד אונדז אַליין נוגע. לויטן פּרק אָבות טאָר אַ מאַן נישט איבעריק רעדן מיט אַ פרוי. „אל תרבה שיחה עם האשה" איז געזאָגט געוואָרן. דאָס זעלבע איז „קול באשה ערווה". מען טאָר נישט הערן אַ פרוי זינגען. פאַרוואָס? ווייל עס קען ברענגען צו אַן עבירה. צו אַן עבירה קען עס טאַקע ברענגען, איז בכן וואָס? יעדע מענטשלעכע פאַרבינדונג — אפילו צווישן מענער, קען אַמאָל ברענגען צו אַן עבירה. זאָלן דעריבער מענטשן זיך אָפּשיידן איינער פונעם אַנדערן?...

— איז ווי וואָלט איר איינגעשטעלט דאָס יידישע לעבן, יאַנקעלע, איר זענט דאָך אַ ייד?

— אַ וודאי בין איך אַ ייד. און איך האָב זיך מיט מיין יידישקייט גאָר נישט וואָס צו שעמען פאַר איוואַנען און סטעפּאַנען. און דאָס האָב איך באַוויזן אין מיין פּוילישן מיליטער־דינסט, ווו צוליבן אָננעמען זיך פאַרן יידישן כבוד האָט מען מיר אַרויסגעשיקט פון דער באַאַנאַ־ווער קאַנצעלאַריע (זע „דריי יאָר אין פּוילישן מיליטער", ערשטע אויפלאַגע 1930, 2־טע „המנורה" 1970).

מיין יידיש לעבן וואָלט איך איינגעשטעלט לויט די בעסטע־יידיש־נאַציאָנאַלע טראַדיציעס און מאָראַלישע פּירונגען. אַ ייד זיין, מיינט נאָך נישט אַז מען דאַרף גלויבן אין אַלץ, אויך אין דעם וואָס דער שכל איז נישט מחייב. אַ ייד, איז קודם כל אַ נאַציאָנאַלער באַגריף, וואָס איז מחייב צו קעמפן פאַר גאָר דעם יידישן קיום, פיזישן און גייסטיקן.

און באַוואָרענען דעם נאַציאָנאַלן קיום קען מען נאָר דורך זיינע באַזונדערע נאַציאָנאַלע אינסטרומענטן און פאָרמען. דאָס איז די שפּראַך, אין דעם פאַל ביידע שפּראַכן העברעיש און יידיש, טראַדיציע און קולטור. קורץ: אַלע עלעמענטן וואָס באַלעבן און שטאַרקן דאָס יידישע לעבן און דעם נאַציאָנאַלן קיום, טיילווייז אויך רעליגיעזע, — דאַרפן זיין אָננעמבאַר פאַר אַ ייד. אָבער אַזעלכע רעליגיעזע עלעמענ־טן זענען ממילא נאַציאָנאַלע...

ס'איז געוואָרן שפּעט. פון שלאָף־צימער האָט זיך שוין געהערט דער שוחטקעס רוף צו פאַרלעשן דעם לאָמפּ און גיין שלאָפן. „איר

האָט מיר אַסך באַרייכערט האָט רבקהלע געזאָגט. ס'איז אָבער שפּעט. די מאַמע וועט מיינען ווער ווייסט וואָס מיר טוען דאָ אָפּ". יאַנקעלע האָט געזאָגט אַ גוטע נאַכט, און איז אַהיים געגאַן. ער האָט זיך שטיל אַריינגעשאַרט אין זיין צימער און זיך גלייך געלעגט אין בעט.

ער האָט אָבער אַזוי גיך נישט געקענט איינשלאָפן. דער גאַנצער שמועס האָט זיך ווי אַ בילד געשטעלט פאַר זיין באַוווסטזיין, פאַר זיינע גייסטיקע אויגן. ער האָט די געדאַנקען פון זיך געוואָלט פאַר־טרייבן און נישט געקענט. ערשט מיטן גראָען אויף טאָג, איז ער איינגעשלאָפן.

ער האָט געזען רבקהלען אין אַ בעט קעגן אים. ער האָט געטראַכט: פון וואַנען האָט זי זיך דאָ גענומען? ער האָט דאָך מיט איר נישט חתונה געהאַט, נישט געשטעלט קיין חופּה. ער טראַכט און טראַכט און קען זיך נישט צי עפּעס דערטראַכטן.

פעלט אים איין, צו וואָס דאַרף ער זיך מאַטערן דאָס צו וויסן, אַז ליגט זי דאָך גרייט פאַר אים — און ער פאַר איר איז אויך גרייט... און ער גייט צו איר בעט. נאָר ווי נאָר ער קומט צו צום בעט, דערזעט ער ווי די בעט איז אַרומגענומען מיט אַ דראָטענע נעץ ווי מיט אַ פאַנצער. און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט.

ווען ער האָט זיך אויפגעוועקט, איז שוין געווען אין די שפּעטע מאָרגן־שעהן. קיינער איז שוין אין שטוב נישט געווען. ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. „אַ וואַזשנער סאָלדאַט איז ער... אַזאַ פּייפער". ער האָט זיך אויף גיך אָנגעטאָן, און ווען ער איז אַריין אין קיך, איז שוין זיין פאַרציע ברויט מיט קאַווע געווען פאַר אים גרייט.

ער האָט זיך דערמאָנט אין חלום. ער געדענקט אים גוט. נאָר וואָס איז זיין באַשייד? האָט יעדער חלום עפּעס אַבאַדייט? אַ טייל יאָ. נאָר אויב יאָ, מיינט עס אַז ער וועט מיט איר נישט חתונה האָבן. ער וועט אָבער די געשעענישן אַרום אים נישט באַווירקן, זיי לאָזן גיין זייער נאַטירלעכן גאַנג.

### קאַפּיטל איין און צוואַנציק

## אין גאַנג פון די געשעענישן

ער איז אַוועק אין קראָם. און ווי פריער נאָכן פאַרמאַכן איר און אָפּעסן דעם אָוונט־ברויט, אַוועק צו רבקהלען. ס'איז ביי אים שוין געוואָרן ווי אַ רוטין. — ווי אַ מאַן וואָס קערט זיך אום פון זיין

ווי דער חרם מאַטעריאַל געוואָלט מאַכן מיין אַנהייב. קריגן מיין אַריינטריט. — מיר ציט אָבער צו עפּעס מער ווי זשורנאַליזם. איך שטעל זיך פאָר אַז מיין שרייבערישער וועג וועט זיין אַ שווערער, אַ פּיינלעכער. איך וועל אָבער אויף אים גיין. עס ווילט זיך אַ פּלי טאָן, אָן הויב טאָן איבער זיך... און געדאַנקען און געפילן זענען גרייט צו קומען צום אויסדרוק.

— איר האָט שוין עפּעס פאַרטיק?

— יאָ, לידער, און אַ גרויסע יודאַיסטישע אַרבעט. עס פעלט מיר אָבער נאָך פולע זיכערקייט דערהויבט צו די לידער, און מעגלעכקייט די יודאַיסטישע אַרבעט צו פאַרעפנטלעכן. אַגב וואָלט די יודאַיסטישע אַרבעט ביי מיין איצטיקער אָפּהענגיקייט און סביבה — אַרויסגערופן קעגן מיר אַ שטורעם און עס וואָלט מיין מאַמען קיין נחת נישט פאַרשאַפט. און דאָס וואָלט איך נישט וועלן.

— איך פאַרשטיי נישט. פאַרוואָס וואָלט עס קעגן אייך אַרויסגערופן אַ שטורעם? פאַרקערט, די מאַמע און אייערע פריינט וואָלטן דאָך געדאַרפט זיין צופרידן פון אייך ווי פון אַ שרייבער.

— ניין, רבקהלע. — אַ טייל וואָלטן שוין גאַרנישט געווען צופרידן. מיין צוגאַנג צו די יודאַיסטישע פּראָבלעמען איז נישט קיין רעליגיעזער, נאָר אַ פרייער, אַ קריטישער; לויט מיין אייגענעם פאַרשטאַנד. אַ שטייגער ווי די ענטפערס וואָס איך האָב אייך געגעבן אויף אייערע פראַגן. און נישט נאָר אומצופרידן וואָלטן זיי געווען, נאָר זיי וואָלטן קעגן מיר אויסגערופן אַ צווייטן חרם. און דאָס וואָלט שוין גאָר מיין מאַמען צעטשמעליעט.

די צייט האָט זיך גערוקט. זי איז אַריבער אין קיך און זיך געזעצט אויפן הויכן טיש, ווו דער דעקאָלט איבער אירע ברוסטן און טיילן פון אירע פיס האָבן זיך אַרויסגעזען. און איר צעגאָלדיקט, העל לייב, האָט זיך ווי אַ זון געשפּיגלט און געמוניעט אינעם שיין פונעם הויכן עלעקטרישן לאָמפּ.

יאַנקעלע איז געוואָרן צערייצט. אַ באַגער איז אים באַפאַלן. און כאָטש נאָך שעמעוודיק און אומדרייסט, וואָלט ער צום וווינציקסטן איר אַרומגענומען און זיך געטוליעט צו איר הייסן צעגליטן לייב. ער האָט דאָס אָבער נישט געטאָן. און זיין באַגער נישט אויפגעלעזט, — איז נאָך שטאַרקער געוואָרן. די באַקן צעפלאַמט און די אויגן צעצונדן, האָט זיך ווי אַפייער אין אַלע זיינע אברים צעשפּרייט. און דאָס הייסע בלוט וואָס האָט זיך צעגאָסן איבער אַלע זיינע קעמערלעך, האָט זיך אַצינד געשפּאַרט צו זיינע לענדן...

נאָר נישט מער... און יאַנקעלע זעענדיק דעם פערדס געדולד און נישט קענענדיק דערלאַנגען צו זיינע זייטן, כאַטש דאָס פערד איז געווען אַ נידריקס, האָט זיך אַ נעם געטאָן צו זיין וויידל. האָט גע־פּרוווט ציען סטרונעס פון זיין עק.

אין אָנהייב האָט דאָס פערד זיך נישט געמאַכט וויסן. נאָר ווען יאַנקעלע האָט אַלץ געצויגן, איז דאָס פערד אַרויס פון געדולד און האָט אַביסל קעגן אים אונטערגעהויבן דעם אונטערשטן פוס. ס'פערד האָט אים אמת נישט געוואָלט מזיק זיין. פאַרט אַ יידיש פערד, און יאַנקעלע איז אַזאַ קליין יונגעלע... נאָר פאַר יאַנקעלען איז דאָס געווען גענוג. ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און איז אַרויס מיט אַ ביטער געוויין. ביז די יידישע דינסט האָט דערהערט זיינע געשרייען, איז אַראָפּגעלאָפן און האָט אים אַרויפגענומען אין שטוב.

און פון דאַן אָן האָט ער זיך אויפגעהערט שפּילן מיט פערד. כאַטש חזירים האָט ער נישט אָפּגעלאָזט אויך שפּעטער, אפילו נאָך דער בר מצווה. נאָר דאָס זענען שוין געווען דעם אַנטיסעמיטישן שכנס, יוזעף כאַרלאַפּאַוויטשעס חזירים, וועלכע ער האָט להכעיס געטריבן אינעם הויף פון זייער ניי־געקויפטן הויז.

און ער האָט זיי שוין אויך נישט געשלאָגן ווי פריער, נאָר האָט זיי בלויז פאַרטריבן פונעם הויף. מחמת ער האָט שוין געוווסט פון צער בעלי חיים, און עס האָט זיך שוין אין אים אויך דערוועקט אַ רחמנות אויף אַלע גאָטס באַשעפענישן, אויך אויף די טמא.

אַזוי איז דאָס קליינע קונדסל אַרומגעלאָפן פראַנק און פריי. באַזונדער בעת די שוין בוגרותדיקע דינסט וואָס האָט געדאַרפט אַכטונג געבן אויף אים (די שוועסטער זענען געווען אין שולע), האָט נאָר געוואָלט בלייבן אַליין מיט אירע געליבטע...

*

יאַנקעלעס פוסט און פּאַסעווען האָט אָבער צו לאַנג נישט גע־דויערט. ס'איז געקומען די צייט פון לערנען תורה. האָבן זיך אין איינעם אַ טאָג אין שטוב באַוויזן צוויי יידן. איינער אַ הויכער, אַ שיינער מיט אַ קליין בלאָנד בערדל ווי ביים קיסר ניקאָלאַי דעם צווייטן, וועמען מען האָט גערופן אברהמלע מלמד, מיט אַ נידעריקערן בחור אַ באַהעלפער.

ביידע האָבן אים עפּעס אַזוי באַזונדער געהנדלט. געגלעט און געצערטלט און אין אים אַזוי ליבלעך און פריינטלעך אַריינגערעדט, אַז ס'איז געקומען די צייט צו גיין אין חדר אַריין לערנען. דער טאַטע האָט צוגעהאָלפן און איז אין דעם מאָמענט געווען באַזונדער אויפ־

רבקהלע האָט דעם שינוי אין אים באַמערקט, און האָט אים ווי מיט פּאַרדרוס געפרעגט: „וואָס איז מיט אייך?... און יאַנקעלע ווי אַ פאַרשולדיקט יונגל קעגן זיין רבין, האָט זיך דערפילט שולדיק. און כאָטש ער האָט דאָך גאָרנישט געטאָן, האָט ער כדי זיך צו פאַרענטפערן אומדרייסט אַרויסגעשטאַמלט: „ס'איז די ליבע רבקהלע". און דאָס דאָזיקע בלויזע וואָרט — האָט איר צופרידן געשטעלט און איר אַלץ פאַרענטפערט.

*

אויף צו מאָרגנס האָט אים רבקהלע געשיקט רופן. ס'איז פאַר איר געווען אַ באַזונדערער ענין. אירער אַ קוזין פון יאַנאָווע, אַן אינוואַליד פון דער פּוילישער אַרמיי, האָט געקראָגן אַ קאָנצעסיע פון דער רעגירונג צו פאַרקויפן בראָנפן. ס'איז געווען די צייט נאָכן אָננעמען דעם געזעץ צו באַזאָרגן די מלחמה־אינוואַלידן. אויך אַ צייט פון רעגלאַמענטירן דעם יידישן מסחר, דורך וואָס דער ביז איצטיקער פרייער יידישער האַנדל מיט טאַבאַק און בראָנפן, איז געוואָרן באַגרענעצט.

האָבן די יידישע שענקער געמוזט כדי ווייטער אָנצוגיין מיט זייער פרנסה צונעמען פאַר אַ שותף אַן אינוואַליד, אָדער אַזוי אַ פּריוועליגירטן מיט אַ קאָנצעסיע. און די פאַמיליע סאַפּיר, אַן אַלטע ביאַלער שענקער־משפחה, האָט צוגענומען פאַר אַ שותף רבקהלעס אויבנדערמאָנטן קוזין. האָט זי אים גערופן צו זיין דער פאַרטרעטער פון איר קוזין, אַכטונג געבן אויף זיינע אינטערעסן און שרייבן פאַר די צדדים אין פּויליש דעם קאָנטראַקט.

דער אָפּמאַך (קאָנטראַקט) צווישן די צדדים וואָס נאָרמאַל ווערט ער געשריבן דורך אַן אַדוואָקאַט, האָט געדאַרפט זיין אַן אָפיציעלער און באַקרעפטיקט ווערן דורך מאַרקעס און ביידנס אונטערשריפטן. און אַזעלכער איז ער געווען. נאָכן אונטערשרייבן אין דער צעליכטיקטער סאַליע דעם אָפּמאַך האָט מען געמאַכט אַ „לחיים", זיך געווונטשן גליק, און די צדדים האָבן דעם שרייבער וואָס האָט דערפאַר קיין באַלוינונג נישט גענומען, האַרציק באַדאַנקט.

די געסט זענען צעפרידענע זיך צעגאַנגען. דאָס ליכט אין דער סאַליע איז געוואָרן פאַרלאָשן, און די עלטערן זענען געגאַנגען שלאָפן. נאָר רבקהלע איז מיט אים ווידער געבליבן אַליין. דאָס מאָל איז זי געווען באַזונדער צעלויכטן און צעשיינט. איר פּנים, ווי אַ זון צעשיינט, האָט אויסגעדריקט פרייד און צופרידנקייט. קענטיק געשטאַרקט פון יאַנקעלעס בריהשאַפט און קענטשאַפט. זי איז שוין נישט

אוועק אין קיך זיך זעצן אויפֿן טיש, נאָר איז געבליבן אין עס־צימער און האָט זיך ווי זי וואָלט געוועזן מיד נאָך אַ שווערע אַרבעט, אויסגעצויגן אויף דער סאָפע.

יאַנקעלע האָט זיך געזעצט לעבן איר. זי האָט אים שוין נישט געשטערט. זי האָט אָבער ווי מיט געמאַכטן שטאָלץ גאָרנישט געזאָגט און זיך ווי אַ מומיע אַליין נישט אַ ריר געטאָן. נאָר סיי ווי האָט אַלץ אין איר גערעדט, האָט געמאָנט מיט דער שפּראַך פֿון ליבע, פֿון גלוסט און באַהעפֿט... זי איז אַצינד געווען אינגאַנצן גרייט פֿאַר אים.

און ער, פֿול מיט לוסט, פֿאַרלאַנגען און באַגערן, האָט אונטערדריקנדיק גאָר זיין שעמעוודיקייט, איר געוואָלט אַרומנעמען, טוליען זיך צו איר ווייבלעך צעגליטן לייב און איינעסן זיך אין איר ווי אין אַ זאַפטיק ווייכע פֿרוכט. נאָר אין דעם מאָמענט האָט זיך פֿונעם נאָענטן שלאָף־צימער דערהערט טריט. זי האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און זיך אויפֿגעזעצט. און יאַנקעלע ווידער אַ צערייצטער און נישט געזעטיקטער, האָט זיך אין דער נאַכט אַהיים געשאַרט.

*

אין די ווייטערדיקע אָוונטן זענען שוין אירע געפֿילן צו אים געוואָרן שטאַרקער און אָפֿענער. — זי האָט אים שוין אויפֿגענומען מיט מער גלויבן און זיכערקייט אין זיך, ווו מען נעמט אויף אַ חתן. ווי דער „הרי את" פֿאַרוואַנדלט אַ כלה אין אַ ווייב, אַזוי פֿאַרוואַנדלט דאָס וואָרט פֿון ליבע — אַ פֿריינדין אין אַ כלה...

ער אַליין אָבער איז מיט זיך נאָך נישט געווען פֿאַרטיק. ער איז נישט געווען פֿאַרטיק נישט צוליב זיינע געפֿילן צו איר, ווייל סוף כל סוף זענען געפֿילן געווען, — נאָר צוליב דער מאַמען און זיין אייגענע מאַטעריעלע אומבאַהאָלפֿנקייט.

ער איז צו איר געקומען אויך שבת נאָכן עסן. זיי האָבן זיך שוין איבער געטראָגן פֿון עס־צימער אין דער סאַליע. און ווי נאָר ער איז צו איר אַריין אין סאַליע, זענען די עלטערן אַוועק. ער האָט דערקענט אין אירע עלטערנס האַלטונג אַז זיי זענען שוין גאָר זיכער מיט אים. קיינער האָט אָבער נישט גערעדט פֿון תכלית. איר פֿאָטער, דער שוחט, האָט ווי זי וואָלט נישט געווען זיין טאָכטער, אין אָט דעם גאַנצן ענין זיך נישט געמישט. רבקהלע נאָר האָט געקוקט אויף זיינע פֿאַרמאַסקירטע שטיוול און געזאָגט אַז מען וועט אים קויפֿן אַ פּאָר נייע שיך.

ביי יאַנקעלען איז פאָרגעקומען אַ גאַנצע איבערקערעניש. „אַן אייגן הויז, אַ קראָם, אַמעריקע, מען נעמט אים אַריבער אינעם גאָלדענעם לאַנד ווו אַלע רייסן זיך". אַ שווערער נסיון ביי צו שטיין. מען דאַרף אָבער צו דער זאַך צוגיין שטיל און אָן טומל.

ביים מיטאָג איז די מאַמע מיט אים אַריין אין שטוב. זי האָט אַרויסגעשיקט יאַכען אין קראָם און אים גענומען אין דער אַרבעט.

— „הער זיך איין מיין זון. וועסט קיין בעסערן שידוך נישט קריגן. האָסט אַלץ וואָס דו דאַרפסט. און לאָמיר זיך נישט נאַרן. קיין אוצרות האָט דיין מאַמע נישט. האָסט זיך דריי יאָר אָנגעפּייניקט ביי די זעלנער, איז שוין צייט דו זאָלסט האָבן רו און דיין מאַמע אַביסל נחת.

„איך האָב אָפּגענומען אַ גרוס פון דער כלה. זי איז אַ וווּיל מיידל. אַפּראַצאָוויטע און סוחרטע ווי דיין שוועסטער הדס. קומסט גלייך אַריין אין אַ פאַרטיקע שטוב מיט אַ קראָם און דאַרפסט נישט גלייך ברעכן דעם קאָפּ אויף פּרנסה. בפרט אַז מען נעמט דיר אַריבער קיין אַמעריקע.

„מענטשן וואָלטן דאָך פאַרזעצט די הויזן אויף צו פאָרן קיין אַמעריקע. רבקהלע איז נישט פאַר דיר. דו ביזט אַ שוואַכער, און דו וועסט זיך ביי איר באַלד דאַרפן איינשפּאַנען אין יאָך. וועסט אַפילו נישט האָבן מיט וואָס זיך איינצושפּאַנען. ווילסטו זיך אַ גאַנץ לעבן פּייניקן? דו זאָגסט דאָך אַז ס'איז צווישן אייך גאָר נישט געשען, — איז מאַלע וואָס אַ יונגל פלירטעוועט מיט אַ מיידל? רייס מיט איר איבער און שוין.

„דער מחותן וועט די טעג קומען דיר זען און כאַפּן מיט דיר אַ שמועס. גרייט זיך צו. איך בין זיכער אַז דו וועסט אים און דער כלה געפעלן ווערן. און באַלד נאָך דעם מחותנם באַזוך וועלן מיר פאָרן זען די כלה און שרייבן תנאים. איך האָף אַז דער וואָס זיצט אויבן, נישט געוואַשן די הענט — וועט אונדז פירן אינעם ריכטיקן וועג. צרות האָבן מיר שוין געהאַט גענוג, איז שוין צייט צו האָבן אַביסל פרייד".

אַ גאַנצע נאַכט איז שוין יאַנקעלע נישט געשלאָפן. ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און האָט געטראַכט. אין קאָפּ איז ביי אים פאָרגעקומען אַ גאַנצער יריד. די געדאַנקען זענען ביי אים געגאַנגען הין און צוריק. — וויפל וואָלט ער אַצינד געגעבן ער זאָל קענען אַנגעמען אַ פעסטן באַשלוס. אַהין אָדער אַהער. דער געדאַנק אָבער איז נאָך ביי אים געווען וואַקלדיק. ער האָט זיך אָנגעהויבן אַנאַליזירן.

אַנאַליזירן זיינע געפילן צו רבקהלען און די מאָראַל דערפון. יאָ, עס ציט אים צו איר. ער האָט זיך צו איר צוגעוווינט.

אָבער געוווינהייט געפינט זיך אין אַלץ. אויך צו געפילן און געדאַנקען געוווינט מען זיך צו. און די געוווינהייט פון געדאַנק שאַפט די דאָגמע און טראַדיציע. און ווער ווייסט, אפשר איז אויך דער גאַנג פון די פּלאַנעטן, זייער איבערגעחזרטער אומקרייז — נישט מער ווי אַזאַ מין דויערנדיקע געוווינהייט?... און ס'איז אַלץ אינעם תוך איינס...

אָבער מען קען זיך פּונקט אַזוי פון דער געוווינהייט אָפּגעוויינען. זיך אָפּרייסן פון איר, ווי עס רייסט זיך אָפּ אַ רינג פון דער קייט. און מאָראַליש קומט ער איר גאָרנישט. ס'איז דאָך צו גאָרנישט געקומען. און ער האָט איר נישט צוגעזאָגט מיט איר חתונה צו האָבן.

דאָס האָט זי ווען דעם גערעדט. אמת, ער האָט אויסהערנדיק איר נישט אָפּגעזאָגט, אָבער אויך נישט צוגעזאָגט. ער וועט פון דעסט וועגן איר געבן אָנצוהערן וועגן איבעררייסן מיט איר און אפילו וועגן שרייבן מיט אַן אַנדערע תנאים. און וועגן מעזריטשער שידוך איז ער דערוויל גלייכגילטיק צום גאַנצן ענין.

ער וועט אָבער דער מאַמען נישט שטערן אין אירע באַמיונגען. ער וועט די זאַך לאָזן גיין ווי פון זיך אַליין. און אַז מען וועט דאַרפן וועט ער אויך זען די כלה. בפרט ווען לויט די באַדינגונגען זעט די זאַך נישט אויס שלעכט. און דאָס איבריקע וועט מען זען.

## קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

# די שטוב גרייט זיך

די שטוב האָט זיך געגרייט אויפצונעמען דעם מחותן. ווי פריער ביים טאַטנס לעבן האָט מען די שטוב פאַרפּוצט. באַזונדער האָט מען אויסגעפּוצט די סאַליע מיט די גרינע פּליושענע שטולן און קאַנאַפּע און מען האָט אָפּגעפרישט דעם גלאַנץ פונעם מעשענעם פּאַטשערקעס-לאָמפּ. די מאַמע האָט אַרויסגעשיקט די שוועסטער און אָנשטאָט איר האָט זי צו דער אויפנאַמע איינגעלאַדן די קוזינע רחל ביאַלער מיט נאָך אַ פּאָר פריינד.

יאַנקעלע איז געווען גרייט, וואַרטנדיק אויפן מחותנס קומען. און ס'האָט נישט לאַנג גענומען ווי ס'האָט זיך אין דער טיר פון סאַליע באַוויזן אַ הויכער ברייט-ביינִיקער ייד מיט אַ ברייטן שטערן, צוגעפּוצט בערדל און פיין גביריש בייכל, וואָס האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר הרב שולמאַן.

דער איינדרוק איז געווען אַ גוטער. ער איז אַלעמען, ווי אויך יאַנקעלען געפעלן געוואָרן. ער האָט אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי אַ מאָדערנער רב, אַט טאַקע אַזאַ וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר אַמעריקע. און נאָך מער איז ער געפעלן געוואָרן רחלען. ווי ער וואָלט געווען נישט דער מחותן, נאָר די כלה אַליין.

נאָכן טועם זיין פון צוגעגרייטן כיבוד און דעם מחותנס אַ שמועס טאָן מיט יאַנקעלען, האָט פאַר דער מאַמען אַנגעהויבן רעדן די קוזינע רחל. זי האָט אים איבערגעפרעגט וועגן נדן און וועגן זיין פאָרן קיין אַמעריקע. און דער גאַסט האָט נישט לאַנג געלאָזט וואַרטן אויף אַן ענטפער. ער האָט גערעדט ווי זיכער אין זיך און פריי.

„איך האָב נאָר איין טאָכטער. טאָ וועמען זאָל איך אַלץ אָוועקגעבן אַ נישט איר? מיין אײדעם וועט ביי מיר זיין ווי אַן אייגענער זון. איך איִל זיך צו מיטן שידוך פאַר מיין טאָכטער, ווייל איך דאַרף אָפּפאָרן קיין אַמעריקע איבערנעמען אַ רבנות. מיינע לאַנדסלייט וואַרטן שוין מיט אומגעדולד אויף מיר. און איך קען זיי מער נישט לאָזן וואַרטן. און דאָס וואָס איך זאָג צו וועל איך מקיים זיין. איך וועל דעם חתן געבן טויזנט דאָלאַר נדן און אים אַריבערנעמען קיין אַמעריקע. און גלייך נאָך די תנאים פאָר איך אָפּ קיין אַמעריקע".
מען האָט זיך געזעגנט, און מען האָט אָפּגערעדט צו קומען זען דער כלה.

אין טעג אַרום האָט די מאַמע יאַנקעלען געהייסן זיך איבערטאָן. ער האָט שוין געהאַט אַ פּאָר נייע שיך. „מיר פאָרן קיין מעזעריטש האָט זי געזאָגט. און זאָל דער טאַטע זיך מיען פאַר דיר". די מאַמע מיט יאַנקעלען זענען פאַרפאָרן צו דער מאַמעס אַן אַלטע חברטע. מען האָט זיך אָפּגערוט, אַרומגעוואַשן, און מען איז גלייך אַוועק צו הרב שולמאַנס הויז. דאָס הויז איז געווען אַן איין פאַמיליע־מויער אין סאַמע מאַרק, ווו אונטן איז געווען די קראָם. די קראָם איז געווען אַ געמישטע. שפּייז־קאָלאָניאַל מיט ווייַן.

די כלה, אַ שאַטינקע מיט טונקל־ברוינע אויגן און טונקל־אַליוון פּנים, האָט אויסגעזען צו זיין עלטער פאַר יאַנקעלען. איר טונקל ברוין קליידל איז געווען פרומלעך פאַרשפּיליעט ביז צום האַלדז. זי איז ביי אונדזער אַריינקום געזעסן צוזאַמען מיטן פאָטער אינעם גרויסן זאַל, וואַרטנדיק אויף אונדז. מען האָט זיך פונאַנדער־געשמועסט וועגן דער לאַגע אין מעזריטש און יאַנקעלע האָט דער־ווייל געפּרוּווט כאַפּן פאַרטאַיעטע בליקן אויף דער כלה.

ער האָט איר געוואָלט אַדורכנעמען, דערקענען און ליינען

איר כאַראַקטער, און זיך אויך דערוויסן צו אַלץ וואָס מען זאָגט איז אמת. אויך די כלה האָט אויף אים געקוקט. נאָר שוין מיט מער דרייסט און דערפאַרונג.

נאָך אַ שטיקל צייט האָט די מאַמע אים אַריינגערופן אינעם צווייטן צימער און געפרעגט: „נו, וואָס זאָגסטו? דו זעסט דאָך, אַן אייגן הויז און אייגענע קראָם איז דאָ. און די כלה איז אַן אָרנטלעך, געזונט מיידל, נישט קיין באַרעדטע. און מען דאַרף שרייבן תנאים".

— מאַמע, — האָט יאַנקעלע שטיל געזאָגט. דו פרעגסט מיר און פסקנסט אַליין. —

— וואָס איז דאָ צו וואַרטן. זי געפעלט דיר נישט?

— איך ווייס אַליין נישט. איך בין נישט אינגאַנצן זיכער.

— דו ביזט נישט אינגאַנצן זיכער, ווייל די מויד האָט דיר פאַרטשאַדעט. האָט דיר אַנגעטאָן אַ כישוף. אַז דו וועסט מיט איר איבעררייסן, וועט זי דיר אַרויס פון קאָפּ. איך זע נישט אַז די כלה, ברכה, זאָל זיין מיאוסער ווי רבקהלע. זי איז פאַרקערט, פעסטער, העכער און אויך זגראַבנער. ביי איר וועסטו זיין אַ פּרינץ. זי וועט אַרבעטן פאַר דיר אין דער פרנסה. און ביי יענער וועסטו זיין בלויז אַשקלאַף און גאָרנישט האָבן.

יאַנקעלע אַ מידער פונעם אייגענעם אומבאַשטימטט און גלייכ־גילט — האָט אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט: — ווען ווילסטו שרייבן תנאים?

— איך מיין אין אַ וואָך אַרום. נאָר מיין נישט פון דעסטוועגן אַז איך וועל דיר לאָזן אַפּנאַרן. מען וועט אַלץ אַריינשרייבן „ברחל בתך הקטנה" — און באַשטימען אַ טערמין אויף צו סילוקן דעם נדן. ליינען די תנאים קענסטו דאָך, וועסטו אַכטונג געבן אַז אַלץ זאָל זיין אַריינגעשריבן.

און אויב חלילה מען וועט נישט אויספירן וואָס מען האָט צוגע־זאָגט, זענען תנאים נאָך נישט קיין חתונה... נאָר ביז דער חתונה דאַרף קיינער פון דעם נישט וויסן. זיי זענען צוריק אַריין אין זאַל, און די צייט פון שרייבן תנאים איז געוואָרן אַנגענומען.

זיי זענען צוריקגעפאָרן קיין ביאַלע. נאָר וועגן אָפּרעד צו שרייבן תנאים האָבן זיי נישט גערעדט. די מאַמע איז צוריקגעגאַן אין קראָם און יאַנקעלע איז אין אָוונט אַריין צו רבקהלען. ער האָט געזוכט אַן אויסרייד אויף איבערצורייסן מיט איר. זי האָט זיך מיט אים דער־פרייט. ער איז ביי איר אַ צייט נישט געווען. און דער שאָדן — האָט זי געטראַכט, האָט זיך צו איר אומגעקערט...

ער האָט זיך דאָס מאָל געהאַלטן צוריקגעצויגן. ווי ער וואָלט ביי איר געווען דאָס ערשטע מאָל. ער האָט דאָך געמאַכט אַ וואָרט מיט ברכהן (די כלה). זי האָט מיט אים פאַרפירט אַ שמועס וועגן ליבע. און ער האָט געטראַכט: דאָ וועט ער האָבן אַ געלעגנהייט איר צו דערציילן ווי עס האַלט מיט אים. זי האָט געפרעגט:

— גלויבט איר אין ליבע?

— ווי אָן אייביקער, באַזונדערער כוח, נישט. — ליבע איז נישט מער ווי אַ באַעפט פון געוויסע עלעמענטן וואָס ווירקן אויף אַ צייט אונטער באַשטימטע באַדינגונגען. — ענדערן זיך די באַדינגונגען, — צעפאַלט זיך די ליבע. ווי מען וואָלט איר אַ שטאָך געטאָן אין פיל־באַרסטן אָרט, — האָט זי אָן אומצופרידענע געזאָגט: — איך ווייס נישט וואָס איר מיינט דערמיט. רעדט קלאָרער.

די הויפט־עלעמענטן פון דער ליבע זענען: געוווינהייט, דער ווילן נישט צו זיין אַליין. און דער גלוסט צום צווייטן געשלעכט. און אַל־דאָס איבריקע איז אויסדאַכטעניש און איינרעדעניש... איז פון געוווינהייט קען מען זיך אָפּגעוווינען. און דעם געפיל פון איינזאַמקייט ווי דעם גלוסט צום צווייטן געשלעכט, קען מען שטילן און באַפרידיקן מיט אַ צווייטן, — אָדער צווייטע.

— איר האָט געמאַכט פון איר אַ גוטן סך הכל. האָט זי פאַר־דרוסלעך געזאָגט.

— ניין, נישט איך מאַך דעם סך הכל. דאָס איז דער סך הכל פון דער נאַטור. אויך איך וואָלט וועלן עס זאָל אַנדערש זיין. מען פרעגט אָבער נישט ביי אונדז. מיר זענען בלויז אַ געצייג אין וועמענס הענט... און דאָ איז ער אַרויס: איר ווייסט רבקהלע? איך גיי שרייבן תנאים. גלייך אָן אַ טראַכט צו טאָן האָט זי געענטפערט:

— איז ווער לאָזט אייך נישט? גייט! ער האָט שוין מער גאָרנישט געזאָגט. ער האָט זיך מיט איר געזעגנט און איז אַהיים געגאַן.

ערשט אין בעט ליגנדיק, האָט ער מיט נישט ווייניק פאַרדרוס געטראַכט: „מיינט זי דאָס ערנסט? אַרט איר שוין טאַקע גאָר־נישט?... און וואָס דאַרפסטו דאָס וויסן? האָט אים אַ צווייטער געדאַנק אָנגעכאַפּט. דו ווילסט האָבן ביידע זאַכן צוזאַמען. אי מיט איר איבערייסן, אי זי זאָל זיך פייניקן, דיר ווייטער טראָגן אין זיך. אַ, דאָס איז שוין צופיל״...

*

די תנאים זענען פאָרגעקומען אין דער באַשטימטער צייט. עס האָבן זיך ביי די שולמאַנס פאַרזאַמלט אַ פּאָר מנינים יידן. מען האָט

אין די תנאָים אַלץ אַריינגעשריבן און די עדות האָבן זיך אונטער־געשריבן. צווישן די באַדינגונגען איז געווען דער הויפּט־תנאַי אַז דריי חדשים נאָכן מחותנס אָפּפאָר קיין אַמעריקע דאַרף דער חתן באַקומען דעם צוגעזאָגטן נדן און די פּאַפּירן קיין אַמעריקע. די שמחה איז געווען אַ טראַדיציאָנעלע. די געסט האָבן געגעסן און געטרונקען און זיך משמח געווען. נאָר יאַנקעלעס געמיט איז נישט געווען גרינג.

יאַנקעלע איז צוריקגעקומען און איז מער צו רבקהלען נישט געגאַנגען. ער האָט באַשלאָסן אַז וואָס עס זאָל נישט געשען, וועט ער מיט איר דעם בונד מער נישט באַנייען. זי וועט בלייבן אין זיין זכרון ווי אַ פרייידיקער עפּיזאָד פון זיינע יונגע יאָרן. ער האָט ווי פריער פונעם וואָרט, — אויך אַ צינד פון די תנאָים קיינעם נישט דערציילט, אַזוי אויך איז געווען מיט דער מאַמען, ווי מיט דער גאַנצער משפּחה.

נאָר אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער געקריגן אַ בריוו אָן אַ צוריק אַדרעס. ער האָט געקוקט אויפן קאָנווערט און זיך געוווּנדערט: „פון וועמען קען דאָס זיין״? ער האָט דאָן קיין באַזונדערע קאָרעס־פּאָנדענץ נישט געפירט. ער האָט דעם קאָנווערט געעפנט. ס'איז פון איר, פון רבקהלען.

ער האָט מיט נייגעריקייט גענומען לייענען. זי האָט אים שטאַרק געבעטן צו קומען צו איר אין אָוונט. זי וויל זיך מיט אים טרעפן און רעדן וועגן אַ וויכטיקן ענין. ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה צי זאָל ער זיך מיט איר טרעפן צי נישט. די סענטימענטן פאַר איר האָבן איבערגעוווּגן. ס'איז געבליבן אַז יאָ. „מען קען דאָך נישט זיין קיין אכזר״.

דער אָוונט איז געווען אַביסל אַרעגענדיקער. ס'איז אָבער געווען אַ וואַרעמער זומערדיקער אָוונט. ער איז צו איר אַריין און גלייך האָט זי געזאָגט „ס'איז אַ שאָד אין אַזאַ אָוונט צו זיצן אין שטוב. לאָמיר אַרויסגיין אין דרויסן און כאַפּן אַ שפּאַציר. דאָס זומער־רעגנדל וועט באַלד איבערגיין״.

זי האָט אָנגעטאָן דעם רעגן־מאַנטל און אָן אַ ווייטער אַ וואָרט אויסצורעדן, איז זי מיט אים געגאַנגען אַרויף בריסקער שאָסיי. זי איז געווען געדעכט. ווי נאָר זיי זענען אָפּגעגאַן אַ שטיקל וועג, האָט דאָס זומער־רעגנדל אויפגעהערט. דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט און ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן גרויסע ליכטיקע שטערנס און פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן אַ בשמים־ריח וואָס האָט גערייצט און צענומען. נאָר דאָס אַלץ איז געווען אין קאָנט־

גאַנגען איבער די מעזריטשער גאַסן. האָט באַטראַכט דעם זומפּיקן טייך און אַנדערע ערטער.

ערשט אין אָוונט, נאָכן פאַרמאַכן די קראָם, איז זי אַהיים געקומען. איר מאַמע, די מחותנסטע, איז געווען אַ קראַנקע. האָט זי אין שטוב ווי אין קראָם גאָרנישט געטאָן. און די גאַנצע האָרעפּאַש־ניצע איז געווען ברכה. ס'איז געווען דאַנערשטיק. האָט זי גלייך ווי זי איז אַ היים געקומען איר חתן אַ וועק געזעצט קעגן זיך, „נאָ, לאָז ער זען איר בריהשאַפט". און אַליין האָט זי מיט פאַרקאַשערטע אָרבל גענומען אַריינזעצן אין הויוון די ציגעגרייטע לעבלעך ברויט און די חלות.

אויף יאַנקעלען האָט דאָס געמאַכט אַ פאַרקערטן איינדרוק. ער וועט האָבן אַ ווייב אַן האָרעפּאַשניצע. זי וועט האָרעפּאַשעווען אויב זי וועט האָבן ביי וואָס. ער וועט אויך האָבן אַ פיינעם למדנישן מחותן, כאַטש מיט אַ ציגאַב אַ קראַנקע שוויגער. ער האָט אָבער מורא אַז ער וועט דערפאַר נישט האָבן קיין ווייב צו וועמען צו רעדן...

און וואָס איז דאָס פאַר אַ מאַטערן זיך און באַקן אַליין ברויט און חלה? קליעקט שוין נישט אַן אייגענע דירה מיט אַ קראָם פאַר אַ משפּחה פון צוויי (אַן מחותן) צו קויפן ברויט און חלה? עפּעס שטימט דאָ נישט. זיין מאַמע האָט אין ביאַלע קיינמאָל אַליין נישט געבאַקן קיין ברויט.

ווען דער טאַטע האָט געקויפט דאָס הויז ווו עס איז אין קיך געווען אַ גרויסער באַק־הויוון, האָט לכתחילה די מאַמע אין אים געוואָלט באַקן ברויט. און דאָס איז געווען אין די פריע יאָרן פון 1911-12. ווען דער טאַטע האָט דאָס דערזען, האָט ער גלייך גערופן אַ מוליאַר צו צעוואָרפן דעם הויוון. און מען האָט דעם הויוון צענומען. און דאָ אין די היינטיקע טעג פון 1923 אין מעזריטש באַקט נאָך זיין פאַרנומענע כלה ברויט?...

נאָכן פאַרטיק ווערן מיטן ברויט און אָוונט־עסן, האָט זי אים אַריינגעפירט אין דער סאַליע און פאַרמאַכט די טיר. די סאַליע איז געווען אַ גרויסע מיט צוויי ברייטע פענצטער וואָס האָבן אַרויסגע־קוקט צו דער גאַס. איבער די פענצטער האָבן געהאָנגען טוליענע פאַר־האַנגען וואָס האָבן נישט אַ דורכגעלאָזט קיין ליכט. ווו נישט ווו נאָר, האָט זיך פון ערגעץ אַריינגעגנבעט אַ שטראַל. ביי דער רעכטער זייט פון טיר איז געשטאַנען אַלאַנגע צעראַטענע סאָפע, און אין מיטן אַ טיש מיט שטולן איבער וועמען עס האָט געהאָנגען אַן עלעקטריש לעמפּל מיט אַ פלאַכע טאַץ־קאַפּע. און לינקס אַ גרויסער קרעדענץ.

זי האָט גלייך פאַרלאָשן דעם לאָמפּ און זיך מיט אים געזעצט אויף דער סאָפע. אינעם צימער איז געווען חושך מצרים און קיינער האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. ער איז געזעסן לעבן איר אָן ווילן און אָן באַוועגונג ווי אַגעליימטער. ווי גאָר זיין מענלעכקייט וואָלט אין אים אויסגערינט. — ער איז געווען אַזוי גלייכגילטיק, אַז מען וואָלט מיט אים אין דעם מאָמענט געקענט טאָן וואָס מען וואָלט געוואָלט.

גאָרנישט האָט אים געגומען, און גאָרנישט האָט אים צו איר געצויגן. ער האָט אַליין נישט געוווסט פאַרוואָס. און זי, ברכה, כאָטש אין זיך באַליידיקט און פאַרשעמט, האָט זיך אויך נישט אַריר געטאָן. זי האָט אונטערדריקט אירע געפילן און דערהאַלטן איר שטאָלץ... ענדלעך האָט זי זיך אויפגעהויבן, האָט אָן עפן געטאָן די טיר און אים באַפרייט (אפשר זיך אויך) פון זיין פיין...

דער פריימיק איז אָפּגעלאָפן גלאַטיק. שבת נאָכן עסן האָט זי אים גענומען צו אירער אַ מומען וואָס האָט געוווינט אונטערן שטאָט אין אָן הילצערן הויז מיט אַ מאָכיקן שינדל-דאַך. נאָכן פאָרשטעלן אים פאַר איר חתן, האָט איר מומע אָנגעהויבן לויבן די כלה. „ברכה", האָט זי געזאָגט, „האָט אַ גאָלדן האַרץ. און אַלץ וואָס מען האָט צוגעזאָגט וועט מען מקיים זיין".

די דריי חדשים זענען אָפּגעלאָפן. קיין וואָרט פונעם מחותן האָט מען נישט געהערט. יאַנקעלע האָט זיך אָנגעהויבן באַאומרוהיקן. ער האָט נאָך איין מאָל באַזוכט די כלה און איר אָנגעהויבן פרעגן קשיות. ער האָט געזען אַז די קשיות געפעלן איר נישט. „נו", האָט זי געזאָגט, „ביזטו געקומען מאָנען דעם נדן"? „וואָסזשע", האָט ער געענטפערט, האָט מען צוגעזאָגט און אַריינגעשריבן אין די תנאים?... אַז מען קען נישט אויספירן זאָגט מען נישט צו.

„און דו נאַרעלע מיינסט", איז זי געוואָרן ווייכער, אַז איך וואָלט נישט וועלן האָבן קיין טויזנט דאָלאַר"? „איך ווייס אַז דו וואָלסט וועלן האָבן. אָבער איך קען נישט וואָרטן גלאַט אין דער וועלט אַריין. און איך וועל נישט חתונה האָבן פריער ביז דאָס געלד און די פּאַפּירן קיין אַמעריקע וועלן נישט זיין דערליידיקט". און ער האָט זיך אויפגעהויבן און צוריקגעפאָרן.

ווען ער איז אַהיים געקומען האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו צום מחותן קיין אַמעריקע. ער האָט אים געשריבן אַז מער ווי נאָך דריי חדשים וועט ער נישט וואָרטן. ער האָט פון אים געקריגן אַן

ענטפער ער זאָל האָבן געדולד און וואַרטן. ער איז נאָך נישט איינגע־אָרדנט.

ער האָט געוואַרט מער ווי די צווייטע דריי חדשים. אַ יאָר אַגאַנצן. און די מאַמע וועמענס ווייזט אוים עיקר כוונה איז געווען אים אָפּצורייסן פון רבקהלען, האָט אים געהייסן צוריקשיקן די תנאָים. ער וואָלט דער מאַמען פון דעסטוועגן נישט געהערט. ווען זי וואָלט אים מיט עפּעס גענומען. — ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין שום געפילן פאַר איר, — און ער האָט אָפּגעשיקט די תנאָים.

כאָטש איןביידע פאַלן איז ער נישט געווען דער גורם, ער האָט ביי זיי גאָר נישט גענומען און זיי נישט אָפּגענאַרט, האָט אים פון דעסטוועגן דאָס געוויסן נישט געלאָזט צורו. פאַרט זענען צוויי יידישע טעכטער געוואָרן פאַרשעמט. ער האָט געוואָלט פאַרגעסן אין ביידע געשיכטעס. נאָר מיט אַ מאָל האָט זיך צו אים באַוויזן רבקהלעס יונגער ברודערל מיט די ברייטע צעפּאַטעלטע פּיאות און אים איבער־געגעבן אַ קליין פאַרמאַכט בריוול.

ער האָט דאָס בריוול גלייך געעפנט. ס׳איז פון איר, פון רבקהלען. זי פאַרט ׳היינט ביינאַכט אָפּ קיין אַרגענטינע צו איר קוזין, האָט זי אים געשריבן. בעט זי אים צו קומען זיך מיט איר געזעגענען. ער האָט זיך אויף דעם נישט געריכט. און ער זעט ערשט ווי ליב זי האָט אים געהאַט. ער האָט באַשלאָסן צו גיין. „ס׳איז דאָך ווי אַ חסד של אמת". ער האָט פון דעסטוועגן געוואָלט וויסן זיין מאַמעס מיינונג. די מאַמע איז פון דער ידיעה געוואָרן געפלעפט. אויך זי האָט זיך אויף דעם נישט געריכט. און זי האָט אים געהייסן גיין צו איר.

ער איז צו איר אַריין. זי מיט אירע עלטערן האָבן זיך אַרום־געפּאָרעט אַרום די צוגעגרייטע אין עס־צימער פאַרפּאַקטע קאַסטנס. ער האָט גאָרנישט געוווסט אַז זי האָט אַזויפיל זאַכן. ווען זי האָט אים דערזען האָט זי זיך נישט געקענט באַהערשן און איז גלייך אַריבער אינעם צווייטן צימער. זי איז אין מינוטן אַרום צוריקגעקומען. אַליין אָן די עלטערן. זי האָט אים געפרעגט צי ער וועט וועלן מיט איר פאָרן צום באַן. ער ׳האָט מורא געהאַט פאַר סצענעס — בפרט ווען זי וועט נישט זיין אַליין. האָט ער געזאָגט אַז ניין. זי האָט זיך מיט פאַרטרערטע אויגן מיט אים געזעגנט און אים געווונשן גליק. און זיין ראָמאַן מיט רבקהלען האָט זיך געענדיקט.

### קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

## הדס ווערט אַ כלה און ס׳ווערט אויס שידוך

דער שדכן איז שוין פון הויז נישט אַפּגעטראָטן. די מאַמע האָט זיך פאַרשווירן אַז זי וועט אַלץ טאָן חתונה צו מאַכן אירע קינדער. און נאָך רבקהלעס אָפּפאָרן האָט זי זיך צוריק אָנעם גענומען צו דער עלטסטער הדס. האָט נישט לאַנג געטאָן ווי ס׳איז פאַר הדסן געוואָרן צוגעגרייט אַ זיווג. און ווי מאָדנע, ווידער פון מעזריטש.

צו דער זיווג האָט מען זיך נאָך מער געפּאָרעט און געגרייט ווי פריער צו יאַנקעלען. זי איז דאָך אַ מיידל, נישט קיין יונגע און אויך נישט קיין איבריק שיינע. און מען דאַרף אויף איר האָבן אַבאַ־זונדערן בעלן. אַזעלכן, וואָס זוכט אַ פּראַצאָוויטע סוחרישע טאָכטער.

די שטוב איז נאָך מער געוואָרן אויפגעפּוצט. מען האָט גע־שייערט און גערייניקט און די שטוב האָט אויפגעשיינט ווי אין די אַמאָליקע יאָרן. זי האָט זיך דאָס מאָל געגרייט אויפצונעמען שוין נישט קיין פאַרקבצנטן רב, נאָר אַ פאַרמעגלעכן אַלטער־פאַבריקאַנט מיט זיין זון דעם חתן.

הדס אין אַ העלע בליוזקע און טונקל קליידל, האָט געשיינט ווי גאַרנישט די זעלבע טונקעלע, פּולע הדס. יאַנקעלע דער במקום טאַטע וואָס האָט צוזאַמען מיט דער מאַמען געדאַרפט אויפנעמען די געסט, האָט געקוקט אויף איר און געקוואָלן. נאָר דאָס האַרץ פון דער מאַמען, דערהויפּט הדסעס האַרץ, האָט זיך געצאַפּלט פון דערוואַרטונג און אומבאַשטימטע...

יאַנקעלע איז אַרויס אין דרויסן אַריינברענגען די געסט. זיי האָבן זיך באַגעגנט און פאַרגעשטעלט: „פריידקין, כהן״. אין סאַליע האָט מען שוין געוואָרט אויף זיי. און דאָ ערשט, זיצנדיק אויף זיין שטול. האָט יאַנקעלע גוט געקענט באַטראַכטן די געסט, דער מחותן פריידקין איז געווען אַ מיטלוווקסיקער. ברייט צעוואַקסענער ייד מיט אַ ברייטע שניי־ווייסע באָרד.

און דער יונגער פריידקין דער חתן, איז אין קאָנטראַסט צו אים געווען אַ דאַרער אויסגעפּראַנטעוועטער בחור מיט פּעך שוואַרצע אויגן, געקליידט לויט דער לעצטער מאָדע. ער האָט געקענט געפעלן ווערן. מען האָט אָבער באַלד געקענט זען אַז ער איז נישט צוגעפּאַסט פאַר אַ חסידיש דערצויגענער טאָכטער.

מען האָט זיך צערעדט, צעשמועסט, און נאָכן חתן־כלהס גע־פעלן ווערן, האָט די מאַמע איבערגעגעבן וועגן איר צוגעזאָגטן נדן.

נאָר עפּעס האָט דער חתן גאָרנישט גערעדט. און ווען ער האָט שוין יאָ געוואָלט עפּעס זאָגן, האָט זיין טאַטע דער אַלטער פריידקין אויף אים געגעבן אַ בייזן קוק און ער האָט שוין מער נישט געסמייעט צו עפענען דאָס מויל. יאַנקעלען איז דאָס געוואָרן פּאַרדעכטיקט: „אַזאַ אויסגעפּראַנטעוועטער בחור, זאָל ווי ער אַמאָל, זיין אַשעמעוודיקער און קאָרג אויף לשון?...

נאָר וואָס וועט ער זיך דאָ מישן. ער האָט זיך מיט זיין אייגענעם שידוך נישט געקענט קיין עצה געבן. וועט ער דאָס איבערלאָזן צו הדסן אליין. זאָל זי זיך איר שטעטל אליין באַשטיין. מען האָט געמאַכט אַ וואָרט און אָפּגערעדט די צייט פון די תנאָים. דערווייל זענען הדס מיט דער מאַמען ביידע געווען צופרידן. און מען האָט זיך געגרייט צו די תנאָים.

אין קורצן זענען פאָרגעקומען די תנאָים ביי די פריידקינס אין מעזריטש. צוליב הוצאות איז קיינער אַ חוץ דער מאַמען מיט הדסן נישט געפאָרן. הדס איז צוריקגעקומען נישט אַזוי צופרידן. דער חתן שטאַמלט צו אַביסל. ער פאַרענקעט זיך. נאָר וואָס קען זי טאָן? דעם גרויסן נדן וואָס זי האָט? און אויך זי האָט אירע חסרונות. כאָטש נישט אַזעלכע. האָט זי מסכים געווען אויפן שידוך און אָפּגעוואַרט די חתונה.

דער חתן האָט איר לכתחילה געשריבן וואָרעמע בריוו. ער האָט מיט דער פען נישט געשטאַמלט. ביז, ביז, די בריוו האָבן אויפגעהערט קומען. אין אָנהייב האָט זי געמיינט, אַז ס'איז אפשר אַ צופאַל. נאָר באַלד האָט זי צוריק געקריגן די תנאָים. די מאַמע האָט דערזען איר געפלעפקייט. האָט זי איר געטרייסט און געזאָגט: „וואָס נעמסטו זיך איבער טאָכטערקע? אַזאַ יענקאַטש וועסטו שטענדיק קריגן. מסתמא איז דיין טאַטן אין קבר דער שידוך נישט געפעלן געוואָרן. און וואָס איז דאָ געפעלן צו ווערן? אַן אויסגעצאַצקעטער שטאַמלער וואָס קען נישט לערנען און פירט זיך ווי אַ גוי. די צייט וועט זיך פאַרבעסערן, און דו וועסט קריגן אַ חסידישן בחור וואָס וועט זיין צו גאָט און צו לייט.

הדס האָט זיך צוריק אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט ביי דער קראָם. און יאַנקעלע אין זיינע ביכער און שרייבן. די פרנסה איז אָבער נישט געגאַנגען. מען האָט ווייניק געלייזט. און דאָס ביסל וואָס מען האָט יאָ געלייזט, האָט דער שטייער־אַמט צוגענומען. ס'איז נישט געווען קיין גרענעץ צו די שטייערן וואָס מען האָט געדאַרפט צאָלן. „לאָקאַלאָווי", דאָכאָדאָווי", „אָבראָטאָווי", און „מאַיאָנטקאָווי". דאָס

אין חדר געהאַנגען אויף דער וואַנט. דאָס איז אים נישט אַזוי דאָס מענטשעלע געפעלן געוואָרן, ווי דאָס געמעל.

ס'איז געווען דער פאַרבאָרגענער חוש פון שיינקייט, וואָס האָט זיך צו אים נאָך אין גאָר זיין אומרייפקייט צו ערשטן מאָל אַנטפּלעקט. באַזונדער איז אים אינעם בילד געפעלן געוואָרן דאָס בלאָנדע בערדל וואָס איז געווען ענלעך צום רבינס. און טאַקע צוליב אָט דעם בערדעלע, האָט יאַנקעלע אינעם גערטנדל געפרעגט מאָטעלען, אַ יונגעלע פון זיין אייגן שטיבל, ווער ס'איז אָט דאָס מענטשעלע וואָס הענגט אויף דער וואַנט.

— ס'איז דער קיסר, האָט מאָטעלע געענפערט.

— טאָ ווי קומט אַ גוי אין אַ יידישן חדר? האָט יאַנקעלע נישט געקענט פאַרשטיין.

— נאַרעלע, האָט שוין שלמהלע, אַן עלטער יונגעלע מיט אָפּגעשטאַנענע אויערן זיך אַריינגעמישט. דעם קיסרס בילד מוז מען אומעטום האלטן. ער איז אַ שטאַרקער אונדזער קיסר. דער שטאַרקסטער פון אַלע קיסרים. און יידן האָבן פאַר אים מורא.

— פאַרוואָס האָבן יידן פאַר אים מורא? האָט יאַנקעלע ווידער געפרעגט.

— ווייל ער האָט אַ סך סטראַזשניקעס מיט סאָלדאַטן וואָס האָבן פיקעס, שווערדן און הארמאַטן מיט וועלכע מען קען אויסהרגענען אַ וועלט. ער איז אַ רשע דער קיסר. ער האָט פיינט די יידן און טרייבט זיי פון די שטעט און דערפער, זאָגט מיין טאַטע. האָט אים דער עלטערער שלמהלע געפּרוווט געבן צו פאַרשטיין.

— פאַרוואָס, שלמהלע, האָט ער פיינט די יידן? האָט דער נייגעריקער יאַנקעלע נישט אָפּגעלאָזט.

— ווייל ער איז אַ גוי. און אַלע גויים וואָס דינען צו יוזלען האָבן פיינט די יידן, פאַרוואָס אויך זיי דינען נישט צו אים.

— און ווער איז דער יוזל צו וועמען די גויים דינען?

— דו ווייסט נישט יאַנקעלע? דאָס איז דאָך דאָס טויטע מענטשעלע וואָס הענגט אויפן צלם, אויף וועמען יידן טאָרן נישט קוקן. און ווען אַ יידיש יונגעלע גייט אים פאַרביי דאַרף ער זאָגן: „שקץ תשקצנו"...

— און די גויים וועלן שוין אייביק פייניקן די יידן? האָט אַצינד מאָטעלע געוואָלט וויסן.

— די גויים וועלן אַזוי לאַנג פייניקן די יידן, ביז משיח וועט קומען, זיי אויסלייזן און פירן קיין ארץ ישראל. משיח איז דער

דערציילט, אַז דער פריערדיקער סאַניטאַר שאַר, האָט חתונה געהאַט מיט דער אַקושערין און זענען אַוועק פון שפיטאָל. איך ווייס נישט צי עס איז פאַר דיינע כוחות. ווינד און ווײ איז מיר צו וואָס איך האָב דערלעבט. זײ זיך מישב און באַשלים אַליין. אפשר וועט אינ־צווישן פאַר דיר עפּעס אונטערקומען".

יאַנקעלע איז ביז דאַן אינעם יידישן שפּיטאָל נישט געווען. ער איז אַמאָל אַלס קליין יונגל געווען ביי זיין דערעפענונג. ער איז אָבער אינעווייניק קיינמאָל נישט געווען. האָט ער באַשלאָסן צו גיין אַ קוק טאָן און זען אין וואָס וועט באַשטיין זיין אַרבעט.

דער פאַרוואַלטער — זלמן ליווערצאַנט, אַן הויכער שיינער ייד מיט פענסנע און קליין בערדל, איז אפילו געווען זיין טאַטנס אַ בן עיר, קרוב און ידיד. ער איז אָבער אין זיין אַרבעט געווען שטייף, סלושביסטע־דינסטלעך, ווי ער וואָלט געווען פון דור דורות אַ טשינאָוו־ניק. ער איז געווען אַפּעיקער באַאַמטער. נאָר אַ טרוקענער נישט קיין וואָרעמער מענטש. און אפשר האָט ער געטראַכט „אַז מיט אייגענע איז נאָר גוט אין שול אַריין צו גיין", נישט מיט זיי צו אַרבעטן.

דער שפּיטאָל איז באַשטאַנען פון צוויי און האַלבן גאָרן. אינעם ערשטן איז געווען די ביורא, דעם דאָקטאָרס דירה און דער אָפּעראַצ־יע־זאַל מיטן אַפּטייק. אויפן צווייטן די קראַנקע־זאַלן, ווי אויך דעם סאַניטאַרס און שוועסטער צימערן. אויפן האַלבן גאָרן די אַקושערינס דירה.

זיין אַרבעט האָט געדאַרפט זיין צי באַדינען און אַכטונג געבן אויף די קראַנקע. דאָס ערגסטע איז אָבער פאַר אים געווען דאָס טראָגן איבער די טרעפּ די קראַנקע. און דאָס דאַזיקע אַרויפטראָגן איבער די טרעפּ די קראַנקע האָט ער געוווסט וועט זיין פאַר אים דעם שוואַכן בחור מיט אַ קלאַפּענדיק האַרץ דאָס ערגסטע. ער האָט אָבער די אַרבעט אָנגענומען. וואָרעם וואָס קען ער אַנדערש טאָן? ער האָט נישט קיין גראָשן ביי דער נשמה און האָט נישט קיין זאַכן מיט וואָס אַרויסצוגיין. אַ באַזונדערן צימער וועט ער האָבן און אויך גענוג צייט צו ליינען און שטודירן. און ער איז אַרום 1925 אָנגעקומען אין שפּיטאָל ווי אַ סאַניטאַר.

די שוועסטער, זיין שותפטע צו דער אַרבעט, איז געווען אַ קליינע, אַ דראָבנינקע נישט קיין שיין מיידל, אַ קיילעכדיקע יתומה פון אַ באַלעבאַטיש הויז. זי איז אָבער געווען אַ פלינקע, ספּריטנע און פון פאַך אַ נייטאָרין. זי האָט טאַקע אַ חוץ איר קראַנקן־אַרבעט, אויך צוגענייט, צופאַריכט פאַרן שפּיטאָל. און מיט איר פלעגט ער עס

דאַרפן טראָגן די קראַנקע. די שוועסטער איז געגאַנגען פון אונטן, און ער דער מאַנספּערשוין־סאַניטאַר האָט די נאָסילקע געטראָגן פאָ־רויס.

פלעגט ער מיטן טראָגן די קראַנקע אַרויף טרעפּ סאָפּען ווי אַ גאַנדז. און זי די קליינע שוועסטער פלעגט אים נאָך אונטערשטופּן פון אונטן. און דאָס איז פאַר אים געווען דאָס ערגסטע. אויסער דעם אָבער, איז אים די אַרבעט נישט געפאַלן צו שווער. ער האָט זיך מיטן דאָקטאָר אַנטאָני געלבאַרד אַ געקומענער פון וואַרשע, גוט איינגעלעבט, ווי ער האָט זיך איינגעלעבט מיט דער סאַניטאַרין, דער שוועסטער.

נאָר מיט דער אַקושערין סאָניע ווײַנשטיין־קלמנזאָהן, אַן הױכע, דאַרע און שוואַרצע ווי אַ ציגאַנקע מיט ציגיינערישע גרויסע רינגען אין די אויערן, איז באַלד נישט צוגעגאַנגען גלאַטיק. זי איז באַלד אויף אים געווען אײפערזיכטיק. יאַנקעלע האָט זיך גיך אויסגעלערנט וואָס ער האָט געדאַרפט וויסן אויף צו באַדינען די קראַנקע. ער האָט פלינק געשטעלט באַנקעס, געמאַכט קאָמפּרעסן, אָפּאַטרונקעס, און האָט אויך געפּרוווט מאַכן פּראָשקעס. די אַספּירין, ווי כינין און אַנדערע מאַטעריאַלן פאַר פּראָשקעס, איז אין די סלאָיעס געווען גרייט.

מען האָט זיי נאָר געדאַרפט פונאַנדערוועגן און אַרײַנשיטן אין די קאָפּסולן. און דאָס, ווי די איינשפּריצונגען, זענען ביז דעם טאָג געווען דער שוואַרצער סאָניעס אַרבעט. איז ווי נאָר יאַנקעלע האָט זיך צו דער אַרבעט מיט די פּראָשקעס צוגערירט, אַזוי האָט זי אָנגע־הויבן מאַכן געוואַלדן. און פון דאַן אָן איז שוין, צווישן זיי געווען אַ קידער ווידער, וואָס איז שפּעטער דערגאַנגען צו סקאַנדאַלן.

דורך דער צייט וואָס ער האָט געאַרבעט אין שפּיטאָל זענען אין אים אַרײַנגעפאַלן אַ סך הײמישע קראַנקע וואָס זענען שוין צוריק אַ היים נישט געגאַנגען. אין אָנהייב האָט ער זיך מיט זײַן אַרבעט פאַר זיי געשעמט. ביז ער האָט זיך גענומען צוגעווינען.

דער דאָקטאָר געלבאַרד האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ לונגען־ספּעציאַליסט. נאָר קיין גאָר באַזונדערן מזל האָבן די לונגען־קראַנקע ביי אים נישט געהאַט. און אפשר איז עס געווען זייער אייגן מזל. דער מזל פון „סוף אדם למות"... נאָר דערווייל האָבן זיי זיך צו אים געריסן צו ווערן געהיילט. עס זענען אָבער אין שפּיטאָל אויך געווען אַנדערע קראַנקע. קראַנקע מיט פאַרשידענע סאָרטן קראַנקהייטן.

צווישן די לונגען־קראַנקע האָבן זיך אים באַזונדער איינגעקריצט אין זכרון פיר באַזונדערע פאַלן, פון וועלכע קיינער פון זיי איז שוין

צוריק נישט אַרוים. איינער פון זיי איז געווען דער שעדלעצער בעקער, אַ ביז דאָן געזונטער, פאַרמעגלעכער ייד, אַן אָסאָבע, וואָס האָט געהאַט זיין בעקעריי און קראָס אין קעסטל-מאַרק, ביים ווינקל ווו די טרעגער פלעגן שטיין.

זיין משפחה האָט פאַר אים געאַרבעט מעשים. זי האָט געמאַכט קאָנסאָליומס און גאַנצע פלעשער וואַלד-וואַסער מיט זשיוויצע האָבן די קינדער פאַר אים געשפריצט. זיי האָבן געוואָלט אין אים איבער-גיסן גאָר די זשיוויצע פון די פוילישע סאָסנע וועלדער, וואָס זאָל היילן און גאַנץ מאַכן זיינע לונגען. די זשיוויצע האָט אָבער זיינע לונגען נישט פאַריכט זיי נישט צוריק גאַנץ געמאַכט.

דעם בעקער האָט יאַנקעלע געקענט נאָך פון קינדוויים. דער טאַטע פלעגט אים מיטנעמען ווען ער איז צו אים געגאַנגען איינ-מאָנען פאַר די ביי אים געקויפטע מעל. ער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין געבייטלטע ברויט. אויך זיינע זעמל, ראַגאַליעס און חלות האָבן געהאַט אַ שם. ווען דער טאַטע פלעגט צו אים קומען, פלעגן זיי זיך באַלד זעצן שפּילן אין ביינדלעך. ער איז געווען אַ שיינער, בלאָנדער ייד מיט פונקט אַזאַ באָרד וואָס איז געווען צוגעפּאַסט צו זיין פּנים, ווי מען וואָלט זי פאַר אים באַשטעלט. — מיט אַ נישט צו גרוים בייכל, איז ווי מעשה גביר דורך זיין וועסטל געווען אַדורכגעפלאָכטן אַ גרויסע גאָלדענע קייט. יאַנקעלע האָט אים באַזונדער געוואָלט העלפן, נאָר נישט געקענט.

דער צווייטער איז געווען אַ קינדערלאָזער האַרעפּאַשניק. אַ שטיין-קלאַפּער (ברוקירער), וואָס האָט געהאַט אַ יונג ווייבל, און ווּעמענס לונגען האָט אויפגעגעסן דער גאָסן-שטויב. אויך דעם דאָזיקן יידישן ברוקירער האָט יאַנקעלע געקענט. ער פלעגט אים אָפט זען זיצן אויף די זאַמדיקע גאָסן און וועגן פון שטאָט מיט אַרונטער-געבויגענע פיס, ווו ער פלעגט איינגראָבן זיינע שטיינער אינעם ווייכן זאַמד און זיי צוקלאַפּן מיט אַ באַזונדער הנאה מיטן שטיין-האַמער, ווי מען קלעפּלט ליבלעך צו אַ קינד. —

דעם דאָזיקן קינדערלאָזן קראַנקן, האָט אַפילו זיין אייגענע צווייטע העלפט — נישט געלאָזט אָנהאַלטן די אילוזיע פון געזונט ווערן. זי האָט באַלד אין אים צעשטערט יעדע האָפענונג דערפון. און דאָס איז געווען זיין אייגן ווייבל וואָס האָט דורך מאָנען ביי אים באַצייטנס איר רעכט אויף לעבן — און אים געהאָלפן אויסלעשן יעדן פונק פון זיין אייגן לעבן.

זי איז צו אים געקומען אין שפּיטאָל נישט אים צו טרייסטן,

העלפן געזונט ווערן, נאָר ווי אים געזאָגט: „דו שטאַרבסט, ביזט אַ זיכערער שטאַרבער; און איך וויל נאָך לעבן אַ פריידיק פרויען לעבן. איך וויל צוליב דיר נישט בלייבן קיין עגונה״.

זי האָט פון אים געפאָדערט אַ תנאַי־גט. און מיט דער הילף פון אַנדערע, האָט ער אַ שוין פונעם לעבן רעזיגנירטער, איר דעם גט געגעבן און דערמיט אויך דעם אייגענעם טויט פאַרגיכערט.

דער דריטער איז געווען גאָר אַן היימישער פרומער ייד פון זיין אייגן סאָקאָלאָווער שטיבל. ער, שלמה חיים גרשונס דער כל ולך פונעם שטיבל און אַן אַריינגייער צו יצחק פיזשיץ, איז אויך געווען אַ מצבה־קריצער. דער איינציקער מצבה־קריצער אין שטאָט וואָס האָט מער ווי פאַרשטאַנען דעם פירוש המלות פון זיין מצבה קריצן.

אויך אַ חברה קדישה־מאַן, וואָס האָט נישט ווי די אַנדערע מיטן מויל מזלזל געווען אין דער קדושה פון זיין עבודה, נאָר וואָס האָט מיט דער גרינקייט פון געוווינהייט — צוגעגרייט הונדערטער יידן צו זייער קבורה, און וואָס איז אַצינד אַליין אַריינגעפאַלן אין דער אומפאַרמיידלעכער שטאַרב־נעץ.

יאַנקעלע האָט אים מיט אַ באַזונדערן דרך ארץ באַדינט. געוואַכט איבער אים נישט ווי אַ יונגערער איבער אַן עלטערן, נאָר ווי אַן עלטערער איבער אַ יונגערן. ער איז געווען נישט ווי דער רוב לונגען־קראַנקע אַ קרבן פון דער ביאַלער פייכטקייט, נאָר פון זיין טאָפּל עבודהדיקן־טרינקען. פון זיין חסידישן און חברה קדישהדיקן. ער האָט אַ חוץ מיט תורה און אמונה, זיך אויך געוואָלט שטאַרקן און דערהייבן מיט פשוטן, וואַכעדיקן ניינציקער... און דער ניינציקער האָט אים פאַרברענט די לונגען.

אַ חוץ דעם סאַניטאַר, האָט דער קראַנקער אויך געהאַט פאַר אַפּראַטעקטאַר דעם קוראַטאָר פון שפּיטאָל, יצחק פיזשיץ, וואָס איז געווען שלמהס גבירישער עולה לתורה און שטענדיקער בעל חזקה פאַר דעם שמחת תורהדיקן חתן תורה ביי וואָס דער אַבּיסל פאַר־שניאַשקעטער תורה־אויפרופער שלמה חיים גרשונס, פלעגט זיך לכבוד אים עקסטרע פריידיק צעזונגען. און יצחק פיזשיץ, פלעגט אים ווי זיין איינציקע טאָכטער, אָפּט באַזוכן.

ביי איינעם אַזאַ לעצטן קראַנקן־באַזוך, איז פאַרגעקומען עפּעס וואָס האָט יאַנקעלען געטראָפן אין זיין שטאָלץ און האָט געוואָרפן אַ שאָטן אויף זיין אַרבעט. און כאָטש געטראָפן פון אַן אומבאַהאָלפענעם, שוין שוואַכזיניקן קראַנקן, האָט ער זיך פון דעסט וועגן פון דעם געפילט באַליידיקט.

געווען איז עס אין אַ פּריוויטיק צונאַכט. די שטילסטע צייט פאַר די קראַנקע באַדינער. אַ צייט, ווען אפילו די שווער־קראַנקע יידן באַמיען זיך צו אונטערדריקן זייער ווייטיק און פּיין. זיי ווילן נישט מיט זייער קרעכצן און רופן, צעשטערן די מנוחה פון שבת. ס׳איז שבת אויף דער וועלט. זאָלן בכן אויך זייערע באַדינער נישט געשטערט ווערן אין זייער רו.

ווערנדיק אָבער אַלאַרמירט פון שלמה׳ס לאַגע איז אויסנאַם־ווייז דאָס מאָל יצחק אים געקומען באַזוכן. ס׳איז געווען תיכף נאָך דער פּרייטיק צונאַכטיקער סעודה. דער סאַניטאַר האָט נאָך אַ קוק טאָן צו די קראַנקע, אריין צו זיך אינעם נאָנטן צימער און אָנגעהויבן ליינען אַ בוך. מיט אַמאָל האָט זיך, יצחק באַוויזן אין זיין טיר און אים געבעטן אַרויף צורופן דעם דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר פלעגט די קראַנקע נישט באַזוכן ביינאַכט. סיידן אין אַבאַזונדער אַלאַרמירנדיקן פאַל. נאָר פאַרן קוראַטאָר האָט ער געמאַכט אַן אויסנאַם. ווען ער איז אַריין אינעם קראַנקן זאַל, האָט ער אויף יצחק׳ס ביטע דעם קראַנקן שלמה גרונטלעך געגומען אונטערזוכן.

די ליכט אין זאַל איז אָבער געווען צו טונקל. האָט ער געבעטן דעם סאַניטאַר אַריינצוברענגען זיין לאָמפּ. ווען דער סאַניטאַר האָט זיך דערנענטערט מיט זיין לאָמפּ צום קראַנקן שלמה, האָט דער נוטה למותדיקער קראַנקער מיט זיין גאַנצן שארית הכוח זיך געפּרוווט פאַרמעסטן מיט זיין רעכטער האַנט אים צו דערלאַנגען אַ פּאַטש. אויסשרייענדיק: „שבת, גוי”. יאַנקעלע, אַ פאַרשעמטער, האָט גלייך צו אים אַ זאָג געטאָן: „סכנות נפשות דוחה שבת ר׳ שלמה”. אויך יצחק האָט אַזאָג געטאָן: „מען מעג, מען מעג”!

דער פּאַטש וואָלט יאַנקעלען סיי ווי נישט דערגרייכט. שלמה׳ס האַנט איז שוין געווען מאַכטלאָז. ס׳איז נאָר געווען ווי אַ לעצטער אימפּולס פון אַ שטאַרבנדיקן. נאָר דאָס בלויזע ראַזמאַכען זיך, די בלויזע כוונה פון וועלן פּאַטשן דעם וואָס וויל אים העלפן, האָט אים טיף געטראָפן. פון דאַן אָן האָט שוין קיין גרויסע פרייד אין זיין אַרבעט נישט געהערשט. כאָטש ער האָט געהאַט זיינע באַדינגונגען צו ליינען און לערנען.

אויב די דאָזיקע קראַנקע זענען געשטאָרבן מיט זייער נאַטיר־לעכן טויט, איז דער פערטער פאַל געווען אַמער טראַגישער, ווייל אַ טעותדיק צוגעיילטער. דאָס איז געווען אַ לונגען־קראַנקער וואָס האָט נאָך געקענט לעבן. די כוחות האָבן אים נאָך נישט געהאַט

פאַרלאָזט. נאָר צוליב אַ צוגעטשעפּעטן שאַרפן רעוומאַטיזם וואָס איז אים אַריין אין די פיס, איז דער אומגליק געשען.

ער איז געווען אַ הויכער, פעסטער טונקעלער ייד, אַ שוסטער. ער האָט געוווינט אויף דער וואָליע (פאָרשטאָט) אַריבער דעם טייך. ער האָט דווקא אויסגעזען ווי אַ קרעפטיקער געזונטער ייד אין די פערציקער. כאָטש די מיקראָבן האָבן שוין געטאַטשעט זיינע לונגען. ער איז אין שפּיטאָל נישט געווען קיין פּנים חדשות. ווי די פאַרמעג־לעכע יידן פאָרן יעדן זומער אויף דאַטשע, אַזוי איז ער יעדן זומער געקומען אין שפּיטאָל פאַריכטן זיינע לונגען. ער פלעגט קומען אויף אַ פּאָר וואָכן און אַהיים גיין. קיין סוכאָטע, בפרט קיין גאַלאָפּקע האָט ער נישט געהאָט.

דאָס מאָל אָבער האָט זיך אים דווקא אין די לעצטע טעג פאַר זיין אַהיים גיין צוגעטשעפּעט ווי געזאָגט אַ ווייטיק אין די פיס. לכתחילה האָט מען אים געגעבן פּראָשקעס צי שטילן זיינע ווייטיקן. נאָר ווען די ווייטיקן זענען געוואָרן שאַרפער, דער עיקר, ווען ער האָט פאַרלוירן זיין באַהערש־קראַפט און האָט אָנגעהויבן צו מאַכן געוואַלדן וואָס האָבן אַנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די איבעריקע קראַנקע, האָט אויך זיך די שוואַרצע סאָניע ווייזט אוים פאַרלוירן.

זי האָט אים געוואָלט גרינגער מאַכן דיליידן און איינשטילן זיינע געשרייען. איז זי אַ דענערווירטע אַראָפּ אין אַפּטייק און האָט פאַר אים צוגעגרייט אַ מאָרפיום־איינשפּריצונג. צי מען האָט אים בכלל קיין מאָרפיום נישט געדאַרפט געבן, צו די מאָרפיום־דאָזע איז געווען אַ צו גרויסע, ווייסט נישט יאַנקעלע. נאָר אַז זי איז פאַר אים געווען פאַטאַל, דאָס ווייסט ער יאָ. וואָרעם גלייך ווי ער האָט באַקומען די איינשפּריצונג האָט ער זיך איינגעשטילט און איז אַנטשלאָפן געוואָרן. ער איז אָבער שוין אַזוי אַנטשלאָפן געוואָרן אויף אייביק. האָט זיך שוין פונעם שלאָף נישט אויפגעכאַפּט.

דער דאָזיקער ווען אַפילו בשוגג טויט־פאַל פון וועלכן ער איז געווען אַן עדות, האָט נאָך מער צעשטערט זיין אַרבעטס־פרייד.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

## יאַנקעלעס פלירט מיט דער שוועסטער

יאַנקעלע איז שוין געווען אַ בחור פון פינף און צוואַנציק יאָר. נאָר מיט קיין פרוי, טראָץ זיין ראָמאַן מיט רבקהלען און דעם שידוך מיט ברכה'ן, האָט ער נאָך ניט געהאָט געלעבט. ער איז אָבער

טראַץ זיין נאָך חסידישע שעמעוודיקייט געווען אַ בחור מיט פולן גלוסט. ער האָט דעם גלוסט אין זיך געטראָגן נאָך פון זיינע יונגע יאָרן אָן. און נאָר די איינגעדריקטע אין אים פרומקייט פון די פריִע יאָרן, איז געווען דער גורם פון זיין אומדרייסט, — פון זיינע אונטער־דריקטע געפילן. ער איז אויך געווען אחריותדיק און צו אויסגע־רעכנט...

נאָר ווען ער האָט איינמאָל אין שפּיטאָל געזען דאָס אָפענע וואַרפן זיך פון דער שוועסטער אין די אָרעמס פון אַ קראַנקן לונגעניק, האָבן זיך אין אים די אונטערדריקטע געפילן צעשפּילט. זיינע באַגערן האָבן זיך אין אים אויפסניי דערוועקט און אָנגעהויבן מאָנען... און ער האָט באַשלאָסן מער אין זיך דעם מאָן נישט דערשטיקן.

ער איז שוין מיט מער דרייסט. ביי טאָג אַריין צו דער שוועסטער אין צימער און האָט אָנגעהויבן מיט איר צו פלירטעווען. זי האָט אויף דער ניי־מאַשין עפּעס צו פּאַריכט. ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס ער איז צו איר אַריין. און כאָטש ער האָט נישט געהאַט צו איר קיין שום געפיל — און זי האָט אים מיט גאַרנישט געצוימען, — האָט ער באַשלאָסן מיט איר אָנצוהייבן...

ער האָט איר געפּרוווט אַביסל אָפּבייגן פון דער מאַשין. זי האָט נישט נאָר נישט פּראָטעסטירט, נאָר זיך צעלאַכט מיט אַ פול ברוסטיק צופרידן געלעכטער. ער האָט שוין דאָס צווייטע מאָל איר מער אָפּגעבויגן, איינקלאַמערנדיק אין זיינע שוין צעוואַרעמטע הענט אירע קליינע ברוסטן. זי האָט זיך נאָך מער צעלאַכט. און דאָס מאָל מיט אַ פול גלוסטנדיק געלעכטער. ער האָט פאַרשטאַנען אַז זי באַגערט נאָך מער פון אים...

דער צווייטער אָוונט איז געווען זיין דיזשורסטווע. ער האָט אַגאַנצע נאַכט געדאַרפט וואַכן איבער די קראַנקע. קיין שווערע קראַנקע איז אין דער נאַכט נישט געווען. האָט ער אַרום עלף נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן צו די קראַנקע און זיי געפונען אין אַ שטילן, רויִקן צושטאַנד. איז ער אינעם ווייסן פאַרטוך, אַריין צו דער שוועסטער אין צימער. ער האָט אָבער פאַרגעסן צו פאַרשליסן זיין אייגענעם צימער און מיטנעמען מיט זיך דעם שליסל. ס'איז אים נישט איינגעפאַלן אַז די שוואַרצע סאָניע, די אָקושערין, שפּיאָנירט אים נאָך.

ווען ער איז אַריין צו דער שוועסטער איז זי שוין געווען אין בעט נאָר נאָך נישט געשלאָפן. ער איז צו איר צוגעגאַנגען און זי האָט אים געגעבן אַ קישעלע צום שלאָפן. ער האָט זיך אָבער דער־מאָנט אין זיינע פליכטן און דערפאַר זיך איינגעהאַלטן נישט צי־

צולייגן, כדי צוריק צו גיין צו די קראַנקע. באַלד אָבער האָט ווער געגומען קלאַפּן אין טיר.

דאָס קלאַפּן איז אַלע מאָל געוואָרן שטאַרקער. איז ער צוגע־גאַנגען צו דער טיר זען ווער עס קלאַפּט אַזוי. ס׳איז געווען סאָנ־יע. מיט אַן אויסגעטרוקנטע האַלב הייזעריקע שטימע האָט זי געש־ריגן: „אַ שיינער סאַניטאַר זענט איר. איר לאָזט איבער די קראַנקע און זענט גאָר ביי דער שוועסטער. איך רוף שוין אַרויף דעם דאָקטאָר״. ווען ער האָט געעפנט די טיר און איז צו צו זיין צימער, האָט ער ערשט דערזען די נאַרישקייט וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. זיין צימער איז געווען פאַרשלאָסן און סאָניע האָט צוגענומען צו זיך דעם שליסל.

ער האָט זיך נישט געקענט שענקען צוליב זיין אייגענער נאַרישקייט. „ווו איז געווען זיין שכל״? האָט ער געטראַכט. „פאַר־וואָס האָט ער נישט פאַרשלאָסן זיין צימער און גענומען צו זיך דעם שליסל. יאָ, חכם מיינער, נאָכן באַנאַרישן זיך ווערסטו קלוג. דו פאַרליר בעסער נישט קיין צייט און גיי גלייך ביי איר אָפּנעמען דעם שליסל״. האָט אַ צווייטער געדאַנק אים אונטערגעזאָגט.

ער איז צו איר אַרויף און פון איר געפאָדערט דעם שליסל. זי וועט אים נישט געבן האָט זי אין אַנהייב געטענהט. זי וועט אויף צו מאָרגנס אים אָפּגעבן דעם דאָקטאָר, אָדער גאָר דעם קאָמיטעט. „מיט וועלכע רעכט האַלט איר מיין שליסל? האָט ער געפרעגט. ס׳איז דער־וויל מיין פּריוואַטער צימער און מיין שליסל. איך האָב דאָרט מיינע זאַכן. און קיינער האָט נישט קיין רעכט, אַפילו נישט דער קאָמיטעט, צו צונעמען ביי מיר דעם שליסל ווי לאַנג איך וווין דאָ״. האָט ער גע־טענהט. און ווען זי האָט נאָך אַלץ געסטראַשעט און צו אים זיך נישט צוגעהערט, האָט ער באַשלאָסן אָנצווענדן אַלע מיטלען.

„הערט זיך איין סאָניע, אויב איר גיט מיר נישט תיכף אָפּ דעם שליסל, דריי איך דאָ איבער אָט דעם טיש און זאָל זיך די גאַנצע גאַס צונויפקומען אויף אייער בייזן וווּנדער. און ווידער וואָס מישט איר זיך אין מיינע פּריוואַטע ענינים. איך מיש זיך צי אייערע געסט וואָס קומען צו אייך״? האָט ער איר געגעבן אָנצוהערן. זי האָט אים דעם שליסל געגעבן. נאָר ווידער נישט פאַרפעלט צו סטראַשען אַז זי וועט די געשיכטע דערציילן דעם קאָמיטעט.

די שוועסטער איז מיט אים געוואָרן נאָענט. כאָטש ער האָט איר קיין שום צוזאָגן נישט געמאַכט, ס׳איז בלויז ביי אים געווען די באַדערפעניש צו פאַרברענגען. — און ער האָט מיט איר אַ חוץ דער גע־מיינזאַמער אַרבעט פאַר די קראַנקע קיין שום געמיינזאַמעס נישט גע־

האַט. — און דאָך האָט ער געוואָלט זי זאָל אים זיין געטריי. איז געשען ווען איינמאָל האָט זיך אין איר צימער באַוויזן זיינער אַ באַקאַנטער בחור. אַ באַקאַנטער נאָך פון חדר און שטיבל. ער איז מסתם אויך איר געווען באַקאַנט, ווי ער איז אויך געווען אַן אַריינגייער צו סאָניען.

האָט דער דאָזיקער אויסגעפּוצטער באַקאַנטער צו אים וויל־יונגעריש אַווונק געטאָן ער זאָל אים לאָזן מיט איר אַליין... יאַנקעלע ווי שוין אַן אויסגעפּרומטער בחור, האָט אים לכתחילה נישט געפּאַסט אָפּצוזאָגן. ס׳וואָלט געווען אַלט־מאָדיש. עס האָט אים אָבער פאַר־דראָסן די מעשה. „זי איז דאָך זיין מיידל, טאָ וואָס קומט ער צו איר״?... ער האָט פון דעסטוועגן באַשלאָסן אַוועקצוגיין. און ער וועט שוין ביי דעם איר אויך אויספּרווון.

ער איז אַראָפּ אין שפּיטאָל־גערטנדל און זיך געשטעלט אַנטקעגן איר פענצטער. אינדרויסן איז שוין געווען טונקל און זי האָט אָנגע־צונדן דעם לאָמפּ. זייער פיין האָט ער געטראַכט. זי וויל נישט פאַר־ברענגען מיט אַפרעמדן אין דער פינצטער. נאָר ווען אַביסל שפּעטער איז דער זעלבער לאָמפּ געוואָרן אַראָפּגעדרייט, האָט אים אַ צאָרנ־דיקער, ברענענדיקער אייפערזוכט אַרומגעכאַפּט. ער איז צוריק אַרויף צום צימער און האָט מיטן גאַנצן אומפּעט אַרים אויף געטאָן די טיר. און ווי נאָר ער האָט געעפנט די טיר, אַזוי איז דער באַקאַנטער גלייך אַרויס פונעם צימער און אָנגעהויבן לויפן אַראָפּ די טרעפּ.

די שוועסטער איז געוואָרן היסטעריש. אירע היסטערישע גע־שרייען זענען דערגאַנגען אַזש אונטן צום דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט אָנגעהויבן אַרויפשרייען צו יאַנקעלען: „יאַנקיעל, וואָס איז געשען, ווער שרייט עס אַזוי״? „ס׳איז גאָרנישט „פּאַניע דאָקטאָרזשע״ (הער דאָקטאָר). די שוועסטער איז געוואָרן היסטעריש. „טאָ גיס איר אָפּ מיט אַ קאַלטן עמער וואַסער״. האָט דער דאָקטאָר געענטפערט. און גלייך נאָכדעם האָבן זיך אירע געשרייען איינגעשטילט.

סאָניע האָט נישט אויפגעהערט קעגן זיי צו אינטריגירן. דער־הויפּט קעגן דער שוועסטער, אין וועמען זי האָט געפּרוווט זען אַ שטער קעגן אירע אייגענע חלומות מיטן סאַניטאַר. אויך אים אַליין האָט זי אין איר אייפערזוכט נישט געשאַנעוועט. זי האָט איר וואָרט געהאַלטן. זי האָט די געשיכטע פון יענער נאַכט — דערציילט. נאָר סיי ווי האָבן די אָנגעשטעלטע פון שפּיטאָל געוווסט פון דער שוועסטערס באַציונגען צום סאַניטאַר. און אַ טייל פונעם שפּיטאָל קאָמיטעט האָבן געהאַלטן: אַז וואָס עס קומט היינט פאַר צווישן יונגלעך און מיידלעך גייט זיי נישט אָן.

די אַרבעט אין שפּיטאָל איז צוגעגאַנגען נאָרמאַל. דאָקטאָר געלבאַרד איז פונעם סאַניטאַר געווען צופרידן. ער האָט זיך אין שפּיטאָל כמעט אָן אים נישט געריררט. יאַנקעלע האָט אויך געפונען נענוג צייט פאַר זיינע ביכער. ער האָט געהאַט זיין ביסל פּריוואַט־קייט און האָט אויך אָפּגעשפּאָרט אַביסל זלאָטעס אויף זיך צו באַ־קליידן, וואָס דאָס איז געווען דער עיקר פון אָננעמען אָט די אַרבעט. ער האָט זיך ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן דערפילט נוצלעך און זעלבסטשטענדיק.

האָט טאַקע נישט לאַנג גענומען ווי ער האָט זיך אויסגע־פּראַנטעוועט ווי אַ לאָרד. ער האָט זיך שוין נישט גערדאַרפט שעמען מיט די אַלטע שטיוול און די איבער זיי אָראָפּגעלאָזטע הויזן. און ווען ער פלעגט אַהיים קומען אין זיין פרייען טאָג אויף אַ באַזוך, האָבן אים און זיין עלעגאַנץ די באַקאַנטע מיידלעך נאָכגעקוקט. ער האָט אָבער פון זיין שרייבן און ציוניסטישער טעטיקייט דערוויל נישט געקענט טראַכטן.

די שוועסטער איז אַריין אין אומחן. זי האָט דאָס געוווּסט און האָט זיך געגרייט צו פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל און חתונה האָבן. זי איז טאַקע אין קורצן פון שפּיטאָל אַוועק און האָט חתונה געהאַט מיטן זעלבן יונגן, קראַנקן לונגעניק, מיט וועמען זי האָט נאָך אָנגע־הויבן פלירטעווען אין שפּיטאָל. זי האָט נאָך איר אַוועקגיין יאַנקעלען אייניקע מאָל באַזוכט. האָט אים אַפילו פאַרבעטן צו קומען צו איר חתונה. און ווען ער איז נישט געקומען, — האָט זי אים נאָך דער חתונה אין שפּיטאָל אַריין געבראַכט זיין חלק לעקעך און בראָנפן.

יאַנקעלע האָט אָפּגעאַרבעטנדיק אַ צייט אין שפּיטאָל, געוואָלט אויסנוצן זיין סאַניטאַרישע פּראַקטיק אויף צו אַרבעטן אין הסדה־שפּיטאָל אין ירושלים. ער האָט זיך צום צווייטן מאָל געריסן עולה צו זיין. ער האָט אַוועק געשיקט זיין סאַניטאַרישע שפּיטאָל־באַ־שטעטיקונג און געוואַרט אויף אַ סערטיפיקאַט. ס'איז אָבער געווען „אין קול ואין עונה"... ער איז ווייזט אוים דאָן ווי אויך שפּעטער נישט געווען פון די יחסנים. —

ס'האָט זיך אָבער אַ חוץ די אינטריגעס אויך אונטערגערוקט אַ צרה פון אָן אַנדער אָרט. וואָס האָט אים נישט געלאָזט באַקומען די אַזוי אויך נישט איבריק גרינגע פאַר אים אַרבעט. ווי אַ צולאָג צו זיינע דריי יאָר אין פוילישן מיליטער, האָט אים אַצינד די פוילישע אַרמיי גערופן צו רעזערוויסטן־איבונגען, וואָס פלעגן פאָרקומען יעדע פאַר יאָר.

שטאַרקסטער אין דער וועלט, מאַטעלע. ער דאַרף נישט קיין פּיקעס און קיין שווערדן. מיט איין מאַך פון זיין האַנט צענעמט ער בערג און גלייכט אויס גריבער. אוון מיטן בלויזן דיך פון זיין מויל, טרינקט ער אויס ימים און טייכן. האָט שלמהלע פאַרענדיקט.

*

ערשט ווען ער איז אַריבער אין צווייטן חדר אויף חומש, האָט יאַנקעלע געזען דעם חילוק צווישן זיין ערשטן מענטשלעכן רבין און דעם צווייטן שמייסער־רבין בערעלע מלמד (בערעלע קראַצער, עפּל־בוים). כאָטש ביידע זענען געווען יונג און האָבן מיט אים געדאַוונט אין איין שטיבל.

לאַנג האָט ער ביי אַברהמעלען נישט געלערנט. נאָך אַ זמן מיט אַ האַלבן, איז ער אַריבער צו בערעלען, המכונה בערעלע „קראַצער״. נאָר די פריינטשאַפט צווישן אים און זיין ערשטן דרדקי רבין אַברה־מעלע, האָט נישט אויפגעהערט אויך שפּעטער.

### קאַפּיטל דריי

## ביי בערעלע מלמד

בערעלע מלמד וואָס האָט געהאַט אַ ברודער נטע מלמד (נישט קיין סאָקאָלאָווער חסיד) איז געווען אַ הויכער שלאַנקער יונגערמאַן מיט אַ פּעך שוואַרץ בערדל. ער איז געווען אַן אַנהייב חומש־מלמד, וועמענס חדר איז געווען פון דער זעלבער גרויס ווי אַברהמעלעס, נאָר אַן דעם גערטנדל. ס׳איז אָבער געווען אַן אונטערשייד צווישן אים און אַברהמעלע מלמד, ווי צווישן טאָג און נאַכט.

בעת ביי אַברהמעלען איז דער חדר ווי געווען אָפּגעטיילט „מחול אל הקודש״, — אָפּגעטיילט פון דער אייגענער שטוב, איז ביי בערעלען די שטוב מיטן חדר געווען איינס, אויסגעמישט. זיין פרישטיק און מיטאָג פלעגט ער עסן אויפן זעלבן טיש פון לערנען, ווי אויך אין צייט פון לערנען. ער פלעגט זיך קריגן מיטן ווייב אין דער אַנוועזנהייט פון די קינדער און אַמאָל מער ווי קריגן זיך. און שלאָגן פלעגט ער די קינדער, זיי שמייסן; אָן רחמנות און מיט אַ באַזונדערע הנאה. און דעם ערגסטן מזל האָבן ביי אים געהאַט די אָרעמע קינדער. ווייל פאַר די רייכע האָט ער נאָך ווי עס איז מורא געהאַט.

ער פלעגט די אָרעמע קינדער אָפּט אַזוי צעשמייסן, אַז דער כעסן פלעגט זיי דערנאָך אַליין מוזן עפּעס צוליגן צו דער וווּנד. מערסטנס איר אַנשמירן מיט פּוטער ווי זיין טבע איז געווען. ער פלעגט אויך אַמאָל דערלאַנגען אַ פּאַטש. אַנשטאָט אַ טייטל, פלעגט ער ביים

ער האָט מיט דער הילף פונעם דאָקטאָרס אַ באַשטעטיקונג אַז ער איז נויטיק פאַרן שפּיטאָל די רעזערוויסטן-איבונגען אויף אַ צייט אָפּגעלעגט.

ווען אָבער דער טערמין איז אַריבער, האָט מען אים ווידער גערופן, נאָר אויך דאָס מאָל האָט ער צוגעשטעלט אַ באַשטעטיקונג וועגן זיין נויטיקייט אין שפּיטאָל. ס'האָט שוין אָבער נישט געהאָלפן. די מיליטערישע מאַכט האָט פאַר אים דעם טערמין מער נישט געוואָלט אָפּלעגן. אינצווישן האָט זיך אויך געביטן דער שפּיטאָל-קאָמיטעט און דער קאָמיטעט-פאָרזיצער איז געוואָרן פּנחס נאַרטמאַן.

יאַנקעלע איז אַוועק אויף די איבונגען, ווו ער האָט אין זיין פאָלק פאַרבראַכט אַרום זעקס וואָכן. צו שווער זענען פאַר אים די איבונגען מחמת געוויינהייט נישט געווען. און קיין מלחמות האָט אַצינד פּוילן נישט געפירט. ער האָט זיך אָבער געזאָרגט פאַר זיין אַרבעט.

ווען ער איז צוריקגעקומען אין שפּיטאָל, איז שוין אויף זיין אָרט געווען אַן אַנדערער. דאָס איז געווען עפּעס אַפּרעמדער נישט קיין ביאַלער יונגערמאַן, אַ שטיקל צעחושטער וואָס האָט גערעדט דייטש-מעריש און האָט געהאַלטן אין איין שיטן מיט פראַזן וועגן „קאַמף פאַרן דאַ-זיין". מען האָט אים צוגענומען צייטווייליק, דער שפּיטאָל האָט אָן אַ מענטש נישט געקענט זיין, ער האָט אָבער נישט געוואָלט אַוועקגיין.

יאַנקעלע האָט לכתחילה פאַר זיין אַרבעט געפּרוווט קעמפן. ער איז פון זיין צימער נישט אָפּגעטראָטן. קיינער האָט אים אויך פונעם צימער ווו עס זענען געבליבן זיינע זאַכן נישט געטריבן. דער צימער איז אָבער נישט געווען באַהייצט און קיין געהאַלט האָט אים אויך קיינער נישט געצאָלט.

ער איז נאָך אין זיין עקשנות אַ צייט געשלאָפן אינעם געפּרווי-רענעם צימער און האָט דעם קאָמיטעט געסטראַשעט מיט אַ געריכט. ביז דאָס בלויזע סטראַשן איז אים נמאס געוואָרן. און זעענדיק אַז מיט גוטנס וועט ער ביים קאָמיטעט נישט אויספירן, האָט ער שוין קעגן אים געוואָלט פאַרפירן אַ פּראָצעס. דאָס געזעץ איז געווען אויף זיין זייט. זיי האָבן דאָך צוגענומען אַן אַנדערן אין מיטן פון זיינע מיליטערישע איבונגען.

נאָר זיין פּראַקטישע מאַמע האָט אים דערפון אָפּגערעדט. זי האָט זיך נישט געוואָלט צעקריגן מיט דער משפּחה. „לאָז אים אָפּ דעם בעזדעטניק, זאָל ער קומען אויף אַנדערע הענט" האָט זי אין

אַוועק וואָכן און חדשים. און קיין אַנדערן בעלן האָט ער נישט געהאַט. האָט ער אויך פון דעם רעזיגנירט.

צום סוף איז ער נאָך געוואָרן אַן אינקאַסענט ביי דער יידישער גמינע, דער ביאַלער קהילה. ער איז געוואָרן באַפאָלמעכטיקט איינצו־מאָנען פון די ביאַלער יידן דעם עטאַט. ער איז אָבער נישט געווען דער איינציקער אינקאַסענט און האָט אויך נישט פאַרמאָגט דעם גייסט אַדורכצופירן מיט דער הילף פונעם גוישקן מאַגיסטראַצקן עקזעקוטאָר ביי יידן ליציטאַציעס.

אַ חוץ דעם, איז שוין פאַר אים געווען אינקאַסענט און מיט מער דרייסט — וועלוול טשאַרנע. און ער האָט אויך געהאַט אַ גרעסערע און בעסערע ליסטע ווי זיינע. די איינציקע פאָר גבירים וואָס ער האָט געהאַט אויף זיין ליסטע, זענען גאָר געווען זיינע קרובים. און זיי האָבן נישט געוואָלט פאַרשטיין, אַז דורך איינצאָלן אים דירעקט, — העלפן זיי אים דערהאַלטן זיין בידנע שטעלע, כאָטש גיי צעקריג זיך מיט דער גאַנצער משפחה און מאַך די אייגענע קרובים ליציטאַציעס.

האָט ער אַ צייט אַרומגעפּראַנטעוועט מיט דער סלוזשבאָווער טעקע איבער די ביאַלער גאַסן אַן אַ רעזולטאַט. פון די פאָר קליינע עטאַט־צאָלער וואָס האָבן אים פריוווילִיק געצאָלט דעם שטייער, האָט ער, אַפילו אַזאַ מסתפק במועט, נישט געהאַט קיין וואַסער אויף קאַשע. און קיין ליציטאַציעס אַ חוץ איינע (ביי דער ריטקערין) און דאָס נישט אַזוי פאַרן נישט איינצאָלן דעם שטייער נאָר פאַרן זידלען און שעלטן גאַנץ קהל מיט אים בתוכם, און אויך דאָס אונטער דער השפעה פון זיין מאַמען וואָס האָט איר מאַן דעם געוועזענעם שותף י. פינקלשטיין, געהאַלטן פאַר אַ שונא אויפן לעבן, האָט ער נישט געהאַט קיין הארץ צו מאַכן. און אַן צוואַנג, האָבן ס'רוב יידן קיין עטאַט נישט געוואָלט צאָלן. האָט ער אויך דאָס אַוועקגעוואָרפן.

*

ס'איז אים געבליבן צוריק די גאַנצע פרייע צייט. און ער האָט זיך צוריק גענומען קהלן און קאָכן אינעם קהלשן קעסל. ער האָט באַניט זיין ציוניסטישע טעטיקייט און איז צוגעשטאַנען צו דער גרינדונג פון דער ביאַלער וואָכן־צייטונג „פאָדליאַסער לעבן", וואָס איז אַ צייט דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון מ. מ. געלענבערג. צו די אינציאַטאָרן האָבן אויך געהערט אברהם אורמאַכער, אַ געוועזענער לערער און שפּעטערדיקער איינגטימער פון אַ פאָטאָגראַפישן אַנ־שטאַלט. און י. האָכמאַן, אַן אינטעליגענטער זעצער. און צו די מיט־

ארבעטער: א. אורמאַכער, יעקב גאָלדשטיין, יעקב כהן, אברהם ליובעלטשיק, אייזיק שוואַרץ, יצחק פּערלאָוו (בריסק) און אהרן בעקערמאַן (פּאַריז).

פּערלאָוו, אַ ביאַלער אייניקל געבוירן און געלעבט אין בריסק, דאַן נאָך אַ יונגער דיכטער וואָס האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט צו אַ פּרוכטבאַרן דערציילער־דראַמאַניסט וואָס האָט אויך געשריבן פאַר דער בינע (זינט 1961 אין ניו־יאָרק, וווּ ער איז אַ מיטאַרבעטער אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" און רעדאַקטירט די טעאַטער־זייט) איז אַרויסגעטראָטן אויפן ערשטן אָוונט פאַר דער צייטונג.

אהרן בעקערמאַן, אַ ביאַלער געבוירענער וואָס האָט 1925־26 אין וואַרשע מיטרעדאַקטירט די „שפּראַצונגען" און אין פּאַריז מיט־געאַרבעט אין „נייע פּרעסע", „בלעטער" (1930), האָט אין בוך־פאָרם אויך אַרויסגעגעבן: „גולם אָלם וועלט־דערלעזער", „דאָסטאָיעווסקי, זיין לעבן און שאַפן", „אַנאַטאָל פראַנס" א. א. (1943 געוואָרן דע־פּאָרטירט פון פראַנקרייך).

געלענבערג ווידער, אַגוטער פּעדאַגאָג, האָט געשאַפן אַרום זיך אַחוץ אַן העברעישן, אויך אַן עספּעראַנטיסטן־קרייז וועמענס עספּע־ראַנטאָ־שפּראַך איז דאַן געווען שטאַרק אין דער מאָדע, און צו וועלכן קרייז עס האָט געהערט די יוגנטלעכע אינטעליגענץ פון שטאָט. געלענגבערג, וואָס איז דערנאָך אויסגעוואַקסן צו אַ דיכטער און פּראָ־דוקטיוון שריפטשטעלער, האָט אויך איבערזעצט אין עספּעראַנטאָ זאַכן פון דער יידישער און וועלט־ליטעראַטור (אומגעקומען אין די פּערציקער).

יאַנקעלע איז צוריק געוואָרן אַקטיוו אין דער אַלגעמיין־ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע און האָט אָרגאַניזירט אַרום זיך די יוגנט. דער קרייז פון זיינע באַקאַנטע און חברים האָט זיך פאַרגרעסערט. צו זיינע פריינט האָבן באַזונדער געהערט: שמיליע פישמאַן, אַ פשוטער, נאָר באַוווסטזיניקער בחור פון זיין שטיבל וואָס פלעגט אים אום זומער איינלאַדן אין זיינע געדונגענע סעדער (זיין שותף איז געווען וו. פרידמאַן) אויף זיינע אייגענע פּרוכט־קעסט.

מלך ראַזמאַרין (מאָטעלע פּעשקעס) אַלינק ציוניסטישער און קולטור־אַקטיוויסט, יעקב גאָלדבערג אַן אַריינגעקומענער פון בריסק, מנחם פינקעלשטיין (משה נטע מילנערס זון) אַלינקער פּועלי ציון וואָס האָט ווי מלך ראַזמאַראַן אין זיין פריינטשאַפט מיט אים אויסגעניצט צו אַמפּערן זיך איבער זאַכן וואָס צעטיילן זיי נאָר תמיד געזוכט דאָס בשותּפותדיקע חברישע, דאָס געמיינזאַמע פריינטלעכע. הערשל פּעלזענ־

שטיין, אַן ערנסטער, שטילער בחור וואָס האָט ליב געהאַט דאָס וויסן, און אַריי אַנדערע.

נאָר ווי געטריי אַ טייל חברים זענען אים שפּעטער בעת זיין קראַנקהייט נישט האָבן געווען, איז צום אינטימסטן אים געווען מלך ראַזמאַרין. מלך איז געווען אַ סאָלידער, אַרבעטזאַמער בחור. אַ מיטל-וווקסיקער מיט רויטע קראַנקע אויגן, איז ער געווען אַן אַגענט אין אַ פירמע פון דענטיסטישע מאַטעריאַלן. ער פלעגט אָפט אַרומפאָרן.

ווי נאָר אָבער ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער זיך גלייך אַריינגעוואָרפן אין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט און ער האָט אָפּגעזוכט יאַנקעלען און מיט אים אין די נעכט פאַרברענגען אין שמועסן. די שמועסן פלעגן זיך אין זיין היים ביי מאַטל מינצן אויף דער יאַנאָווער אָפט פאַרציען ביז אין די שפּעטע נאַכט-שעהן. און געשמועסט האָט מען וועגן אַלץ אין דער וועלט. איבער רעליגיע, נאַציאָנאַליזם, קאָמוניזם און פילאָזאָפיע. אָבער אויך וועגן זיך אליין וועגן דער אייגענער לאַגע; ווי פונעם אייגענעם האַרץ האָט מען זיך אָפּגערעדט.

געווען איז עס אין די צוואַנציקער נאָך יאַנקעלעס צוריקקומען פונעם פּוילישן מיליטער. אַ טייל יוגנט איז טראָץ די אַדורכגעמאַכטע מלחמה צווישן רוסלאַנד און פּוילן און די דערגאַנגענע גרוסן פון דער סאָוויעטישערווירקלעכקייט, — נאָך אַלץ געווען סימפּאַטיש פאַר רוסלאַנד.

יוגנטלעכע, אַ טייל פון זיי אַפילו אינטעליגענטע, האָבן זיך נאָך אַלץ נישט געקענט באַפרייען פונעם קאָמוניסטישן פּסיכאָז. בפרט יידישע מאַרקסיסטן. ווי אַ פרומער ייד וואָס גלויבט אין משיח בן דוד, אַזוי האָבן זיי געגלויבט אינעם סאָוויעטישן „משיח-דערלייזער" דשוגאַשווילי סטאַלין.

איז דעריבער כמעט ביי יעדן געשפּרעך אויפגעקומען די פראַגע פון קאָמוניזם און מאַרקסיזם, וואָס איז דאַן געווען אַקטועל אי צוליבן נאָענטן שכן אי צוליב די קיבוצים אין ארץ ישראל. אויך מלך ווי אַסימפּאַטיקער פון שומר הצעיר, איז אין דער פראַגע געווען אינטערעסירט. האָט ער איינמאָל ביי אַ שמועס יאַנקעלען געפרעגט:

— וואָס זאָגסטו וועגן קאָמוניזם, וועט ער איינגעמען די וועלט און לעזן די יידישע פראַגע?

— די וועלט איינגעמען, מלך, האָט נאָך קיינער נישט איינגענומען. עס האָבן דאָס אַלע וועלט-אימפּעריעס פון אשור איבער אַלקסנדר מוקדון, רוים און נאַפּאָלעאָן דאָס געפּרוווט. ס'איז זיי אָבער נישט געלונגען. אויך וועט דעם בלוטיקן קאָמוניזם מיט זיינע אַנטי

מענטשלעכע אידעען פון דיקטאַטור, דער צוועק היילִיקט די מיטלען, און צוואַנג־אַסימילאַציע, דאָס נישט געלונגען. און ווי קען ער לעזן די יידישע פראַגע ווען דער לעניניזם־סטאַליניזם, דעם מאַרקסיזם אַריינגערעכנט, אַזוי אויך גאָר דער פּאָליטישער סאָציאַליזם אַנערקענט נישט די יידן ווי אַ פאָלק און שטרעבט זיי צו אַסימילירן, זיי ווי אַ פאָלק אויפצולייזן?...

— פאַרוואָס זאָגסטו אַז ער וויל די יידן אויפלייזן? זעסטו נישט דעם אויפבלי פון דער יידישער קולטור אין רוסלאַנד? די פאַרצווייגטע יידישע שולן, בילדונג־אינסטיטוציעס און פאַרלאַגן וואָס ווערן אויסגע־האַלטן פון דער מלוכה?

— דאָס אַלץ מלך איז אַ שווינדל, אַ קאָמופליאַזש. אַזאַ אויגן־פאַרשטעל צו פאַרפירן די נאַיווע. אָדער ווי עס הייסט אויף זייער לשון מאַרקסיסטישע דיאַלעקטיק... וואָרעם ווי קענען זיי מיינען ערנסט מיט יידישער קולטור, ווען זיי אַנערקענען נישט יידן ווי אַ פאָלק. קען דען בלויזער שפּראַכיזם אונעם מינדסטן נאַציאָנאַלן קערן זיין יידישע קולטור? קולטור מוז זיין ענג געבונדן מיטן פאָלק. זיין דעם פאָלקס נאַציאָנאַלער אינסטרומענט וואָס זאָל דינען זיין קיום. — בפרט מוז די יידישע קולטור אין איר גאַנצן היסטאָרישן פאַר־נעם, באַזונדער אין אירע ביידע שפּראַכן העברעיש און יידיש, זיין נאַציאָנאַל יסודותדיק. און די אויסגעצערטע יעווסעקישע „יידיש־קולטור" מיט די קורצע נונען און פייען, בפרט אָן העברעיש, איז אַן אויסגעוואָרצלטע קולטור, וואָס קען נישט שפּייזן די יידישע נשמה, בפרט צו זיין אַ פאַקטאָר פון נאַציאָנאַלן קיום. און אויך מיט דעם מיינען זיי נישט ערנסט. ס'איז ווי די גאַנצע קאָמוניסטישע טאַקטיק מער נישט ווי אַ טריט פאָרויס כדי שפּעטער צו מאַכן צוויי טריט צוריק...

— וואָס מיינסטו כדי צו מאַכן צוויי טריט צוריק?

— גאָר פשוט מלך. ווי דעם „נעפּ" — וועלן זיי אין אַ צייט אָרום אויך דאָס ביסל יעווסעקישע יידיש ליקווידירן. ווי זיי האָבן ליקווידירט און טריף געמאַכט העברעיש, דעם ציוניזם און דאָס לערנען יידישקייט. און ווי מיר זענען פרייע יידן, מוזן מיר מודה זיין, אַז די אמתן פון דער יידישער היסטאָרישער טראַדיציע, שוין נישט צו רעדן פון די געשיכטלעכע פאַקטן, זענען אומאָפּפרעגבאַרע אמתן.

— וועלכע למשל?

— 1. אַז אַלע פרעמדע נישט־יידישע אידעען ווי שיין זיי זאָלן נישט אויסזען, — זענען פאַר יידן ווי עבודה זרה נישט צו

דינען זיי. זיי זענען פאַרלייקנדיקע — נישט צוגעפּאַסט פאַרן יידישן פאָלק און דינען נישט זיינע אינטערעסן.

2. אַז ס'איז טאַקע ווי „מסיני ירדה שנאה לישראל" (פון סיני אַן איז ווי אַראָפּ אַ שנאה צו יידן...) דאָס מיינט: אַז אַפילו די כלומרשט פריוויליטעכע באַוועגונגען אַריינגערעכנט די סאָציאַל דעמאָקראַטישע זענען לויט זייערע טענדענצן און נייגונגען (אַלגעמיינע, צו יחידישע) — קודם כל גרייט מקריב צו זיין די יידן...

3. אַז „אם אין אני לי, מי לי"... אַז נאָר אידעען וואָס פליסן אַרויס פון די אייגענע נאַציאָנאַלע נויטן און באַדערפענישן און אַדורכגעפירט דורך אונדז אַליין, קענען יידן העלפן.

— פאַרוואָס ביזטו אַוועק פון „על המשמר" און ביזט געוואָרן אַ רעוויזיאָניסט?

— ווייל איך האָב זיך איבערצייגט אַז ס'איז איצט נישט קיין צייט צו שפּילן זיך אין דיסקוסיעס צווישן „על המשמר" און „עת לבנות". מיר האָבן שוין אַזוי אויך גענוג פאַרשפּעטיקט. מיר האָבן געדאַרפט אָנהייבן דאָן, ווען די אַראַבער האָבן נאָך נישט געחלומט זייער נאַציאָנאַלן חלום. אַצינד איז נישט נאָר די צייט צו בויען ווירטשאַפטלעך, — נאָר נאָך מער פּאָליטיש־מדינהדיק. לאָמיר קודם האָבן די מדינה.

אַז מיר וועלן האָבן די מדינה, מיר וועלן אַליין זיין די בעלי בתים איבערן לאַנד וועלן מיר דאַן קענען טראַכטן וועגן פאַרמען און רעפאָרמען איבער דער ווירטשאַפט. מיט זיין גאַנצן ציוניזם און הערלעכן קאַמף פאַר די יידן אין פּוילן, איז יצחק גרינבוים פאַרט נישט מער ווי אַ פראַקציאָניסט. און מיר נויטיקן זיך אַצינד אין אַ מער אַלגעמיינעם קעמפערישן ציוניסטישן פירער. אין אַ פלאַמנדיקן אַקטיוויסט וואָס זעט דאָס אַל־אַרומנעמענדיקע גאַנצע, די יידישע מדינה. און אַ פירנדיקער ציוניסט פון אַזאַ קאַליבער וואָס קען אויך געווינען די יוגנט, איז אַצינד זאב זשאַבאָטינסקי.

אַ חוץ דעם ברען איך אַליין נאָך מעשים. איך האָב זיך מער נישט געקענט אין דעם היגן ציוניסטישן פאַסיוויזם אויסלעבן. און מיין נייגונג איז צום גאַנצן, — צום מער אַרומנעמענדיקן אין ציוניזם. איך האָב תמיד געגלוסט צום אַלגעמיינעם, צום פולן, נישט צום צעטיילטן...

— אין גאָט גלויבסטו?

— עס געווענדט זיך מלך וואָס איינער פאַרשטייט אונטערן באַגריף גאָט. פאַר אונדזערע מאַמעס און טיילווייז אויך פרומע טאַטעס, איז דער יידישער גאָט, הגם אַן אומגעזעענער, אומדערגרייכ־

באַרער בורא עולם, — וואָרעם „לא ישיגוהו משיגי הגוף” (מיט מענטשלעכע באַגריפן קען מען אים נישט באַנעמען), געווען אַ מין היימישער גוטער ייד מיט וועמען מען שמועסט זיך דורך און ביי וועמען מען קען דורך לויבן און בעטן אַלץ פּועלן. און אַט אַזאַ גאָט זאָרגט נאָר פאַר זיינע קינדער די יידן. פאַר קיין אַנדערע זאָרגט ער זיך נישט. סיידן זיי טוען יידן נאָר גוטס. וואָרעם מען זעט דען נישט?...

און כאָטש אַזאַ גאָט-געשטאַלט איז אַ סתירה צום אייגענעם טיפערן באַנעם, — ס'איז גאָר אַ געשטאַלט פאַרקלענערונג,... מחמת עס רעדוצירט דעם „מלוא כל עולם” (פול איבער דער וועלט) צו אַ מין היימיש „געטל” וועמען מען קען אויך ווי אַמענטש חנפענען, כדי ער זאָל דערפאַר טאָן טובות, איז עס אָבער פּסיכאָלאָגיש פאַרן מענטשלעכן געמיט פאַרשטענדלעך. מחמת דער יידנדיקער אומבאַהאָלפענער מענטש וואָס זוכט אַ שוץ און אַנשפּאַר, וואָלט תמיד וועלן זיין גאָט האָבן לעבן זיך, מיט אים זיך אַדורכשמועסן כדי זיך צו מאַכן אַביסל גרינגער. ס'איז דער ווידעראַנאַנד צווישן מוח און האַרץ, צווישן פאַרשטאַנד און געפיל... און אַלץ איז ווי אַ משל, סימבאָליש...

פאַראַנען אָבער אויך אַזעלכע וואָס נעמען אָן דעם באַגריף פון אַ גאָט אַ „מלוא כל העולמדיקן” (פול איבער דער וועלט) וועלכער שטייט נישט איבער דערוועלט, נאָר איז מיט איר דער וועלט איינס. ער איז די וועלט און די וועלט איז ער, דאָס אייביקע זיין (פאַנטעיזם...) און גאָר אַנדערע פאַרלייקענען אים אינגאַנצן.

נאָר דעם גרעסטן פאַרדינסט פאַרן רייניקן און פאַרטיפן דעם יידישן גאָט-באַגריף, האָט דער רמב"ם, כאָטש ער איז ווי אַ דענקער, אָפט אין סתירה צו זיך אַליין ווי אַ פוסק. לויט אים, ווי לויט גאָר דער יידישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע, איז גאָט דער באַשעפער און פירער פון דער וועלט פון גאָר דעם קאָסמאָס. ער האָט איר באַשאָפן אַ יש מאַין” (פון גאָרנישט) און איז געווען פאַר דער וועלט, ווי ער, דער אין סוף שטייט איבער דער וועלט, איבער אַלע וועלטן. און לויט דער קבלה איז די וועלט געוואָרן געשאַפן און ווערט געפירט דורך די „עשר ספירות” וואָס ציען זין פון אים (מעילא עילאה) פון אויוון צו אונטן פון מדרגא צו מדרגא...

און אויף אַלע גאָט-פאַרשטעלונגען, ווי אויף אַלע אַנדערע וועלט-טעאָריעס, איז דאָ וואָס צו פרעגן. דער רמב"ם האָט אָבער אַלע גאָט-קשיות פאַרענטפערט מיטן „לא ישיגוהו משיגי הגוף”. דער גאָט-באַגריף איז אַזוי הויך און טיף, אַז קיין מענטשלעכער געדאַנק קען

אים גאַרנישט משיג זיין, באַגרייפן. און אַלץ וואָס איז געשריבן און גערעדט וועגן אים, איז נאָר ווי אַ משל „לשבר את האוזן". כדי דער מענטש זאָל אין זיין לשון עס קענען באַנעמען. און דווקא די נישט פּרעגנאַנדיקע בעלי אמונה (גלויבנדיקע) איז גרינגער צו לעבן.

— און אין וואָס פאַר אַ גאָט יאַנקעלע גלויבסטו?

— לאָמיר זאָגן מלך דעם אמת. אונדזערע באַגריפן זענען נישט תמיד קיין פעסטע, אַבסאָלוטע. — די גרענעצן צווישן זיי ווערן אָפט צעמישט. עס איז אָפּהענגיק נישט נאָר פון די מענטשלעכע געוויסן, נאָר אויך פון די געגעבענע לעבנס־באַדינגונגען. נאָר וואָס שייך מיין באַגריף, איז ער אַריינערער — און אַ מער אַלגעמיינער...

און דאָ ביי אַט די שמועסן, האָט זיך טראָץ דאָס אויבנאויפיקע, באַזונדערע פאַרזיכיקע קאָכן און רעשן, אַרויסגעוויזן ביידנס איינזאַמקייט, גאַרעניש און ציעניש. ווי אומגעזעענע פעדעם וואָלטן זיך געצויגן פון איינעם צום אַנדערן. קומען דען נישט אַלע שורש הנשמות פון איין און דעם זעלבן מקור?...

מלך פלעגט אָבער אויך אַרויסווייזן זיין באַציונג צו יאַנקעלען אויף אַ מער פּראַקטישן אופן. ווי נאָר ער פלעגט אים דערטאַפּן אין זיין מאַמעס אויסגעליידיקטער קראָם אויף דער בריסקער, אַזוי פלעגט ער אים ווי מיט געוואַלט אַוועקשלעפּן אויף מיטאָג אינעם נייעם רעסטאָראַן אויף אַרויף בריסקער. ער האָט גאָר אָן אים נישט געקענט עסן. און כאָטש אויף צוויי באַזונדערע אידעאָלאָגישע פּאָזיציעס, — איז דאָך אין זיי ביידע געווען עפּעס געמיינזאַמעס.

### קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

## אַ דערלייכטערונג

אין שטוב איז אַריינגעקומען אַ דערלייכטערונג. דער מאַמעס חלומות האָבן אָנגעהויבן צו ווערן פאַרווירקלעכט. יאָכע איז אַוועק קיין וואַרשע און האָט דאָרט אויף אַ שטילן אופן געפּראַוועט איר חתונה מיט איר אויסדערוויילטן קוזין משה ליבער, דער מומע חיה׳ס (די צדיקת פון לאָשיץ) יונגערן זון. קיינער פון אונדז אַ חוץ דער מאַמען מיט דער משפּחה אין וואַרשע איז אויף דער חתונה נישט געווען. און איר געהאָלפן זיך איינאָרדענען אין אַ שטיבל אויף דער לעשנע, האָט דער דאָזער פון די סאָקאָלאָווער הסידים, דעם פעטער שמולקעס זון דוד פּוזשיץ.

די מאַמע איז צוריקגעקומען אַ צעפּריידטע. באַהויכט מיט מער האָפענונג פאַר הדסן, האָט זי זיך דערזען נאָנטער צו איר ציל. בפרט ווען יוסיל איז אונטערגעוואַקסן, איז געוואָרן אַ ראָווערן מעכאַניק און האָט אַנגעהויבן פאַרדינען.

האָט דאָס איר טאַקע געגעבן מער מוט ווידער זיך צו נעמען צו הדסן. און דער אַלטער שדכן מיט די אַרונטערגעשאַרטע פּיאות און פאַרשמאַלצעטע קאַפּאָטע מיטן גראָבן צעפלעקטן ביכעלע וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ כל־בו סידור, האָט זיך ווידער באַוויזן. נאָר דאָס מאָל שוין מיט מער מזל. איין אַנגעשלאָגענער שידוך, נאָר אַ צוגעטראָפּענער. און דאָס מזל איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער חתן איז נישט געווען קיין פּראַנט, נאָר אַ חסידישער לערנער, אַ חסידישן טאַטנס אַ קינד.

האָט נישט לאַנג גענומען ווי אין אַ געוויסן טאָג זענען אַראָפּ־געקומען די מחותנים איף אַ וועאונג. דער מחותן שלמה פריינד, אַן הויכער נאָך טונקל באַבערדלטער און באַפּיאהסטער חסידישער ייִד, איז געווען מיט זיין פרוי, אַן הויכע, ברייט־צעוואַקסענע ייִדענע (אַן אמתע מחותנסטע) פון אָסטראָוו לאָמזשינסקע. זיי האָבן געהאַנדלט מיט תבואה, זענען געווען ייִדן אָן פּרעטענזיעס און האָבן פּונקט אַזוי ווי די מאַמע הדסן, שטאַרק געוואָלט זייער זון איטשע, כאָטש נאָך אַ יונגער, נאָר נישט קיין צו טויגעוודיקער און פאַרדינער, חתונה מאַכן און אים געבן די געניטע, פּראַצאַוויטע הדס פאַר אַ ווייב און אַנשפּאַר אין לעבן. און ביידנס חשבון האָט זיך אויסגעגלייכט, האָט ערגעץ וואו געשטימט...

האָט די מחותנסטע באַטראַכט די כלה און זי איז איר געפעלן געוואָרן. געפעלן געוואָרן פאַר זיך, ווי אויך פאַרן חתן איר זון איטשע. והא ראיה, ס'איז דאָך געוואָרן... דער ראש המדברים און דער במקום טאַטע איז ווי פריער געווען יאַנקעלע. די מאַמע ווי אַ צנועהדיקע, חסידישע פרוי, האָט זיך לגבי דעם מחותן, דעם מאַנספּערשוין, געהאַלטן אין רעזערוו.

זי האָט אַ חוץ געציילטע תכליתדיקע ווערטער מיטן מחותן נישט גערעדט. דער מחותן האָט געקוואָלן פון יאַנקעלעס תורהדיקן אונטער־האַלטן, פון זיין שיטן מיט מעניני דיומהדיקע פּסוקים. און די מאַמע איז געווען צופרידן פון מחותנס צעפרידנקייט... און פאַרוואָס נישט? אָט זעט זי דאָך בחוש ווי מיט גאָטס הילף דער שידוך ווערט.

קורץ נאָך דער וועאונג האָט מען געשריבן תנאים. די תנאים זענען געווען באַשיידענע. כאָטש די מאַמע האָט געגלויבט אַז אַלץ גייט כשורה, האָט זי פונדעסטוועגן נישט געוואָלט אויפרייסן די אויגן. האָט

לערנען חומש זיך ליב האָבן צו שפּילן מיט אַ צונויפגעקנוילטן לאַנגן פּאַפּיר־פּאַס, ווען עמען עק ער פלעגט אַרויסקוועטשן און אַריינקוועטשן, אַזוי הין און צוריק.

די טאַטעס זענען געווען פּאַריאַגט און פאַרהאַרעוועט און האָבן קיין צייט נישט געהאַט זיך אַרומצוקוקן אויף זייערע קינדער, צו וויסן וואָס עס גייט אָן מיט זיי אין חדר. מיט וואָס נאָר זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן, איז געווען מיט זייערע קינדערס נשמה. צו זען צי דאָס קינד האָט אַפּעולה אין לערנען. וואָס עס געשעט מיט זיי אַחוץ לערנען, וואָס האָט אַפּט דעם תלמיד דעמאָראַליזירט, וועגן דעם האָבן זיי שוין קיין צייט נישט געהאַט צו טראַכטן. און די קינדער האָבן מורא געהאַט צו דערציילן. ערשט אַז אַזאַ תלמיד איז קראַנק געוואָרן, און דער דאָקטאָר האָט אַנטדעקט די סיבה, דאַן איז געוואָרן אַ ויצעקו.

*

דער טאַטע פלעגט אָפט יאַנקעלען מיטנעמען צום פעטער שמילקע, ווי אויך צום פעטערס קינדער, פון וואָס ער איז געווען צופרידן. דער פעטער האָט געהאַט פינף זין און פיר טעכטער. פון אַלע פינף זין, אלעזור־לייב דער עלטסטער (געשטאָרבן פאַר היטלערן), דוד (פריער אין מלאווע, דערנאָך אין וואַרשע), מענדל (קאַנסק) און דער יונגסטער נחמן, האָט נאָר איין יצחק מיט דריי טעכטער, הדס די עלטסטע (יודל שוואַרצס צווייטע פרוי), אסתר (וואָלף גאָלדשטיינס פרוי) און רחל (ישראל ביאַלערס פרוי) געוווינט אין ביאַלע.

דער טאַטע פלעגט מיט אים אָפּט זיי אַלע באַזוכן. נאָר אַ באַזונדערע הנאה האָט דאָס קליינע יאַטל געהאַט פון זיינע יום טוב־דיקע באַזוכן ביים פעטער שמילקע. כאָטש ער איז אויך געווען צו־פרידן פון די קוזינעס קנייפּן אים אין די פּוכקע בעקעלעך און פון זיין שטומפּיקן אַרויסרעדן סטרייטער אַנשטאָט שטרייקער, ווי ער וואָלט מיט זיין שטומפּיקער עברי אָוועקגעהרגעט אַלע רעוואָלוציאָנערן־שטרייקער.

ער האָט פאַרשטייט זיך נאָך דאַן נישט באַנומען דעם גאַנצן ענין רעוואָלוציע און נישט דאָס וואָרט סטרייטן (שטרייקן). פאַר די פאַרטעגליכע קרובים אָבער איז עס געווען אַ פריילעכע שפּיל...

גאָר באַזונדער האָט ער זיך פאַרוויילט ביים פעטערס אָוונטיקע יום־טוב סעודהס. ווער רעדט שוין ביי די פּורימדיקע. צו יעדן יום טוב, פּסח, שבועות, סוכות (די ערשטע און לעצטע טעג), חנוכה און פּורים, האָט דער פעטער איינגעאָרדנט פייערלעכע סעודהס פאַר זיינע קאָצקער־סאָקאָלאָווער חסידים.

זי נאָך אַלץ מורא געהאַט פאַר אַן עין הרע. נישט אויסגערעדט זאָל זיין, מאַלע וואָס עס מאַכט זיך. און דער עיקר איז דאָך נישט די תנאים נאָר די חתונה.

דערפאַר אָבער שפּעטער אויף דער חתונה וואָס איז פאָרגע־קומען ביי די מחותנים אין אָסטראָוו און אויף זייער קאָנטע, האָט זי זיך געלאָזט וואוילגיין, זיך פריי צעבאַלעוועט. אירע טענץ, באַזונדער איר ברוגז־טאַנץ נאָך דער חופּה, איז געווען פול מיט עקסטאַז, ווי זי וואָלט זיך פאַרגאַנגען אין אַנדערע וועלטן... זי האָט דאָך פאַרט אויסגעפירט וואָס זי האָט געוואָלט. און זי האָט געגלויבט אַז דאָס שווערסטע אין איר לעבן, אין איר אלמנהשאַפט, איז שוין פאַרביי.

אַ צעפריידטע, אַ צעזונגענע, מיט אַ געפיל ווי זי וואָלט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אַ גאַנצן באַרג, איז די מאַמע אַ היים געקומען. הדס מיט איר מאַן האָבן זיך איינגעאָרדנט אין דער קלענערע סאַליע. די מאַמע האָט איר אָפּגעשריבן אַ פערטל הויז און די קראָם איז אַנגע־גאַנגען בשותפות.

וועגן דעם נדן און די צוזאָגן האָט זי פריער יאַנקעלען נישט דערציילט. פאַר אים געהאַלטן בסוד. און דאָס האָט אים פאַרדראָסן. כאָטש ער וואָלט סיי ווי זיך נישט קעגנגעשטעלט איר אָפּצושרייבן אַ פערטל הויז, אפילו נאָך מער. ווייל ער האָט געהאַלטן אַז עס קומט איר. זי האָט זיך ביי דער משפּחה דאָס כשר פאַרדינט. נאָר וואָס באַהאַלט זי פון אים?...

הדס מיט דער מאַמען האָבן נאָך געפּרוואווט דערהאַלטן די בשותפותדיקע שפּייז־קראָם. זי האָט שוין אַצינד געדאַרפט באַשפּייזן צוויי משפּחות. ס׳איז אָבער נישט געגאַנגען. האָט מען נאָך אַ צייט די שפּייז ליקווידירט און מען איז אַריבער האַנדלען מיט מאַנופאַקטור, וואָס איז דאַן ביי יידישע קרעמער געווען אין דער מאָדע.

דאָס ביסל געלד אָבער אויף צו ברענגען שניט פון וואַרשע איז געווען צו ווייניק. און דער סחורה־אויסוואָל פאַרן קונה איז געווען אַן אָרעמער. בפרט ווען אין שכנות זענען געווען גרעסערע שניט־קראָמען. און דאָס נישט בלויז מיט פּויערישן ציץ, באַרכעט און פלאַנעל, נאָר מיט אַלערליי סחורהס אויף אָנצוגן, מאַנטלען און קליידער. אַ חוץ דעם זענען אַ טייל קראָמען געווען איינגעשטעלט אויף אַן אַנדער סיסטעם. אויף אַ סיסטעם פון אָננעמען גרויסע קוואַנטומס סחורה און זיי דעקן מיט געמאַכטע באַנקראָטן. אָן די באַנקראָטן, אָדער טיילווייזע ליקווידאַציעס — זענען געווען די גאַנצע פּרנסה...

*

דאָס לעבן פאַר די יידן אין פּוילן איז געוואָרן שווערער. דער יידישער האַנדל האָט צוליב די באַיקאָטן און דער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק פון דער רעגירונג אָנגעהויבן גיין באַרג אַראָפּ. די יידן האָבן זיך אָנגעהויבן מער צו קאָנצענטרירן אויף זייער מאַטעריעלער לאַגע. און די טעטיגקייט אין די יידישע אָרגאַניזאַציעס זענען געוואָרן אָפּגעשוואַכט.

די אויפגעקומענע יידישע נאַציאָנאַלע יוגנט אָבער וואָס האָט נאָך ווייניקער געהאַט וואָס צו טאָן ווי די עלטערן, האָט געברויזט נאָך מעשים. זי האָט געזוכט זיך אויסצולעבן אידעיש אַקטיוו און פירן די ציוניסטישע אַרבעט אויף אַ מער אַקטיוון אופן. זי האָט אָבער אין די עלטערע פּאַסיוו געוואָרענע אָנפירנדיקע הברים, הגם חברים מיט סטאַזש — געזען אַ שטערונג פאַר איר אַקטיוויזם. בפרט ווען זי איז געוואָרן ראַדיקאַלער און האָט אָנגעהויבן צו קוקן קריטישער אויף די דאָן אויפגעקומענע ציוניסטישע פּראָבלעמען.

האָט זיך אַ גרופּע חברים (די אַקטיווסטע פון די יוגנטלעכע) וואָס איז באַשטאַנען פון יעקב כהן, יעקב באַרענשטיין, לייבל ביאַלער, משה לייבזאָן און חיים מיאַדעק, גענומען בונטעווען און פאָדערן ראַדיקאַלע ענדערונגען אין דער ביאַלער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דאָס האָט געפירט צו רייבונגען און קאָנפליקטן מיטן אָרטיקן ציוניסטישן ועד. די קאָנפליקן זענען אַזוי לאַנג אָנגעגאַנגען ביז דער ציוניסטישער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו שטעלן די אויבנדערמאָנטע חברים פאַר אַ פּאַרטיי־געריכט.

דער משפט וואָס האָט זיך געצויגן עטלעכע וואָכן און איז פאָרגעקומען מיטן גאַנצן קנאַק פון אַ פאָרמעלן געריכט, איז געווען אַ שטורמישער. דעם פאָרזיץ האָט געפירט בנימין קליגער, בייזיצער זענען געווען אשר האָפער און יעקב ראָזענבוים. און דער באַשולדיקער, וואָס האָט געדאַרפט אַרויסטרעטן קעגן זיינע צוויי קרובים לייבל ביאַלער און יעקב כהן, איז אין זיין גאַנצער שאַרפקייט און קומה זקופה — (געווען איז ער אַ קליינער) געווען ישראלקע גאָלדשטיין. זיינע הויפּט־פיילן האָט ער געצילט קעגן י. כהן, וועמען ער האָט באַטראַכט פאַרן פירער פון דער גרופּע. די פאַרטיידיקונג האָבן אַ טייל פון דער גרופּע אַליין געפירט. און זיי האָבן זי געפירט נישט ווי קיין באַשולדיקטע, נאָר גאָר ווי באַשולדיקער. און דאָס האָט נאָך צוגעגעבן מער פייער — צום משפט.

און והדת נתנה. דער פּסק איז געווען צו באַזייטיקן די גאַנצע גרופּע פון ציוניסטישער טעטיקייט אויף אַנדער האַלבן יאָר. די גרופּע

האָט אַפּעלירט צום פּאַרטיי־געריכט ביים ציוניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע, וועלכער האָט דעם אורטייל מבטל געמאַכט און אַלע פאַרמשפּטע רעהאַבּליטירט.

אָבער נישט קוקנדיק אויף דער רעהאַבּליטאַציע און דאָס איבער־בעטן פון דער גרופּע דורכן נייעם פאָרזיצער ל. צעלניקער, האָט זיך די גרופּע אונטערן אָנפיר פון יעקב כהן באַזונדער אידעיש קאָנסאָלידירט. עס זענען פאָרגעקומען אַ ריי פאָרזאַמלונגען און אידעאָלאָגישע שמו־עסן, עס זענען צוגעקומען נאָך חברים, ביז עס איז ביים סוף 1926 געגרינדעט געוואָרן די ציוניסטיש־רעוויזיאָניסטישע אָרגאַניזאַציע און דער בית״ר אין ביאַלע.

צום ערשטן וועד פון דער אָרגאַניזאַציע האָבן געהערט: יעקב כהן, יעקב באָרענשטיין, לייבל ביאַלער, איזאַק גאָלדבערג, משה לייב־זאָן און אברהם ראָטענבערג. שפּעטער זענען צום וועד צוגעקומען ברוך האָפער און יעקב טאָקאַרסקי. און צום ביתר, אַ ריי חברים און חברות מיט חיה אורמאַכער אַלס ראש הקבוצה. פאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע ווי ראש הקן פון בית״ר איז ביז זיין אָפּפאָרן קיין ביאַלסטאָק אין 1929, געווען יעקב כהן.

די אָרגאַניזאַציע האָט זיך גוט אַנטוויקלט און דער רעוויזיאָניזם האָט אין ביאַלע אָנגעהויבן שלאָגן טיפע וואָרצלען. ס׳זענען צוגעקומען חברים פון אַלע שיכטן. און די אָרגאַניזאַציע האָט אַ חוץ איר ציוניס־טישער אַרבעט, אויך געפירט אַ קולטור־דערציערישע טעטיקייט. עס זענען פאָרגעקומען פאַרשידענע קולטור־אָוונטן, אויספלוגן און געזעל־שאַפטלעכע משפטים.

אויף איינעם אַזאַ משפט קעגן ענגלעשן אָפיצער דאָף וואָס האָט נישט דערלאָזט בלאָזן שופר ביים כותל מערבי, האָט יאַנקעלע איינ־געלאַדן אַ פאָרשטייער פון ביאַלער „בונד“ דעם פ. וו. שוסטער, וועלכער האָט זיך באַמיט דעם אָנגעקלאָגטן דאָף צו פאַרטיידיקן מיטן מאָטיוו אַז ארץ ישראל האָט פריער געהערט צו די אַראַבער. יאַנקעלע וואָס איז געווען דער אָנקלאָגער לגבי ענגלאַנד, האָט דורך אַ טריק פון אַראָפּוואַרפן אַ בליי־פעדער צו שוסטערס פיס — צעקלאַפּט ביי אַ געלעכטער פונעם פול־געפּאַקטן עולם שוסטערס טענות.

יאַנקעלע איז געווען דער שטענדיקער דעלעגאַט פון ביאַלע צו די רעוויזיאָניסטישע קאָנפערענצן אין וואַרשע. ער איז געווען אַ מיט־גליד פון דער פּערמאַנענץ־קאָמיסיע און איז פון דער קאָנפערענץ געוואָרן געוויילט צום אַל פּוילישן פאַרטיי־ראַט, וואו ער איז אונטערן פאָרזיץ פון העברעישן דיכטער ד״ר יעקב כהן (פאָרזיצער פון צ. ק.

איז געווען ד״ר דוד ווּדאַווינסקי) געווען דער יידיש־סעקרעטאַר פונעם ראַט. ער איז אויך געווען אַ מיטאַרבעטער פון די רעוויזיאָניסטישע פּאַרטיי־אָרגאַנען, ווי דער אמת, דער וועג א. אַ.

אגב, ווען ער איז צום ערשטן מאָל געקומען צו דער רעוויזיאָניסטישער לאַנדעס־קאָנפערענץ אין וואַרשע, האָט אים ד״ר פעלדשו פאַרגעשטעלט פאַרן פאָרזיצער ד״ר יעקב כהן: „זה יעקב כהן הקטן" האָט ער אין שפּאַס געזאָגט. „גם זה גדול יהיה" — האָט אים אויף דעם ד״ר יעקב כהן געענטפערט.

אויף איינער אַזאַ קאָנפערענץ, האָט ער זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיטן פירער פון וועלט־רעוויזיאָניזם זאב זשאַבאָטינסקי. ער איז אַרויסגעטראָטן אויף דער קאָנפערענץ מיט אַ קריטיש־פּאָליטישער אָפּשאַצונג וועגן דער לאַגע אין ציוניזם, און איז באַזונדער דערשינען פאַר דער יוגנט, פאַר די בית״רישע דעלעגאַטן.

ווען ער האָט זיך באַוויזן, זענען צו די אויסרופן „יחי זשאַבאָטינסקי" (זאָל לעבן זשאַבאָטינסקי), „יחי המנהיג וראש בית״ר" (זאָל לעבן דער פירער און דער ראש פון בית״ר), ווי נישט געקומען צו קיין סוף. אַזוי אויך, און נאָך מיט מער קראַפט ווען ער האָט געענדיקט.

ער האָט גערעדט וועגן דער אויפגאַבע פון בית״ר און דער ראָל און אויפפיר פון זיין מיטגליד וואָס איז ווי אַ בן מלך, אַ פּרינץ; זיך זעלבסט־באַוווּסט און דיסציפּלינירט, און איז זיך מקריב פאַר דער אידעע פונעם פאָלק. פאַר דער אידעע פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און דערלייזונג, פאַר מלכות ישראל.

יאַנקעלע האָט אים געפרוווט פאַרגלייכן מיט זיין פריערדיקן רבין אין ציוניזם אַדוו. יצחק גרינבוים. אויסערלעך איז גרינבוים געווען העכער, געשטאַלטנער, און אויך ווי זשאַבאָטינסקי אַ קעמפער און אַן עקשן. נאָר בעת גרינבוימס רעדן און פּובליציסטישן אופן פון שרייבן איז געווען האַרטלעך און באַריכותדיק, איז זשאַבאָטינסקיס אופן פון רעדן און שרייבן, איז זיין סטיל געווען אַ ווייכער, און זיין שפּראַך אַ בלומען־שפּראַך, וועמענס אויסדרוק האָט דעם צוהערער פאַרכישופט.

באַזונדער איז זיין פּובליציסטישער אויסדרוק (נישט רעכענענדיק זיין איבעריקן ליטעראַרישן שאַפן) געווען קורץ, קאָנדענסירט און צום פּונקט, מיט אַ לאָגיק נישט אָפּצופרעגן. און צוזאַמען מיט דער לעגענדע זשאַבאָטינסקי — האָט ווי אַ באַזונדערער חן אַרויסגעשטראַלט פון זיין פּערזענלעכקייט. און נאָר דעם כישוף צו באַהערשן

א דרייסטער, נישט קיין פארשוויינער איז ער תמיד געווען. כאטש דאס האט אים נישט איינמאל גענוג געקאסט. און דא, פילנדיק זיך פאלשטענדיק אין ארדענונג — און צעבייזט פונעם סערזשאנטס סטראשונקעס, איז ער אריין אין א ירגזון און האט גענומען שרייען: „מיר האבן זיך געפייניקט אויפן פראנט. האבן איינגעשטעלט אונדזער לעבן און געקעמפט פאר פוילן. און איר, און נאך אזעלכע ווי איר, האבן זיך געוואלגערט אין באקוועמע קאנצעלאריעס און זיך אויס־געדרייט פון פראנט. ווילט איר מיר, א פראנטאוויק (פראנט־זעלנער) נאך פאלש באשולדיקן און באשטראפן? ...

יאנקעלע האט די פירונגען פון ביאלער פ. ק. או. נישט געקענט. האט נאך וויניקער געוואוסט וואס ס'איז אנגעגאנגען צווישן דער קאנצעלאריע און אירע מאכער צו אונזער שאנד יידישע, וואס האבן געזוכט קרבנות צווישן די רעזערוויסטן און דאס דווקא יידישע. מחמת יידן וועלן זיך גיכער אונטערגעבן צום דרוק פון פוילישן „פ. ק. או." און צו זייערע כאבאר־מאכינאציעס...

האט זיך אבער נאך די דאזיקע געשרייען זיינע, דער אלט פוילישער האנאר אינעם סערזשאנט אפגערופן און ער האט זיך גע־פילט באליידיקט. ער הערט ערשט דאס ערשטע מאל אז א ייד, א זשידליאַק, זאל אזוי חוצפהדיק רעדן צו א פוילישן שטאבאוון סער־זשאנט, א קאנצעלאריע־אנפירער פון א מלוכהשן „פ.ק.או". איז ער א צעיוכעטער, א צערייצטער, אוועק אינעם צווייטן צימער, פונוואנען ער איז צוריקגעקומען מיט א פאפיר וועלכן ער האט פארגעלעגט אים אונטערצושרייבן.

דאס פאפיר איז געווען א מאנדאט צו באצאלן אין לויף פון טעג א גרעסערע געלט־שטראף, אדער צו גיין אויף זיבן טעג זיצן אין גארניזאנאוון ארעסט ביים פ.ק.או. ער האט זיך פאררופן אויף די פוילישע מיליטערישע געזעצן און דינים וועלכע יאנקעלע האט נישט געקענט, און איז געווען אונטערגעשריבן פון אים אליין דעם קאפיטאן, הויפט־פירער פון פ.ק.או.. און אויב ער נעמט נישט אן דעם פסק, וועט ער גלייך ארעסטירט און אוועקגעפירט שוין נישט אין ארעסט, נאר אין טיורמע.

ערשט דא האט יאנקעלע געזען וואס פאר א קאשע ער האט פארקאכט. ער האט אבער נאך נישט געוואוסט וואס פאר א גרעסערע צרות עס שטייט אים נאך פאר. ווי ער האט בכלל נישט געוואוסט פון דער משפחה־מאכט פונעם סערזשאנט און פון די אינטריגעס וואס האבן אים נישט נאר קאליע געמאכט א מאטעריעלע עקזיסטענץ

— נאָר וואָס האָבן אים שיעור נישט פאַרשלעפּט אין כּף הקלע...

גאָר וואָס האָט ער געקענט טאָן? האָט ער, אַ שטאָלצער ייִד, אַ קעמפּפערישער, זיך געדאַרפט אונטערוואַרפן דעם שקר און שאַנטאַזש פונעם סערזשאַנט וואָס ווערט דערמעגלעכט דורך אַ שווינדלער־באַנדע וואָס איז געווען ווי אַ צרעת אויפן ייִדישן קערפּער, אַ קללה פאַר די ביאַלער ייִדן? האָט ער דאָס איינציקע וואָס ער האָט געטאָן, זיך אָפּגעזאָגט פון צאָלן די געלט־שטראָף. זאָל ער נישט אָנשטאָפּן די טריפהנע קאַסע. בפרט ווען ער האָט סיי ווי נישט געהאַט צו צאָלן אַזאַ הויכע געלד־שטראָף. האָט ער אָנגענומען דעם אַרעסט און איז אַהין אַוועק.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

# דער אַרעסט

דער אַרעסט איז נישט געווען קיין שווערער. ס'איז געווען ווי אַ שטוב־אַרעסט, דאָס איינציקע איז נאָר געווען וואָס ער איז געווען אונטער אַ שלאָס און האָט זיך נישט געקענט באַוועגן. דאָס האָט אָבער נישט געמינערט זיין פּאַרדרוס און ביטער. ער האָט זיך געפילט געטראָפן נישט נאָר אין זיין חשיבות און שטאָלץ, נאָר אין זיין סאַמע לייב און לעבן.

ער, וואָס האָט אָפּגעדינט פאַר פּוילן פולע דריי יאָר, וואָס האָט ווי אַ צוגענומענער אויף נישט צו דינען אויפן פראָנט, אויפן פראָנט יאָ געקעמפט און האָט דערפאַר באַקומען אַ מעדאַל, זאָל צוליב די פּ.ק.או.־כאַבאַרניקעס און טונקעלע ייִדישע פאַרשוינען גאָר גיין אין אַרעסט?... ער האָט דאָס נישט געקענט פאַרטראָגן און האָט געזוכט אין זיי זיך נוקם צו זיין.

אַלע אַרעסטאַנטן אינעם אַרעסט זענען געווען ייִדישע רעזער־וויסטן. קיין איין נישט־ייִד איז דאָרט נישט געווען. האָט ער זיך מיט זיי באַקענט, פאַרהיימישט, און דאָס מויל האָט זיך ביי זיי געעפנט. און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז עס האָט מיט זיי געטראָפן די זעלבע געשיכטע וואָס מיט אים. זיי זענען געקומען זיך מעלדן אין דער צייט, נאָר דער זעלבער סערזשאַנט האָט זיך צו זיי געטשעפּעט, און ווען ס'האָט זיי ווער געגעבן אָנצוהערן וועגן אויסלייז־געלד און זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט, האָט מען זיי אַרעסטירט.

דאָ האָט זיך יאַנקעלע דערמאָנט די געשיכטע פון זיין אורלויב־ביטע אין פּוילישן מיליטער וועלכע ער האָט אומגעזעצלעך לויטן

מיליטערישן רעגולאַמין געשיקט איבערן קאָפּ פון זיין דאַוואודסטווע (אָנפירער) צום אָנפירער פון דער דיוויזיע, גענעראַל טראַיאַנאָווסקי, פאַרן וועלכן חטא זיין קאָמפּאַניע־פירער האָט אים באַשטראָפט מיט ענלעכע זיבן טעג אַרעסט. דער סוף איז אָבער געווען אַז ער האָט זיינס אויסגעפירט. און דאָס נאָך מיט אַ שמיצל אַריבער. ער איז ביי די זעלנער געוואָרן אַן העלד, און די מעשה האָט אים דערפירט צו ווערן אַ שרייבער אין דער קאַנצעלאַריע פונעם דריטן באַאַן (זע, יעקב כהן, „דריי יאָר אין פוילישן מיליטער", 1930, ביאַליסטאָק. דאָס זעלבע — 1968, תל־אביב, פ"ל „המנורה").

דערמאָנענדיק זיך דאָס האָט ער געטראַכט: זיי האָבן דאָך שוין זייער חלק — די זיבן טעג אַרעסט אָפּגענומען, אַצינד נאָר דאַרף מען זען אַז אויך ער זאָל זיין פאַרגיטיקונג־חלק האָבן אָפּגענומען...

ער האָט צונויפגענומען דאָס עדות־זאָגן פון די איבעריקע יידישע אַרעסטאַנטן וואָס איז געווען ענלעך איינס צום אַנדערן, און האָט עס פאַרשריבן אויף עטלעכע בויגנס פּאַפּיר, מיט דער דעה עס איבערצו־שיקן ווי אַן אָנקלאַג־מאַטעריאַל קעגן ביאַלער „פּ.ק.או." (מיליטערישע קאָמאַנדע). ער האָט אָבער נישט געגומען ביי זיי קיין אונטערשריפטן.

דערווייל איז אין שטאָט געוואָרן אַ טומל. די מאַמע, געוואָר־ווערנדיק פון יאַנקעלעס אַרעסט, האָט גלייך אַלאַרמירט די יידישע ראַט־מענער פונעם שטאָט־ראַט מיט ישראל ביאַלער אין דער שפּיץ. ישראל ביאַלער איז ווי שמילקע פּיזשיצעס איידעם נישט נאָר געווען אַ קרוב, נאָר ער איז אויך נאָך יאַנקעלעס פאָטערס טויט, געוואָרן פון געריכט באַשטימט פאַרן „אַפּיעקון" פון די מינדער יאָריקע קינדער. און כאָטש יאַנקעלע איז שוין אַצינד נישט געווען קיין מינדער יאָריקער, האָט ער זיך פונדעסט וועגן נאָך אַלץ געהאַלטן פאַר זיין באַשיצער.

און בכלל איז פאַר אַלע געווען מאָדנע, אַז אַן אויסגעדינטער זעלנער וואָס האָט שוין צוויי מאָל אדורכגעמאַכט די רעזערוויסטן־איבונגען, זאָל מען גאָר ביים מעלדן זיך אַרעסטירן. און דער אַרעסט איז נאָך אויסגעקומען פאַר יום כפור.

ישראל ביאַלערס אינטערווענץ האָט געהאָלפן. מען האָט אים אַרויסגעלאָזט נאָך פאַר די זיבן טעג. די איבעריקע יידישע אַרעסטאַנטן אָבער האָבן ביי זיין פלוצלונגדיקן באַפרייאונג זייערע צוגעזאָגטע אונ־טערשריפטן שוין נישט געוואָלט געבן. זיי האָבן אין זייער יידישן צעטומל און שרעק אויף דעם חרטה געהאַט.

„ס'איז אַלץ אמת וואָס מיר האָבן דערציילט. מיר זענען אָבער יידן און מיר וועלן מיט פוילישע טשינאָווניקעס אין קיין געריכטן נישט

גיין. מיר וועלן ביי זיי אויך נישט געווינען", האָבן זיי זיך פאַרענטפערט. און יאַנקעלע האָט שוין מער קיין צייט נישט געהאַט זיי צו באַווירקן. האָט ער בלית ברירה מיט זיך גענומען די פאַרשריבענע פאַפּירן אָן זייערע אונטערשריפטן. ער האָט זיך ווי זיי נישט געקענט דערלויבן חרטה צו האָבן. ער איז פון אַן אַנדער טייג געקנאָטן...

ווען ער איז אַ היים געקומען האָט נאָך אַלץ געזידט און געבראַוזט אין אים. זאָל ער דעם „פּ.ק.או." פאַרשווייגן, די זאַך אַפּלאָזן? ניין, ער קען זיך נישט און וועט זיך נישט באַרואיקן. ער מוז עפּעס טאָן. עפּעס אַזוינס וואָס זאָל אים באַרואיקן, אים אויסלאָדן, אַראָפּוואַרפן פון אים די משא. ער מוז מיט עפּעס קענען זיי רעאַגירן.

האָט ער אָנגעשריבן צוויי קלאַגעס קעגן ביאַלער „פּ.ק.או." צוזאַמענדיק דערביי די געשיכטעס פון זיינע געוועזענע מיט־אַרעסטירטע, הגם אָן זייערע אונטערשריפטן, און האָט זיי אָפּגעשיקט איינע צום פּוילישן סענאַט אין וואַרשע, און די צווייטע צום „דאָוואָודסטוואָ אָקרענגאָ קאָרפּוסנאָוועגאָ" (אָנפירונג פונעם קאָרפּוס־קרייז) אין בריסק גענעראַל טראַיאַנאָווסקי — צום זעלבן גענעראַל צו וועמען ער האָט פריער אין אַקטיוון דינסט געשריבן זיין קלאַגע וועגן אורלויב.

ער האָט געשריבן אָפן און דרייסט וועגן דעם כאַבאַר און אויספּרעס־טאַקטיק וואָס גייט אָן אין ביאַלער „פּ.ק.או." דורך דער פאַרמיטלונג פון עפּעס אַ ציווילער שווינדלער באַנדע. ער האָט אָבער די נעמען פון די אים שוין באַקאַנטע שווינדלער־מאַכער נישט אָנגעגעבן. און איינער פון זיי איז געווען אַ חסיד פון זיין אייגן שטיבל.

ער האָט נאָכן אָפּשיקן די קלאַגעס זיך באַרואיקט. ער האָט דאָך געטאָן וואָס ער האָט געקענט... ער האָט אָבער נאָכן אָפּשיקן זיי, זיך געכאַפּט אַז ער האָט זיי פאַרגעסן אונטערצושרייבן. און דאָס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן. זיי וועלן דאָס באַטראַכטן ווי אַן אַנאָנים. און כאָטש ס'איז אַ שוואַכער אַנאָנים, מחמת זיי האָבן דאָך דעם אַדרעס און די פאַקטן — קענען זיי דאָס פונדעסטוועגן קעגן אים עס אויסנוצן.

ער האָט אָבער ווי דאָן אין דער אַרמיי מיטן אוירלויב, קיין גרויסע אמונה אין רעזולטאַט פון דער זאַך נישט געהאַט. ס'איז פאַר אים בלויז געווען ווי אַן אַקט פון זעלבסט־באַרואיקונג. אַ רעצעפּט צו שטילן דעם אייגענעם שטאָלץ און די נערוון.

דערווייל האָט ער זייענדיק פריי פון אַרבעט און זוכנדיק עפּעס אַ מאַטעריעלן אָנהאַלט, זיך דערמאָנט אין זיין מיליטערישן זכות, אין זיין אַ פּוילישער פראָנט־זעלנער. ס'איז געווען די צייט פון באַג-

רענעצן דעם יידישן טאַבאַק און משקאות האַנדל לטובת די פּוילישע מלחמה און דינסט־אינוואַלידן. איז פאַרוואָס זאָל ער אויך נישט פּרוואָון?

האָט ער אָנגעשריבן אַ ביטע צו אים אַליין, צו מאַרשאַל פּיל־סודסקי, וועגן צוטיילן אים אַ קאָנצעסיע אויף אַ בראָנפן־האַנדל. זיין ביטע איז געוואָרן פּאָזיטיוו דערליידיקט. און איז אַריבער צו די באַזונדערע אַמטן איר דורכצופירן. ער האָט איצט נאָר געדאַרפט אָנ־ווייזן אַ לאָקאַל וואָס זאָל זיין אין הסכם מיט די געזעצן, אָפּגערוקט פון אַ שול און קירכע.

זיין מאַמע האָט אים נישט נאָר אַזאַ לאָקאַל געפונען, נאָר אויך אַ שותף וואָס איז געווען גענוג פאַרמעגלעך און איז שוין צענ־דליקער יאָר געווען אין דער בראַנזשע. זייענדיק אַליין אין געפאַר צו פאַרלירן זיין פּרנסה, האָט ער זיך אין דעם שותפות מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט. אַלץ האָט אויסגעזען צו זיין כשורה. דער אַלטער אַקציזניק איז צו אים געקומען און האָט אים אויסגעפרעגט וועגן לאָקאַל און די איבעריקע פּרטים. און דערוואַרט האָט ער אין טעג אַרום דעם פּאַטענט.

פון די טעג איז אָבער געוואָרן וואָכן, און פון די וואָכן חדשים. ביז יאַנקעלע האָט זיך אַרומגעזען אַז עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדענונג, עפּעס איז דאָ קאַליע געוואָרן. ער האָט שוין אינגאַנצן געהאַט פאַר־געסן אין דער מעשה מיטן סערזשאַנט און מיט די אָפּגעשיקטע אָנ־קלאַגעס קעגן אים. און דאָס וויכטיקסטע וואָס ער האָט נישט געוואוסט, איז געווען די שייכות פונעם אַלטן אַקציזניק מיטן סערזשאַנט און אוודאי און אַוודאי נישט פון נאָך אַ גרעסערע שייכות...

ער איז אַוועק אין אַקציז פרעגן וואָס ס'איז דאָ געשען. דאָ האָט מען אים אויפגעקלערט, און דאָס גאַנץ ערנסט — אַז מען האָט זיין קאָנצעסיע פאַרהאַלטן ווייל מען האָט אָנגעגעבן אַז ער איז אַ קאָמוניסט. „איך אַ קאָמוניסט? האָט ער זיך גענומען אויפקאָכן, קינד און קייט ווייס אַז איך בין פון פערצן יאָר אָן אַן אַקטיווער ציוניסט. אָט איז מיין לעגיטימאַציע ווי דער פאָרזיצער פון די ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן און ווי דער קאָמענדאַנט פון היגן בית״ר. מען האָט שוין קיין נאַרע־רישן בלבול נישט געקענט אויסטראַכטן..." „דאָס געהער שוין נישט צו אונדז", איז געווען דער ענטפער.

ער איז נאָך דעם אַוועק אין פּאָליציי. גערעדט מיטן קאָמענדאַנט פון זיין פּאָליציי־באַצירק (ראַיאָן). אויך יענער האָט זיך פאַררופן אויפן זעלבן מאָטיוו. און ווען יאַנקעלע האָט געבעטן מען זאָל אים אַרויס־געבן דעם אינפאָרמאַטאָר כדי אים געריכטלעך צו פאַרפאָלגן, און אויסקלאָרן דעם ענין, האָט דער קאָמענדאַנט געענטפערט: „מיר גיבן

ער האָט דער מאַמען געפרעגט ווער עס שרייבט איר דעם „צעננים". „מיין זון" האָט זי אָן הכמות אַנגעוויזן אויף יאַנקעלען, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אויספיינען מיט איר זונס שיינעם פּויליש. זי האָט להלוטין נישט געאָנט וואָס דאָ קומט פאָר. און גלייך נאָכדעם איז דער מיליטערישער אַגענט אַרויס פון קראָם, פאַרבעטנדיק העפלעך יאַנקעלען, צו אים יאַנקעלען אין שטוב אַריין, אַ שטייגער ווי אָן אורח איז מכנים אורח...

ער האָט זיך אין שטוב אַוועקגעזעצט ביים טיש און איז גלייך צוגעטראָטן צום ענין. זיין ערשטע פראַגע איז געווען צי ס'איז ריכטיק אַלץ וואָס ער האָט אָנגעגעבן. ווען יאַנקעלע האָט אים פעסט געענט־פערט אַז יאָ, האָט ער געוואָלט וויסן פאַרוואָס ער און די אָנגעגעבענע עדות האָבן זיך אויף איר נישט אונטערגעשריבן.

ערשט ווען ער האָט אים אויפגעקלערט אַז וואָס שייך אים אַליין, האָט ער פשוט דאָס פאַרגעסן צו טאָן. און אַז דאָ קען נישט זיין דער מינסטער חשד פון אַן אַנאָנים, מחמת ער האָט דאָך געשריבן מיט זיין כתב און אָנגעגעבן דעם פולן אַדרעס. און די עדות ווידער, האָבן ווי יידן זיך פשוט מורא געהאַט אונטערצושרייבן, האָט דער אויספאָרשער העפליך און איידל פון אים געוואָלט אַרויסקריגן די נעמען פון די ציווילע אויספרעסער.

דאָ האָט יאַנקעלע געטראַכט: זיי זענען טאַקע זשוליקעס אַ פלאָג אויף די ביאַלער יידן און זענען ווערט דעם שטעקן. נאָר ער וועט זיי פאַר נישט־יידן נישט אַרויסגעבן. ס'וועט זיין אַ צו גרויסער טומל און חילול השם. זאָלן זיי קומען אויף אַנדערע הענט. האָט ער גענומען אַביסל צוריק דרייען און געזאָגט: „איך האָב „פּאַניע סער־זשאַנטשע" ביי דער האַנט זיי נישט געכאַפּט. און איך קען זיי נישט. איך ווייס נאָר אַז עס איז דאָ אַזאַ באַנדע. איבריגנס איז דאָך מיין עיקר טענה קעגן פּ. ק. או. פאַר פאַלש אַרעסטירן. און צו געפינען די פאַר־מיטלער איז נישט מיין אויפגאַבע, נאָר פון דער מאַכט. איך בין נישט קיין געהיים־אַגענט".

דער סערזשאַנט האָט דאָס אַלץ פאַרשריבן און האָט יאַנקעלען דעם פּראָטאָקאָל געגעבן אונטערצושרייבן. ער האָט אים אונטער־געשריבן און ווידער האָט ער געמיינט אַז דערמיט איז אַלץ געענדיקט.

ניין, די זאַך איז נישט געווען געענדיקט. ס'איז נאָר אַריבער אַ שטיקל צייט ווי ער האָט אָנגעהויבן צו קריגן „פּאָוויעסטקעס" (רופן) פונעם געריכט. פּאָוויעסטקעס, איינע נאָך דער אַנדערער. פריער פון אַנדערע שטאָטישע געריכטן, ווי פון וולאַדאַווע, יאַנאָווע, קאָנסטאַנ־

טין און פון אַנדערע אַזעלכע שטעט ווו עס האָבן געוווינט די עדות און וואָס האָבן געהערט צום ביאַלער מיליטערישן קרייז, און דערנאָך פון זיין אייגענעם ביאַלער פרידנס-געריכט.

און אין זיי אַלע איז ער געוואָרן באַשולדיקט אונטערן אַרטיקל 33 פונעם פוילישן שטראָף-קאָדעקס וואָס האָט ווי ער האָט זיך שפּעטער דערוווּסט געמיינט „זאַ פאַלשיווע אַשוויאַטשעניע נאַ וולאַדזע" (פאַלשע באַווייזן קעגן דער מאַכט). און ווערט אין זיי גערופן אונטער פאַרשידענע דאַטעס זיך צו שטעלן אין די אויבנדערמאָנטע געריכטן.

די מאַמע אַ נישט שרייבנדיקע און ליינענדיקע, האָט אָבער באַלד דערקענט אין די איבערגעגעבענע קליינע פּאַפּירלעך (פּאָוויעסט-קעס) — און אין יאַנקעלעס פּנים, אַז ס'איז עפּעס נישט אין אָרדענונג. אַז אַ נייע צרה גרייט זיך אויף איר הויז.

זי האָט געקענט זיין קאַרגלעך אין איר שפּייז-פאַרטיילונג פאַר די קינדער. און דאָס איז לויט די באַדינגונגען — געווען אַ מעלה פאַרן הויז — זי האָט אויך אַמאָל געקענט ווי דער טאַטע, הגם אויף אַן אַנדער אופן, זיין אַ שווייגנדיקע. נאָר איז אַמאָל געקומען אַ צרה אויף אַ קינד, האָט זי שוין ווי אַ מאַמע-הון איבער אירע הינדעלעך, אויפגעוואַכט און אויפגעפלאַקערט.

זי האָט שוין דאַן נישט גערוט נאָר געווען פול מיט מעשים אויף צו לעשן דאָס „פייער". אויף אַרויסצושלעפּן דאָס קינד פון דער צרה. צו דאָס איז געווען אַ קראַנקהייט, צי אַן אַנדער צרה, האָט זי נישט געזוכט ביי איר קינד די שולד. דאָס ליידנדיקע קינד איז שטענדיק גערעכט. נאָר האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צו ראַטעווען. —

און ווי זי איז אַליין נישט געווען קיין בעלת השפּעה, האָט זי אָבער געקענט אויפרודערן אַ וועלט. האָט זי געקענט אַנדערע אַריינ-שלעפּן צו איר הילף. און דער גרעסטער בעל הצרה פון דער משפּחה איז געווען יאַנקעלע מיט זיינע קראַנקייטן און אַוואַנטורעס. האָט זי באַלד ביי דער ערשטער דערהאַלטענער פּאָוויעסטקע געפרעגט יאַנ-קעלען וואָס דאָס איז. ער וואָלט לכתחילה פאַר איר דאָס אויסבאַהאַלטן, איר פאַרעדט די ציין, — ער זעט אָבער אַליין אַז ס'איז אַ צרה וואָס ער וועט זיך אַן איר נישט קענען ספּראַווען. און כאָטש ער האָט אין אָנהויב נאָך געגנוי נישט געוווּסט אין וואָס אייגנטלעך ער איז אָנגע-קלאָגט, וואָס דער אַרטיקל 33 מיינט, איז פאַר אים געווען גענוג וואָס ער איז אַן אָנגעקלאָגטער פון דער מאַכט.

נאָר אַז נאָכן פאַרענדיקן די פּראָצעסן אין די אַנדערע שטעט אויף וועלכע ער איז נישט געווען אַנוועזנד, איז אָנגעקומען די פּאָ-

וויעסטקע פון ביאַלער געריכט, איז ער שוין ווי די מאַמע געוואָרן צעטומלט און צעשראָקן. ס׳איז נישט קיין קאַטאָוועס, האָבן ביידע ביי זיך געטראַכט. און די מאַמע האָט אים שוין מער גאָרנישט געפרעגט, נאָר איז מיט דער פּאָוויעסטקע אַליין אַוועק צום טאַטנס אַ באַקאַנטן פּוילישן אַדוואָקאַט, צו זיין אַן אַמאָליקן בן עיר. און דאָ איז קלאָר געוואָרן די גאַנצע חתונה.

איר זון איז אָנגעקלאָגט פון פּ. ק. או. אונטער אַ שווערן אַרטיקל וואָס דראָט אים ביז פינף יאָר טורמע אָ חוץ אַ הויכע געלט־שטראָף. ער וועט אָבער די פּאַרטיידיקונג נישט אָננעמען. ער וועט נישט גיין קעמפן מיטן „פּ. ק. או.", מיט אַ מיליטערישע אינסטיטוציע, ווו עס זענען פאַרוויקלט צענדליקער משפחות. וואָס ער, דער אַדוואָקאַט עצהט? יאַנקעלע זאָל זיך אַליין פּאַרטיידיקן. ער איז אַ גראַמאַטנער. נאָר אויב ער וועט אינעם ערשטן געריכט פאַרשפּילן, וועט ער פאַר אים אָנשרייבן אַן אַפּעלאַציע צום קרייז־געריכט. און ווייטער וועט מען זען.

די מאַמע איז צוריקגעקומען אַ פאַרטרויערטע, אָן ערב יום־כּפּורדיקע. האָט אים איבערגעגעבן וואָס דער אַדוואָקאַט האָט געזאָגט. און ווי אַ באַווייז אַז די זאַך איז ערנסט, האָט זי ווי איר שטייגער אין אַזעלכע פאַלן געבראָכן מיט די הענט. זי האָט אים אָבער נישט געוואָלט צופיל מצער זיין. איז דאָס אַליין נישט גענוג?... האָט זי מער גאָרנישט געזאָגט. ביי זיך אָבער האָט זי שוין געהאַט איר פּלאַן פון איינרייסן...

יאַנקעלע איז אַוועק אין געריכט זיך באַקענען מיטן אַרטיקל 33. יאָ, ס׳איז ריכטיק. דער אַרטיקל רעדט וועגן מאַכן אַ בלבול קעגן דער מלוכה־מאַכט. ער איז גוט אין פּעקל... און ער וועט זיך מוזן אַליין פּאַרטיידיקן. זיין פּלאַן איז געווען מיטן מאָטיוו אַרויסצורופן כלומרשט נייע עדות, אָפּצולייגן דעם פּראָצעס. זאָל זיך דערווייל דער משפּט שלעפּן. אפשר וועט אינצווישן קומען אַ רווח והצלה. דאָס איז אָבער געווען בלויז זיין פּלאַן...

און כאָטש ווי אומזיכער און צעזאָרגט ער איז אַצינד נישט געווען, האָט ער פונדעסטוועגן פון זיין עקשנות נישט געוואָלט אָפּטרעטן. ער האָט פון זיינע טענות קעגן פּ. ק. או. נישט געוואָלט פאַרציכטן. ער האָט נאָר געבעטן די געריכטן ווו עס האָבן געדאַרפט פאָרקומען די פאַרהערן פון זיינע עדות, זיי אויסצוהערן אונטער אַ שבועה.

ער האָט פאַרשטאַנען אַז ווי יידן וועלן זיי מורא האָבן צו

דערציילן דעם אמת. זיי וועלן זיך פון זייערע פריערדיקע דערקלערונ־גען פאַר אים אין אַרעסט, צוריקציען. און וואָס מער זיי וועלן זיך צוריקציען, אַלץ מער שולד וועט פאַלן אויף אים. האָט ער זיך דערויי־בער געוואָלט באַוואָרענען מיט דער שבועה.

ער איז צו די געריכטן נישט געפאָרן. ער האָט נישט געהאַט קיין איבריקע געלט אויף הוצאות. האָט ער זיך פאַרלאָזט אויף זיינע ביטעס וואָס ער האָט צו זיי געשיקט, און האָט זיך מיט דעם געגרייט אויפן הויפּט־פּראָצעס וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען אין זיין שטאָט.

דער הויפּט־פּראָצעס האָט אויף זיך לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן. ס׳ביאַלער געריכט האָט בלויז געוואַרט אויף די מאַטעריאַלן פון די אַנדערע געריכטן. איז ווי נאָר זי האָט די מאַטעריאַלן באַקומען, אַזוי האָט זי באַלד באַשטימט איר אייגענעם הויפּט־פּראָצעס. מען האָט געקענט זען ווי דאָס ביאַלער געריכט איילט זיך צו.

ס׳איז געווען יאַנקעלעס ערשטער ערנסטער פּראָצעס ווו ער האָט זיך געדאַרפט אַליין פאַרטיידיקן, און ווו דאָס געריכט וואָס איז באַשטאַנען פון איין ריכטער, האָט אים אפילו נישט געגעבן קיין פאַרטיידיקער פון אַמט. ער האָט אויך די אַקטן נישט רעכט געהאַט אַדורכגעקוקט, און ער האָט נישט געוווסט וואָס זיינע געוועזענע יידי־שע מיט־אַרעסטירטע האָבן אין זייערע געריכטן דערקלערט. צי האָבן זיי אונטערגעהאַלטן זיין אָנקלאַג, צי נישט.

נאָר דאָס ערגסטע וואָס ער האָט ביזן פּראָצעס נישט געוווסט איז געווען, וועגן דער שייכות פונעם הויכן אויסגעצויגענעם אַלטן ריכטער פון פרידנס־געריכט, וואָס האָט אויסגעזען גאַרנישט ווי קיין פאַרביסענער פּאָליאַק נאָר ווי עפּעס אַ פרידלעכער ענגלישער דזשענ־טעלמען אין וועמענס הענט ס׳איז געלעגן דער גורל פון זיין משפט, האָט געהאַט מיטן פּ. ק. או. — סערזשאַנט און אַלטן אַקציזניק. ערשט שפּעטער, שוין נאָך אַלעמען, האָט ער זיך דערפון דערוווסט.

### קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

## דער פּראָצעס

דער טאָג פון פּראָצעס איז געקומען. און יאַנקעלע וואָס איז געגאַנגען צום פּראָצעס מיט אַ קלאַפּענדיק האַרץ, איז פונדעסטוועגן נאָך אַלץ געווען פאַרעקשנט אין זיין אמת, פון וועלכן קיינער וועט אים נישט אָפּוועקרייסן. אין געריכט האָט אים דער ריכטער, ווי דער

שטייגער, געפרעגט צי ער אנערקענט זיך שולדיק און ציט צוריק זיין אנקלאג קעגן ביאלער פ. ק. או, אדער ער האלט ווייטער אונטער זיין בלבול.

— ניין, הער ריכטער. נישט קיין בלבול האב איך אויסגע־טראכט קעגן פ. ק. או. נאר איך האב אנגעגעבן דעם ריינעם אמת, די אמתע פאקטן. און נישט מיר דארף מען דא משפטן, נאר דעם קאנ־צעלאריע־אנפירער פון פ. ק. או., וועלכער האט צוליב נישט מלוכהשע אינטערעסן, מיר און די אנדערע יידישע רעזערוויסטן פארארדנט צו ארעסטירן.

— פאר וועלכע אנדערע אינטערעסן? האט דער ריכטער דעם נעמשפטן געפרווט ציען ביי דער צונג.

— דאס, הער ריכטער, האב איך שוין דערקלערט אין מיין שריפטלעכן אנקלאג צום „ד. א. ק." (אנפירונג פון קארפוס) אויף וועמענס גרונט איך, ווער גאר דא געמשפט. און איך האלט נישט פאר נויטיק אין קעגנווארט פון פובליקום דאס איבערצוחזרן.

— ווילט איר מען זאל ארויספירן דאס פובליקום פון געריכט?

— יא, הער ריכטער. איך קען נישט אין אנוועזנהייט פון פובליקום איבערחזרן די געשיכטע. האט ער געמיינט זיך ארויסצו־העלפן מיט א פאטריאטישן מאטיוו... ערשט נאכן באזייטיקן די אנוועזנדע, האט ער איבערגעגעבן די פרטים פון זיין אנקלאג. ער האט באקומען דאס לעצטע ווארט, נאך וועלכן דער ריכטער איז אריין אין צווייטן צימער אויף צו שרייבן זיין פסק דין.

ער איז צוריקגעקומען מיט א געשריבן פאפיר פון וועלכן ער האט ארויסגעלייענט: „אין דער ספראווע צווישן אנגעקלאגטן יעקב כהן (יאנקעל קאהאן) און דעם ביאלער פ. ק. או. געפינט דאס געריכט דעם אנגעקלאגטן פאר שולדיק. און אין הסכם מיטן ארטיקל 33 פונעם פוילישן שטראף־קאדעקס ווערט ער פאראורטיילט אויף דריי יאר תפיסה מיט פינף הונדערט און פופציק זלאטעס געלט־שטראף. דער פארמשפטער האט בלויז זיבן טעג צו אפעלירן צו אן העכער געריכט". און „והדת נתנה", דער פסק איז געווארן ארויסגעגעבן, און דער מאמעס הויז איז געווארן צעטרויערט.

קיין סך צייט צו האנדלען איז נישט געבליבן. ס'איז לויטן קורצן טערמין פון אפעלירן געוועזן קענטיק, אז דער ריכטער איז באזונדער פאראינטערעסירט אים אריינצווישבן. — פארוואס? וואס פאר א שלעכטס האט דער פארמשפטער דעם ריכטער געטאן וועמען

ער האָט אין געריכט געזען דאָס ערשטע מאָל, וואָס וויל זיך אין אים אַזוי נוקם זיין, דאָס האָט נאָך דאָן יאָנקעלע נישט געוווּסט.

ער איז גלייך אַוועק צום אַדוואָקאַט אָנשרייבן די אַפּעלאַציע. און ער האָט איר אויך אַזוי באַלד אַרויפגעטראָגן אין קאַנצעלאַריע פון פרידנס־געריכט. נאָר דאָ איז געשען אַן אומגעוויינלעכע זאַך. תיכּף ווי דער געריכטס־סעקרעטאַר האָט דעם ריכטער אַריינגעטראָגן די אַפּעלאַציע, אַזוי איז ער באַלד מיט איר צוריקגעקומען און זי צוריק איבערגעגעבן דעם פאַרמשפּטן. „דער ריכטער וויל איר נישט אָננעמען", האָט ער געזאָגט.

אַ נייער אויפרעג און צעטומל איז אין יאָנקעלען אויפגעקומען. ס'בלוט אין אים האָט פון אַלע זייטן זיך אַ לאָז געטאָן צום קאָפּ, און אים מיט דעם פלייץ צעמישט און צעקאָכט, אַזוי, אַז ער איז אין דער רגע געווען גרייט דעם ריכטער דורס צו זיין. ער זעט דאָך בחוש ווי ער דאַרשט אים איינצוזעצן, נישט רעכענענדיק זיך מיט קיין שום געריכטלעכער פּראָצעדור.

דער אויפרעג האָט אָבער נישט צו לאַנג געדויערט. דער בלוט־פלייץ האָט צוריקגעטראָטן, און אַ ניכטערקייט איז אין אים צוריק אויפגעקומען. ער האָט געטראַכט: „אפשר איז עס גאָר לטובה. דער ריכטער האָט זיך אַרומגעזען אַז ער איז צו ווייט פאַרקראָכן. ער וויל זיך צוריקכאַפּן, דעם גאַנצן פּראָצעס אַנולירן, אים מבטל מאַכן". „חכם איינער", האָט ווער אין אים דערווידערט, „ווי קען ער דעם פּראָצעס אַנולירן אָן אַ צווייטן משפּט? ס'איז דאָך קעגן דעם געזעץ. און דו פּרווו גאָרנישט ריזיקירן. ער וויל דיר אונטערשטעלן אַ פּיסל דער אורטייל זאָל באַלד אַריין אין קראַפט".

ער איז אַוועק צום אַדוואָקאַט דערציילן די געשיכטע. און דער אַדוואָקאַט הערנדיק דאָס, איז צוריק אַריין אין זיין בלוט... ער האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן אַ שטאַרקערע פּאַראינטערעסירונג ווי פריער, ווי מען וואָלט אָנגערירט אים אַליין. ס'איז דאָך זיין געשריבענע אַפּעלאַציע... האָט ער געעצהט איר איבערשיקן דורך דער פּאָסט רעגיסטרירט און אַרויסנעמען אַ צעטל.

יאָנקעלע האָט אַזוי געטאָן. און געמיינט האָט ער, אַז ער האָט שוין דערמיט אַלץ באַוואָרנט. ווי דערשטוינט איז ער אָבער געוואָרן, ווען געפינענדיק זיך אין טעג אַרום געריכט, האָט אים דער געריכט־באַדינער וואָס האָט אים גוט געקענט, אַריינגעשטופּט די גאַנצע אַפּעלאַציע אין קעשענע.

ער איז אַ צעקאָכטער אַרויף צום סעקרעטאַר פון געריכט אים

פרעגן פאַרוואָס מען גיט אים צוריק די אַפּעלאַציע טראָץ אַלע פּראָ־צעדורן און דעם ריכטערס אייגענע מעלדונג וועגן רעכט צו אַפּעלירן אין פאַרלויף פון 7 טעג. „אויב איר מיינט מיר דערמיט צו פאַר־מאַטערן", האָט ער געזאָגט, „האָט איר אַ טעות. איך וועט מיט דעם נאָך מער טרייבן מיין אַמביציע פאַר גערעכטיקייט".

„מיר האָבן יאַקוב קאַהאַן (Jacoba Kahana) נישט געמשפּט", האָט ער זיך באַנוצט מיט עפּעס אַ טריק, אויסנוצנדיק דעם כלומרשטן אונטערשייד צווישן יאַנקעל וואָס האָט פיגורירט אין דער מעטריקע און אין די מיליטערישע פּאַפּירן, און דעם יאַקוב (Jacob) מיט וועלכן דער אַדוואָקאַט האָט זיך באַנוצט.

יאַנקעלען איז נאָך דעם פּוילן תירוץ פון סעקרעטאַר וואָס האָט גערעדט אין נאָמען פונעם ריכטער, געוואָרן פיל גרינגער. ער האָט אין דעם געפּרוווט זען נישט סתם אַ פאָרמאַליטעט, נאָר עפּעס אַ יורידיש דריידל אויף צוריק. עס ווייזט אויף אַ שוואַכן פּונקט אין אורטייל. נאָר גאָר זיכער איז ער אין דעם נישט געווען. ווער קען וויסן די כוונות פון אַ פאַרביסענעם פּוילישן ריכטער קעגן אַ ייד?

ער איז נאָכן דורכרייד מיטן סעקרעטאַר אַריין צום ריכטער אים אויפצוקלערן אַז „יאַנקעל" און „יאַקוב" איז איינס און דאָס זעלבע. „יאַנקעל" איז לויט דער יידישער פאָנעטיק און יאַקוב איז לויט דער פּוילישער. ביידע פונעם אָריגינעלן העברעישן יעקב. ער אַליין שרייבט זיך „יאַנקעל", נאָר גראָדע איז דעם אַדוואָקאַט איינ־געפאַלן צו שרייבן „יאַקוב".

ניין, ער וויל נישט וויסן, האָט דער ריכטער זיך געהאַלטן ביי זיינס. „איך האָב קיין יאַקוב קאַהאַן נישט געמשפּט, און במילא האָב איך נישט וואָס אַנצונעמען זיינע אַן אַפּעלאַציע". און גיי פאַרשטיי זיינע כוונות... איז ער ווידער אַוועק צום אַדוואָקאַט לעשטשינסקי וועלכער האָט פאַר די אַפּעלאַציע נישט גענומען קיין געלט, וואָס האָט געמאַכט אַ „סקאַרגאַ אינצידענטאַלנאַ" (אַ פּראָצעדור־אַנקלאַג). ערשט דאָס האָט געצוווּנגען דעם ריכטער אַנצונעמען די אַפּעלאַציע.

די צייט ביז דער אַפּעלאַציע, ביז ער האָט געקריגן די פּאַ־וויעסטקע פונעם ביאַלער קרייז־געריכט, איז פאַר אים און דער מאַמען געווען אַ געשפּאַנטע, אַן אַנגעשטרענגטע. די מאַמע האָט געאַרבעט מעשים. זי האָט געזוכט דורך פריינט און באַקאַנטע צו באַאיינפלוסן איניקע ריכטער־סאָציאַליסטן, פונעם קרייז־געריכט. זיי אויפקלערן וועגן די נישט ריינע געריכטלעכע כוונות פונעם ריכטער פון פרידנס געריכט. ס'איז שוין דאַן געווען קלאָר די שייכות צווישן אַקציזניק

און זיין זון דעם פּ. ק. או.־סערזשאַנט, מיטן ריכטער דעם אָקציזניקס ברודער און סערזשאַנטס פעטער.

אויך יאַנקעלע האָט זיינס געטאָן. ער האָט געבעטן דעם ביאַלער בירגערמייסטער לטובת ווען ער איז אַמאָל אַרויסגעטראָטן אין געריכט, צו אינטערווענירן פאַר אים ביים פאָרזיצער פון קרייז־געריכט (ביידע זענען געווען סאָציאַליסטן). און דער עיקר, ער האָט אַליין וועגן דעם אָנגעשריבן צום פּוילישן מלוכה־שעף מאַרשאַל פּיל־סודסקי, פאַר וועמען ער האָט קלאָר און אָפן פאָרגעשטעלט זיינע טענות, אָנהויבנדיק פונעם בלבול צוליב דער אים צוגעטיילטער קאָנצעסיע ביזן אַרעסט און דעם איצטיקן משפט, בעטנדיק אים זיך אַריינצומישן און בטל מאַכן דעם גאַנצן פּראָצעס.

ס׳איז אים נאָך דעם אויפן געמיט געוואָרן אַביסל גרינגער. ער האָט דאָך געטאָן וואָס ער האָט געקענט. ער איז אָבער מיטן מאָמענט פון דערהאַלטן די פּאָוויעסטקע פונעם קרייז־געריכט צוריק געוואָרן אומרוהיק. און פול מיט שפּאַנונג און דערוואַרטונג האָט ער אָפּגעוואַרט דעם אויסגאַנג פון פּראָצעס.

און אַן אומרוהיקער, אַ נישט זיכערער, כאָטש פּונקט אַזוי פאַרשטיינט און גלייכגילטיק — איז ער אַליין אַן אַן אַדוואָקאַט געגאַנגען צו זיין משפט אין קרייז־געריכט. זיין משפט איז פאָרגעקומען דער ערשטער באַלד ביים עפענען דאָס געריכט. און אַ מאָדנער משפט איז דאָס געווען. יאַנקעלע האָט דאָס ערשטע מאָל געזען אַזאַ געריכט־סעסיע און אַזאַ פּראָצעדור. כאָטש ער האָט נישט איין געריכט־סעסיע בייגעוווינט. קיינער אַ חוץ דעם ריכטער, אַזאַ הויכער ווי דער פונעם פרידנס געריכט, נאָר נישט קיין דאַרער און פיל יונגער פון אים, אַן אַסאָבע וועמען די שוואַרצע טאָגע האָט גוט געקליידט, איז אין געריכט נישט געווען.

יאַנקעלע האָט זיך געגרייט ווי נאָר דער ריכטער וועט אָנהויבן דעם פּראָצעס, פאַרצושלאָגן דאָס געריכט אָפּצולייגן דעם פּראָצעס מיטן מאָטיוו פון אַרויסרופן אַ ריי אָנגעזעענע שטאָטישע עדות. אָבער ווי נאָר ער האָט זיך נאָכן אויסרופן זיין נאָמען אויפגעשטעלט צו בעטן אַ וואָרט, אַזוי האָט דער ריכטער צו אים אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט „פּראָשיען שאַדאַטש“ (ביטע זיצן).

כאָטש דער מאַך מיט דער האַנט ווי דער טאָן פונעם זאָג איז געווען אַ פריינטלעכער, אַ מילדער, — האָט פונדעסטוועגן ביים געמשפטן נישט אַן שרעק אויפגעצאַפּלט אַ פראַגע: וואָס איז דאָס?

וואָס לאָזט ער אים עפּעס גאָרנישט זאָגן, און וואָס פאַר אַ משפט צדק איז דאָס ווידער?...

ער האָט אָבער לאַנג נישט געדאַרפט טראַכטן. ווייל באַלד האָט דער ריכטער אָן פאַרשונגען און פרעגענישן אָנגעהויבן לייענען דעם צונעגרייטן פסק. דער פסק איז געווען אַ קורצער. איז דעריבער נאָך איידער דעם געמשפטנס הארץ האָט אין פחדדיקער דערוואַרטונג זיך ווידער פאַרצאַפּלט, האָט ער שוין אַרויסגעהערט דאָס כישוף-וואָרט „אופּראַוודאַני" (באַגלויבט).

און געלײַנט האָט ער: „אין נאָמען פון פוילן באַשליסט דאָס ביאַלער קרייז-געריכט אין דער ספּראַווע צווישן בירגער יעקב כהן און דעם ביאַלער פּ. ק. או., דעם באַשולדיקטן צו באַפרייען און באַרעכטיקן". ווי אַ ליכט וואָס גייט אויף נאָך אַ שווערער פינצטערניש, אַזוי איז מיט אַמאָל אַ ליכטיקע פרייד אין אים אויפגעקומען.

ער האָט זיך אויף אַזאַ שטייגער געריכט-פירונג נישט געריכט. יאָ, טיף אין זיך האָט ער געהאָפט און דערוואַרט זיין באַפרייאונג. ער האָט שוין אין די מאַנעווורירנדיקע קונצן פונעם ערשטן ריכטער געפילט די שוואַכקייט פונעם אורטייל. נאָר אַזוי לייכט און שפּילעוודיק מבטל צו מאַכן אַזאַ שווערן פסק און דאָס מיטן אויסדרוק „אופּראַוו-דאַני" (באַגלויבט), אויף דעם האָט ער זיך נישט געריכט. און נישט אַנדערש ווי געקומען איז עס פון אויבן — פון וואַרשע...

ער איז אַ צעפרייטער, אַ צעזונגענער, אַרויס פון געריכט. וואָרום נישט נאָר האָט מען אים פון דער שולד באַפרייט, נאָר ער האָט אין דעם אויך געזען די מפלה פון דער מאַכט-גיריקער משפחה וואָס האָט זיך ווי אַ שלאַנג געגרייט צו פאַרוויקלען אַרום זיין האַלדז. און ס'איז דאָך געווען ווי אַ קאַמף פונעם קליינעם דוד קעגן גליתן.

ער איז געלאָפן אָנזאָגן דער מאַמען די בשורה. זאָל זי זיך אויך פרייען. און די מאַמע ווען זי האָט דאָס דערהערט, איז לכתחילה ווי געוואָרן פאַרשטיינערט פון שמחה. ערשט ווען זי איז געקומען צו זיך, האָט זי געזאָגט: „זכות אָבות, זכות אָבות. דאָס האָט דער טאַטע אין קבר פאַר דיר זיך געמיט. אוי, רבונו של עולם, דיין הילף איז גרויס, און זאָל שוין מער קיין צער ביי אונדז נישט זיין".

*

צווישן דער מאַמען און הדסן זענען צוליב דער קראָם אויפ-געקומען רייבונגען. ביז די מאַמע האָט געוואָלט הדס זאָל אַוועקגיין פון דער קראָם און איבעררייסן דאָס שותפות. כאָטש יאַנקעלע האָט פאַרשטאַנען אַז פאַר צוויי משפחות קען אַזאַ מיזערנער האַנדל נישט

פאַניעס ירידים־פאַרער. מיט מענטשן פון פאַרשידענע טיפּן, הענדלער, סוחרים, קונצן־מאַכער און קאַטאַרינטשיקעס, וואָס טרייסלען זיך צו־זאַמען אויף די פּוילישע באַטשנע וועגן אין איין ירידים־ברודערשאַפט אין די לופטיקע זומער־נעכט, ווי אין די בייזע צעפּראַסטע ווינטערן. מענטשן פון איין וועג־גורל וואָס זענען גרייט צו שיצן איינער דעם אַנדערן און אַוודאי אונטערצושטופּן אַ פאַרקראַכענעם אין בלאָטע וואָגן.

נאָר נאָכן אָפּמאַטערן זיך אַ צייט אויף די ירידים, נאָך שלאָפ־לאָזע נעכט און צעטרייסלטע זייטן אויף די צעהאַצקעטע פּויערישע פורן, צו דעם נאָך ווען קיין גרוים מזל ברכה איז אין דעם מסחר אויך נישט געווען, איז זיי ביידע, אים מיט דער מאַמען אַזאַ לעבן צו שווער געוואָרן. און יאַנקעלע האָט שוין מוחל געווען די צעבלאָטע הימלען מיט די ווינקענדיקע שטערנס אין די זומער־נעכט, ווי דעם צום טויט געפרוירענעם הימל מיט דער זילבער־לבנה אין די ווינטער־נעכט. און ס'איז געוואָרן אוים יריד־האַנדל, און דערמיט אויך אוים קליינער שניט־האַנדל.

און אוים שניט, האָט זיך די מאַמע צוריקגענומען צו איר פרי־ערדיקער שפּייז־קאָלאָניאַל־קראָם. נאָר אויך דאָס האָט שוין די מערכה נישט פאַריכט. מען האָט ווייניק געלייזט. און וואָס ווייניקער מען האָט געלייזט, אַלץ ווייניקער האָט מען פאַרדינט. ביז די קראָם איז אַלץ מער געוואָרן אויסגעליידיקט, זי איז מער נישט געבליבן ווי אַ צייכן פון אַ קראָם.

קיין „פּאָאַליאַווע בודע" נאָך קלעצער

אין אַ נויט, האָט זיך די מאַמע צוריק דערמאָנט אין אירע אַלטע קריוודעס. באַלד נאָכן פאָטערס טויט אין 1915, האָט זי גע־האַלטן אין איין האָבן טענות צו בועז ליוסטיקמאַן (בועז דעם היל־צערנעם), פאַר באַגנבענען איר מאַן, זיין געוועזענעם שותף צום ברע־טער־מסחר. אירע טענות צו בועזן איז אמת נישט געווען אַזעלכע שאַרפע ווי צום ריטקער ווען זי האָט באַטראַכט פאַרן גורם פונעם פאָטערס טויט. אָבער טענות צו אים האָט זי געהאַט.

פונוואַנען די מאַמע וואָס האָט זיך צו איר מאַנס האַלץ־מסחר נישט געמישט, האָט גענומען די טענות, און צי זיי זענען געווען אמת, ווייסט נישט יאַנקעלע. נאָר עפּעס ווייזט אוים איז אין דעם געווען. והא ראיה, דאָס אָפּגענומענע רעשטל קלעצער אין „פּאָאַליאַווע בודע".

און געווען איז עס, ווען איינמאָל האָט זיך אין קראָם באַוויזן

שטענדיקער ימים נוראימדיקער בעל מוסף אין שטיבל. זיין שטימע איז ווי דעם פעטער שמילקעס געווען די הארציקסטע און זיסטע. און דער טעם פון זיין „היום תאמצנו", ליגט אים נאך ווי היינט אין מויל (שפעטער דערמאָרדעט געוואָרן דורך אַ פּאָליאַק אין זיין סמאָליאָרנע).

מענדל האָט לכבוד די געסט געבאַקן אויפן אייזערנעם אייוועלע דינע קאַרטאָפל־פּלעצלעך, און אויפן זשאַר געבראָטן קאַרטאָפל וואָס מען האָט פאַרטרונקען מיט קוואַס. און די נאַכט איז אַזוי פריינטלעך שמועסדיק גיך און אַנגענעם אַריבער.

אין דער פרי האָט זיך אַנטאָני מיט זיין פור ווידער באַוויזן צו נעמען זיי אין דער „לעשניצטוואָ" פון גראַף פּאָטאָצקים וואַלד אונטער מעזריטש. דאָס מאָל אין די קלאָרע פרימאָרגן שעהן, האָט זיך יאַנקעלע געפילט רוהיקער און זיכערער מיט אַנטאָנין. זיי האָבן זיך אין דער „לעשניצטוואָ" גיך אָפּגעפאַרטיקט און אַרויסקריגנדיק אַ באַגלויבונגס־פּאַפּיר איז מען גלייך געפאָרן אין „פּאָאָליאַווע בודע" צו הייסן דעם לעשניק אַרויסגעבן אַנטאָנין דאָס געהילץ.

דער לעשניק, אַן עלטערער, אין דער ברייט צעוואָקסענער פעטער פּאָליאַק, מיט אַן אַראָפּהענגנדיקן שווערן בויך און אַרויפגעשאַרצטע וואָנצעס, האָט באַטראַכט דעם דאָקומענט, זיי צוגעפירט צו אַן אויסגעהאַקט שטיקל וואַלד ווו עס זענען געווען צעשפּרייט צעטריקנטע, אָפּגערייניקטע סאָסנעס, און האָט שווער־סאָפּנדיק געזאָגט: „אָט אַ דאָ, זענען אייערע פּאַני קאַהאַנאָוואָ. ציילט זיי אָפּ און שרייבט אונטער דעם פולמאַכט פאַר אַנטאָנין זיי אָפּצונעמען". די מאַמע האָט געמאַכט איר צייכן און די זאַך איז געווען דערליידיקט.

דערווייל איז צוגעפאַלן דער אָוונט. און ס'איז נישט געווען קיין אַנדערע ברירה ווי נאָר צו פאַרפאָרן צו אַנטאָנין, וואָס איז געווען דאָס נאָענטסטע פונדאַנען אָרט. ווידער איז יאַנקעלע געווען פול מיט שרעק. און די דאָזיקע שרעק איז שוין פון אים נישט אָפּגעטראָטן, ביז ער האָט ביים צוריקפאָרן מיט דער מאַמען זיך נישט דערנענטערט צו די ביאַלער אונטער־שטאָטישע שליאַכן.

אַנטאָני איז געווען אַ מער פאַרמעגלעכער פּויער. זיין כאַטע איז שוין באַשטאַנען פון אַ באַזונדערן שלאָף צימער מיט בעט און שאַנק און באַזונדערע קיך. ער האָט נישט געהאַט קיין קינדער. האָט ער פאַר זיינע ביידע געסט אין קיך נאָענט צום פּעקעליק (קיך־אויוון) אויסגעשפּרייט צוויי פרישע בינטלעך שטרוי מיט צוויי פלאַכטעס פאַר צודעקן, און זאָגנדיק „דאָבראַ נאָץ", איז ער באַלד אינעם פריען אָוונט אַוועק צו זיין פּויערטע שלאָפן.

און דאָ ערשט האָט זיך אָנגעהויבן יאַנקעלעס שרעק־עבודה... זיי זענען ביידע געלעגן אויפֿן שטרוי נישט אויסגעטאָנענע מיט אָפֿענע אויגן. ער ווייסט נישט קלאָר וואָס זיין מאַמע האָט דאַן געטראַכט. נאָר ער, ווי איר זון און „שומר", איז געווען פֿול מיט ציטער און פּלאָטער. ער האָט אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צו געטאָן. פֿול מיט מוראדיקע פֿאַנטאַזיעס און אָנגעהערטע אמתדיקע גוישקע רציחות, האָט אים יעדער ריר און באַוועג פֿון אַנטאָנין מיט זיין פֿויערטע אין זייער צימער, ווי יעדער ריר און געקרעכץ פֿון זייער בעט, אויסגעוויזן אַז דאָס גרייט מען זיך אַזוי זיי ביידע אָוועקצו־הרגענען. צום ווינציקסטן גרייט זיך אַזוי אַנטאָני צו באַפֿאַלן זיין מאַמען די אשה...

און מיט וואָס וועט ער דער „שומר" זיי, צו אים זיך אַנטקעגנ־שטעלן? ווי אַזוי וועט ער די סכנה בייקומען? און די דאָזיקע ווילדע רעיונות האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט אַפֿילו שוין אינעם פֿינצטערן באַגינען ווען די פֿויערטע, אַנטאָנים ווייב, האָט זיך שוין גענומען פֿאַרען אַרום דער קיך און שטאַל.

די האַק וואָס זי האָט גענומען אויף צו שפּאַלטן אַ קינעלע אונטערצוצינדן די קיך, האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַז דאָס מיינט זי גאָרנישט די קיך, נאָר אים מיט דער מאַמען צו דערמאָרדן. אַפֿילו דעם נאַפֿט וואָס זי האָט גענומען אַריינגיסן אינעם לעמפּל, איז גאָר זיי צו באַגיסן און אונטערצינדן.

ערשט דאָס פֿולע קלאָרע מאָרגן־ליכט וואָס האָט גענומען אַריינ־שיינען אין די קליינע כאַטע־פֿענצטערלעך, האָט אים אַביסל באַפֿרייט פֿון זיינע ווילדע זעאונגען. און גאָר ערשט ווען אַנטאָני האָט זיי פֿאַרבעטן צום פֿרישטיק, צום ראַזאָוון ברויט מיט דער גרויסער שיסל גאַנצע קאַרטאָפֿל, האָט ער שוין אַ באַרוהיקטער און דערלייזטער, די פּאַסנע קאַרטאָפֿל געשלונגען מיט גרויס אַפּעטיט.

גלייך נאָך פֿרישטיק איז מען צוריקגעפֿאָרן אַהיים, איבער־לאָזנדיק פֿאַר אַנטאָנין די אַרבעט פֿון ברענגען די קלעצער. ערשט אַהיים קומענדיק, האָט זיך יאַנקעלע דערפֿילט אינגאַנצן אָן אויסגע־לייזטער. אויסגעלייזט און פֿריי פֿון פּחד און פֿונעם פּיין פֿון זיין „שמירה"...

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

## יאַנקעלעס שווערע קראַנקהייט

פּטור געוואָרן פון די ירידים און אויך פריער פון דער קראָם וועלכע די אונטערגעוואַקסענע מרים האָט ווי פריער הדם איבערגענומען, האָט ער זיך אַצינד מער אָפּגעגעבן מיט דער רעוויזיאָניסטישער אָר־גאַניזאַציע, ווי מיטן בית״ר. ער איז נישט נאָר געווען איר פאָרזיצער און ראש הקן, נאָר ער האָט יעדן טאָג דעם לאָקאַל דער ערשטער געעפנט און אים דער לעצטער פאַרמאַכט. האָט אָנגעפירט מיט דער פאַרוואַלטונג, מיט די אויספלוגן, לעקציעס און שמועסן.

די פאַרוואַלטונג אַליין איז אין דער צייט נישט געווען צו אַקטיוו. די אַקטיוויוסטע זענען געווען יעקב באָרענשטיין און חיה אורמאַכער די ראש הקבוצה פון דער קבוצה דרכליה, אַ חוץ געוויסע חברות אין זייער קבוצה-אַרבעט. יאַנקעלע באָרענשטיין ווי יאַנקעלעס פאַרטרעטער, אַ דאַרער, דראַבניקער בחור מיט שוין דאַן גראָבע גלעזער אויף זיינע פאַראָסטע אויגן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַשטילער, ערנסטער בחור, איז טאַקע געווען אַקטיוו און ערנסט אין זיין אַרבעט, נאָר ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, גאָרנישט אַזוי שטיל און צופרידענער...

ער האָט בזעיר-אַנפּין געהערט צו יענע טיפּן, וואָס אַזוי קענען זיי קיין פליג אויף דער וואַנט נישט טשעפּן. נאָר פאַרזוכן זיי אָבער דעם טעם פון אַ קאַפּיטשקע מאַכט, אַזוי ווערן זיי גלייך פאַרשיכורט און הייבן אָן פאַלן אין זייער מדרגה. — און גאָר ביי אַ טייל דערגייט עס ביז צו פאַרדאָרבנקייט. און נישט איינעם אַזאַ האָט יאַנקעלע אָנגעטראָפן אויף זיין לעבנס-וועג.

ווען מ. ו. פייגענבוים האָט אָנגעהויבן צוזאַמענשטעלן דעם „ספר בילה פודלאסקה", האָט ער זיך געווענדעט צו יאַנקעלען ער זאָל שרייבן די געשיכטע פון דער ביאַלער רעוויזיאָניסטישער אָרג. יאַנקעלע האָט איר אַמער אַרומנעמנדיקע אָנגעשריבן. ער האָט געגעבן דעם אונטערגרונט און די מאָטיוון פון איר אַנטשטייונג. אויף דעם האָט ער פון אים געקריגן אַבריוו, אַז ער וועט איר נישט דרוקן ווייל זי איז צו טעאָרעטיש-אַבסטראַקט. ער פליט אין די הימלען. ער וועט איר געבן באָרענשטיינען צו שרייבן.

נו, האָט יאַנקעלע געטראַכט, זאָל זיין באָרענשטיין. סוף כל סוף איז ער דאָך מיט דער ביאַלער אָרגאַניזאַציע געווען לענגער ווי ער וואָס האָט איר צוליב זיין אָפּפאָרן קיין ביאַליסטאָק אין 1929

פּאַרלאַזט. ווען אָבער דער „ספר בילה" איז פאַרטיק געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן לייענען י. באַרענשטיינס „די רעוויזיאָניסטישע אָרגאַניזאַציע", האָט ער נישט געוווסט פון וואָס פריער צו וווּנדערן זיך. צו פון באַרענשטיינס „שכחה" וואָס האָט נישט געקענט געפונען קיין. גרינדער, קיין פאַרזיצער, קיין ראש הקן פאַר דער גאַנצער צייט ביז 1929, צו פון פייגענבוימען אַליין וואָס האָט באמת אַריינגעלעגט אַזויפיל אַרבעט, מי און מאַטער אינעם „ספר בילה פּודלאַסקה", נאָר וואָס האָט נישט געזען די אויגן-רייסנדיקע סתירה צווישן באַרענשטיינס באַשרייבונג (ז' 198) און דער לעבנס-ביאָגראַפיע פון יעקב כהן אינעם זעלבן „ספר בילה" (ז"ז 62—361), ווו עס ווערט קלאָר געזאָגט ווער עס האָט געגרינדעט די רעוויזיאָניסטישע און בית"ר אָרג. אין ביאַלע, און ווער עס איז געווען זייער פאַרזיצער און מיטגליד פון אַל-פּוילישן רעוויזיאָניסטישן ראַט. עס זענען נאָך געווען אַנדערע געשיכ-טעס מיט י. באַרענשטיין, נאָר דאָס געהער שוין צו אַ שפּעטערן פּעריאָד. צום קאַפּיטל ביאַליסטאָק, וואָס ווערט האָפענטלעך נאָך קומען.

יאַנקעלעס טעטיקייט האָט זיך פאַרשטאַרקט, פאַרצווייגט, אַזוי, אַז אויך די אַלג.-ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך מיט אים געמוזט רעכענען. בפרט ווען ער איז שוין געווען אַ מיטגליד פון אַלפּוילישן רעוויזיאָניסטישן פּאַרטיי-ראַט. האָט זי אים אָנגעהויבן צוציען צו בשותפותדיקע אַקציעס. און ביי איינער אַזאַ וואַל-קאַמפּאַניע צום פּוילישן סיים ווען זי האָט באַשלאָסן אַראָפּצוברענגען דעם ביאַלער בן עיר אַדוואָקאַט אַפּאָלינאַרי האַרטגלאַס, האָט זי אין דער דעלעגאַציע אויפצונעמען האַרטגלאַסן אויך אים באַשטימט.

ס'איז געווען אין די לעצטע יאָרן פון זיין זיין אין ביאַלע און אין איינער אַ ווינטערדיקער קאַלטער נאַכט (1927) ווען צוריק קערנ-דיק זיך פונעם קבלת פנים לטובת האַרטגלאַסן, איז ער פאַרביי-גייענדיק אַ וואַסער-פּאָמפּע (אַנטקעגן מעוועס הויז) וועלכע ער האָט נישט באַמערקט אַז זי איז אינגאַנצן פאַרדעקט מיט אייז. און פאַר-קלערט און פאַרטראַכט, איז ער מיט זיין גאַנצער קראַפט אויף איר אַרויף. דאָס אייז האָט זיך איינגעבראָכן, און זיינע פיס זענען ביז די קני אַריין אין דער געפרוירענער וואַסער-קאַליוזשע. און אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן...

ווען ער האָט אַהיימקומענדיק זיך געלעגט אין בעט, האָט ער באַלד דערפילט אַ שטאָך אין דער רעכטער זייט פּלייצע, וועלכן ער האָט לכתחילה אין זיין בחורעשער האָפערדיקייט מבטל געמאַכט. אין דער פרי אָבער איז שוין דער ווייטיק געוואָרן שטאַרקער און

ער האָט שוין ווי אַ שווער ליגנדיקער קליאַנט זיך נישט געקענט אריר טאָן פון אָרט.

די מאַמע האָט דערזען זיין אומבאַהאָלפנקייט. און נאָכן דער־וויסן זיך וואָס איז איז, האָט זי באַלד גערופן דעם ד״ר געלבאָרד פונעם יידישן שפּיטאָל, יאַנקעלעס פריערדיקן בעל הבית. ד״ר געל־באָרד האָט אים באַטראַכט, האָט אויסגעהערט זיין האַרץ און לונגען און האָט פעסטגעשטעלט אַז ס׳איז אַ לונגען־אַנצינדונג אויף דער רעכטער זייט.

ער האָט פאַרשריבן אַרעצעפּט און געזאָגט אַז ס׳איז אַ לייכטע לונגען־אַנצינדונג וואָס וועט אין אַפּאָר טעג אַריבער. אין טעג אַרום האָט מען אים ווידער גערופן. און ער האָט אין הסכם מיט זיין פריער־דיקן דיאַגנאָז פעסטגעשטעלט: אַז אַט איז זי טאַקע שוין אַריבער און מען מעג אים שוין געבן עסן.

נאָר די קראַנקהייט אַליין, באַזונדער דער חולה, האָט אַנדערש געפּילט. אַנשטאָט בלויז אויף דער רעכטער זייט, האָט זיך די אַנצינ־דונג פאַרשפּרייט אויך אויף דער לינקער. און יאַנקעלע האָט שוין די ווייטיקן געפּילט אויף ביידע זייטן לונגען וואָס האָבן אים נישט געלאָזט זיך באַוועגן און איבערדרייען.

האָט שוין די מאַמע גערופן אַ צווייטן דאָקטאָר. דעם נישט־יידישן מעזריטשער דאָקטאָר פונעם קריסטלעכן שפּיטאָל. און ער האָט שוין פעסטגעשטעלט דעם ביטערן אמת נאָך מיט אַן עודף. — יאָ, נישט קיין גרינגע אַנצינדונג איז עס, נאָר דווקא אַ שווערע וואָס וועט לאַנג דויערן און אויף ביידע זייטן. ער האָט פאַרשריבן אַריי מיטלען, און האָט פאַראָרדנט מען זאָל אים תיכף איבערטראָגן אין דער גרויסער סאַליע, וווּ זיין קראַנקער טאַטע איז פריער געלעגן און געשטאָרבן. און די צייט פון פּיין האָט זיך ערשט פאַר יאַנקעלען אָנגעהויבן.

ס׳איז שוין ביי אים נישט געווען די ערשטע קראַנקהייט און די ערשטע לונגען־אַנצינדונג. נאָר דאָן איז ער געווען יונגער, זי איז נישט געווען אַזאַ שווערע און דער טאַטע מיטן גרויסן בייטל — האָט נאָך געלעבט. אַצינד אָבער ביי דער מאַמעס לאַגע, — ווו וועט זי נעמען די מיטלען אים אַרויסצושלעפּן פון דער צרה? און אין שפּיטאָל לאָזט זי אים נישט נעמען, בפרט נאָך דער גוואַלדאַוונער מבינות פון ד״ר געלבאָרד, דעם הויפּט־דאָקטאָר פונעם יידישן שפּיטאָל.

די טעג זענען געלאָפן און מיט זיי דעם דאָקטאָרס וויזיטן. די קראַנקהייט האָט זיך פאַרשטאַרקט. ער האָט באַקומען הויכע היץ

און ער האָט שוין נישט געקענט אָטעמען. און נאָך ערגער ווי דאָס אָטעמען איז פאַר אים געווען דאָס וועלן הוסטן. האָט ער געפּרוווּט אָפּהוּסטן, אַזוי האָט ער געפילט ווי די לונגען רייסן זיך פון אים אָפּ און ער ווערט צעפּלאַצט ווי אַ באַלון. און די שטיקעניש און דער דראַנג צו הוסטן איז געווען גרויס.

דער מעזריטשער דאָקטאָר האָט געאַרבעט מעשים. ער האָט זיך באַנוצט מיט אַזעלכע תחבולות וואָס איז אין יענער צייט (1927) בפרט אין די קלענערע שטעט פון פוילן נאָך געווען אַ נייעס. אויף זיין אָנווייז האָט מען געבראַכט פון וואַרשע אַ גומענעם באַלון מיט זויער־שטאָף פאַרן קראַנקן צו אָטעמען, מיט וואָס מען האָט זיך אין די ביאַלער שפּיטעלער נאָך נישט געהאַט באַנוצט.

די לאַגע איז געוואָרן ערנסט. מען האָט אים שוין באַטראַכט פאַר אַ חולה מסוכן וואָס איז מער אויף יענער זייט... דער דאָקטאָר איז שוין געקומען יעדן טאָג און די מאַמע איז געוואָרן מיד און ליידיק... נאָר דאָ זענען אים זיינע חברים געקומען צו הילף. זאָלן זיי דאָ דערמאָנט ווערן לטובה, בפרט ווען דער גרעסטער טייל פון זיי איז שוין נישטאָ צווישן די לעבעדיקע, ווען די דייטשע האַק האָט צוזאַמען מיט די זעקס מיליאָן יידן פאַרשניטן. און זאָל דאָס אויך זיין ווי אַ ביישפּיל און לערנונג פון דער יידישער מזרח־אייראָפּעישער האַרציקייט און חברישער איבערגעגעבנקייט.

בעת זיין קראַנקייט האָט יאַנקעלע פון זיינע חברימס גרויסער הילף נישט געוווּסט. ווי ער האָט בכלל נישט געוווּסט וואָס עס גייט אָן אַרום און אויסער אים. כאָטש ער איז ביזן לעצטן מאָמענט, ביזן קריזיס־איבערברוך, געווען אין פולן באַוווּסטזיין. ער האָט אָבער גע־קענט זיין לאַגע — און האָט זיך אָן מורא צו זיין סוף געגרייט. געגרייט מיטן גאַנצן אויסרעכן און גלייכגילט — צו ווערן אויסגע־לייזט פון זיין פּיין און אַוועקגיין פונעם עולם השקר.

ער איז אָבער אין זיינע לעצטע שווערע טעג פאַרט געווען פאַרנומען מיט זיך. און האָט אַ חוץ אָנזאָגן זיין נאָענטן חבר שמיליע פישמאַן וועגן געוויסע זאַכן, זיך מיט די איבריקע ענינים פון זיין קראַנקייט נישט אינטערעסירט. הגם ער האָט זיך געוווּנדערט, שטאַרק געוווּנדערט, פונוואַנען די מאַמע נעמט דאָס געלט אים צו היילן.

באַזוכער זענען געקומען און געגאַנגען. און נישט נאָר האָבן אים קרובים, פריינט און חברים באַזוכט, מבקר חולה געווען, נאָר עס האָבן אים באַזוכט מענטשן וועלכע ער האָט אינגאַנצן נישט געקענט, מיט וועמען ער האָט קיינמאָל קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. בפרט

האבן אים אַט די מענטשן געזונטערהייט מיט קיין זאַך נישט גע־פרוווט העלפן, מיט עפּעס גרינגער מאַכן זיין לאַגע. ער האָט זיך אין אָט די טעג געפילט ווי אויף אַ טומלדיקן יריד, הגם אויף נישט קיין גאַר פריילעכן...

די חברים האָבן זיך ביי אים לענגער פאַרהאַלטן. אַ טייל פון זיי האָבן אים באַדינט און ביי אים געגעכטיקט. אַזוי האָט דער איידע־לער ברוך האָפער וואָס האָט ווי אַ פאַרנומענער פאַרמאַציסט אין דער איינציקער פּוילישער שטאָט־אַפּטייק, אים אָפּגעגעבן זיינע גע־בליבענע פרייע נעכט. חייקע אורמאַכער וואָס האָט ווי נישט קיין פּראָפעסיאָנעלע שוועסטער צוליב אים געבראַכן דעם דאָן אַנגענומע־נעם שטייגער. שמיליע פישמאַן און יצחק גאָלדבערג וואָס זענען געווען די הויפּט־זאָרגער פאַר אויסטראָגן אים אין זיין ענגעניש...

ישראַלקע גאָלדשטיין זיין קרוב און שאַרפסטער באַשולדיקער אויפן פּראָצעס פון דער ביאַלער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, י. באַ־רענשטיין, לייבל ביאַלער, משה לייבזאָן, באַלטשע און יצחק פישזיץ, אסתר און וואָלף גאָלדשטיין, רחל און ישראל ביאַלער און אַ ריי אַנדערע מיט מ. לייבזאָנס מאַמע וואָס האָבן זיך אַזוי אינטערעסירט מיט זיין געזונט ווערן.

ער האָט גאַרנישט געוווּסט ווי פּאָפּולער ער איז אין שטאָט. זיין קראַנקייט האָט אַלעמען אויפגערודערט. יעדער איינער, פריינט צי פיינט, האָט זיך מיט אים אינטערעסירט. ס'קען זיין אַז דאָס איז געווען די יידישע האַרציקייט, דער יידישער רחמנות. די טראַגיק פון אַ משפּחה וועמענס פאָטער איז געשטאָרבן צו 36 יאָר און וועמענס זון איז אַצינד אין געפאַר צו ווערן פאַרשניטן צו זיבן און צוואַנציק. ער האָט אָבער מיט דער הילף פון די חברים פאַרט געשאַפן צוויי נייע אָרגאַניזאַציעס און זיי געשלעפּט אויף זיינע פּלייצעס. און דער עיקר, ער האָט אַריינגעצויגן אינעם נאַציאָנאַלן ווירקנדיקן לעבן, אַ נייע צאָל חברים און יוגנטלעכע.

ס'איז שוין געווען דער זיבעצנטער טאָג פון זיין קראַנקייט. דער חולה איז געלעגן מיט גליענדיקע אויגן מיט דער העכסטער טעמפּעראַטור, און איז געווען שטאַרק פאַרטאָן מיט זיך. אויסגעטאָן פון דער וועלט, ווי פונעם אייגענעם גוף, האָט די הערשאַפט איבער אים איבערגענומען דער גייסט, די ריינע מחשבה. ער האָט אין זיין ענגעניש, אָבער אין פולער קלאָרקייט — מעדיטירט וועגן לעבן און טויט. זיי באַטראַכט פונעם שטאַנדפּונקט פון לעבן (אַנדערש קען גאַרנישט זיין) — און זיי געוווינן אויף דער וואָגשאָל פון לעבן...

און איז געקומען צום אויספּיר אַז געגוג מיטן לעבן. „תכלה אַ לעבן וקללותיה" (פאַרענדיקט זאָל ווערן דאָס לעבן מיט אירע קללות).

„צו וואָס זיך ווייטער פּייניקן און מוטשען מיט פיזישע און גייסטיקע יסורים, מיט ווייטיקן און ספקות, צאַפּל און שרעק, איינ־רעדענישן און אָפּגענאַרטע האָפענונגען. אַנשטעל און שקר פּילט אויס גאָר דאָס לעבן. און אָט איז אַ געלעגנהייט פון דעם אַלץ פּטור צו ווערן. נעם עס גרינג און גיי אַוועק מיט אַ סטאָישער רוהיקייט, ווי עס וואָלט גאָר קיינמאָל אויף דער וועלט קיין לעבן נישט געווען. געגוג מיט גאָר דעם פּחד און לעבנס־טעראָר — צי ער קומט פון די הימלען, צי פון די מענטשן.

און וואָס איז דען דער טויט? האָט עס דען עפּעס אַ ממשות? ניין, ס'איז בלויז אַ צושטאַנד פון אויפהערן. אָן אויפהערן צו אָטעמען, זיך באַוועגן, צו זיין. — דער עיקר, צו ליידן, צו קרעכצן און זאָרגן. אָן אַריינשווים אינעם ים פון נישט, פון נישט־זיין... אַ נישט־זיין, ווו קיין „איך" איז מער נישט בנמצא".

אָפּגעמאַכט און באַשלאָסן, האָט זיך אין אים געגומען אויפ־מישן די בלעטער פון זיין לעבן. אָט איז ער אַ קינד ווו מען לאַשטשעט און מען צערטלט אים. זיין יעדער מינדסטער שמייכל רופט אַרויס אַ קוואַל פון פרייד ביי זיינע עלטערן. אָט ווערט אַביסל שפּעטער זיין יעדער געפּלאַפּל אויפגענומען ווי די גרעסטע חכמה. ער איז שוין אין חדר, ווו זיינע עלטערן פרייען זיך אַזוי און טרייבן איבער מיט זיין ביסל קענען. און אָט הויבן זיך אָן די צרות פון זיינע קראַנקייטן וואָס פאַרשאַפן אים און זיינע עלטערן אַזוי פיל פּיין און צער.

און אָט ווידער פרייד און נחת פון זיין בר מצוה און גלייך נאָך דעם דער טויט פונעם טאַטן וואָס האָט ווי אַ פינצטערע נאַכט פאַרדעקט אַלע פריערדיקע זוניקע אויפשיינען. אַזוי כסדר אַרויפן און אַראָפּן — אין זיין פריען לעבן ווי אין זיין שפּעטערדיקן בחורעשן. ווי בכלל אין זיין לעבן. און פאַר יעדן אַרויף, פאַר יעדן ביסל פרייד, אַ באַרג מיט טרויער. פאַר יעדן טראָפּן הנאה, אַ ים מיט צער. ווי עפּעס אַ ווויסטער לץ וואָלט זיך מיט אים געררייצט און געשפּילט אין זיין קאַץ און מויז־שפּיל נאָך ליידן און פּיין... אַצינד אָבער קומט דער סוף פון אָט דער גאַנצער בייזער שפּיל.

ס'איז געקומען דער אָוונט. די שווערסטע צייט פאַר אַ קראַנקן. פאַרוואָס איז עס אַזוי? ער האָט נישט געוווסט. דער חולה האָט געפילט אַז „היום הרת עולם". די היינטיקע נאַכט איז אַ דעציזירנ־דיקע. ער האָט צוגערופן פישמאַנען און אים אָנגעוויזן, אַז אינעם

רעכטן שופליאַד פון טיש געפינט זיך געלט פון דער אָרגאַניזאַציע. זאָל ער בכן ווען די צייט וועט קומען, דאָס איבערגעבן באַרענשטיינען. שמיליע האָט אים אויסגעהערט מיט פאַרטרערטע אויגן און האָט גאָרנישט געזאָגט.

ישראלקע גאָלדשטיין איז צוגעקומען צו זיין בעט און אים נעפרעגט וואָס ער מאַכט. ישראלקע האָט זיך צוליב זיין ראָליע אויפן ציוניסטישן פּראָצעס לגבי אים ווי געפילט אַביסל שולדיק. האָט ער דאָס אַצינד געוואָלט פאַריכטן מיט גוטסקייט. „וואָס איך מאַך?״ האָט דער קראַנקער געזאָגט, „איך מאַך היינט אינגאַנצן אָוועק״... „וואָס רעדסטו יאַנקעלע? זיי נישט אַזוי פאַריאושט. וועסט נאָך טאַנצן אויף מיין חתונה״, האָט אים ישראלקע געטרייסט.

ס׳האָט דעם חולה אָנגעכאַפּט אַ שטיקעניש און אַ שטאַרקער דאָרשט. אויפן טיש לעבן אים איז געשטאַנען אַ סיפאָן סאָדע וואַסער, וואָס דער דאָקטאָר האָט אים היינט פאַרבאָטן צו טרינקען. ער האָט אָבער שטאַרק געגלוסט נאָך די וואַסער. האָט ער ישראלקען געבעטן אים צו דערלאַנגען אַביסל וואַסער. ישראלקע האָט ווי ער וואָלט אָפּ־געטאָן אַ שרעקלעכע זאַך, זיך שטאַרק אַרומגעקוקט צי קיינער זעט נישט, און אים אַביסל וואַסער געגעבן. ער האָט נישט געקענט בייַ־שטיין דעם חולהס בעטן. און דער חולה האָט זיך מיטן ביסל דער־קוויקט, ער האָט מיט דעם געהאַט זיין חיי רגע...

ביי דער טיר איז געשטאַנען ווי אַ פאַרשעמטע חייקע אור־מאַכער און דער שוואָגער איטשע פריינד וואָס האָבן די לעצטע נאַכט צוזאַמען מיט ברוך האָפער ביי אים גענעכטיקט. הדס מיט דער מאַמען זענען אריין און אַרויס, ווי זיי וואָלטן זיך גרייטן צו עפּעס. די מאַמע האָט זיך דעם לעצטן טאָג פאַר אים נישט געוויזן, ווי זי וואָלט געווען פאַרנומען מיט עפּעס.

אוודאי האָט ער פאַרשטאַנען אַז דאָס איז זי פאַרנומען צוליב אים און נאָר ווענן אים. ער האָט גאָר אַנדערש נישט געטראַכט. נאָר מיט וואָס אַזוינס זי איז פאַרנומען, וואָס פאַר אַ פרישע געזונט־פאַרשווערונג זי האָט פאַר אים צוגעגרייט, דאָס האָט ער נישט געוווּסט.

מען האָט זיך מיט אים נישט באַראַטן און אים נישט געזאָגט וואָס מען גייט טאָן. זינט די קראַנקייט האָט זיך פאַרערגערט, בפרט אין די לעצטע טעג, האָט מען בכלל צו אים נישט צוגעלאָזט קיין שום ידיעה ווענן און אַרום דער קראַנקייט. „וואָרום וואָס דאַרף ער דאָס וויסן און זיך נאָך איבריק מצער זיין, עס זאָל אים נאָך ווערן

ערגער? סיי ווי טוט מען וואָס מען קען און נאָך מער ווי מ׳קען. גאָט זאָל נאָר העלפֿן״.

נאָר באַלד ווי די מאַמע מיט הדסן זענען פֿון אים אַרויס האָט ער דערהערט אַ פֿאַרשטיקטן געוויין פֿון קיך, וואָס האָט טראַץ זיין פֿאַרטראַגנקייט אים דערמאָנט אין זיין לאַגע. און ער האָט נישט אַזוי רחמנות געהאַט אויף זיך, וואָרום ער האָט דאָך וועגן זיך שוין אָפּ־געמאַכט, באַשלאָסן — נאָר אַ רחמנות איז אים גאָר געוואָרן אויף דער מאַמען, די שוועסטער און קליינעם ברודער. ער איז זיי ווי די אַנדערע אַ שאָד און ער וועט זיי אויספֿעלן. איז אפֿשר דאַרף מען גאָר צוליב זיי לעבן?... כאָטש זייערע ליידן וועגן אים זענען נישט די זעלבע ווי זיינע אייגענע...

משה לייבזאָנס מאַמע איז צו אים אַריין. זי האָט אויף אים אַ וואָרף געטאָן אַ פֿאַרטרוילעכן בליק און איז גלייך אַוועק צו דער מאַמען אין קיך. נאָך איר איז צווישן אַנדערע אַריין זיינער אַ שכן, אַ ווייטער קרוב און חברה קדישא־מאַן. יאַנקעלע האָט נאָך צוליב זיין טאַטן געהאַט אַ הארץ אויף דער חברה, צוליבן איילן זיך מיט זיין רעכט... איז דעריבער ווי נאָר דער חולה האָט אים דערזען, אַזוי האָט ער מיט זיין גאַנצן שארית הכוח זיך אַ בייזער געטאָן: „וואָס, איר זענט מיר שוין געקומען נעמען?״... „וואָס רעדסטו, יאַנקעלע? איך בין דיינער אַ קרוב און בין דיר געקומען מבקר חולה זיין״.

אין דעם מאָמענט האָט זיך פֿון ערגעץ ווו אַן אַמביציעזער לעבנס־כוח אין אים אָפּגערופֿן און געזאָגט: „ניין, וועסט נישט זיין זיין געפֿאַנג. לאָז אָפּ דעם אָפּמאַך דיינעם, נאָר בעסער שטאַרק זיך און לעב. לעב פֿאַר זיך און פֿאַר אַנדערע. שטאַרבן וועסטו קיינמאָל נישט פֿאַרזאַמען. בפֿרט ווען דו ביזט נאָך אַזוי יונג״.

ס׳האָט נישט לאַנג גענומען ווי די גאַנצע פֿאַרעניש און סודות־דיקייט פֿונעם טאָג האָט זיך אים אויפֿגעקלערט. די מאַמע מיט די שוועסטער און אירע נשים זענען דעם טאָג געווען אויפֿן פֿעלד. האָבן איינגעריסן און האָבן גאָר זייער געקלאָג אויסגעקלאָגט פֿאַר די מצבות פֿון זייערע נאָענטע און היימישע. אַ חוץ וואָס זיי האָבן נאָך זייער געיאָמער אַריינגעיאָמערט אין די ארון קודשן פֿון די שטיבלעך און די בתי מדרשים.

דאָס האָט געדאַרפֿט זיין די גרויסע הכנה צום לעצטן קאָנ־סאַליום מיטן וואַרשעווער ספּעציאַליסט־פּראָפֿעסאָר. „זאָל דער רופֿא חולים אין זיי אַריינגעבן די ריכטיקע עצה, און דורך זיי שיקן פֿאַרן חולה די אמתע רפֿואה שלימה אמן ואמן״...

די שעהן האָבן זיך אין דעם אוונט געדוקט, ווי געאײַלט זיך. באַלטשע מיט אסתרן האָבן זיך באַוויזן. זיי האָבן אַ גלאַנץ געטאָן פאַר זיינע אויגן מיט זייערע קאַראַקולענע מאַנטלען און זענען אַרויס. ווי זיי וואָלטן וועלן וויסן צי דער חולה האָט נאָך אין זיך אַ לעבעדיקן אָטעם. וואָלט ער נישט געווען אַזוי פאַרשמאַכט (הגם אין פולן באַ־וווסטזיין) און וואָלט ער נישט מורא געהאַט פאַר זיינע קראַנקע לונגען — וואָלט ער אַרויסגעפּלאַצט אין אַ גרויס געלעכטער פון אָט דעם נייעם סאָרט קראַנקן־אויסשפּיר, הגם מיט די בעסטע פאַר אים כוונות.

גלייך נאָך זייער אַוועקגיין האָט ער דערהערט עפּעס ווי אַ קלאַפּן פון אייזן אויף די שטיינער פונעם ברוק וואָס איז געוואָרן אַלע מאָל שטאַרקער. ער האָט זיך נישט געקענט קלאָר מאַכן צי הערט ער דאָס ווירקלעך, צי עס דאַכט זיך אים נאָר אַזוי אויס. ער האָט אָבער לאַנג וועגן דעם נישט גענדאַרפט טראַכטן. ווייל באַלד האָט זיך די דראָשקע לעבן טויער פון הויז אָפּגעשטעלט, און אין קראַנקן־צימער איז אַריין אַ צעוואָקסענער הויכער מאַן מיט ברייטע וואָנצעס אָנגעטאָן אין אַ רייכן פוטער, וועמען עס האָט מיט חשיבות באַגלייט דער מעזריטשער דאָקטאָר מיט דער מאַמען און באַלטשען. און דער קאָנסאָליום האָט זיך אָנגעהויבן.

### קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

## דער קאָנסאָליום

דער פּראָפעסאָר האָט יאַנקעלען גוט באַטראַכט. ער האָט צוגעלעגט אַ גלאַנציק געל רערל צו זיינע לונגען און האַרץ, אים אַריינ־געקוקט אין די אויגן און באַטאַפּט דעם פולס. באַלד האָבן ביידע דאָקטוירים אָנגעהויבן צו פירן אַ דיסקרעטן געשפּרעך אויף לאַטיין. קיינער האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען וואָס זיי האָבן גערעדט. נאָר אין זייערע אָנגעשטרענגטע פּנימער האָט מען סיידוי דערקענט די ערנסטקייט פון דער לאַגע.

די מאַמע אונטערדריקנדיק איר געוויין נישט צו דערשרעקן דעם קראַנקן, איז צו זיי צו און האָט זיי אויף איר פּויליש — געפרעגט ווי עס זעט אויס די לאַגע פונעם חולה און וואָס מען דאַרף טאָן אים צו ראַטעווען.

— „נישטאָ מער וואָס צו טאָן „פּאַני קאָהאַנאָוואַ". די לאַגע איז זייער אַ קריטישע. מען מוז וואַרטן דער קריזיס זאָל ברעכן. אויב דעם קראַנקנס האַרץ וועט אויסהאַלטן, וועט ער אַרויס פון דער צרה.

פאַר די פּיאַווקעס. און די פּיאַווקעס האָבן מיט אַ באַזונדערע הנאה געזויגן דעם קראַנקנס שוואַרץ פאַרגליווערט בלוט.

זאַוועלע איז אַוועק. און דער קראַנקער נאָך מער אָפּגעשוואַכט פון די באַנקעס, איז גלייך נאָך דעם אַריינגעפאַלן אין אַ שווערן שלאָף. דער שלאָף אַשווערער און אַ פולער, ווייל אַן איבעררייס, איז פאַר אים געווען אַן אויסלייזנדיקער, אַ קריזיס־ברעכנדיקער. אָפּגעטאָן און אויסגעטאָן פון זיך, ווי פון גאָר דער ערדישקייט, — איז ער אַריין אין אַן אַנדערער וועלט, אין דער וועלט פון שלאָף. אַ וועלט, וווּ נישט דאָס אויג זעט און דער אויער הערט, און דאָך אַנטפּלעקן זיך פאַרן מענטש זעונגען און פאַרשטעלונגען ווי אויף דער רעאַלער ערד...

ער האָט נישט געוווּסט וואָס ס׳איז מיט אים אין שלאָף פאַר־געקומען פאַר דער לעצטער זעונג. נאָר אָט די לעצטע זעונג נאָך וועלכער ער האָט זיך תיכף אויפגעכאַפּט און זיך דערפילט דער־לייכטערט ווי באַפרייט פון אַ שווערער דריקנדיקער משא, — האָט ער קלאָר געוווּסט און געדענקט. און נישט נאָר האָט ער קלאָר דעם חלום געוווּסט און געדענקט, נאָר ער איז געווען די סיבה פון זיין אויפכאַפּן זיך, און פון זיין אויסלייזנדיקער היילנדיקער גרינגקייט. ס׳איז געווען אין די מאָרגן־שעהן פון זיין לעצטער קריזיס־נאַכט. פון דער זיבעצנטער נאַכט פון זיין קראַנקהייט. אַלע האָבן געוווּסט אַז די נאַכט איז פאַר אים אַ דעצידירנדיקע, אַ גורלדיקע, אַ „לחיים אָדער אַ למותדיקע״ (צום לעבן אָדער שטאַרבן). מחמת אין אַ טעמפּע־ראַטור פון איבער פערציק קען מען לאַנג נישט אַנציען.

האָט זיך אים אין אָט די באַגינענדיקע מאָרגן־שעהן געחלומט אַז ער איז געשטאָרבן. און אָט טראָגט מען אים אויפן בית עולם ווו מען שטעלט אַוועק די מיטה לעבן זיין אויסגעגראָבענעם קבר. נאָר ווי נאָר מען וויל אים אַרויסנעמען פון דער מיטה און אַריינלעגן אינעם צוגעגרייטן קבר, באַווייזט זיך זיין זיידע און באָבע און שרייען: „וואָס האָט איר אים אַהער געבראַכט. נעמט אים צו פון דאַנען. דאָ איז נישט זיין אָרט״...

ער האָט זיינע זיידעס און באָבעס נישט געקענט. ער האָט נאָר געקענט איין באָבע אידעס דעם טאַטנס מאַמע. נאָר ווי די מאַמע האָט אים אירע עלטערן פאַרגעשטעלט און ווי עס האָט אים אויסגעזען אין חלום, זענען דאָס געווען דער מאַמעס עלטערן. און „ויקץ יעקב״. גלייך האָט זיך דער קראַנקער אויפגעכאַפּט אַ פּיטש־נאַסער, איינגאַנצן אַן אויסגעווייקטער.

די דיזשורנעס וואָס האָבן ביי אים די נאַכט גענעכטיקט האָבן

מיט דער מאַמען געפּרוווט צו אים צוגיין. נאָר נאָך איידער זיי זענען צוגעקומען, איז לעבן אים אויסגעוואַקסן לייבזאָנס מאַמע. זי האָט אָפּגעדעקט זיינע פיס, זיי באַרירט, און פריידיק אויסגערופן צו דער מאַמען: „אַלטע, ער שוויצט, איז פּיטש־נאַס; און אויס קריזיס. און זאָל שוין מער ביי יידן קיין צרות נישט זיין. טו אים גלייך איבער, און אַז ער וועט אינגאַנצן געזונט ווערן, מאַך אים גלייך חתונה".

פון איר באַרירן זיינע פיס האָט זיך דער קראַנקער פאַרוויטלט. אויך די חסידישע מאַמע האָט זיך פון דעם פאַרשעמט. ס'איז אָבער אַצינד נישט געווען קיין צייט פאַר קיין צעפּרומטער בושה און איבערי־קער צניעות... מען האָט אים געביטן די וועש און די בשורה פון ברעכן דעם קריזיס האָט זיך גלייך צעטראָגן איבערן שטאָט.

די וויטיקן און דריקענישן זענען פונעם קראַנקן אַוועק. ער האָט זיך דערפילט דערלייכטערט און די היץ האָט ביסלעכווייז פון אים גענומען אָפּטרעטן. אַלע זענען געווען צופרידן ווי באַטייליקטע אין איין בשותפותדיקן גורל. צעפּרומטע ווייבער האָבן אַצינד גענומען שטראָמען אין הויז צו ווינשן דער מאַמען גליק און איר אָנזאָגן, למען השם אים חתונה צו מאַכן. ווי דאָס נישט חתונה האָבן וואָלט געווען די סיבה פון זיין שווערער קראַנקהייט.

יאַנקעלע האָט דער מאַמען דערציילט דעם חלום. זאָל זי אַ גלויביקע אין חלומות און אין זכות אָבות, באַזונדער נאָך אַזופיל אדורכגעמאַכטן פּיין, — אויך האָבן אַביסל פרייד. און די מאַמע דער־הערנדיק דאָס, האָט פאַרכליניענדיק זיך אויסגערופן: „אוי, זכות אָבות, זכות אָבות. זעסט ווי זיי האָבן זיך פאַר דיר געמיט. מיינע געוויינען זענען דאָס מאָל נישט געווען אומזיסט. זיי זענען געווען אָנגעלעגט. אַ דאַנק דעם נישט געוואַשן די הענט — וואָס זיצט אויבן... און איך זאָל שוין פון דיר ווי פון אַלע אונדזערע מער קיין צרות נישט האָבן, אָמן סלה...

זי איז אַ צינד אַ צעפריידטע, אַ צעקוועלטע, אַוועקגעלאָפן רופן דעם דאָקטאָר. זאָל ער זאָגן וואָס אים צו געבן עסן מיט וואָס אים צו שטאַרקן. די סכנה איז שוין טאַקע אריבער, ער איז דאָך אָבער שוואַך ווי אַ קינד און מען דאַרף אים צוריקשטעלן אויף די פיס.

דער מעזריטשער דאָקטאָר איז געקומען. אַ צעשיינטער, ווי אַן אדוואָקאַט וואָס האָט געוווּנען אַ שווערן פּראָצעס, האָט ער דעם חולה אויסגעהערט און געזאָגט: — „פּאַני קאַהאַנאָווע", עס גייט גוט. די היץ פאַלט און ער איז אויפן וועג צום פאָלשטענדיקן געזונט ווערן.

כהנם פּאָרטרעט האָט דער נייער ביאַלער איינוווינער, דער מזרחים־טישער פירער און געוועזענער דעפּוטאַט צום פּוילישן סיים אַדוואָקאַט שמחה בונים פעלדמאַן (געשטאָרבן אין ירושלים).

*

די מאַמע האָט זיך אַצינד פאַרלעגט מיט אַלע כוחות יאַנקעלען חתונה צו מאַכן. אַ חוץ דאָס ווילן אים דערפירן צו אַ תכלית און אַליין אויך האָבן אַביסל נחת, האָט זי ווי אַלע פון איר גלייכן געגלויבט אַז דאָס חתונה מאַכן אים וועט זיין די בעסטע סגולה פאַר זיינע קראַנק־הייטן.

זי האָט אונטערגעשטעלט מענטשן וועגן דעם מיט אים צו רעדן, בפרט קרובים. אַזוי פלעגט וואָלוויש גאָלדשטיין ביי יעדן געשפּרעך וואָס ער פלעגט מיט אים האָבן, אין שטוב, צי אין תרשישער שטיבל אין הויז פון אָשר סטאָליאַר (פייגענבוים), ווו יאַנקעלע פלעגט זיך אין דער צייט אַריינכאַפּן אַ שבת דאַוונען אים כסדר דערמאָנען וועגן תכלית. „נו״, פלעגט וואָלוויש אין יעדן געשפּרעך מיט אים אַריינוואַרפן: „אַלץ גוט, יאַנקעלע, דו זאָרגסט פאַרן כלל, נאָר ווען וועסטו אויך זאָגן „מתי אעשה לביתי״? (זאָרגן פאַר זיך אַליין)...

נאָר דער עיקר האָט זיך צוריק דער אַלטער שדכן מיטן פאַר־פּעצטן ביכעלע אין קראָם באַוויזן. ער איז אַצינד ביי זיך געווען האָפּערדיקער דער שדכן. האָט ער דאָך פאַרט צוגעטראָפן יאַנקעלעס שוועסטער הדס מיט אַגוטן זיווג. אויך די מאַמע האָט אין אים אַצינד מער געגלויבט, כאָטש זי האָט זיך אַצינד נאָך זיין ליבע מיט רבקהלען אינעם סאַמע כלה־אויסוואַל — נישט געמישט. ס׳איז איר נאָר געגאַנגען אין עצם חתונה מאַכן אים. און די איבריקע ענינים פונעם שידוך האָבן איר שוין נישט אַזוי אינטערעסירט. „דער עיקר חתונה מאַכן, אוי ווי דערלעבט מען שוין דאָס״... נאָר ווי אַזוי און מיט וועמען, האָט זי איבער געלאָזט פאַר אים אַליין צו באַשטימען.

איז געקומען „סחורה״ פון אַלע זייטן. פון דער אייגענער שטאָט און פון גאַנץ פּוילן. אַן אויסגעדינטער באַלעבאַטעשער בחור, אַלער־נער און אַ באַוווסטזיניק מאָדערנער, האָבן די מיידלעך געזוכט. יעדע פאָר טעג איז דער שדכן געקומען מיט אַפרישן אָנשלאָג. מיט פאַר־מעגלעכע בת יחידהס, מיט גוט פאַרדינענדיקע בוגרותן... מיט עלטערע אַקושערינס און דענטיסטקעס וואָס האָבן שוין פאַרגעסן די צייט פון זייערע „סימני נערות״ (יונג־מיידלשאַפט)... ווי מיט יונגע באַקאַנטע מיידלעך פון זיין אייגענער שטאָט.

די גוט פאַרדינענדיקע פון דער פרעמד זענען געווען צו אַלט

געווען אַ ברײנסקער (לעבן ביאַליסטאָק) און ער האָט דאַן נישט געוווּסט וועגן זײַן ביאַליסטאָקער פּיזשיץ־צווײַג.

נאָר אַז זי האָט אים גענומען און דורכדעם אים געמאַכט אויך פּאָר אַ ביאַליסטאָקער, באַהעפּטנדיק אים מיט זײַן צוקונפטיקער פרוי חיה כהן (פון דער היים ראַטענבערג), זעט איר דאָך. און דער דאָזיקער שידוך איז דווקא געקומען נישט פונעם משפחה־שדכן, נאָר גאָר פון אַ ביאַליסטאָקער־ביאַלער פּודל־פאַבריקאַנט וואָס האָט זיך נאָך פּאַר אים מקדים געווען און זיך אויף גאָר זײַן לעבן פאַרקנסט מיט ביאַליסטאָק. און די תהלות ותשבחות (לויבן) וועגן זײַן געשדכנטער כלה פון אַ געבוירענעם ביאַלער און נאָך דער מאַמעס אַ באַקאַנטן, האָט אוודאי צו דעם צוגעהאָלפן.

עס האָט אויך געהאָלפן דאָס גוט זאָגן וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם מחותן יחיאל און דער אַלמנה־מחותנסטע פרומע ראַטענבערג וועמענס משפּחה האָט פריִער געוווינט אין לאָשיץ, פון דער מומע חיה (די צדקת) אַליין אַן אײַנוווינערין פון לאָשיץ. און דער שידוך איז געוואָרן.

מען האָט געשריבן תנאָים, און אויף אַקורצער צײַט אַרום איז באַשטימט געוואָרן די חתונה. און געוואָרן אַ חתן, האָט זיך יאַנקעלע געגרייט אָפּצופאָרן קיין ביאַליסטאָק. פאַר זײַן אָפּפאָרן האָבן אים די חברים אײַנגעאָרדנט אַ געזעגענונגס־אָוונט (באַנקעט) אויף וועלכן עס זענען אַ חוץ די פאַרטרעטער פון דער אַלגעמײַן ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע די ה. ישראלקע גאָלדשטיין (זײַן פריערדיקער ציוניסטישער פּראָקוראָר), יוסף פעלדריוו און די פאַרטרעטער פון די אייגענע רעוויזיאָניסטישע אָרגאַניזאַציעס, אויך געווען פול פרײַנט און באַקאַנטע.

און נאָכן אָפּלעבן אַרום נײַן און צוואַנציק יאָר אין זײַן געבורין־שטאָט ביאַלע, האָט ער איר ווי עס האָט זיך שפּעטער נאָכן חורבן פונעם פּוילישן יידנטום אַרויסגעוויזן, שוין אויף אייביק פאַרלאָזט.

## בײַשטײַער פאַר „מלכות ביאַלע"

משה זדאַנאָוויטש

לזכר שמואל ולאה זדאַנאָוויטש (בת ר' אריה שטיינגאַרט)

און מאַטל, בת שמואל ולאה, הי"ד

יעקב ליעבענבערג, מינק, פינגערהוט, ביאַלער לאַנדסמאַנשאַפט אין נ. י.

# ביכער פון יעקב כהן:

„דריי יאָר אין פוילישן מיליטער" (מעמוארן), פּרושאַנסקי, ביאַליסטאָק, 1930.

„אין און אַרום ציוניזם" (עסייען), פּרושאַנסקי, ביאַליסטאָק, 1931.

„פון אייגענעם גאָרטן" (אַפאָריזמען און לידער), „אַבעצע", פּאַריז, 1949.

„אויף די וועגן פון יידישן קיום" (נאַציאָנאַל־פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען), פאַרלאַג „צעראַטאָ", פּאַריז, 1950.

„לאַבירינטן פון געדאַנק" (אַפאָריזמען און שפּריכווערטער), פ"ג „טשאַפּניק", פּאַריז, 1951.

„פאָלק, גייסט און לאַנד" (עסייען), פ"ג „טשאַפּניק", פּאַריז, 1952.

„צו אַ נײַ לעבן" (דערציילונגען), פ"ג „טשאַפּניק", פּאַריז, 1953.

„לעבן און טראַכטן" (עסייען), פ"ג „בידערמאַן", נ"י, 1957.

„דער גורל פונעם ייד" (ראָמאַן), פאַרלאַג „י. ל. פרץ", תל־אביב, 1960.

„אונטער די סאָוויעטישע הימלען", פ"ג „י. ל. פרץ", תל־אביב, 1960.

„די משפחה ערליך" (ראָמאַן), פ"ג „נײַ לעבן", תל־אביב, 1964.

„אין פלאַם פון דאָרן" (פּאָעמעס און לידער), פ"ג „המנורה", תל־אביב, 1965.

„בין השמשות" (לידער), פ"ג „המנורה", תל־אביב, 1966.

„דריי יאָר אין פוילישן מיליטער" (2־טע פאַרבעסערטע אויפלאַגע), פ"ג „המנורה", תל־אביב, 1967.

„זיין און צחאָמענזיין" (פילאָזאָפישע עסייען), פ"ג „המנורה", תל־אביב, 1968.

„דמדומי ערב" (שירים), הוצאת „מאסף ישראל", תל־אביב, 1970.

„אין געראַנגל פון צייט" (עסייען), פ"ג „מאסף ישראל", תל־אביב, 1970.

„ווייטן" (לידער), פ"ג „נײַ לעבן", תל־אביב, 1972.

„פכים של יעקב" (פתגמים), הוצאת „ברונפמן", תל־אביב, 1972.

"Jacobs Pitchers (aphorisms), Bronfman publication, Tel-Aviv, 1972."

„אויף פוילישער ערד, מלכות ביאַלע" (אויטאָביאָגראַפישע דערציילונג), נ"י, 1973.

פאַרפאַלן געוואָרענע מאַנוסקריפּטן:

„פון זיך" (לידער), ביאַליסטאָק.
„מיט די כוואַליעס פון לעבן" (ראָמאַן), ביאַליסטאָק.
„ערשטע פרוכטן" (לידער), ביאַליסטאָק.

חסידים־שטיבלעך, נישט ווי אין די פריערדיקע חדרים וואָס זענען געווען מער איינאָרטיק.

גאָר צופרידן איז יאַנקעלע געווען ווען דער רבי פלעגט פאַר־ציען אַן אגדתה. און ווי עס האָט אויסגעזען, איז אויך דער רבי אַליין דערפון געווען צופרידן. באַזונדער האָט יאַנקעלען געצויגן דער זיס־טרויעריקער ניגון וואָס דער רבי האָט אויסגעזונגען איבערן פסוק פון „ואני בבאי מפדן ארם מתה עלי רחל" (און איך, ווען איך בין געקומען פון פדן ארם, איז מיר רחל געשטאָרבן), פון דער סדרה ויחי וואָס אין בראשית. ער איז אַריין אין טרויער, און ס'איז געווען ווי ער וואָלט מיטגעפילט דעם זיידן יעקב.

פון די תלמידים וואָס ער געדענקט נאָך ביז היינט און דווקא נישט פון זיין שטיבל, זענען געווען איינער נחמן, אַן איבערגעוואַקסע־נער עלטערער יונגל וואָס איז נישט לויט זיין וווּקס און יאָרן געווען גלייך צו די איבריקע. אויך די ברידער אַבוש און איטשע ליבערמאַן (אַצינד אין פּאַריז), און אַן עלטערער פון זיי, אַ קאַליקע (געשטאָרבן אין ביאַלע).

דאָס זענען געווען חוה דינהס קינדער, איינע פון די שענסטע פרויען אין ביאַלע, וועמענס מאַן אַ הויכער שלאַנקער ייד מיט אַ לאַנגע רויטע באָרד און פאות איז געזעסן אין גערער שטיבל און האָט געלערנט, און זיין פרוי חוה האָט געפירט איר גאַלאַנטעריע־קראָם אויפן שענסטן פונקט פון מאַרק־קעסטל.

דאָ האָט ער אויך צום ערשטן מאָל באַגעגנט כילען, דעם שפּעטערדיקן כילע פראַנדיק. ער איז שוין דאַן ווי יונג ער איז נאָך געווען, און אַליין אַ מלמדס אַ זון (זיין מאַמע האָט געהאַט אַ קראָם פון היי און האָבער אויף דער יאַטקע גאַס), געשלעפּט אַ קליינעם שליטן מיט אַ הונט געשפּאַנט. ס'האָט אים שוין ווייזט אוים געצויגן צו זיין שפּעטערדיקער פורמאַנסקער פּראָפעסיע (נאָכן אָוועקוואַרפן די גרינגערע)...

אין די פערציקער יאָרן האָט אים יאַנקעלע געטראָפן אין דזשאַמבול (סאָוויעטן־פאַרבאַנד, קאַזאַכסטאַן), ווו ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט עפּעס אַ פּראָפעסיע... און אין 1947 צוריק אין פאַר־שניטענעם, אויסגעיידישטן ביאַלע, ווו ער האָט לכתחילה געפרווט זיין דער שומר פון קהלה־הויז און בית עולם און האָט געהאַט אַן אָפענע טיר פאַר דער שארית הפליטה.

ער האָט אָבער אַרויסגענומען זיין זון פון קיבוץ מיטנעמענדיק

היינט ווען ער שרייבט די שורות און פאַרשטייט בעסער אַ ענין — זעט ער אַז דאָס איז גאַרנישט געווען דעם טאַטנס שולד, נאָר גיכער זיין אייגענע, צוליב זיין שעמעוודיקייט און צוריקגעהאַלטנקייט לגבי דעם אייגענעם טאַטן, באַוואונדערט ער דעם טאַטנס דעמאָלטיקער ליבשאַפט און געטריישאַפט צו אים, דעם קליינעם בן יחידל.

די מאַמע וואָס איז געווען מער מיט אים ווי דער טאַטע, האָט זיך טאָקע טאָג און נאַכט געזאָרגט וועגן יאַנקעלען. זי האָט דאַן פון אים קיין אויג נישט אַראָפּגענומען און אויף קיין רגע פון אים נישט מסיח דעת געווען. ווי נאָר אָבער ס'איז מיט אים עפּעס געשען, אַזוי האָט זי באַלד אַלאַרמירט דעם טאַטן.

און ער דער טאַטע וואָס איז אין זיינע באַזונדערע מסחרים געווען ווייט פון שטוב, האָט באַלד אַהיים געיילט, איז געקומען צו־לויפן צו יאַנקעלעס הילף און אים שוין איבערגענומען אין זיין טאַטנס רשות.

דער טאַטע פלעגט דאַן ווערן גאָר אַן אַנדער מענטש. און ווי ער וואָלט אַדורכגעמאַכט אַ פיזיש־גייסטיקע מעטאַמאָרפאָזע, — איז ער פאַר אים דאַן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מלאך, אינעם גוטן מלאך רפאל. און אַ מלאך וואָס ווייסט נישט פון קיין געשעפטן, פון קיין ערדעשע פאַרנומענקייטן, נאָר זיין איינציקע זאָרג און שליחות איז יאַנקעלע, ווי אַזוי יאַנקעלען צו מאַכן געזונט און דערווייל אים פאַרווינגן, פאַרשפּילן, כדי ער זאָל פאַרגעסן אין זיינע ליידן און שרעק.

יאַנקעלע איז דעמאָלט אַלט געווען אַרום זעקס יאָר. ער האָט אָנגעהויבן ליידן אויף אַן אויער, און די דאָקטוירים האָבן געזאָגט אַז דאָס נעמט זיך פון אַן אַנוווקס, אַ פּאָליפּ אין דער נאָז וואָס מען דאַרף אויסשניידן. די אָפּעראַציע איז אַ קליינע און זיי קענען עס אַליין אַדורכפירן.

דער טאַטע האָט אָבער די היגע דאָקטוירים זיין יאַנקעלען נישט געוואָלט געטרויען. האָט ער אַ נעם געטאָן יאַנקעלען כדי מיט אים גלייך צו פאָרן קיין וואַרשע. און דאָס קליינע יונגעלע וואָס האָט אַצינד דווקא קיין ווייטיק נישט געפילט, איז געווען צופרידן צום ערשטן מאָל צו פאָרן מיט אַ באַן, און קיין וואַרשע פוילנס גרעסטן כרך.

יאַנקעלע איז געווען פול מיט יונגלעש־פרייידיקער התפעלות איבער אַלץ וואָס ער האָט געזען. זיין נייגעריקייט האָט זיך אין אים דערוועקט און ער האָט געדאַרשט צו וויסן וועגן אַלץ. זיין נאָך קינדערישע פאַנטאַזיע און שטיפעדישקייט האָט זיך אין אים צעשפּילט און יעדע זאַך האָט אים אויסגעזען פיל גרעסער און שענער.

דער טאַטע האָט אים געדאַרפט שטאַרק האַלטן ביי דער האַנט, ער זאָל נישט אַנטקעגן לויפן דעם אַנקומענדיקן צוג וואָס האָט אים פון דערווייטן אויסגעזען ווי עפּעס אַ מאָנסטערהאַפטער סאַפּענדיקער שלאַנג וואָס לויפט אָן מיט אַזאַ ווילדן אימפּעט פון ערגעץ עק וועלט, ווי פון אונטער די הרי חושך...

ערשט ווען די באַן האָט מיט אַ געפּייף און געגרילץ זיך אָפּ־געשטעלט, האָט ער גענומען באַטראַכטן דעם משונהדיקן לאָקאָמאָטיוו מיט זיינע גרויסע רעדער וואָס זעצט אַזוי מיט רויך און פּאַרע ווי פון קוימען פון ראַבעס שטיפטן־פאַבריק אין ביאַלע. און אַלץ האָט אים אַזוי בראשיתדיק און ווונדערלעך אויסגעזען.

ער האָט באַטאַפּט דעם לאָקאָמאָטיוו, און ווען דער נאַטשאַלניק האָט אַ טרומעטער געטאָן צום אָפּפאָרן פון צוג, האָט ער אינגאַנצן פריידיק אויפגעצאַפּלט. ערשט אַריינגייענדיק מיטן טאַטן אין וואַגאָן, האָט ער ווי צו זיין זיכער אין אַלץ וואָס ער זעט, באַטאַפּט די ווענט, די בענק און דעם פענצטער און האָט דעם טאַטן פאַרוואָרפן מיט פראַגן. דער טאַטע זייענדיק אַצינד אינגאַנצן פריי, איז געווען צופרידן פון יאַנקעלעס נייגעריקייט, פון זיין אויפגעלעגטקייט און פריי־דיק צעפּראַלטער שטימונג. ער האָט אים גערן אויף אַלץ געענטפערט. ער האָט אין דעם געוואָלט זען אַ סימן פאַרן קינדס געלונגענע אָפּעראַציע.

— כאַטש אַ קליינער שניט, איז ווי קליין אַ שניט זאָל נישט זיין, איז עס אַלץ אַ שניט. און דאָס קינד דאַרף זיין אונטערן מעסער. און מען דאַרף נאָך אַלץ האָבן „סייעתה דשמיה" (דעם הימלס הילף).

ער האָט יאַנקעלען גענומען צערטלען, אונטערהאַלטן אין אים די גוטע שטימונג. ער האָט אים דערציילט וואָס אַלץ ער וועט אין וואַרשע זען, וואָס אַלץ ער וועט אים קויפן נאָכן דאָקטאָרס באַזוך און אַז נאָכן צוריקקומען אַהיים וועט ער אים נעמען אין ביאַלער שלאָס און אים ווייזן די אונטערערדישע היילן, וואָס האָט דעם קליינעם יאַנקעלע אַזוי געלאָקט צו זען. און יאַנקעלע האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען דעם טאַטן אַזוי צוגעלאָזט ווי אַצינד.

## דער ביאַלער שלאָס

וועגן לעגענדאַרן ביאַלער שלאָס האָט שוין דאַן יאַנקעלע זיך פיל אָנגעהערט. אַ סך לעגענדעס און מעשיות זענען אין שטאָט, בפרט צווישן חדר־יונגלעך וועגן אים אַרומגעגאַנגען. און דער גרעסטער ווונש פון אַ חדר־יונגל איז געווען צו באַזוכן אָט דעם שלאָס, זען דעם



יעקב כהן

— ניין, זונעלע, די ווייסל איז נישט קיין ים, נאָר אַ טייך.

— אַזאַ גרויסער טייך? ער איז דאָך גרעסער ווי אונדזער ביאַלער טייך?!

— יאָ, יאַנקעלע, די ווייסל איז אַ גרויסער טייך, נאָר עס זענען אויף דער וועלט פאַראַן גרעסערע טייכן פון אים.

פאָרנדיק אויף די נאַלעווקעס האָט ער געזען גרויסע געשעפטן אין וועמענס וויטרינעס עס זענען געשטאַנען אַזעלכע אויסגעפוצטע מענטשן וואָס האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט אַזעלכעס אין ביאַלע נישט געזען. און אויף די טראָטואַרן איז געווען אַזאַ געדיכטעניש, אַז די מענטשן האָבן זיך געשטויסן און געשטופּט, אַזוי הין און צוריק. ער האָט נאָך אַזאַ געדיכטעניש פון מענטשן נישט געזען. סיידן אין ביאַלע אויף אַן אָדפּוסט, אָדער אַ חגא, ווען די גויים טראָגן אַרום זייערע יוזלעך און מענטשעלעך...

און ערשט אַריינפאָרנדיק אין סאַמע מיטן פון די נאַלעווקעס האָט ער געזען אַזעלכע גרויסע באַקאַליי געשעפטן ווי די סחורות זענען געווען צעשטעלט אין סאַמע פראָנט פון טראָטואַר. גאַנצע זעק מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען, ניס, צימערינג, פעפער און נעגעלעך, זענען געשטאַנען פראַנק און פריי אויף די טראָטואַרן.

אין זיין שטאָט, האָט ער געטראַכט, זענען אויך דאָ באַקאַליי געשעפטן. און אויך ביי זיין מאַמען אין שפייכלער זענען אַ טייל געווירצן דאָ. אָבער אינעם גרעסטן ביאַלער באַקאַליי געשעפט וועט מען מער נישט געפינען ווי אַ פינף פונט פעפער און צימערינג, און דאָס טיף באַהאַלטן אין קראָם. נאָר צו האָבן גאַנצע זעק פעפער, צימערינג און נעגעלעך, און אַזאַ עשירות נישט מורא צו האָבן עס אַרויסצושטעלן אין דרויסן, דאָס האָט ער זיך נישט געגלויבט. און ער האָט חשק געהאַט אַראָפּצוגיין פון דער דראָזשקע און באַטאַפּן און באַשמעקן די נעגעלעך און די אַנדערע געווירצן, ווען דער טאַטע וואָלט זיך אַזוי נישט געיילט צום דאָקטאָר.

*

נאָך אַן איבערבייסן ביי אַ קרוב, אַ שלייקעס־פאַבריקאַנט אויף די נאַלעווקעס, וווּ ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען קאַכן נישט אויף קיין האָלץ נאָר אויף עפּעס אַ בלאָ פייער וואָס מען האָט גערופן גאַז, איז מען גלייך פאַרפאָרן צום דאָקטאָר.

דער פּראָפעסאָר, אַ הויכער מאַן מיט אַ גלאַט פּנים און אַ זכר פון אַ באָרד, וואָס האָט געטראָגן אויפן שטערן אַ גאַנצן שפּיגל, האָט יאַנקעלען אַוועקגעזעצט אויף עפּעס אַ הויך בענקל און אים אַריינ-

ער האָט נישט געזען און נישט געקוקט אויף קיין מענטשן. ס'האָט אים גאָרנישט אַ חוץ די תורה אינטערעסירט. אַפילו די אייגענע טאָכטער די בוגרת. נאָר ער איז אינגאַנצן געווען אַריינגעטאָן אין לערנען און האָט אַלץ מבטל געמאַכט, דעם אייגענעם חומר מיט אַלע ערדישע וועלטן. זיין איינציקע גלוסטונג איז נאָר געווען צו באַהעפטן זיך מיט די עולמות עליונות און דורך זיי צו גרייכן צו דער זיו השכינה (העכסטע לויטערקייט)...

און נאָך מער באַוואונדערט האָט יאַנקעלע דעם פּראָסטן דאַמסקן שניידער פּסח סקאָס. נאָך איידער ער איז געוואָרן אַ קדיש־זאָגער האָט ער פּסח סקאָס־קאָסאָי באַקענט ווי זיין מאַמעס און פאַמיליעס שניידער. צוויי זענען זיי געווען דער משפּחהס בעלי מלאכות: שמיליע שוסטער וואָס האָט זיך פאַרדינט מען זאָל אים רופן ר' שמיליע, און פּסח.

די מאַמע האָט איינמאָל געקריגן אַ מתנה פון דער קוזינע יאָכע טעפּס די פאַבריקאַנטין פון לאָדזש (שמילקע פּיזשיצעס טאָכ־טער), אַ שטיק פּליוש. איז די פּליוש אַזוי לאַנג געלעגן אין שאַפע, ביז זי האָט באַשלאָסן מיט דעם פּליוש זיך אויפצונייען אַ זשאַקעט (האַלבער פרויען־מאַנטל). איז פּסח סקאָס געקומען אין שטוב דער מאַמען נעמען אַ מאָס און שפּעטער אויך איר דעם זשאַקעט אָנפּאַסן.

די מאַמע האָט צוליב דעם יאַנקעלען געהאַלטן אין צימער, כדי נישט צו זיין אַליין מיט אַ פרעמדן מאַן. און יאַנקעלע נישט האָבנדיק וואָס צו טאָן, האָט זיך צוגעקוקט ווי דער שניידער פּאַסט דער מאַמען דעם זשאַקעט. ער האָט נאָך דאָן פּסחן איבריק נישט געקענט. נאָר געזען האָט ער, ווי אָט דער שניידער פירט זיך גאָרנישט ווי אַלע אַנדערע שניידער.

ער איז געשטאַנען אָפּגערוקט פון דער מאַמען ווי פון אַ זייט און מיט אַראָפּגעלאָזטע באַברילטע אויגן נישט קוקנדיק אויף איר ווי אַ שעמעוודיק חסידל, — כאָטש זי איז געווען פאַרדעקט פון די שפּיצן פיס ביז דער גאָמבע, האָט ער געמאָסטן און געפּאַסט דעם זשאַקעט. און אויסגעזען האָט, ווי אָט די גאַנצע ווייבערישע מלאכה איז אים דערווידער...

ערשט שפּעטער ווען יאַנקעלע איז געוואָרן אַ יתום און פלעגט זיך אין די שבתים אַריינכאַפּן אין בית המדרש צו מנחה און מעריב אויף אַ קדיש, האָט ער ערשט דערזען דעם פולן פּסח סקאָס.

ער איז געווען שבת צווישן מנחה און מעריב דער שטענדיקער תהלים זאָגער. איז געשטאַנען מיט דער רעכטער זייט אָפּגערוקט

פונעם שויתי־שטענדער (קרומלעך אויסגעבויגן) ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו אים, דעם „שויתי" זיך צו דערנענטערן. און טאַקע, ווער איז ער אַ פּראָסטער שניידער ער זאָל שטיין קענען „שויתי ה' לנגדי תמיד" (איך טו גאָט אַנטקעגן מיר שטענדיק)?...

און אַט אַזוי קרום אויסגעבויגן האָט ער מיט אַ מעלאַנכאָלישן, ציענדיקן ניגון ווי פון נאָר וואָס אָפּגעזאָגטן „אתה אחד", אָנגעהויבן דעם „אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים" (ווייל דעם וואָס גייט נישט אין די וועגן פון די רשעים, תהלים, קאַפּיטל איינס).

און אַזוי הכנעהדיק מיטן גאַנצן „ביטול היש" (זעלבסט פאַר־לייקענונג) — האָט ער שאָקלענדיק זיך פאַרגעזאָגט די ווייטערדיקע פסוקים וועלכע דער עולם האָט אונטערגעכאַפּט.

*

יאַנקעלעס טאַטע איז שוין לאַנג געהאַט אַוועק פונעם פעטער. ער האָט געהאַלטן בעסער צו זיין אַ בעל הבית ביי זיך, איידער אַ מענטש ביי יענעם, אפילו ביי אַן אייגענעם. האָט ער געזוכט און זיך דערווייל פאַרנומען מיט פאַרשידענע קליינע געשעפטן. ער האָט אָבער געוואָלט האָבן איין גוט געשעפט אַ חוץ דער מאַמעס קראָם צו וועלכער ער האָט זיך ווייניק געמישט. האָט נישט לאַנג גענומען ווי אַזאַ געשעפט האָט זיך געמאַכט.

דאָס איז געווען ראַטאַיעוויטשעס פאַראַוועס מיל אונטערן שטאָט, וועלכע ער האָט מיט צוויי שותפים ישראל ריטקער (פינקלשטיין) און משה נטע פינקלשטיין (משה נטע מילנער) גענומען אין אַרענדע.

סטאַניסלאַוו ראַטאַיעוויטש, אַ פאַרמעגלעכער פּריץ וואָס איז אַריבער קיין ביאַלע, איז לכתחילה געווען אַליין. ער האָט איידער ער האָט אויסגעבויט די דריי שטאָקיקע מיל (שפּעטער אַרויפגעבויט אַ פערטן גאָרן און אַריבער אויף עלעקטרי) געהאַט אַ זייגער און יוּוועליר־געשעפט אויפן ראָג מאַרק־קעסטל, אינעם הויז ווו עס איז ביי די דייטשן געווען די קאָמענדאַנטור (1916).

דאָס זייגער און יוּוועליר געשעפט וואָס איז געווען דאָס איינ־ציקע פון דעם מין אין שטאָט, האָט געפירט אַ מעזריטשער יידישער זייגערמאַכער. ער האָט געהאַט אַ פרוי מלכהלע מיט צוויי דערוואַקסענע מיידלעך. און די דאָזיקע מלכהלע, אַ ווייבלעך סימפּאַטישע ברונעטע מיט אַ חן־וואָרצעלע אויף איר פעטן אויסגערונדיקטן פּנים, צו וועלכער דער קאַטאָליק, אַן עלטערער נידעריקער צעיורענער פּאָליאַק מיט קרומלעכע פיס און שווערן אָראָפּהענגענדיקן בויך האָט

דער יורה דעה, „פני יהושע" און אנדערע. דערנאָך די נ"כן וועמענס חשיבות זענען ביי הלכה און פלפול־יידן נישט געווען אַזוי גרויס.

און צום סוף זענען געקומען אַלערליי הייליקע „שאר ירקותן". אַזוי האָט ער איינגעטיילט, און אַזוי האָבן זיי אין זייער אָרדענונג געדאָרפט בלייבן. און אין דער זעלבער אָרדענונג האָט זיי שוין אויך יאַנקעלע צוריקגעשטעלט נאָכן אויסלופטערן, אָדער אַזוי ביי אַרויס־נעמען אַ ספר צום לערנען.

די זעלבע פּינקטלעכקייט און אָרדענונג האָט ער אויך אָנגע־האַלטן אין געשעפט, ווי בכלל אין אַלע זיינע טואונגען. ווען ער האָט געהאַנדלט מיט וואַגאָנעס זאַלץ, האָבן די זאַלץ־זעק געמוזט ליגן אין אַ פּערמאַנענטער אָרדענונג. איין זאַק אויפן אַנדערן, נישט אַרויס־גערוקט און נישט אַריינגערוקט. און ווען ער פלעגט זיך אַריינכאַפּן אין קראָם און זען ווי די זעק זענען צעוואָרפן, פלעגט ער שוין נישט אַוועקגיין ביז ער האָט זיי נישט צוריקגעבראַכט אין זייער פולער אָרדענונג. אַזוי אויך איז געווען מיט אַנדערע סחורה־קאַסטאַנס.

און ביי שוין געעפנטע שפּייז־זעק, פלעגט ער מיטן זעלבן חוש פאַר אָרדענונג די זעק אויסגלייכן, פאַרביינגן ביז צום פּינקטלעכן ראַנד פון דער סחורה. אַזוי אויך פלעגט ער צוריקשטעלן יעדע זאַך אויף איר אָרט. און דאָס איז שוין געווען זיין אַרבעט ווי נאָר ער פלעגט זיך אין קראָם צי שפּעטער אין שפּייכלער באַווייזן. מען האָט געקענט בחוש זען, ווי ער טוט דאָס אַלץ מיט אַ באַזונדערע הנאה.

דאָס זעלבע איז געווען מיט זיין פּריוואַטער קאָרעספּאָדענץ. ווען יאַנקעלע האָט נאָכן טאַטנס טויט איבערגעקוקט זיין שופליאַד, האָט ער אין אים געפונען אַ מוסטערהאַפטע אָרדענונג. קאָרטל צו קאָרטל, בריוו צו בריוו האָבן אין פולער אָרדענונג געבערגלט, און געווען איינגעלייגט אין באַזונדערע פּעקעלעך פאַרבונדן מיט אַ שטריקל. אַזוי איז געווען מיט וועקסלען, קאָנטראַקטן און דאָקומענטן. וועקסל צו וועקסל, דאָקומענט צו דאָקומענט.

דער טאַטע האָט געהאַט אַ סאָבלנעם שטריימל און קיטל וואָס ער האָט געקריגן צו דער חתונה צוזאַמען מיטן גאָלדענעם זייגער. ער האָט זיי אָבער אַ חוץ פּסח צום סדר קיינמאָל נישט געטראָגן. ערשט ביים סדר פלעגט ער ווי אַ מלך וואָס טוט אָן זיין קרוין ווען ער זעצט זיך אויפן טראָן, אָנטאָן זיין שטריימל און קיטל ווען ער האָט זיך געזעצט אויף דער היסב־בעט, צו וועמענס רעכטער האַנט עס איז געזעסן זיין מלכה, די מאַמע, און צו דער לינקער זיין קליינער „בן מלך", יאַנקעלע.

זיי זאָלן אָפּשאַבן די וואָלגער־העלצער, גיך און דין אויסקנעטן די טייגלעך, דער מצה רעדלער זאָל אויסרייניקן דאָס רעדל, ווי איבער די מערע שניידערין. און זיי, די צעוואַקסענע און צעזונגענע מיידן מיט די דערוואַקסענע מאַנספּערשוינען האָבן פריידיק געלאַכט פונעם קליי־נעם מאַנספּערשוינדל־באַפעלער, געלאַכט מיט גוטמוטיקער ערב יום־טובדיקער שמחה און האָבן אויסגעפירט גאָר זיינע גאַטספּאַרכטיקע געבאָטן.

היינט, ווען יאַנקעלע טראַכט וועגן דעם, פאַרשטייט ער, אַז דאָס האָט נישט נאָר דער טאַטע אים געוואָלט מחנך זיין אין מצוות, באַקרעפטיקן זיי און אַריינפירן אין זיין לעבן; נאָר ער האָט ווי פאַרויסזעענדיק זיין סוף — מיט דעם שוין אויך געוואָלט זען — דאָס קינפטיקע פרומע ייד־געשטאַלט פון זיין זון. ער האָט ווי יעדע בריאה וואָס וויל נישט סתם פאַרלוירן גיין אינעם זיין, — גענגליסט מיט גאָר זיין ייד־ און מענטש־געשטאַלט זיך איבערפלאַנצן אינעם זון...

קאַפּיטל זיבן

## אַן ענדערונג אינעם לעבן פון ביאַלע

אַרום 1910 איז אַריינגעטראָטן אַ שינוי אינעם לעבן נישט נאָר פון יאַנקעלעס משפחה, נאָר פון גאַנץ ביאַלע. דער מאַרק אויפן פּלאַץ „וואָלנאָשטשי" וואָס איז געווען באַזעצט פון אַלע זייטן מיט קראָמען, באַזונדער מיט צוויי רייען שפּייז־קראָמען איינע קעגן דער אַנדערער און וואָס איז אַרום 1903 געוואָרן אָפּגעבעטן פון אסתר פּערעלען ביים אַדורכפאַרנדיקן צאַר ניקאָליי דעם 2־טן, איז אַצינד געוואָרן ליקווידירט.

די בודקעס מיט די סטראַגאַנעס זענען געוואָרן באַזייטיקט און איבערגעטראָגן אויפן נייעם מאַרק אויפן בריסקער שאָסיי און דער קליינער מאַרק־סאַד איז געוואָרן פאַרגרעסערט. אָבער נישט אַלע קרעמער וואָס זענען שוין געווען צוגעוווינט צו זייער סביבה האָבן געוואָלט אַוועק אַזש אויפן חזיר־מאַרק אונטערן שטאָט.

אויך יאַנקעלעס מאַמע האָט אַהין נישט געוואָלט אַוועק. בפרט ווען היים לוי רובינשטיינס צעבויטער גרויסער הויף איז געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ צווייטן, הגם קלענערן פונעם פריערדיקן מאַרק, וואָס האָט פאַר די פויערים אויך געהאַט פון כל טוב, אַפילו אַן אייגענעם שענק אין פּראַנט פון חיים לוים הויז (ראובן פעלדמאַן).

אויך האָט זיין משפחה וואָס איז אַ דאַנק דער מיל שוין געווען

שטאָט זענען דאָ די הייזער געווען פּאַרשידענע, אָרמערע און רייכערע, געדונגענע און אייגענע. אין די אייגענע הייזער האָבן געוווינט די גבירים, כאָטש אויך אין די געדונגענע זענען נישט אַלע געווען קיין אָרמעלייט.

דער חילוק איז נאָר געווען, וואָס די אייגענע גבירישע דאַטשעס זענען געווען שענער און פעסטער געבויט און אויך מעבלירט, און די געדונגענע זענען נישט געווען אַזוי פעסט און נישט מעבלירט. דערפאַר אָבער איז דער ביאַלער וואַלד געווען איינער און דער זעלבער פאַר אַלע. ער האָט פריי געטיילט זיין אַראָמאַט פאַר אָרעם און רייך און פאַר קליין און גרויס. אויך פאַר די בלויזע שבתדיקע באַזוכער.

אין דעם דאָזיקן לאָמאָזער וואַלד פלעגט די מאַמע מיט יאַנ־קעלען דאַטשעווען כמעט יעדן זומער, ווען נאָר זי איז נישט געפאָרן קיין אויסלאַנד. דער טאַטע פלעגט דינגען אַ ליידיקע דאַטשע פאַר דער מאַמען מיט יאַנקעלען, און אַליין פלעגט ער זיך צו איר צוכאָפּן בלויז אויף אַ שבת.

פרייטיק שפּעט נאָכמיטאָג פלעגט ער קומען צופאָרן מיט אַ דאָ־ראָזשקע, און איז שוין דאָ געבליבן ביז איבער שבת. נאָר ביידע שוועס־טער האָבן זיך דאָס אויך נישט פאַרגונען. הדם האָט זיך ביזן סאַמע ליכט-בענטשן נישט געקענט אָפּרייסן פון קראָם, און יאַכע ווידער האָט זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון שטוב און איבערלאָזן הדסן אַליין.

דאָס זענען געווען די איינציקע פאַלן ווי יאַנקעלע האָט דעם טאַטן געזען פאָרן אויף אַ דראָזשקע. ער פלעגט דאָס טאָן נישט צוליב ווילטאָג, נאָר כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן אויף שבת. ווייל געקומען איז ער צוליב זיין פאַרנומענקייט אין דער סאַמע לעצטער מינוט פאַר ליכט בענטשן.

ער פלעגט מאַכן אַלע זיינע גענג צו פוס. אַזוי ווען ער פלעגט מיטנעמען יאַנקעלען אין מיל, וואָס איז געווען גענוג ווייט פון שטוב, און אַזוי ווען ער פלעגט אים נעמען צום פעטערס אייגענע דאַטשעס, וואָס זענען געווען ווייט איבערן וואָקזאַל. אַזוי אויך פלעגן זיי שבת ביינאַכט גיין צופוס צוריק אַהיים.

יאַנקעלע פלעגט זיך מחיה זיין מיטן טרוקענעם סאָסנע-וואַלד. די מאַמע פלעגט צובינדן דעם היימאַק (ברעזענטענע פלאַכטע) צו אַ בוים, און ער פלעגט זיך שוין אַזוי יונגלעש-הנאהדיק הוידען שעהן גאַנצע. דער ריח פון די נאָדל-ביימער איז אים אַריין אין נאָז, זיך איינגעזויגן אין זיינע לונגען, ביז דער וואַלדיקער אַראָמאַט האָט זיך צעגאָסן אין אַלע זיינע אברים.

אינעם דאָרף האָט יאַנקעלע צוגלייך מיט דער באַלעבאָסטע און די פויערטעס געהאַט זיין פרימאָרגן־עול וואָס ער האָט פרייוויליק גענומען אויף זיך. ער פלעגט ווי זיי אויפשטיין מיטן קאַיאָר נאָך איידער די זון האָט זיך צעגאָסן איבערן דאָרף, און גיין צוזאַמען מיט זיי אין וואַלד קלויבן יאַגאָדעס און שוואָמען. און אין פאַרלויף פון שעהן פלעגן זיי אָנזאַמלען קוישן גאַנצע יאַגאָדעס און שוואָמען.

נאָר יאַנקעלע האָט מקנא געווען דעם הויך־פיסיקן, פאַריסענעם באַטשאַן, וואָס ווו ער וויל קען ער פליען און האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט. די חיות קענען אים נישט גרייכן און די מענטשן וואָגן אים נישט אָנצורירן. ער באַהערשט די הייכן, וואַלד און טאָל. די קרוינען פון די העכסטע ביימער זענען זיינע געלעגער און די פרישע לופט פון די קאַיאָרן דרינגען אריין אין זיינע לונגען.

מיט גרינגקייט כאַפּט ער אויף זיין שפּייז, און מיט זיכער בויט ער זיין נעסט צווישן די הויכע קרוין־געצווייגן. און ער ווערט ביי יעדן אָנקום מיט פרייד באַגריסט דורך יעדן דאָרף און ישוב.

קאַפּיטל אַכט

## דעם פעטערס דאַטשעס

דער פעטער האָט געהאַט זיינע אייגענע דאַטשעס. אַן אייגענע דאַטשע־אימעניע, וואָס האָט געקלעקט פאַר אים און פאַר אַלע זיינע קינדער אין ביאַלע. זיי זענען געווען ביים אָנהויב פון לאַמאַזער וואַלד, נאָר לינקס אַריבער דעם וואָקזאַל. אַז מען איז אַריבער די באַן־רעלסן, איז מען אַריין אין אַ גרויסן הויף, ווו עס זענען געווען אויסגעשטעלט הילצערנע הייזער ווי אין אַ האַלבע לבנה.

דער הויף האָט געהאַט אַ סטרוזש, וואָס האָט געהאַט זיין שטענדיקע דירה באַלד ביים אַריינקומען אינעם הויף. ער האָט אויך באַאַרבעט דעם פעטערס פעלדער וואָס האָבן זיך געפונען אונטערן הויף אויפן וועג צום וואַלד. און טאַקע דורך די דאָזיקע פעלדער איז מען אַריין אינעם זעלבן לאַמאַזער וואַלד, אויסמיידנדיק די איבעריקע דאַטשעס.

פלעגט אים דער טאַטע אָפט מיטנעמען אויף אַ שבתדיקן באַזוך אין פעטערס דאַטשעס, אָדער גאָר אים דאָרט איבערלאָזן אויף אַ פּאָר טעג אונטער באַלטשעס (יצחק פּיזשיטיצעס פרוי) השגחה. און באַלטשע וואָס איז געווען קינדערלאָז, האָט אויף אים אַכטונג געגעבן ווי אַן אייגענע מאַמע.

ביי דער זעלבער באָלטשע אַגב, איז ער געווען אין די קינדע־רישע און אין די פריע חדר־יאָרן פיל מאָל. דאָס איז געווען ביי פאַר־שידענע נישט־פריילעכע געלעגנהייטן. צי עס איז געווען ביי אַן אייגענע, צי שכנותדיקע שריפה; צי ווען אין דער שכנות האָט גע־הערשט אַן עפּידעמיע, אָדער ס'איז גאָר געווען אַ מת אינעם הויז ווי יאַנקעלעס משפּחה האָט געוווינט, און מען האָט גלייך געדאַרפט אַוועקנעמען דאָס קליינע כהנדל פונעם טמא־הויז. ביי אַט די אַלע געלעגנהייטן, האָט מען ס'ערשטע אָפּגעפירט יאַנקעלען צו באָלטשען. און זי באָלטשע האָט אים שוין אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס.

*

זינט יאַנקעלע האָט געדענקט זיין שוועסטער הדס, האָט ער איר קיינמאָל נישט געזען זיך שפּילן, אַ שטיף טאָן. ער געדענקט, ווי שבת נאָכן עסן פלעגט ער און זיין עלטערע שוועסטער יאָכע זיך פּרוון צעווילדעווען, צעקאַמאַנדעווען. און דער טאַטע וואָס האָט בלויז געהאַט דעם איינעם שבתדיקן טאָג זיך צו קאָנצענטרירן, אַריינצוקוקן אין אַ ספר, אָדער זיך אָפּצורוען נאָך דער שבתדיקער סעודה, האָט נישט געוואָלט ליידן מען זאָל אים שטערן.

האָט ער זיך קודם אַ נעם געטאָן צו דער קליינער יאָכע און איר איינגעשטילט. און אים אַליין, דעם אָפּגעציטערטן בן יחיד, האָט ער צוליב דער מאַמען מורא געהאַט אָנצורירן. האָט ער אים דערפאַר געצוווּנגען צו גיין מיט אים אין בעט אַריין שלאָפן. נאָר מיט הדסן האָט ער באַלד נישט געהאַט קיין זאָרג. די קליינע הדס האָט קיינעם נישט דערקוטשעט. זי איז געווען ווי אַ שטילע טויב. אַן ערנסטקייט איז ביי איר געווען אויסגעגאָסן נאָך פון די יונגע יאָרן אַן ביז אירע שווער־פאַרהאָרעוועטע טעג, אַזוי ביזן סוף פון אירע טעג (ביז איר אומקום דורך די דייטשן).

האָט איר דאָס טאָקע דער טאַטע געדענקט און האָט איר ליב געהאַט. ער האָט געטראַכט וועגן איר און איר געוואָלט פרי און גוט חתונה מאַכן. איז אין איינעם אַ טאָג די סאַליע געוואָרן פאַרפּוצט, אויפגערוימט. אין אָוונט איז געוואָרן אָנגעצונדן דער גרויסער מעשע־נער פּאַטשערקעס לאָמפּ, און אויפן טיש האָט זיך באַוויזן דער קרישטאָלענער קליאַש מיט געלן און ברוינעם לעקעך, און אין אַ זייט זענען געווען צעשטעלט פלעשער משקה. דער לאָמפּ האָט געוואָרפן זיין ליכט איבער דער סאַליע, זיך געשפּיגלט אינעם אייגענעם שיין, ווי אינעם שיין פונעם קרישטאָלענעם קליאַש, ווי דער קליאַש האָט זיך געשפּיגלט אינעם אייגענעם קרישטאָל און אינעם שיין פון לאָמפּ.

וואָס איז הייליקער פון אַלע אַנדערע טעג... און ווער עס היט אָפּ דעם שבת, איז ווי ער היט אָפּ די גאַנצע תורה.

די ענגשאַפט איז געווען די זעלבע ווי נעכטן. און די תורה האָט זיך פאַרצויגן ביז מנחה. ערשט נאָך מעריב און דעם רבינס הבדלה מאַכן, זענען זיך די חסידים צעגאַנגען.

זונטיק האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דאָס שלום נעמען און דאָס געבן דעם רבין קוויטלעך. אַזוי אַ גאַנצע וואָך. ביז דער רבי איז ווי ביי זיין קומען, אין דער באַגלייטונג פון די חסידים צוריקגעפאָרן קיין סאָקאָלאָוו.

*

דעם רבינס מוסר האָט אויף זיך לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן. דאָס שטיבל איז געוואָרן שטרענג צו אַלע וואָס האָבן מיטן מינדסטן געפרוווט אָפּנייגן פון זייער פריערדיקער הלבשה. אַפילו צו אַזאַ קליי־ניקייט ווי צו אָנטאָן אויפן האַלדז אַ פּאַפּירענעם קאָלנער, כדי מיט אים צו פאַרדעקן דעם צעכראַשטשעטן העמד־קאָלנער.

די פּאַפּירענע קעלנער זענען אַריין אין דער מאָדע, און עס האָבן זיי געפרוווט אָנטאָן חסידישע סוחרישע יונגעלייט, באַזונדער די וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט פּריצים און מלכות. און די דאָזיקע פאַרמעגלעכע סוחרים זענען נישט געווען ווייניקער אָפּגעהיט און פרום ווי די איבריקע.

אויך יאַנקעלעס טאַטע האָט אָנגעטאָן אַזאַ פּאַפּירענעם קאָל־נער. איז ער אין איינעם אַ פרייטיק נאָך דעם רבינס באַזוך צוזאַמען מיט יאַנקעלען געקומען אין שטיבל מקבל שבת זיין. אַ חוץ דעם געטראָגענעם קאָלנער אויפן האַלדז, האָט ער גלייך מיט זיך מיט־גענומען נאָך אַ פּאָר קעלנער, ווי ער וואָלט וויסן וואָס עס וועט געשען. ער האָט זיי אָבער געוואָלט צוגעווינען צו זיין נייער הנהגה.

איז געווען, ווי נאָר ער איז אַריבער די שוועל פונעם שטיבל, אַזוי איז צו אים גלייך צוגעלאָפן איינער פון זיינע חסידישע פריינט (דאַכט זיך יאַקיר פון די לעדער) און האָט אים דעם קאָלנער געפרוווט אַראָפּרייסן. דעם גאַנצן קאָלנער האָט ער אים נישט געקענט אַראָפּ־רייסן, נאָר צעריסן איז ער שוין געוואָרן.

דער טאַטע ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען, האָט גלייך אָנגע־טאָן אַ צווייטן. די געשיכטע אָבער האָט זיך איבערגעחזרט און אויך דער צווייטער איז געוואָרן צעריסן. נאָר דער טאַטע האָט אויף דעם נישט נאָר געשוויגן, נאָר האָט נאָך צוגעשמייכלט צו דער מעשה.

ספאָרט־פּלאַץ. ער האָט אין די הייסע טעג געקילט מיט זיין קאָלט, שטראָמיק וואַסער גרויס און קליין, ווי ער האָט אַמוזירט און געגעבן פרייד די שווימער וואָס האָבן אויף זיין וואַסער־רוקן זיך געאיבט און געשטאַרקט זייערע כוחות, ווערנדיק באַוווּנדערט צוליב די פאַרשידענע קונצן וואָס זיי האָבן אין זייער שווימען אַרויסגעוויזן.

איז טאָקע אין אַ שבת, צי אין אַ זונטיק פאַרנאַכט דער בריק געווען פול מיט מענטשן, וואָס האָבן אָנשפּאַרנדיק זיך אין די פאַרענטשעס פונעם בריק, אַזוי ווײַלענדיק זיך געגאַפט אויף די שווימער וואָס האָבן באַוויזן פאַרשידענע שטיק ביים ליגן קליאַפּטער; שווימען אויף דער פּלייצע, אָדער מאַכן אַ מיאוקע און אַרונטערלאָזן זיך אונטערן וואַסער.

און אַז עס איז שוין געווען גאָר נאַכט, האָט מען אין שיין פון דער לבנה מקנא געווען די רודערער וואָס האָבן אַזוי מאַיעסטעטיש געפירט זייערע שיפלעך אויפן רוקן פונעם לבנה באַזילבערטן טייך, אָדער די מענטשן אין די שיפלעך וואָס זענען ווי געווען פאַרכישופט פונעם אָפּשפּיגלנדיקן אין טייך בלאָ, און פון די אין אים טוקנדיקע, צעפינקלטע דימענטן...

אינעם דאָזיקן טייך ביים אַרויסגאַנג פון קיווּעלעסביידל, האָט יאָנקעלעס טאַטע איינמאָל אַ נעם געטאָן זיין בן יחיד, און נישט זאָגנדיק קיין וואָרט אים אָוועקגעלייגט אויפן וואַסער, ווי אברהם האָט אָוועקגעלייגט אויף דער עקידה זיין בן יחיד יצחק. ער האָט אויפן וואַסער מיט אים אָנגעהויבן צו מאַנעווּרירן, ווועלנדיק אים לערנען שווימען.

דער טאַטע איז געווען אַ גוטער שווימער. ער פלעגט ליגן קליאַפּטער און מאַכן אַ מיאוקע, מיט דער גרינגקייט ווי ער פלעגט פאַרציען זיין טורעצקין פּאַפּיראָס. און ער האָט געוואָלט זיין זונדל זאָל אויך קענען שווימען. נאָר יאָנקעלע האָט שוין געהאַט אַ נערוועיש־קלאַפּנדיק האַרץ, און ער האָט זיך געשראָקן אפילו פאַרן טאַטנס געניטע האַנט...

האָט ער געמאַכט אַזאַ געוואַלט און האָט אָנגעהויבן אַזוי צו ציטערן, אַז דער טאַטע אַליין האָט זיך דערפון דערשראָקן און האָט אים אָפּגעלאָזט. שפּעטער האָט יאָנקעלע אַליין באַדויערט וואָס ער האָט זיך פונעם טאַטן נישט געלאָזט לערנען שווימען. אוי, ווי דאָס וואָלט אים צונוץ געקומען.

געווען אַן אַריינגייער צו יצחקן, איז אַמאָל צוגעשטאַנען צו דער חברה שפּילער. נאָר דאָס איז געווען זעלטן, אין אַ חנוכּה.

ער האָט נישט געהאַלטן פון קיין קאָרטן. נאָר שפּילן פלעגט ער אין שאָך און ביינדלעך. אויך צו דעם האָט ער קיין צייט נישט געהאַט. פלעגט ער נאָר אַזוי אַ שפּיל־טאָן אין ביינדלעך ביי אַ געלעגנ־הייט, אין דער פרייער צייט אין מיל־קאַנטאָר, אָדער מיט זיינע קונים צו וועמען ער פלעגט קומען אויפמאַנען פאַר מעל.

אין דער צייט ווען דער טאַטע איז ביי יצחקן געווען פאַר־נומען מיט זיינע זאַכן, איז דערווייל יאַנקעלע געזעסן ביים שרייב־טיש און האָט געהאַלטן אין איין שרייבן. קיין גרויסער שרייבער איז ער דאַן נישט געווען. האָט נאָר געקענט אַביסל יידיש, העברעיש און רוסיש. נאָר מיט דעם ביסל וואָס ער האָט געקענט, האָט ער יצחקס גאַנצע פּאַפּיר־בלאָקן פאַרשריבן.

יצחק האָט דעם טאַטן געפרעגט: „וואָס שרייבט דיין בענאָק אַזויפיל, ער וויל ווערן אַ שרייבער?״ „זאָל ער זיך דערווייל אוים־שרייבן די הענט״ האָט אים דער טאַטע געענטפערט. און יאַנקעלע האָט זיך טאַקע אויסגעשריבן די הענט, באַזונדער אין רוסיש, ווו ער פלעגט פון אַלע זיינע רוסיש־לערער קריגן בלויז פינפן פאַר קאַליגראַפיע (שיין־שרייבן).

*

אַ באַזונדערע אַריינגייערין אין יצחקס הויז איז געווען מייטשע, אַ מיטל־וווקסיקע שמייכלענדיקע ברונעטע פרוי מיט אַ פּענסנע, ווע־מענס מאַן האָט געהאַנדלט מיט פערטלעך האָלץ. זי איז געווען אַ באַזונדער טיפּ פון אַ פאַרהייראַטע פרוי, ווי זי וואָלט געווען פון דער משפּחה.

פונוואַנען זי האָט זיך גענומען און אין וואָס עס איז באַשטאַנען איר זכות, האָט יאַנקעלע נישט געוווסט. נאָר איר משפּחה־היימישקייט האָט געוואַקסן און האָט זיך געעלטערט צוזאַמען מיט דער פּיזשיץ־משפּחה. כאָטש זי איז נישט געווען קיין קרובה און נישט קיין באַזונ־דערע מיוחסת, און צו דעם איז זי נאָך געווען טויבלעך און אויך איר ראיה איז נישט געווען קיין גאָר געהויבענע.

אָנגעהויבן נאָך פון דער מומע איטע ברכה, האָט זיך איר פריינטשאַפט געצויגן איבער דעם פעטערס צווייטער פרוי ביז צו די קינדער, באַזונדער די קינדער־טעכטער און נאָנטע קרובים אין ביאַלע. ס׳איז נישט געווען קיין טאָג זי זאָל דעם פעטערס, אַזוי שפּעטער יצחקס הויז נישט באַזוכן. זי האָט געבראַכט די פּאַטשטן, האָט זיך

געברענטע צרות. זיי זענען געווען צעבאַלעוועטע חסידיש-גבירישע קינדער, וואָס האָבן אים, ווי נאָר ער איז פונעם חדר אַוועק, באַזונדער אין די ווינטער-אָוונטן, אָפּגעטאָן פאַרשידענע קונצן און שפּיצלעך.

מען האָט אים אונטערגעלייגט האַרטע זאַכן אויף דער שטול, אַריינגעגאָסן וואַסער אינעם נאָפּט-לעמפּל עס זאָל טונקלען און טרישטשען, — און נאָך ערגערע שפּיצלעך. און ער האָט די לאַבוזעס בלויז אויסגערעדט, אויסגעמוסרט.

נאָר איינמאָל האָבן זיי אים אַרויסגעפירט פון געדולד און איבערגעכאַפּט די מאָס. און דאָס נישט צוליב זיין „עינוי הגוף” (פיזישן פיין), נאָר „עינוי הנפש” (גייסטיקן פיין). ס'איז געווען נאָך ווייט צו פּורים. געלערנט האָט מען נדרים. געלערנט, וואָלט נישט געווען ריכטיק צו זאָגן. ווייל ברוך שלום האָט מיט זיינע תלמידים נישט געלערנט, נאָר פאַרגעזאָגט, ווי אַ ראש ישיבה זאָגט פאַר אַ שיעור. און אויך דאָס נישט. מחמת ער האָט ווי זיין שטייגער, געכאַפּט, געשלונגען די ווערטער גיך גיך, ווי זיין דאַווענען און גיין איז געווען.

אַז ס'איז געקומען צו מנחה און מעריב, איז ער אַוועק אין שטיבל, און האָט געלאָזט די גמרא נדרים וואָס מען האָט דאָן געלערנט אויפן טיש. צוריקקומענדיק האָט ער געטראָפן דאָס נאָפּט-לעמפּל טונקלען און טרישטשען.

נישט זעענדיק און צעחושט און צעטומלט, האָט ער זיך נישט געכאַפּט — און האָט גאָר אָנגעהויבן לערנען די גמרא מגילה וואָס איינער פון די תלמידים האָט אים אונטערגערוקט אַנשטאָט נדרים. ער האָט ווי זיין שטייגער די סוגיה געזשוברעוועט, נישט וויסנדיק און נישט פילנדיק ווו ער איז דאָ פאַרקראָכן. נאָר דאָ, אינעם סאַמע ברען פון זיין זאָגן, האָבן די תלמידים אָנגעהויבן שרייען: „גוט פּורים, אַ גוטער פּורים רבי!” ערשט דאַן האָט ער זיך געכאַפּט וואָס דאָ איז געשען.

זיינע אויגן האָבן זיך אויף אַ מאָמענט אָנגעצונדן, אַ גלי געטאָן פון צאָרן. נאָר דערמאָנענדיק זיך, אַז אַ ייד טאָר נישט אַריינפאַלן אין כעס, בפרט אַ גאָטספאַרכטיקער ייד; אַז כעס איז עבודה זרה, האָט דער גלי אין זיינע אויגן זיך גלייך פאַרלאָשן. ער האָט זיך באַרואיקט, און ווענדנדיק זיך צום ווילדסטן פון זיינע תלמידים, צו נתן באַרענשטיינס זונדל (לייבע מעדניקס איניקל), אַ שיינער בחור, מיט בלאָנדע האָר און געל-געלאָקטע גרייצער פאות אויפן גאַליציאַנער שטייגער, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „איך וועל דערציילן דעם טאַטן”.

ברוך שלום האָט טאַקע זיין טאַטן דערציילט. זיך פאַר אים געקלאָגט אויפן זונס מעשים, אַז ער טוט אים אָן געברענטע צרות. און דער טאַטע האָט דעם זונדל דערפאַר דערלאַנגט אַ פייערדיקן פּאַטש. נאָר דער גוטער ברוך שלום האָט פון דאָן אָן זיך נישט געקענט באַרואיקן. ער האָט חרטה געהאַט און עס האָט אים פאַר־דראָסן די גאַנצע מעשה. ער האָט זיך גאָרנישט געקענט שענקען, וואָס ער איז געווען דער גורם פון אַ יונגלס פּאַטש.

*

דער חדר ווי די דירה איז געווען אַ פּרימיטיווע. איין ברייטער צימער מיט הילצערנע בעלקעס איינע איבער די אַנדערע, וואָס האָבן ווי אַרויסגעקראָכן פון סופיט, מיט אַ קליין קיכל רעכטס ביי דער טיר, אויף וועלכן ס׳איז געשטאַנען אַ דרייפוס. אויפן דרייפוס האָט מען אַ גאַנצע וואָך געקאָכט, אויב מען האָט אין דער וואָכן בכלל געקאָכט. צווישן די בעלקעס האָט מען באַהאַלטן אַלץ וואָס מען האָט געדאַרפט פאַר אַ גוט אויג באַהאַלטן. האָבן טאַקע די קרייטשטיינס צווישן די בעלקעס געהאַט זייער קניפּל, מיט וועלכן זיי האָבן שפּעטער געקויפט אַ טייל פון קאַשעמאַכערס הויז אויפן זעלבן הויף.

זיי זענען געווען קאַרג די קרייטשטיינס. און טאַקע פון דער דאָזיקער קאַרגשאַפט האָבן זיי אָפּגעשפּאָרט דאָס קניפּל. דער בעל־פּרנסה איז געווען דער רבי, און נישט די רביצין מיט איר טל ומטר־קרעמל. און כאָטש ברוך שלום האָט קיין צופיל תלמידים נישט גע־האַט, האָט ער אָבער פאַר זיין לערנען גענומען גאַנץ פיינע ערדעשע פּרייזן. און מען האָט אים אויך געגעבן, צוליב זיין שם פון אַ גרויסן למדן.

נישט נאָר דער חדר איז געווען פּרימיטיוו, נאָר דאָס גאַנצע הויז ווו דער חדר איז געווען. די קליינע אַלטמאָדישע הילצערנע הייזקע, וועמענס קאָרידאָר האָט געפירט צום הויף אין דער גאַס, האָט קיין הילצערנע פּאָדלאָגע נישט געהאַט. און דער איינציקער פרייזדיקער פּונקט פון חדר, איז נאָר געווען דער איינער פענצטער וואָס איז אַרויס צום גאַס, אַרום וועלכן עס איז געשטאַנען דער טיש מיט די בענק צום לערנען. אָבער דעם פענצטער האָבן נאָר אַנגעקוקט די וואָס זענען געזעסן מיטן פּנים צו אים, נישט מיט דער פּלייצע (די אַנדערע ריי).

ביי ברוך שלומען האָט יאַנקעלע זיך באַקענט מיט שימעלע קרייטשטיין. ער האָט נאָך פריער פון אים געהערט, נאָר אים פּער־זענלעך נישט געקענט. זיין דירה איז געווען אין דער זעלבער זייט

פון ברוך שלומס. זיי זענען געווען, א חוץ דעם אונטערשייד אין יארן, ווי צוויי טראפנס וואסער גלייך צו זיך. איז דאך שימעלע געווען ברוך שלומס פעטער.

א פארברענטער מתנגד, א בעל תפילה און בעל קורא פון דער שטאטישער שול, האט ער זיך געקליידט נישט נאר רבניש, נאר פאר יענער צייט אין ביאלע אויסטערליש. ער האט געטראגן קורצע הויזן מיט לאטשן און הויכע ווייסע זאקן. מען האט אים ווי ברוך שלומען גערופן „דער סקארעי" (עקספרעס), פאר זיין גיכקייט אין לערנען, דאווענען און אויך אין גיין. ער איז ווי ברוך שלום נישט געגאנגען, נאר געהיפקעט, גיך, גיך, אט אזוי ווי א פייגעלע. יאנקעלע פלעגט אים אפט זען אדורכהיפקען דעם ליימענעם קארידאר צו זיין איינ־זאמען שטיבל (ער איז שוין דאן געווען אליין). און יאנקעלע האט געטראכט: אט דאס דראבנע, מייטקע־יידל, ווייזט ארוים אזא עקשנות, פארנעמט זיך צו פירן אזא פארביסענעם קאמף מיט שמילקע פיזשיץ, וואס איז פעסטער און פיל רייכער פון אים?...

מען האט וועגן אים דערציילט וואונדערלעכע זאכן, וואס איז יאנקעלען דווקא געפעלן געווארן. ער איז, טראץ זיין נעבאכדיקן פיזישן אויסזען, געווען נישט נאר אן עקשן, נאר אויך א שטאלצער דרייסטער ייד.

ווען דער גראדא־נאטשאלניק (שטאטישער) האט איינמאל אויף א געלעכטער אים אונטערגעשוירן א פאה, האט ער זיך נישט דער־שראקן און האט דעם נאטשאלניק אראפגעריסן די שליפעס. און ווען דער ריכטער וואס האט אים איינמאל געמשפט איז געווען שיכור, האט ער דעם צארישן טשינאווניק געהייסן זיך פריער ניין אויס־שלאפן און דערנאך אים משפטן. און נאך אזעלכע שטייגער זאכן האט מען וועגן אים דערציילט.

דאס לערנען ביי ברוך שלומען, איז א חוץ די שטיפערייען אין די אוונטן ווען דער רבי פלעגט זיך ארויסכאפן צו מנחה־מעריב, געווען מאנאטאן. דער רבי וואס איז געווען א בקי און רגיל נישט נאר אין נגלה, אין ש"ס און פוסקים, נאר אויך אין קבלה, אין דעם „עולם דאתכסיא" (פארבארגענער וועלט), האט אויף זיין שטייגער געזוב־רעוועט דעם שיעור, און מיר זיינע תלמידים האבן אים געמוזט נאכ־לויפן. ער פלעגט זיך, א חוץ ווען עס האט זיך ארייגעמישט א תוספות, צי א מהרש"א, נישט אפשטעלן. ווי ער וואלט געווען גאר זיכער אין די תלמידימס פארשטיין, וואס איז נישט שטענדיק אזוי געווען.

אָבער געווען אַ ייִד אַ למדן, און זיין האַלטונג אין רעדן איז געווען פול מיט חשיבות.

די סיבה פון איר מיטלייד צו אים איז געווען, וואָס ער איז געווען אַן אַלמן און האָט געהאַט אַן איינציקן זון, אַ קראַנקן. פלעגט זי טאַקע ווערן גאָר אַן אַנדערע, אַן אויפגערירטע, ביי זיין קומען. עס האָט איר ווייזט אוים דערמאָנט אין איר אַמאָליקער אייגענער לאַגע פון אַ קראַנקער בת יחידה.

באַזונדער פלעגט זי ווערן פול מיט רחמנות, ווען ער פלעגט זיך באַווייזן מיט זיין זון דעם בן יחיד. בפרט דאַן, ווען דער זון, אַ מיטלוווקסיקער בלאַסער לערנער מיט אַ טונקל האָריק רעמל אַרום זיין אָפּגעצערטער פאַרשפּיצטער גאָמבע, ווען ער פלעגט זיך... וועמענס אויגן זענען געווען צעשראָקן ווי ביי אַ הירש בעת ער ווערט פאַרפאָלגט פונעם יעגער, איז געקומען זיך שטעלן צום פּריזיוו.

און ווי גרוים ס׳איז געווען איר רחמנות, אַזוי גרוים איז געווען איר פרייד ווען ער איז געוואָרן באַפרייט פון דינען פאָניען. אַזוי אויך איז געווען מיט דאָראָגאָטשינסקי (פונעם דאָראָגאָטשין), די מומע דבורהס מאַן, וועמען מען האָט גערופן די שוואַרצע (שפּעטער אַריבער קיין וואַרשע) און וועמען האָט צוליב זיין שוואַכקייט באַזונדער געאָ־כאַזשעוועט, צוגרייטנדיק פאַר אים באַזונדערע מאכלים.

זיינער אַ זון דאָווטשע, אַ לערנער, איז אַוועק קיין אַמעריקע ווו ער האָט חתונה געהאַט און לעבט. און זיינער אַ יונגערער זון אָרטשע, אַ טונקעלער מיטלוווקסיקער ברייט-פּלייציקער בחור, יאָנ־קעלעס אַ יונגערער קוזין און חבר לדעה, האָט זיך גייסטיק אַנטוויקלט און איז אין די דרייסיקער יאָרן געווען דער קאַסיר פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער יידנשטאַט-פּאַרטיי אין פּוילן.

פון דער מומע חיה, אַן אַלמנה וואָס האָט געוווינט אין לאַשיץ און האָט געהאַט צוויי זין יאַנקל און משה חיים מיט אַ טאָכטער, האָט זי גאָר געהאַט נאָר גוטס צו דערציילן. די מאַמע, ווי די גאַנצע משפּחה, האָבן איר געהאַלטן פאַר אַ צדיקת.

דעם טאַטנס שוועסטער חיה האָט אין לאַשיץ געהאַט אַ טיי־הויז (אַ טשיינע) ווו מען האָט אויך געקענט אָפּעסן. אירע קונים זענען אָבער נישט געווען קיין גבירים, נאָר אַרבעטס-מענטשן און אָרמע יידן וואָס פלעגן ס׳רוב עסן אויף באָרג.

און נישט האָבנדיק צו באַצאָלן איר דעם חוב, האָבן זיי נישט געהאַט דעם מוט ביי איר ווייטער צו באָרגן. די מומע אָבער, זעענדיק זייער פאַרלעגנהייט, האָט אַנשטאָט פון זיי צו מאָנען דעם חוב, זיי

ווייטער געבאָרגט און נאָך זיי געמוטיקט און געטרייסט זאָגנדיק: „עסט קינדערלעך, עסט געזונטערהייט. אַז איר וועט האָבן וועט איר מיר אָפּגעבן".

יאַנקעלע האָט באַדויערט וואָס ער האָט די מומע חיה נישט גע־קענט. דערפאַר אָבער איז ער געווען צופרידן וואָס ענדלעך האָט זי דערפילט איר ווונש, און איר יונגערער זון משה חיים, אַן איינפאַכער, נאָר גוטמוטיקער, שיינער בלאָנדער בחור, וואָס האָט לאַנג באַנערט זיין קוזינע, יאַנקעלעס שוועסטער יאַכע, האָט דערגרייכט זיין ציל. חתונה האָבנדיק מיט איר אין די צוואַנציקער אין וואַרשע.

מיט אַ באַזונדערע הנאה און יראת הכבוד פלעגט די מאַמע רעדן וועגן ביאַלער יחוס. זי פלעגט דערציילן וועגן די ביאַלער רביים ר' בעריש און ר' אהרן לאַנדוי, ווי וועגן לעצטן ביאַלער רבי ר' יצחק יעקב ראַבינאָוויטש. אין איר דערציילן וועגן זיי, האָט זי זיי ווי פאַר־היימישט, ווי זיי וואָלטן געווען אַ טייל פון איר אייגענער משפחה. זי פלעגט אויך דערמאָנען די שחורס און זייער פאַרבונדנקייט מיט די חסידישע דינאַסטיעס. אַזוי אויך די איבריקע יחוסדיקע ביאַלער משפחות.

באַזונדער פלעגט זי אַריין אין עקסטאַז רעדנדיק וועגן לעצטן ביאַלער רבין, ר' יצחק יעקב, אַן אור־אייניקל פון ייד הקדוש. די מאַמע, ציטנווייז אַ מיסטיש־געשטימטע וואָס האָט נעגליסט צו דער־וואַרמען די נשמה און דאָס הארץ, האָט אויף איר אופן געזוכט אַן אָנשפּאַר און שוץ, אַ חוץ אין דעם פאַרבאָרגענעם איינעם, אויך אין יעדן רבין און אין יעדן צדיק; אין יעדן „טמיר ונעלם".

און יאַנקעלע, וואָס האָט נאָר געקענט ר' אהרן לאַנדויס הויף אויף דער קשיווע, האָט נאָך דאַן, נישט מבחין זייענדיק צווישן אמת און ווונש, דער ווירקלעכקייט און פאַנטאַזיע, זיך פאַרגאַפט צוגעהערט צו אירע רייד.

*

דער טאַטע האָט זיך פאַרטאָן אין זיין מיל־געשעפט, וואָס איז אָגב שוין געווען גוט אָרויפגעאַרבעט, און האָט נישט געאַנט וועגן די אינטריגעס וואָס זענען אַרום דעם אָנגעגאַנגען. אינטריגעס, וואָס האָבן שפּעטער דערפירט צו אַן איבערקערעניש אין זיין לעבן, ווי אינעם לעבן פון דער משפחה.

און כאָטש זייענדיק פאַרטאָן אין זיינע געשעפטן, האָט ער אָבער אויך נישט פאַרגעסן אין זיין בן יחיד, מיט וועמענס לערנען און בילדונג ער האָט זיך ווייטער אָפּגעגעבן. ער האָט קודם כל אין זין

געהאַט צו דערפירן צום זונס בר מצווה, ווען אַ יידיש יונגל ווערט רייף צו טראָגן פאַר זיך אַליין די אחריות. און נאָך דעם ווי ער ווערט זיך נאָך אַביסל צו לערנען אין לימודי קודש ווי אין לימודי חול, וועט ער ווערן זעלבסשטענדיק צו לערנען פאַר זיך אַליין אין שטיבל.

דעם טאַטנס כוונה איז געווען: אָדער יאַנקעלע זאָל זיך ווייטער לערנען, צוליב וואָס ער איז געווען גרייט זיך ווייטער צו לאָזן קאָסטן, אָדער ער זאָל זיך נעמען צו מסחר. פון אַ דריטן אויסוועג, צו לערנען זיך אַ פאַך, האָט דאָן אַ חסידיש־פאַרמעגלעכע משפחה נישט געטראַכט.

דערוויל איז די צייט געלאָפן, זי איז נישט געשטאַנען אויף קיין אָרט. האָט זיך אונטערגערוקט דאָס דרייצנטע יאָר, דאָס יאָר, צו וועלכןביידע דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן אַזוי געבענקט און געוואַרט. געגאַרט איבערצולעבן און דערלעבן די ערשטע שמחה, דעם ערשטן נחת פון אַ קינד. נישט אַנענדיק וואָס פאַר אַ מתנות די זעלבע צייט טראָגט פאַר זיי אין די פאַלדן פון איר קלייד.

אויך ברוך שלום יאַנקעלעס רבי, האָט זיך צו דעם געגרייט, זיך געגרייט און געוואַרט. יעדער איינער מיט זיינע באַזונדערע כוונות — נאָר וועלכע זיינען ערגעץ ווו זיך צונויפגעקומען פאַראייניקט. און דאָס איז דאָך פאַר ברוך שלומען געווען די בעסטע געלעגנהייט זיך צו אַנטפּלעקן, צו באַווייזן זיין כוח נישט נאָר אין דעם „עולם דאתכסיא" (פאַרבאַרגענער וועלט), נאָר אויך אין דעם „עולם דאתגליא" (אַנטפּלעקטער וועלט). און ווי יאַנקעלע געדענקט, איז זיין בר מצווה געווען די איינציקע פאַר דער גאַנצער צייט וואָס ער האָט געלערנט ביי ברוך שלומען.

די צייט פון דער בר מצווה האָט מען באַשטימט אויפן חודש כסליו נאָענט פון יאַנקעלעס געבוירן (די יידישע דאַטע מיט דער מעטריקע גלייכט זיך נישט אויס) און אין די טעג פון חנוכה. און אויסגעקליבן פאַר יאַנקעלעס פשטל האָט ברוך שלום טאַקע דעם אַקטועלן ענין פון חנוכה.

ער האָט מיט אים די סוגיה באַזונדער נישט געלערנט, אים נישט אָפּגעטיילט פון די איבעריקע תלמידים. נאָר ער האָט דאָס מאָל געמאַכט אַן אויסנאַם און האָט נאָך אַ צייט פאַר חנוכה אָנגעהויבן לערנען במה מדליקין (מסכת שבת), ביז ער איז צוגעקומען צו „תנו רבנן מאי חנוכה". און דאָ, ביי דער חנוכה־סוגיה, האָט מען זיך לענגער פאַרהאַלטן, איר אַרומגענומען פון אַלע זייטן.

ער איז שוין דאָס מאָל נישט אַזוי געלאָפן, ווי ביי די איבעריקע סוגיות. נאָר לכבוד דער בר מצווה און פשטל, האָט ער זיך ווי אָפּ־

נייע פּאָדוואָלניעס, און די דרויסנדיקע ווענט פונעם הויז איבערגע־שאָליעוועט און איבערגעפאַרבט.

אַ צרה איז אָבער געווען מיטן אַנטיסעמיטישן שכן כאַרלאַמ־פּאָוויטש, מיט וועמען מען האָט נישט געקענט אויסקומען. באַלד ווי מען האָט איבערגענומען דאָס הויז, האָט ער זיך גענומען טשעפּן צום פּאַרקן, וואָס האָט פונאַנדערגעטיילט ביידע הייפן.

ער האָט אונטערן תירוץ, אַז די גרענעץ צווישן ביידע הייפן איז נישט קיין ריכטיקע, כאַטש זי איז נאָך געווען פון פריער איינ־געשטעלט און איז אויך געווען פיקסירט אין אַלע פריערדיקע קויף־אַקטן, געוואָלט מען זאָל אים אָפּגעבן אַ שטיקל פּלאַץ. און זיין פויערשער הויף איז געווען פול, פול גרעסער.

ער האָט זיך אויך אַרומגעריסן מיט זיין אייגענעם ברודער יאַן. אַ הויכער שטילער דאַרער פּאָליאַק, אַ יידן־פריינט, וואָס איז געווען קראַנק אויף די לונגען און האָט באַקומען די סוכאָטע. אויך ער האָט געהאַלטן מיטן טאַטן. די רייסעריי צווישן זיי האָט אַזוי לאַנג גע־דויערט, ביז יאַן האָט זיך מיטן געמיינזאַמען ירושה־הויף צעטיילט, און זיך פונעם רשעותדיקן ברודער יוזעף אָפּגעטיילט און אָפּגעגרענעצט.

יאַן איז אין קורצן געשטאָרבן. און זיין פרוי מיט אירע טעכטער, אַלע יידן־פריינט, האָבן אין די פערציקער גראַטעוועט יוסל פרעטערס ביידע מיידלעך. און ווען יאַנקעלע איז נאָכן חורבן געקומען פון רוסלאַנד אָפּנעמען זיינע עלטערנס הויז, האָט יאַנס אַלמנה צו אים זיך געמעלדן צו זאָגן פאַר אים עדות אין געריכט.

דער טאַטע איז אָבער נישט געווען קיין פּחדן, און האָט זיך פאַר יוזעפס סטראַשונקעס נישט אָפּגעשטעלט. יוזעף פלעגט אָבער מיט זיינע בנים (אין באַהעלטעניש) יעדעס מאָל אַרויסרייסן ברעטער פון פאַרקן, און אויף צו להכעיס אַריינלאָזן זיינע חזירים. און יאַנקעלע האָט געהאַט אַן אַרבעט זיי צו פאַרטרייבן. אַזוי איז דער קידער־ווידער אָנגעגאַנגען אַ צייט. ביז דער טאַטע האָט שוין מער דעם פאַרקן נישט פאַריכט, אים געלאָזט אַזוי שטיין מיט די אַרויסגעריסענע ברעטער.

*

דעם טאַטנס פּאָדריאַד האָט זיך פאַרבעסערט. ער האָט זיך באַקענט מיט אייניקע אָנפירנדיקע אָפיצירן, און דורך זיי אויך געטאָן יידן טובות. איינער אַזאַ מאַיאָר איז פאַרן אָפּשליסן אַ קאָנטראַקט, געקומען אין שטוב אויף אָוונט ברויט. ער איז געווען אַ הויכער

אַ דאַנק דעם טאַקע האָט נאָך דער טאַטע אוספּיעט איידער די מיליטערישע דייטשע רויבער זענען אָנגעקומען, אַרויסצושלעפּן פון זיין נייעם נאָך נישט רעכט אָנגעוואַרמטן געשעפט, אַ דריי טויזנט רובל. דאָס איז אָבער געווען בלויז אַ קליינער טייל פון זיין אַריינ־געלייגט געלד, וואָס איז שוין פאַר אים געגאַנגען לאיבוד.

ווי אין דער מיל, פלעגט אים אויך דאָ דער טאַטע מיטנעמען ווען נאָר ער איז געווען פריי פון לערנען, אין טשאַרנעם טאַרטאַק. ער פלעגט מיט אים מאַכן דעם וועג הין און צוריק צופוס. און דאָ אינעם טאַרטאַק, וווּ עס זענען געווען אויסגעלייגט פאַרשידענע סאָרטן ברע־טער און באַלעס (גראָבע ברעטער) צום טריקענען, פלעגט אים דער טאַטע שוין ווי אַ געניטער האָלץ־סוחר געבן די נויטיקע דערקלערונגען.

די קלעצער פלעגט מען ברענגען פון גראַף פּאָטאָצקיס גרויסן וואַלד אונטער מעזריטש. מען האָט די ביימער אַראָפּגעלאָזט, זיי אָרומגעהאַקט און גערייניקט צום אָפּשיקן אין טאַרטאַק. ערשט אינעם טאַרטאַק זענען זיי געקומען אונטער פאַרשידענע מעכאַנישע זעגן, לויט די סאָרטן ברעטער וואָס מען האָט געוואָלט פון זיי אַרויסבאַקומען.

דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן שוין ביידע געהאַט פאַר־געסן אין זייער פאַרדרוס וועגן דער מיל. זיי האָבן געהאָפט, אַז אויך דאָס נייע געשעפט וועט זיך אַרויפאַרבעטן און וואָס מער אַנטוויקלען. זיי האָבן נישט געוווּסט, ווי קיינער האָט דאַן נישט געוווּסט, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. כאָטש די פעדעם פון די געשעענישן האָבן זיך שוין געצויגן און געקנוילט איבערן רוב פון אייראָפּעיִשע לענדער, זענען זיי אָבער צום פאָלק נישט דערגאַנגען.

איז געקומען דאָס יאָר 1914. דאַכט זיך אַ יאָר ווי אַלע יאָר, ס׳איז אָבער אַנדערש געווען. אין אָנהייב האָט זיך דער מסחר נאָך געשטאַרקט. נאָר ווען ס׳איז געקומען סוף זומער, תשעה באב, איז אין יעדן שטאָט און שטעטל אויסגעבראָכן אַ ווילדע מהומה.

איבערן שטאָט זענען געוואָרן צעהאַנגען פּלאַקאַטן מיטן רוף צו מאָביליזאַציע. און גלייך האָט ביאַלע געענדערט איר פּנים. דאָס ביז אַהעריקע מער וויניקער רואיקער לעבן פון שטאָט האָט גענומען ברויזן און שטורמען מיט מלחמה.

גלייך האָבן זיך פונעם אָרום גענומען ציען וועגענער צו דער מיליטערישער קאָמיסיע. און אויף יעדע יידישע שטוב, וווּ נאָר ס׳איז געווען אַ מאַן פון מיליטערער עלטער, איז אָנגעפאַלן אַ פּחד. אויך אויף דער מאַמען איז אָצינד אָנגעפאַלן אַ נייע שרעק, וואָס האָט אויף אַ צייט פון איר פאַרטריבן אַלע ביז אַהעריקע ביטערנישן. זי האָט

די דאָזיקע מורא האָט זיך שפּעטער טאַקע אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק.

דער טאַטע האָט זיך די אַלע טעג געפונען אין טאַרטאַק. ער האָט ביים פאַרלאָזן פון די רוסן ביאַלע, געוואַכט ווי אַ שומר ביי דער איינענער טיר, ביי זיין אייגענעם ברעטער־פאַרמעגן. ער האָט די אָפּ־טרעטנדיקע קאָזאַקן וואָס האָבן זיך רק געריסן צו פאַרניכטן און צע־שטערן, צו פאַרברענען דעם טאַרטאַק מיט אַלע זיינע ברעטער און באַליעס, געטיילט קנאַקנדיקע קאַנשינס הונדערטער. ער האָט זיינע ברעטער אָפּגעראַטעוועט פונעם רוסישן טייוול, ס'איז אים אָבער דאָן נישט איינגעפאַלן, אַז מען וועט זיי שפּעטער אַייך דאַרפן אָפּראַטעווען פונעם דייטשן, און דאָס שוין נישט פון איינצלנע קאָזאַקן־מאַראָדערן, נאָר פון פאַרגעוועצלעכטע קאָנפיסקאַציעס, פון אַ מלוכהשן דייטשן רויב, וואָס עס וועט אים שוין נישט געלינגען.

ס'איז געקומען דער טאָג פונעם רוסישן אַוועקגיין. אין דעם טאָג זענען אַלע יידישע הייזער און קראָמען געווען הערמעטיש פאַר־מאַכט און די גאַסן זענען געווען ליידיקע פון מענטשן. די לעצטע רוסישע זעלנער זענען געלאָפן אויף מזרח קיין בריסק. און אַזוי איילנדיק זיך, האָבן פונדעסטוועגן די אָפּטרעטנדיקע קאָזאַקן און טשערקעסן נישט פאַרגעסן אין זייערע לעצטע מינוטן אויפצורייסן מיט זייערע פּיקעס אַ טייל יידישע קראָמען אויף דער בריסקער גאָס און זיי אין איילעניש צו צערויבן.

באַלד אָבער האָט זיך פון דער וואָליע (ביאַלער פאָרשטאָט) געלאָזט הערן אַ שיסעריי אין דער ריכטונג צום שטאָט. דאָס האָבן די אָנקומענדיקע דייטשן זיך געוואָלט מאַכן פריי דעם וועג צום צענטר פון שטאָט. ס'איז געוואָרן אַ וויסטע מהומה. יידן האָבן פון שרעק זיך גענומען אויסבאַהאַלטן אין די קעלערן פון זייערע הייזער. גאַנצע משפחות זענען אין זיי אַריין און מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָבן זיי אָפּגעוואַרט דעם סוף פון דער שיסעריי.

אויך די מאַמע איז צוזאַמען מיט די קינדער אַריין אינעם קעלער פון פעטערס הויז. אינעם קעלער זענען געווען אַ פאַר צענדליק יידן. צווישן זיי שמילקע פישטשאַצער, שמיליע שוחט, די ראַנטשיכעס געזינדל א. אַ. די שיסעריי איז געוואָרן שטאַרקער. און מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט די דעטאָנאַציע פון אַ פאַלנדיקע אין שכנות באָמבע, וואָס האָט נאָך פאַרגרעסערט די שרעק.

אַ טייל האָבן אָנגעהויבן זאָגן די תפילות וואָס זיי האָבן געקענט. און די אַנדערע, דערהויפּט די פרויען, האָבן אין יידיש אָנגעהויבן צו שעפּטשען זייערע אייגענע תפילות־אימפּראָוויזאַציעס. נאָר ווי מאָדנע,

צוליב זיין דאָזיקער גוטסקייט, אָפּט שוין צו גוט, מחמת ער פלעגט פון לאָמאַז קיין ביאַלע, אַ מרחק פון צענדליקער וויאָרסט, נישט וועלן זיך צוליב צער בעלי חיים אויפזעצן אויף דער בויד, נאָר אָנהאַלטנדיק זיך ביי דער קעלניע, כדי ער זאָל צוליב זיין פאַר־טראַגנקייט אין די עולמות עליונים נישט אָפּנויגן פונעם וועג, — אַזוי צוזאַמען מיט דער אַלטער שקאַפּע אַריינקומען קיין ביאַלע. און אין ביאַלע איז זיין אָרט געווען דאָס שטיבל.

זיין גוטסקייט און ווי מלאכישן געדולד פלעגט ער אַרויסווייזן צו די יונגע שנעקעס, וואָס פלעגן אים אָפּט דערקוטשען. און ער, ר׳ לייזער, ווי נישט אים מיינט מען, פלעגט פאַר זיי האָבן נאָר איין וואָרט: „ניטע, מען טאָר נישט״...

צוליב זיין דאָזיקער פירונג און שטענדיקער פאַרטראַגנקייט, האָבן די חסידישע לצים אויף אים אויסגעטראַכט אַז ער איז נישט מיט אַלעמען — וואָס איז נישט געווען אמת. ער איז געווען פול־שטענדיק קלאָר אין זיינע געדאַנקען און האַנדלונגען. און זיין אויפפיר האָט זיך גענומען פון אַ ריין, טיף־מאָראַלישן כאַראַקטער, וואָס די צעבאַלעוועטע קעסט־איידעמלעך האָבן אין זייער עולם הזההדיקער פּראַקטישקייט נישט פאַרשטאַנען.

איז איין מאָל דער שמועס אַוועק וועגן קאָצקער, ר׳ מענדעלע קאָצקער, וועגן וועמען אַ טייל חסידים פלעגן אויסמיידן צו רעדן. און דערציילט האָט מען וועגן אים פאַרשידענע מעשיות וואָס האָבן יאַנ־קעלן פאַרכאַפּט און פאַראינטריגירט.

— יאַנקעלע האָט שוין געהאַט געהערט וועגן יענער נאַכט — בעת דער קאָצקער האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט און אַ געשריי געטאָן: „לית דין ולית דיין״ (נישטאָ קיין דין און קיין דיין), און דער איזש־ביצער האָט אַ זאָג געטאָן צו די חסידים: „בינדט אים! מחמת במקום שיש חילול השם, אין חולקין כבוד לרב״ (ווו עס איז דאָ אַ חילול השם, גיט מען נישט אָפּ קיין כבוד קיין רבין. אַ גמרא).

נאָר דאָ האָט ר׳ לייזער אויסגעמיטן יענע נאַכט, נאָר האָט דערציילט אין נאָמען פון אַן אַלטן קאָצקער חסיד וועגן ר׳ מענדעלעס אָפּשיידן זיך פון די חסידים. און דערציילט האָט ער: ווען ר׳ מענדעלע האָט געזען אַז ער מיט דער חבריה וועט די גאולה פאַר יידן נישט ברענגען, האָט ער אָנגעזאָגט דעם שמש מער די חסידים צו אים נישט אַריינלאָזן. ער זאָל זיי הייסן פאָרן אַהיים.

אַז די חסידים האָבן דאָס דערהערט, איז ביי זיי אויסגעבראָכן אַ יללה און זיי האָבן זיך נאָך מער גענומען שפאַרן צום רבינס טיר.

קאַפּיטל פופצן

# דער טאַטע ווערט קראַנק און שטאַרבט

יאַנקעלע האָט פאַרלירנדיק דעם געדולד, דערווייל איבער־געריסן דאָס לערנען אין שטיבל. ער האָט אַנגעהויבן זיך טרעפן מיט חברים וועמען דער יידישער אויפלעב־געדאַנק האָט באַוועלטיקט.

און אַזוי דערווייל אַרומדרייענדיק זיך, האָט ער אַבסערווירט די אַנקומנדיקע און אַוועקגייענדיקע דייטשן וואָס האָבן געהאַלטן אין איין מאַרשירן צום מזרח, ווי די ניי־אויפקומנדיקע יידישע קאַפער־הייזער וואָס זענען געוואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, אויף צו פאַרוויילן און באַטרינקען די דייטשע סאָלדאַטן.

דער טאַטע זעענדיק יאַנקעלעס אַרומדרייען זיך, איז אויף אים געוואָרן בייז. ער האָט נישט פאַרטראָגן קיין ליידיק־גייערײַ. בפרט איבערצורייסן דאָס לערנען. ער האָט נישט געוווּסט, בפרט האָט אים יאַנקעלע נישט דערציילט, וועגן זיינע ציוניסטישע באַגעגענישן און וועגן דעם וואָס עס גייט אָן אין אים...

וואָלט ער אים דערציילט, וואָלט דאָס נאָך מער דערצאָרנט און דערשלאָגן דעם אַזוי אויך דערדריקטן טאַטן. און דער טאַטע האָט דאַן פון יאַנקעלען פאַרלאַנגט איין זאַך: אָדער לערנען, אָדער האַנדלען. און צו ביידע זאַכן האָט אַצינד יאַנקעלען נישט געצויגן.

דאָך איז יאַנקעלע צוריקגעגאַנגען אין שטיבל לערנען. נאָר ווען ער איז אין אָוונט אַהיים געקומען, האָט זיך שוין דער טאַטע דערפילט שוואַך. אויף צו מאָרגנס האָט זיך שוין דער טאַטע נישט אויפגעהויבן פון בעט. מען האָט לכתחילה נישט געוווּסט וואָס אים איז. אויך ער אַליין האָט קלאָר נישט געוווּסט וואָס אים איז.

דאָס נישט קלאָרע געפיל פון עפּעס אַ דריקעניש און אַ באַפּאַ־לענער שוואַכקייט, האָט מען געפּרוּווט פאַרשידן אויסטייטשן. נאָר קיינער האָט לכתחילה אין אַזאַ שעת חירום, קיין צופיל ערנסטקייט צו זיין קראַנקייט נישט געגעבן. און כאָטש ס'איז שוין געווען די צייט פון עפּידעמיעס, האָט אָבער זיין קערפּער נישט געוויזן קיין סימן פון קיין טיפוס. און קיין פּריוואַטע דאָקטוירים זענען אין שטאָט נישט געווען. זיי זענען געוואָרן מאָביליזירט, און די איבעריקע זענען מיט דער רוסישער אַרמיי אַליין אַוועק.

ער איז אַזוי טעג געלעגן אין דער צייטווייליקער ענגער דירה נישט אַרויסווייזנדיק קיין צייכן פון קיין אומרו, כדי נישט צו באַ־אומרואיקן די משפּחה. די מאַמע איז געווען הילפלאָז, האָט נישט

— ער לעבט שוין נישט. ס'איז פאַר כל נדרי און עס וועט ווערן שפּעט אים מקבר צו זיין — האָבן זיי געענטפערט.

יאַנקעלע איז אַצינד געוואָרן איין שטיק בונט. ער האָט זיך געבונטעוועט קעגן סדר העולם, ווי קעגן יידישן איילנדיקן ריטואַל. ס'האָט אים אין דעם מאָמענט נישט אינטערעסירט דער גאַנצער יום כפּור. אין קאָן שטייט אַ מענטשלעך לעבן און נאָך זיין אייגענער טאַטע. און ער וועט נישט מצדיק את הדין זיין...

און וואָס איז דאָ מצדיק צו זיין? „ה' נתן וה' לקח" (גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט צוגענומען). נו, אַז ער האָט געגעבן איז וואָס? האָט דען דאָס לעבן ביי אים זיך געבעטן ער זאָל עס געבן, בפרט אויף אַזעלכע פּיינלעך־מענטשלעכע באַדינגונגען? איז ־דען דער געבורט ווי דער טויט אַ פּריוואַטער אַקט? ס'איז דאָך „בעל כרחך אתה חי ובעל כרחך אתה מת".

צו דעם נאָך ווען דאָס לעבן געווינט זיך שוין צו צו אָט דעם לעבנס־פּיין, נעמט מען עס פּלוצלונג ביי אים אָפּ. אפילו די בעסטע מתנה טאָר מען מיט געוואַלט אויף קיינעם נישט אָנוואַרפן. בפרט אַזאַ וואַזשנע מתנה ווי לעבן, און עס דערנאָך אַזוי מיט געוואַלט צוריק נעמען...

די מאַמע מיט די שוועסטער האָבן שוין נישט געהאַט קיין כוח צו וויינען און שרייען. ביז זיי זענען אינעם דאָזיקן לעצטן מאָמענט ווי געוואָרן פאַרשטיינערט. נאָר ווען מען האָט אַרויסגעטראָגן דעם בר מינן, איז די יונגערע שוועסטער יאַכע, אַרוים מיט אַ נייע האַרץ־רייסנדיקע יללה: „מען טראָגט אַרוים דעם טאַטן", האָט זי אָנגעהויבן יאָמערן.

איר געשריי האָט יאַנקעלען אויפגעוועקט פון זיינע געדאַנקען און מיטן גאַנצן פּיין פונעם געשען, אים אויפסניי מיטגעריסן. און ווי אַן אָנלויפנדיקע כוואַליע אין אַ פינצטערער נאַכט וואָס פאַרגיסט און פאַרשווענקט אַלץ, אַזוי איז אַצינד אַלץ אין אים פאַרשווענקט און פאַרפינצטערט געוואָרן.

די גאַנצע ערד נעמט אַרום אַ וויסטע פינצטערניש, אַ טיפער חושך. די זון, די איינציקע ליכטיקע זון וואָס באַשיינט די ערד, האָט פאַר אים אויפגעהערט צו שיינען. און חושך און פּוסט ווי אין די טעג פון בראשית איז אַרום אים און אין אים. אַ פּוסטקייט און ליידיקייט גייט אויף אין אים.

און ער האָט דאָך נאָר געהאַט איין טאַטן. איין איינציקע זון וואָס האָט אים באַשיינט. ער זעט אַצינד ווי ער וועט אים פעלן. ער

און וועמענס נאָמען, ווי אַלע נעמען וואָס די ביאַלער האָבן וועמען ס'איז געגעבן, איז שוין געבליבן לעולם ועד.

„דאָס בערדעלע" איז געווען ווי אַ מין פאַר זיך. אַ באַזונדערער מין פון איין פּערזאָן, פאַר וועמען די „באַקע"־קויפער האָבן געציטערט. ווי דער מאַיאָר פונק, דער פאַריסענער דייטשער קאָמענדאַנט פון שטאָט און אויך אַזאַ היזכער און שלאָנקער דייטש, נאָר מיט אַ מאָנאָקאָל אין אויג און ראַפּניק אין האַנט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ ראַסאַוון יונקער וואָס האָט געשאַלטעט און געוואַלטעט איבער דער שטאָט ווי איבער זיינע שיינע מיידלעך וועמען ער האָט מיט זיין קאָמענדאַנטעשן „חסד" צוגעטיילט קאָנצעסיעס פאַר זייערע קאָפּע־הייזער, איז געווען ווי אַ יחיד במינו — פאַר וועמען מען האָט נאָך מער מורא געהאַט און געציטערט.

האָט דאָס „בערדעלע" מיט זיין טשאַרלי־טשאַפּלין־שטעקעלע ווי נאָר דער סאָלדאַטעשער פאַרקויפער האָט פונעם קויפערס הויז אַרויסגעמאַרשירט, גלייך אַהין אַריינגעמאַרשירט. און אַזוי מיטן קאָמאַנדאַ־שטעקעלע אין האַנט ווי מיט אַ כישוף אינסטרומענט צוגעטראָטן צו דער רעוויזיע.

און ער האָט אין ס'רוב פאַלן די דייטשע „באַקעס" טאַקע געפונען און זיי צוגענומען. צי פאַר זיך, צי פאַרן רייך, האָט מען נישט געוווּסט. ער איז געווען שטרענג דער ביטרער דייטשער רעוויזאָר.

מיט רייד און תחנונים האָט מען אים נישט גענומען. נאָר אַז מען האָט אָט דעם דייטשן אויבער־גנב אַריינגערוקט אין זיינע „נקי כפיים" (ריינע הענט) אַ דייטשע מטבע, האָט זיין כעס תיכף נאָכגעלאָזט, און ער האָט שוין איבערלאָזנדיק די „באַקעס", אַזוי „דייטש־אײדל" פונעם הויז אַרויס.

*

ווי געזאָגט, זענען טראָץ דעם הונגער (און אפשר צוליב דעם הונגער) אויפגעקומען און עס האָבן אויפגעלעבט פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס און פאַריינען. עס האָט אויפגעלעבט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וואָס האָט זיך שפּעטער צעטיילט אין באַזונדערע ריכטונגען, ווי עס האָבן אויפגעלעבט פאַרשידענע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אונטער דער פירונג פון משה רובינשטיין האָט געקאָכט און געברויזט. עס זענען פאָרגעקומען רעפעראַטן און פאַרשידענע דיסקוסיעס, צו וועלכע עס זענען אין אָנהייב אויך געוואָרן צוגעלאָזט דעבאַטאַנטן פון אַנדערע פּאַרטייען.

עס איז אונטערן אָנפיר פונעם אַלטן חובב ציון און העברעישן

און דער גורל פון דער דייטשער אקופאציע איז שוין געוואָרן געחתמעט.

די טעג פון פאַרלאָזן ביאַלע דורך די דייטשן האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן. זיי האָבן גענומען אויספּאַרקויפן זייערע מאַגאַזינען, און די ציווילע דייטשן האָבן אין גייל ווי עס וואָלט זיי ווער געיאָגט, אָנגעהויבן פאַרלאָזן זייערע איינגעקוואַרטירטע דירות. און דאָס איז געווען דער בעסטער סימן אַז מען ווערט פון זיי פּטור.

נאָר צופיל צו פרייען זיך איז פאַר די ביאַלער יידן אויך נישט געווען וואָס. ס'איז קודם ווי תמיד צווישן איין מאַכט־בייט און דעם אַנדערן, אַנטשטאַנען אַ שטיקל כאַאָס וואָס די אונטערוועלטניקעס האָבן אויסגענוצט.

נאָר דער עיקר איז געווען, וואָס ווי מען האָט געוואָלט פּטור ווערן פון די פרעמדע אָקופּאַנטן, די דייטשן, האָט מען זיך פאַרט געשראָקן, איז מען נישט געווען גאָר זיכער מיט דער נייער, איינגענער פּוילישער הערשאַפט. מען האָט נישט געוווסט ווי אַזוי דאָס צוריק דערוואַרבענע פאַטערלאַנד וועט באַהאַנדלען די איינענע יידישע מיטבירגער.

ס'איז געקומען נאָוועמבער 1918. דער גייסט פון דער דייטשער אַרמיי איז שוין אינגאַנצן געווען געבראָכן. און ס'איז געווען ווי אין פּסוק שטייט: איין פּויליש יונגל האָט נאָכגעיאָגט און פאַרטריבן צענדליקער דייטשע סאָלדאַטן. און דער כוח און די דיסציפּלין פונעם ביז דאַן „מעכטיקן" דייטשן זעלנער, איז ווי שטויב געלעגן צו יעדנס פיס. דער לעצטער דייטשער זעלנער האָט פאַרלאָזט ביאַלע, און אויף זיין אָרט זענען אין שטאָט אַריין די פּוילישע רייטער־לעגיאָנען מיט די ווייסע אָדלער אויף זייערע היטלען.

*

דאָס נייע אויפגעקומענע פּוילן האָט זיך גיך אָרגאַניזירט און איינגעשטעלט. נאָר קיין גאָר ליכטיקן מאָרגן פאַר די יידן האָבן די פּאָליאַקן נישט געבראַכט. די פריערדיקע שרעק און ספקות לגבי די נייע הערשער האָבן זיך באַלד אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק.

וואָרעם ווי באַלד די ערשטע פּוילישע זעלנער זענען אַריין קיין ביאַלע, האָבן זיי גלייך באַוויזן זייער גבורה קעגן אַן אומבאַשיצטן ייד משה ריכטער אויף דער וואָליע, וועלכער איז פון זייערע קלעפּ אין טעג געשטאָרבן. אַזוי אויך האָבן זיי אין די ערשטע טעג אָנגעהויבן כאַפּן יידן אויף אַרבעט, ווי אָנטאָן זיי אַנדערע נגישות.

ביסלעכווייז האָט זיך אָבער די לאַגע גענומען נאָרמאַליזירן. עס זענען איינגעשטעלט געוואָרן די נויטיקע אַמטן, און די יידישע באַפעל־

צוועק איז געווען אַטאַפּעלטער. אי זי וועט אים מבקר חולה זיין, וואָרעם קיין נענטערן קרוב פון איר צד אין פּוילן האָט זי נישט געהאַט, אי זי וועט מיט אים אַ שמועס טאָן וועגן דער קראַם.

דעם פעטערס קראַם אויף דער בריסקער, האָט די משפּחה ווי צופעליק פאַרנומען בײַם דײַטשן אַרײַנקום קיין ביאַלע אין 1915. און פון דאַן אָן האָט קיינער דער מאַמען נישט געטשעפּעט. קיינער האָט בײַ איר נישט געמאָנט קיין דירה-געלד. נאָר די מאַמע, אַפּראַק־טישע, אָן אויסגערעכנטע; האָט זיך פון דעסטוועגן נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף קיין נסים.

זי האָט פאַרשטאַנען, אַז די צײַט, ווי מענטשן, בײַטן זיך. און זי האָט דעריבער מיט דער קראַם געוואָלט זײַן אינגאַנצן זיכער. אַז זי איז געווען גערעכט, האָט באַוויזן דער שפּעטערדיקער פּראָצעס וואָס האָט קעגן איר פאַרפירט דעם פעטערס איידעם ישראל ביאַלער. און טאַקע צוליב אָט דער מאַמעס פאַרזיכט, האָט ער דעם קראַם־פּראָצעס קעגן איר פאַרשפּילט.

און ווי פריער קיין וולאָדאַווע נאָך סחורה האָט זי מיט הדסן מיטגעשיקט פאַר אַ „שומר" דעם פערצן־יאָריקן מאַנספּערשוין יאַנ־קעלע, אַזוי האָט זי אַצינד אַליין, הגם זי איז געפאָרן צו אַן אַלטן, קראַנקן פעטער, אים מיטגענומען פאַר אַ „שומר". און פון דאַן אָן האָט שוין זיין צנועהדיקע חסידישע מאַמע ווי נאָר זי איז געקומען צווישן מאַנזבילן, אָן יאַנקעלען זיך נישט גערירט. יאַנקעלע האָט דער מאַמען צוליב געטאָן. און ער האָט זיך אַדורך געפאָרן אויך. נאָר אין זיך האָט ער געלאַכט פון זיין דאָזיקער שומר-פונקציע.

דער טאָג ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין וואַרשע, איז געווען אַליכטיקער און שיינער. אַלץ האָט געשפּריצט און געצאַפּלט מיט לעבן. דער הימל אַ סאַמעט-בלאָער, האָט זיך ווי אַן אומענדלעכער פּרכות געשפּרייט איבער פּוילן. פייגל האָבן פון דאַך צי דאַך און פון נישע צו נישע איבער די הייזער געשפּרינגען. און דער טראַמוויי פול מיט מענטשן האָט געמאַכט זיין רוטינעם וועג צו דער מאַרשאַל־קאָווסקע.

און די מאַרשאַלקאָווסקע, אַ ריינע, אָן אויסגעצוואָגענע פון טוי און זון, האָט אָן אויסגעפּוצטע געשיינט מיט אירע גרויסע, ברייטע וויסטאַוועס פון פאַרשידענע קאָליריקע סחורה-מוסטערן און אַרטיקלען.

אויסגעפּראַנטעוועטע עלעגאַנטע יונגע און עלטערע פאָרלעך האָבן צעפּריידטע אָרעם און אָרעם געשפּאַצירט איבערן טראָטואַר. זיי האָבן געוואָרפן זייערע בליקן אויף די צעגלאַנצטע, צעמיניעוועטע

וויסטאַוועס, און גלייך ווי אינסטינקטיוו, — זיך געכאַפּט און שאַר־מאַנט געצויגן זייערע פּאַנסקע היט פאַר זייערע אַנטקעגן קומענדיקע פּריינט און באַקאַנטע.

נאָר אין ערגעץ אַ שטוב אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע איז אין זיין צימער געלעגן אַ קראַנקער, צום בעט צוגעשמידטער ייד. אַ ייד, וואָס האָט אין זיין לעבן אַזויפיל אַדורכגעמאַכט, גערודעוועט, אַזויפיל ענערגיע אַרויסגעוויזן. האָט געבויט הייזער, קאַזאַרמעס, און דאַטשעס, געפירט פּאַדריאַטן, געקויפט און פאַרקויפט און האָט אויך אין גאַר זיין יידישקייט נישט פאַרגעסן.

ער איז געלעגן אַן איינזאַמער, אַן הילפלאָזער אין זיין בעט, ווי אַן הילפלאָז קינד אינעם וויגל. דאָס נאָך ליכטיק פּנים צעבלאַסט און די ברייטע זילבער באָרד נאָך מער צעזילבערט און צעשפּרייט איבער גאָר דער ברייט פון זיין קערפּער, האָט אים געמאַכט אויסזען מאַיעסטעטיש.

די שטיף־מימע אַן הויכע, אַ טונקל־צעברוינטע און פאַרזאָרגטע צוליב די ענדערונגען וואָס וועלן באַלד אַריינטרעטן אין איר לעבן, האָט זיי אַריינגעפירט צום פעטער אין שלאָף צימער און איז אַליין גלייך אַרוים.

נאָכן אויספרעגן אים וועגן געזונט און אים פרווון טרייסטן, האָט די מאַמע אויף אַן אייִדעלן אופן אים געגעבן אַנצוערן וועגן איר פאַרלאַנג. דער פעטער אין זיין קלאָרן, פולן געדאַנק, האָט קיין לאַנגע רייד וועגן דעם נישט געמאַכט. ער האָט דער מאַמען נאָר געזאָגט: „מען וועט דיר אַלטע נישט טשעפּען"...

צופיל צופרידן איז די מאַמע מיט דעם נישט געווען. זי האָט געוואָלט זיין מער באַוואָרנט ווי מיט וואָרט. זי האָט אָבער אין דער לאַגע מער נישט געקענט טאָן. זי האָט אַ קראַנקן ייד מער נישט געקענט דערקוטשען. דער פעטער האָט אָבער ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, זיין צוזאָג געהאַלטן. ער האָט איר אויף זיין אופן פאַרט באַוואָרנט. זיי האָבן נאָך באַזוכט אַן אַנדער קרוב, אייזיק פּיזשיץ אַן הויז־באַזיצער. און נאָך דעם אָפּזיין אַ טאָג ביים פעטער יאַנקל, זענען זיי צוריק געפאָרן אַהיים.

## דער חרם

צוריק קומענדיק פון פּוילישן מיליטער און אַריינוואַרפנדיק זיך צוריק אין דער ציוניסטישער אַרבעט, האָט יאַנקעלע געהערט פונעם חרם וואָס דער ביאַלער רב ר' שמואל לייב ז"ק האָט אַליין

אַרבעט צום ווייב. ס'האָט אים אָבער פּאַסט צו איר געצויגן און ער האָט צו איר געבענקט.

„איז דאָס ליבע, עכטע ליבע"? ער האָט נישט געוווּסט. ער האָט אָבער געקלערט: „וואָס דאַרף ער עס וויסן? עס ציט אים צו איר און ער פילט זיך ביי איר גוט, איז דאָס גענוג". שפּעטער ווען ער האָט מיט איר איבערגעריסן און זי איז אַוועק פון ביאַלע, האָט ער זיך איבערצייגט אַז קיין אייביקע ליבע איז נישטאָ, איז נישט בנמצא.

היינט, נאָך אַזויפיל אָבסערוואַציעס און דערפאַרונגען, ווייסט ער, אַז דאָס וואָס מיר רופן אָן ליבע, אייביקע ליבע צווישן מאַן און פרוי, איז מער נישט ווי אָן אויסגערעכנטער צוזאַמענבונד צווישן זיי, ווו צווישן אַנדערע עלעמענטן שפּילט די הויפּט־ראָל געשלעכט, געוווינהייט און קעגנזייטיקע אויסרעכענונג.

צוליב דער נויט פונעם מענטש צו באַנוצן זיך מיט ווערטער־סימבאָלן אויף צו אָרדענען דאָס מענטשלעכע לעבן, — ווי צוליב דער אָרעמקייט פון דער שפּראַך אויסצודרוקן די דינסטע געדאַנקען און געפילן־ניואַנסן, — מישן מיר אָפט די עלעמנטן צוזאַמען. און וואָס נאָך ערגער, מיר שאַפן נישט נאָר איבערטריבענע, — נאָר אינגאַנצן פיקטיווע באַגריפן און שם הכוללס (אַלגעמיינע נעמען) וואָס אַנט־שפּרעכן נישט דעם אמת און דערווירקלעכקייט. דער זאָג: „שטאַרקער ווי דער טויט איז די ליבע", איז מער ווי אַפּאַטיש־מליצהדיקע איבער־טרייבונג. מחמת דעם טויט קען קיינער נישט באַזיגן. אָבער דאָס וואָס מיר רופן אָן ליבע קען מען יאָ באַזיגן.

ער איז דעם אָוונט נאָך מיט מער ציִעניש צו איר אַריין. זי איז ווי תמיד געזעסן אויף איר אָרט אויף דער סאָפע און ער איר אַנטקעגן. ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, זענען אירע עלטערן תיכף אַוועק אין סאַליע. נאָכן שאַבלאָנעם פרעגן „וואָס הערט זיך"? האָט זיך גלייך פאַרבונדן אַלעבעדיקער שמועס. יאַנקעלע האָט איר געוויזן די אָפּגעדרוקטע קאָרעספּאָנדענץ וואָס ער האָט געשיקט אין וואַרשע־ווער „היינט" וועגן חרם. ס'איז פאַר איר געווען אַן איבערראשונג. זי איז אַליין אויך אַ ציוניסטקע, כאָטש אַצינד נישט קיין אַקטיווע, האָט זי דערקלערט. און גלייך האָט זי געפרעגט:

— איר שרייבט? — איך האָב נישט געוווּסט.

— יאָ, — האָט ער צופרידן געענטפערט.

— וועגן וואָס שרייבט איר?

— נישט קיין קאָרעספּאָנדענץ. איך האָב נאָר מיט אַזאַ רייצנדן

יאַנקעלע האָט זיך באַליידיקט און געזאָגט: „שיך, וועל איך זיך שוין אַליין קויפן. אויף דעם וועל איך נאָך געפינען אַן עצה. אָבער איז דאָס אַלץ?... איר ווייסט גאַנץ גוט ווי אומבאַהאָלפן איך בין. קיין בעל מלאכה בין איך נישט, און קיין געלד האָב איך און מיין מאַמע אויך נישט. און אייער פאָטער זע איך מאַכט זיך נישט וויסן. טאָ מיט וואָס וועט מען לעבן?". דער פּנים האָט זיך ביי איר אַביסל געענדערט און זי האָט ווי צווישן די ציין אַרויסגעזייערט: „מיר וועלן אויפשטעלן אַבודקע אויפן מאַרק". און יאַנקעלעס ענטוזיאַזם פאַר דער ליבע האָט אָנגעהויבן נאָכלאָזן.

ס'האָט אים שוין פאַרדראָסן די גאַנצע געשיכטע. „וואָס האָט ער דאָ אָנגעדרייט"?... ער האָט געזוכט פריינטשאַפט, בלויז פריינטשאַפט. און זי האָט באַלד געמיינט תכלית, סאַמע תכלית. אַ תכלית אָבער וואָס איז נישט קיין תכלית. ווייל אַן איין זייטיקער... אמת, זי געפעלט אים. און ער וואָלט זיך מיט איר פאַרבונדן. אָבער ווי אַזוי? ער פאַרמאָגט אַ חוץ זיך גאָרנישט. — ער איז אַפילו נישט אויסגעקליידט.

אירע רייד זענען נישט קיין באַשטימטע, פעסטע. און ווען אַפילו יאָ, וואָס פאַר אַ תכלית וועט דאָס פאַר אים זיין? ער וועט ווערן אַ בודקעניק. „מען וועט אויפשטעלן אַ בודקע אויפן מאַרק". און צו די פּול־צאַליקע יידישע בודקעס וועט צוקומען נאָך איינע. נאָך אַ קאָנקורענט וואָס וועט זיך רייסן און בייסן פאַר פּויערישן גראָשן. און דעם תבואהדיקן גראָשן וועט מען דאַרפן אַרויסקוועטשן אויף גאָרנישט קיין זאָ אָרענטלעכן אופן... צו דעם וועט ער דער „גבר" וואָס קען קיין פינף פונט נישט טראָגן, דאַרפן שלעפן די זעק תבואה פון די וועגענער. וואָרעם אַ נישט וועט דאָך דער אַנדערער זיי צונעמען. און אוים מיט זיינע געדאַנקען, מיט זיין שרייבן, מיט גאָר זיינע שרייבערישע פּלענער.

ס'האָט אים אַזאַ אויסקוק נישט געשמעקט. ס'איז נישט נאָר פאַר אים, נאָר אויך נישט פאַר איר. זי וועט פון אַזאַ לעבן ווערן אַנטוישט. און פון אַנטוישונג ביז פאַרביטערונג איז איין טריט. די שפּראַך פון ליבע איז נישט די שפּראַך פונעם האַרטן, טאָג טעגלעכן לעבן. אויך די שטאַרקסטע ליבע קילט זיך אָפּ אונטער די שווערע קלעפּ פון טאָג. פאַנטאַזיעס פאַרשווינדן, צערינען, ווי די זיסטע חלומות. ער מוז געפינען אַ וועג פון אָט דעם גאַנצן פּלאָנטער זיך אַרויסצודרייען.

*

ווען ער איז געקומען אין שטוב האָט שוין די מאַמע אויף אים געוואַרט. מיט אַן אַנגעשטרענגט פאַרדראָסיק פּנים, האָט זי זיך נעגרייט מיט אים אויסצוטענהן. קענטיק, אַז רבקהלעס באַשלוס מיט אים התונה צו האָבן, איז צו איר דערגאַנגען. וואָרעם פאַר די גאַנצע צייט פון זיין אַריינגיין צו איר, חדשים גאַנצע, האָט זי זיך נישט געמאַכט וויסן, האָט זי אים נישט געשטערט. די פרומע מאַמע האָט געהאַט אַסך רעספּעקט פאַר אים. זי האָט זיך לגבי אים אויפגעפירט מאָדערנע. און אפשר האָט די רחמנותדיקע מאַמע זיך געטראַכט: ער האָט זיך דריי יאָר געענוג אַנגעליטן, זאָל ער אַצינד פאַרברענגען, האָבן אַביסל פרייד. און ער גייט דאָך אַריין אין אַ יידישע היימישע שטוב.

נאָר אַז זי האָט זיך דערוווּסט ביי וואָס עס האַלט, — האָט זיך די שטאָלצע אַנדערע מאַמע אין איר דערוועקט. זי איז אַרוים מיט לשון:

— זאָג מיר יאַנקעלע וואָס האָסטו אין איר דערזען, אין דער מויד. מיט וואָס האָט זי דיר אַזוי פאַרכישופט? איך זאָג דיר אַז פון דעם קאָרן וועט קיין ברויט נישט זיין. זי איז עלטער פון דיר. און דו האָסט נאָך צוויי עלטערע שוועסטער פון זיך.

— מאַמע, האָט יאַנקעלע געזאָגט: וואָס ווילסטו פון איר? זי איז אַ גאַנץ וואויל מיידל. און דאָס וואָס זי איז מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פון מיר האַרט מיר נישט.

— אַ וואויל מיידל זאָגסטו?, זי איז אַ באַרעדטע. אַ וואויל מיידל פאָרט נישט אַליין אַרום מיט קיין דייטש. און דו ביזט נישט איר ערשטער ליובאַווניק. טשעפּע זיך אָפּ פון איר. עס וועלן דיר קיין שידוכים נישט פעלן. אַ מאַן איז ווי אַ האַנטוך מען ווישט זיך אָפּ און שוין...

— מאַמע, די טאָרסט אַזוי נישט רעדן. דו באַליידיקסט מיר און דו פאַרשעמסט אומזיסט אַ יידישע טאָכטער. מאַלע וואָס מען רעדט. ווייסט דאָך ווי מען זאָגט: „פון זאָגן ווערט מען נישט טראָגן". זי האַלט זיך נישט ערגער ווי די צנועהדיקסטע יידישע טאָכטער. און סאיז צווישן אונדז גאָרנישט פאַרגעקומען. —

— מיין זון איז זי שוין געוואָרן ווייבער. דער שידוך איז נישט פאַר דיר. איך בין איצט אַ טאַטע און אַ מאַמע. און איך דאַרף אויך היטן דיין טאַטנס כבוד. וועסט פון שוחט קיין גראָשן נישט אַרוים־קריגן. און פון וואָס וועסטו לעבן? ביזט נישט קיין בעל מלאכה און האָסט נישט קיין פאַך. און דיר ציט אויך נישט צו קיין מסחר. איך

זע דאָך מיט וואָס דו פאַרנעמסט זיך. דו וועסט זיך מיט איר דאַרפן פייניקן אַ גאַנץ לעבן. און דו ביזט נאָך צו דעם אַ שוואַכער, אַן אויס געקרענקטער.

די רווישיקע טעג וועלן אַוועק גיין און די וועסט בלייבן ביי אַ ליידיקע קאָריטע. פאָלג דיין מאַמען. אַ מאַמע מיינט נישט קיין שלעכטס פאַר איר קינד — יאַכע וועט אין גיכן חתונה האָבן. דיין קוזין משה, איר חתן, האָט שוין נישט קיין געדולד צו וואַרטן — און נאָך איר וועלן מיר זיך נעמען צו הדסן. און דו ביזט דאָך יונגער פון זיי. וועסט ערשט ווערן דריי און צוואַנציק יאָר אַלט.

די מאַמע האָט שוין פון דעם טאָג נישט געררוט. זי האָט זיך מישב געווען און האָט איבערגעדרייט די שפּיל. — אַנשטאָט זיך צו נעמען צו דער עלטסטער הדסן, האָט זי זיך באַרעכנט אַז כדי אָפּ־צוציען אים פון רבקהלען, וועט זי זיך גאָר פריער נעמען צו אים, יאַנקעלען. זי האָט געטראַכט אַז מיט הדסן וועט אַצינד אַזוי גרינג נישט גיין. ער אָבער איז אַן יונגל, אַן אויסגעדינטער זעלנער, און מען וועט אים גרינג פאַרצוקערן. בפרט אַזאַ מציאה ווי רבקהלע, וועט ער אַוודאי קריגן. מען דאַרף אים נאָר נעמען אין דער האַנט אַריין...

אויף צו מאָרגנס האָט זיך שוין אין קראָם באַוויזן אַ שדכן מיט אַ גראָב געפּאַקט ביכעלע. דאָס איז געווען אַ מיטלוווקסיקער ייד מיט באָרד און פיאות וואָס האָט דער מאַמען גלייך אין די אויגן נישט געקוקט. מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָט ער אַן עפן געטאָן אַ פאַר־שמאָלצן אַלט ביכעלע, ווו מען עפנט אויף אַן אַלט צירונג־קעסטעלע. און מיט אַ פרייד ווי ער וואָלט געפונען אַ געזוכטן אוצר האָט ער געזאָגט: „איך האָב געפונען מרת אַלטע! קיין בעסערן שידוך פאַר אים קען גאָרנישט זיין. די כלה איז הרב שולמאַנס טאָכטער פון מעזריטש. זי איז אַ בת יחידה. איין איינציקע איז זי. אַ כשערע יידישע טאָכטער.

דער מחותן פאַרמאָגט אַן אייגן געמויערט הויז מיט אַ שפּייז־וויין־קראָם אין סאַמע מאַרק. און די כלה איז די גאַנצע סוחרטע. זי פירט די קראָם און דאָס הויז. און דאָס איז נאָך נישט אַלץ. דער מחותן וואָס פאָרט אָפּ גלייך נאָך די תנאים קיין אַמעריקע אַלס רב, זאָגט צו טויזנט דאָלאַר נדן און נעמט אים נאָך דער חתונה אַריבער קיין אַמעריקע”.

אין דער מאַמעס אויגן האָבן זיך פייערלעך פון פרייד באַוויזן. „דו הערסט יאַנקעלע? איז וואָס זאָגסטו?” „מיר וועלן נאָך רעדן דערפון”, האָט יאַנקעלע געענטפערט. דער שדכן איז אַוועק. נאָר

הילצערן הויז איז געווען אַן אַלט הויז. האָט מען די הכנסה פון די איבעריקע צוויי דירה'ס כסדר געדאַרפט אַריינלעגן אין רעמאָנטן.

האָט די מאַמע געבראַכן דעם קאָפּ און געזוכט עצות ווי אַזוי גרינגער צו מאַכן די לאַגע. זי האָט געהאַט דריי טעכטער חתונה צו מאַכן. און פון זיי האָט אַ הוץ יאָכע קיינער נישט פאַרדינט. און פון די צוויי יונגלעך איז איינער יוסל נאָך געווען צו יונג. און דער עלטע־רער איז געווען אַ נישט פאַרדינער וואָס איז נישט געווען באַקליידט. און האָט אַפילו מיט קליין געלד געדאַרפט אָנקומען צו דער מאַמען.

אויך יאַנקעלע האָט דערזען די לאַגע. קיין פאַך האָט ער נישט. מען האָט אים נישט געלערנט. קיין רב וועט ער נישט זיין. ער איז שוין ווייט אַוועק פון דעם. קיין כאַפּ־לאַפּ־שידוך טויג אויך נישט. מען דאַרף זיך ביי דעם גוט אַרומקוקן. — ער האָט אַמאָל געחלומט פון מאַטעריעלער באַזע ביי וועלכער ער זאָל קענען זיצן על התורה ועל עבודה. דאָס איז אַ פאַנטאַזיע. און פון זיין ליינען און שרייבן וועט ער אַוודאי גאָרנישט האָבן. טאָ וואָס איז פאַרט דער תכלית? אוי, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס טאָן. עפּעס וואָס איז פאַר זיינע כוחות און זיין זעלבסטשטענדיק.

ביי אַזאַ געמיט־צושטאַנד האָט די מאַמע מיט אים איינמאָל אָנגעהויבן רעדן. זי האָט געוויינט און געמאָסטן אירע ווערטער ווי מען וועגט און מען מעסט אַ טייערע זאַך. ווי זי וואָלט מורא געהאַט אים מיט עפּעס וויי צו טאָן. די מאַמע פלעגט זיך צו אים באַציען מיט האַרץ און איידל... אַפּט ווייכער ווי אין זיינע לעצטע יאָרן דער טאַטע. זי פלעגט אַ סך זאַכן פון אים פאַרקוקן, פאַרשווייגן. אַפילו אין ראָמאַן מיט רבקהלען וואָס איז איר ווייט נישט געווען צום האַרצן, האָט זי ביז דער לעצטער מינוט, ביזן באַשליסן חתונה צו האָבן; זיך נישט געמישט און אים נישט געשטערט. זאָל ער זיך ווילן, זאָל ער פאַרברענגען האָט זי געטראַכט.

און אַז זי איז שוין אַרויס מיט איר טענה, — איז עס נישט געווען צו אים. פאַרקערט, זי האָט אים גאָר טראַץ איר נישט ריכטיקע פאַרשטעלונג וועגן זייערע באַציונגען, — אים, איר זון־מאַנספאַרשוין, גאָר געפּרווט פאַרגלעטן זאָגנדיק: „אַ מאַן איז ווי אַן האַנטוך, מען ווישט זיך אָפּ און שוין”...

האָט זי אָנגעהויבן און געזאָגט: „הער זיך איין, יאַנקעלע. באַלטשע (יצחק פיזשיצעס פרוי) האָט מיר געפרעגט צו דו וואָלסט וועלן זיין אַ סאַניטאַר אין יידישן שפּיטאָל. וועסט האָבן אַן איינענעם צימער, אַ חודשלעכן געהאַלט און עסן און טרינקען. זי האָט מיר

אים אַריינגעטענהט. דאָס האָט זי געמיינט איר אייגענעם קוזין, דעם קינדערלאָזן שפּיטאָל-קוראַטאָר יצחק פּיזשיץ. און ער האָט איר געפאָלגט, ער האָט די זאַך אָפּגעלאָזט. האָבן זיי אים אויסגעצאָלט אַ דריי חדשימדיקע אָנטשעדיקונג, און ער האָט רעזיגנירט פון פּראַצעסירן זיך.

*

יאַנקעלע איז אַהיים געגאַנגען און איז צוריק געוואָרן אַ לײדיק גייער. שוין צוגעווינט צו זיין טעטיק, איז אים אָצינד דאָס ליידיק גיין נאָך אָנגעקומען שווערער ווי פריער. ער האָט אָנגעהויבן זוכן פאַרשידענע באַשעפטיקונגען און ווערן מאַטעריעל זעלבסטשטענדיק.

האָט ער אָנגעהויבן טאָן פאַרשידענע מלאָכות נאָר מיט ווייניק ברכות. אַזוי האָט ער איינמאָל אין זיין צייטונג דערזען אָן אַ נאָמען וועגן אַגענטן אויף צו פאַרקויפן קופאָנעם ביאַליסטאָקער טוך. האָט ער זיך אין דעם אָנגעכאַפּט און האָט אַזאַ קופּאָן סחורה אויף אַ מאַנטל תיכף אויסגעשריבן. און דאָס איז געווען זיין ערשטער קאָנטאַקט מיט ביאַליסטאָק.

די באַשטעלונג איז אָנגעקומען צו דער צייט און אויך די סחורה האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ גוטע. ס׳איז נישט געווען קיין קאַסטאָר. (אַ שלעכטע סחורה). ווען עס איז אָבער געקומען דעם קופּאָן צו פאַרקויפן, האָט ער טראָץ זיין ביליגקייט נישט געהאַט וועמען. און דער קופּאָן איז ביי אים אַזוי לאַנג געלעגן, ביז זיין אייגענע שוועסטער יאָכע האָט זיך אויף אים מרחם געווען און אים פון קופּאָן אויסגעלייזט. זי האָט אים באַצאָלט דעם קרן און שפּעטער דעם קופּאָן אינגאַנצן אָוועקגעשענקט. „האָסט דאָך נישט קיין גוטן מאַנטל, טאָ ניי זיך פון אים אויף אַ מאַנטל״. האָט אים די גוטע שוועסטער געעצהט. און ער האָט איר דערנאָך דעם זכות געדענקט. דערווייל אָבער איז ער שוין געוואָרן אוים אַגענט.

ער האָט דערנאָך אויך געפּרוווט זיין אַ פאַרזיכערונג-אַגענט. ער האָט די אַרבעט שוין גוט געקענט. געוווּסט אַלע כללים פון לעבן, פייער און גניבה פאַרזיכערונג. האָט באַזונדער געטשאַטעוועט אויף איינעם אַ רייכן באַקאַנטן וואָס האָט אים צוגעזאָגט צו מאַכן ביי אים אַ גרויסע לעבנס-פאַרזיכערונג. וואָלט דאָס געשען, וואָלט ער געהאַט זיינע ערשטע פאַר הונדערט דאָלער און ער וואָלט שוין געבליבן אַ פאַרזיכערונג-אַגענט.

דער באַקאַנטער האָט אים אָבער כסדר געשלעפּט, געהאַלטן אין איין פּאַשען מיט צוזאָגן. אָט, אָט, מאַכט ער דאָס. און אַזוי זענען

די יוגנט האָט קיינער פון די ציוניסטישע מנהיגים אַזוי נישט געהאַט ווי ער.

אין דער צייט האָט ער באַזוכט זיין שוועסטער יאַכע אויף דער לעשנע. זי האָט נאָך אַלץ געוווינט מיט איר מאַן און דריי שיינע מיידלעך אינעם ענגן שטיבל. יאַנקעלע האָט איר געוואַלט העלפן, נאָר נישט האָבנדיק מיט וואָס, האָט ער איר אַ חוץ אַביליקע קאָמאָדע וואָס ער האָט איר געקויפט אויך איבערגעגעבן זיין חלק ירושה פונעם זיידנס הויז אין יאַנאָווע (ביי ביאַלע), וועלכע עס האָט פריער צוליב זיין מינדער יאָריקייט נישט אָפּגענומען.

טראָץ דעם וואָס יאַנקעלע איז אַצינד געווען אַן „עקסטרעמער" ציוניסט, האָט ער נישט פאַרמיטן זיין פריינטשאַפט פון קיינעם. ער איז געווען טאָלעראַנט צו יעדן און גרייט צו העלפן. אַזוי האָט ער שמעון בלאַנקליידער (דעם דאָרן) צונויפגעשטעלט אויף פויליש אַ ביבליאָטעק־סטאַטוט, הערשל נוכאָוויטש דעם מעבל־פאַבריקאַנט זיין ערשטע ווענדונג צו דער מאַכט וועגן זיין עראָפּלאַן־דערפינדונג, אאַ"וו.

*

## די מיליטערישע איבונגען און אירע נאָכוויי‏ענישן

אַ חוץ די געוויינטלעכע צרות פון גיין אויף מיליטערישע אי־בונגען, ווי דאָס זיין אָפּגעריסן פון דער היים, און דאָס פאַרלירן דורך זיי זיין אַרבעט אינעם יידישן שפּיטאָל, איז אים דאָס מאָל נאָך צוגעקומען באַזונדערע נאָכוויי‏ענישן, צוליב וואָס ער האָט פאַרלוירן גאָר זיין זיכערקייט אויף אַן אייגענע מאַטעריעלע עקזיסטענץ אין זיין שטאָט.

ס'איז געווען נאָך זיין אַדורכמאַכן די צווייטע מיליטערישע איבונגען זינט ער איז צוריקגעקומען פונעם פוילישן מיליטער. ער איז זיך ווי פריער אין הסכם מיטן רעגולאַמין געגאַנגען אין „פּ.ק.או" מעלדן. ווען ער איז געקומען, האָט מען אים געהייסן זיך קומען מעלדן אַ צווייט מאָל. ער איז לפי תומו אויך דאָס צווייטע מאָל געקומען. נאָר דאָ, איז דער קאָנצעלאַריע שעף, אַ בלאָנדער סערזשאַנט, אַרויס מיט אַ טענה אַז ער האָט פאַרשפּעטיקט דאָס מעלדן זיך.

יאַנקעלע האָט אים געפּרואווט אויפווייזן אַז נישט, ער האָט נישט פאַרשפּעטיקט. נאָר ס'האָט נישט געהאָלפן. דער סערזשאַנט האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס. און ווען דער זעלבער האָט אים גענומען סטראַשען מיט שטראָף, האָט זיך יאַנקעלע אויפגערעגט און איז אַרויס מיט לשון.

טראָגן, האָט ער געענוי די סיבה פון איר באַשלוס נישט געוווּסט. ווי ער האָט אויך נישט געוווּסט פון אירע צוזאָגן פאַר הדסן. זי האָט אים וועגן דעם גאָנישט דערציילט, ווי זי האָט אים שפּעטער אויך נישט דערציילט פון אירע צוזאָגן פאַר דער יונגסטער מרים.

פונדעסטוועגן האָט זי געוואָלט אַז יאַנקעלע זאָל נישט דער־לאָזן הדסעם מאַן איטשען אַריינקומען אין קראָם. און ער, ווי איר עלטסטער זון האָט איר געפאָלגט. ווי ער האָט איר צוליב דער זעלבער הדס פריער געפאָלגט אין אירע רייבונגען מיטן קאָמעניק דעם לערער נחמן שיוואַק, צוליבן נישט וועלן אָפּגעבן איינעם פון זיינע גרעסטע צימערן לטובת איר. און וואָס פאַר אַ באַפרידיקונג מען האָט שיוואַקן דערפאַר נישט געוואָלט געבן, האָט ער אַלץ נישט געוואָלט. ער איז געווען איינגעשפּאַרט. און די סכסוכים מיט אים האָבן זיך אַזוי גע־צויגן, ביז ער האָט סוף כל סוף דעם צימער (די גרויסע סאַליע) שוין יאָ געגעבן.

און איןביידע פאַלן האָט זיך יאַנקעלע צוליב דער מאַמען אַריינגעמישט וואָס האָט אים דערנאָך שטאַרק פאַרדראָסן. בפרט האָט אים פאַרדראָסן דאָס העלפן פאַרטרייבן די געטרייע הדס פון קראָם. הגם ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז דאָס דווקא געווען פאַר איר לטובה. זי איז נאָכן צעטיילן זיך געוואָרן זעלבסטשטענדיק, האָט זיך אויפגעבויט אַ בודקע אויפן נייעם מאַרק און זי האָט פיל בעסער געמאַכט ווי זי וואָלט ווייטער געווען אין שותפות מיט דער מאַמען.

דערפאַר אָבער איז דאָס לעבן פאַר דער מאַמען און יאַנקעלען געוואָרן פול שווערער. נישט לייזנדיק פאַר דער מאַנופאַקטור־סחורה אין קראָם, איז די מאַמע אויף אַ צייט געוואָרן אַ ירידניצע, וואָס זי איז עס קיינמאָל נישט געווען. זיי האָבן ביידע אויסגעפאָרן ווי אויף אַ שטעטלדיקן יריד. זיך געטרייסלט און געהאַצקעט גאַנצע נעכט אויף פורן, כדי אָנצוקומען מיטן קאַיאָר אויפן אָרט און פאַרכאַפּן אַ בעסערן סחורה־געשטעל.

אויפן יריד האָט מען יאָ אַביסל געלייזט. נאָר ביי אַן ערלעכן האַנדלען, און מיט אַזאַ קליינעם ראַמש סחורה, צו דעם נאָך ביי אַזעלכע מאַטערנישן זיך צו שלעפּן אויף פויערישע פורן גאַנצע נעכט, האָט עס ווידער נישט געטויגט. און די קאָנקורענץ איז אויך אויף די ירידים געווען גענוג גרויס.

לכתחילה איז עס יאַנקעלען געפעלן געוואָרן. ער האָט עס באַ־טראַכט ווי אַ יונגלעשע אַוואַנטורע. נאַכטיקע אויספלוגן מיט קאָמ־

דעם טאַטנס אַן אַלטער באַקאַנטער מיטל־יאַריקער פויער און האָט דער מאַמען דערציילט אַז אין „פּאַליאַווע בודע", אין גראַף פּאָטאָצקיס מעזריטשער וואַלד, געפינט זיך דעם טאַטנס אַ שפּאַר ביסל נישט אַפּגענומענע קלעצער. פונוואַנען ער האָט זיך דאָס דערוווּסט און פאַרוואָס ער האָט מיט דער ידיעה געוואַרט ביז דאַן (אַ קימא לן פון 12 יאָר), האָט מען אים נישט געפרעגט. ס'איז גענוג אַז ער האָט דאָס צו וויסן געגעבן און נעמט זיך אונטער זיי צו ברענגען אהיים.

איז מען מיט אים מושווה געוואָרן פאַר דער אַרבעט, פאָרן פירן ביידע קיין „פּאַליאַווע בודע" און פאָרן ברענגען די קלעצער. און אויף צו מאָרגנס נאָך מיטאָג איז אַנטאַני מיט יאַנקעלען און דער מאַמען אַרויסגעפאָרן אין וועג. און ווידער האָט די מאַמע, ווי דאַן צום פעטער קיין וואַרשע און נאָך מאַנופאַקטור, אים מיטגענומען פאַר אַ שומר. נאָר זיין איצטיקע „שמירה" האָט ער געפילט איז פיל ערנסטער ווי קיין וואַרשע. אפילו ווי מיט הדסן קיין וולאָדאַווע. וואָרום ער האָט איר אַצינד געדאַרפט באַגלייטן אין אָפּגעלעגענע וואַלדיקע ערטער, און צו דעם מיט אַ קריסטלעכן פויער.

ס'איז געווען אַ מילדער ווינטערדיקער נאָך מיטאָג. אַנטאַני האָט אויסגעבעט מיט פרישן שמעקנדיקן היי אַ ווייכן געזעס פאַר אים און דער מאַמען, און האָט איבער דעם געזעס פאַרשפּרייט אַ פויערישע פלאַכטע. די פור האָט פונדעסטוועגן גענוג געטרייסלט ווען דער אין זיין דאַרף איילנדיקער אַנטאַני האָט גענומען צו האַסטיק טרייבן דאָס פערד.

די אויסערשטאָטישע לופט, הגם אַ קאַלטע, איז זי אָבער געווען אַ ריינע, אַ מחיהדיקע. יאַנקעלע איז אָבער געווען פול מיט פחד־דיקע זעאונגען און רעיונות. ווי נאָר ער האָט דערזען אדורכפאָרן אַ ווילדן שיכורן פויער, אַזוי האָט ער אים געפרווט פאַרגלייכן צו אַנטאַנין. און ער האָט מורא געקריגן פאַר זיך און נאָך מער פאַר דער מאַמען. ער קען נישט אַנטאַנין, און ווער ווייסט וואָס אַ קריסטלעכער פויער קען אין די אַרומיקע וואַלדיקע וועגן מיט צוויי יידן אָפּטאָן?

ערשט ווען אַנטאַני האָט זיי ביידע אין אָוונט אַראָפּגעלאָזט ביי מענדל ווינאָגראַדס (מענדל סמאָליאַרניק) סמאָליאַרנע־כאַטע, איז יאַנקעלען אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ. מענדל האָט זיינע געסט אויפגענומען מיט האַרציקער פרייד. ער האָט דעם טאַטן ווי יאַנקעלען גוט געקענט. זענען זיי דאָך אַלע געווען שטיבל־יידן, סאָקאָלאָווער חסידים. און ער אַליין מענדל, איז זינט ער געדענקט געווען דער

נאָר גאָט, האָט ער אויפגעהויבן אַ פינגער אין דער הייך, און מיטן יעדן ווייטערדיקן וואָרט האָט ער ווי געלעכערט דער מאַמעס האַרץ, — קען דאָ העלפֿן".

דער מאַמעס פנים האָט זיך תיכף פאַרענדערט. איז פינצטער געוואָרן ווי די פינצטערע נאַכט. זי האָט זיך אָבער געשטאַרקט, איז נישט אָפּגעשטאַנען און ווייטער געפרעגט:

— זאָל מען אפשר שטעלן געהאַקטע באַנקעס „פּאַניע פּראַ־פעסאָרזשע"?

— שטעלט, האָט ער ווי מעכאַניש געזאָגט.

— וויפל זאָל מען שטעלן? האָט די מאַמע אין איר צעוויייטיקטער תמימות — ווייטער געפרעגט.

— וויפיל ווילט איר?

— צוויי, דריי, פיר. האָט די מאַמע געענטפערט.

— צוויי, דריי, פיר. האָט דער פּראָפעסאָר איר נאָכגעגעבן ווי מען גיט נאָך אַקינד.

די דאָקטוירים זענען אַוועק. און די מאַמע איז גלייך געלאָפן ברענגען זאַוועלע שערער מיט זיינע פּיאַווקעס. זאַוועלע, אַ דאַרער ייד מיט אַ לענגלעכער באָרד און פיאות, איז געווען אַ שערער, אַ באָרד־„סקראָבער", — און אַ באַנקעס און פּיאַווקעס שטעלער. ער איז אַריין מיט אַ גוטן אָוונט און אַ רפואה פאַרן חולה, האַלטנדיק אין איין האַנט אַ זעקעלע מיט אַ מאַשינקע פאַר געהאַקטע באַנקעס, און אין דער צווייטער אַסלאַי מיט פּיאַווקעס.

— וויפל זאָל איך אים שטעלן אַלטע? האָט זאַוועלע דער מאַמען געפרעגט.

— פיר, זאַוועלע.

— ניין, אַלטע, האָט זאַוועלע דערווידערט. דער קראַנקער איז נאָך זיבעצן טעג זייער אָפּגעשוואַכט. און פיר וועט זיין צופיל פאַר אים. עס וועט זיין גענוג צוויי. גאָט קען העלפן אויך מיט צוויי.

— פון דיין מויל אין גאָטס אויערן. און זיי דו דער גוטער שליח זאַוועלע. זאָל זיין צוויי. האָט די מאַמע שוין באַשטאַנען.

זאַוועלע איז צו צום קראַנקן און אים פּאַמעלעך איבערגעדרייט אויף דער אַנדערער זייט. און דער קראַנקער אין זיין גלייכגילט האָט מיט זיך געלאָזט טאָן אַלץ. ער האָט אַרויפגעדריקט די מאַשינקע אויף דער רעכטער און לינקער זייט פּלייצע, און די מאַשינקע האָט זיך איינ־געדריקט אין ביידע זייטן פּלייצע, איבערלאָזנדיק נאָך זיך בלוטיקע פּאַסן

מעסט אים די טעמפּעראַטור, און אַז זי וועט כסדר פאַלן, גיט אים עסן. נאָר בימלעכווייז און גוט עסן.

— וואָס למשל פאַר אַ גוט עסן זאָל איך אים געבן „פּאַניע דאָקטאָרזשע?

— מילך, פּוטער, סמעטענע, אייער און חזיר. און ווען ער האָט דורכן פענצטער דערזען אַן אַדורכלויפנדיק חזירל, האָט ער צו דער מאַמען געזאָגט:

— איר זעט אָט דאָס חזירל, כאַפּט עס, און גיט עס אים דאָס צו עסן. קוקט נישט אויף אייער „זאַקאָן”. פאַר אַ קראַנקן מעג מען אים ברעכן. האָט ער האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט אויסגעפּירט.

מען האָט שוין מער קיין דאָקטאָר נישט גערופן. מען האָט אַליין געמאָסטן די היץ, און אַלץ איז געגאַן כשורה. אין טעג אַרום ווען יאַנקעלע האָט זיך שוין געקענט באַוועגן, האָט ער ערשט דערזען וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן. אונטער זיין צוקאָפּנס האָט ער געפונען יאַר־מעלקעס, גאַרטלען, קמיעות און אויך ספרים. כאָטש אַליין איז ער אַ גאַנצע צייט געלעגן מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ. און ער האָט נישט געזען און נישט געוווּסט ווען מען האָט אים אָט דעם גאַנצן סגולה־ראַמוש אַרונטערגעלעגט, ווי ער האָט אויך נישט געזען ווען מען האָט צו אים צוגערוקט די ספרים־שאַפע.

קאַפּיטל דרייסיק

## יאַנקעלע ווערט געזונט

יאַנקעלע איז געזונט געוואָרן און ער האָט זיך צוריק גענומען צו דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע. די באַציונגען צווישן די אַלגעמיינע ציוניסטן און רעוויזיאָניסטן האָבן זיך פאַרבעסערט. בפרט זענען געווען גוט די באַציונגען צווישן די רעוויזיאָניסטן און מזרחיסטן.

און ווען צום סוף 1928 איז געוואָרן דריי יאָר פון דער אַנט־שטייונג פון דער ביאַלער רעוויזיאָניסטישער און ביתרישער אָרגאַני־זאַציע, האָט דער רעוויזיאָניסטישער וועד באַשלאָסן דאָס אָפּצומערקן דורך פייערן דעם דריי יאָרקין יובילעאום פון זייער גרינדונג און גלייכ־צייטיק צו באַערן זייער גרינדער יעקב כהן, דורך אויפהענגען אין לאָקאַל פון דער אָרגאַניזאַציע זיין פּאָרטרעט.

די פייערונג איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון דער אַלג. ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע אויף דער מעזריטשער גאַס. און אַנטהילט יעקב

פאַר אים און האָבן אים נישט גענומען. און די יונגערע און יונגע פון זיין שטאָט, כאָטש אַ טייל פון זיי באַקאַנטע מיט וועמען ער האָט זיך נאָך קינדווייס געשפּילט, צי דערצווּנגען אין איין הויף ווי פּערעלע גאָלד־שטיין (שערבעלע פּרוטהס), אָדער די וואָס פּלעגט ספּעציעל קומען מיט איר יונגערע שוועסטער אַ ביתרניצע צו אים אין לאָקאַל כּדי אים צו זען און מיט אים צו רעדן, — און צו דעם גוט פאַרזאָרגטע, — האָבן אים ווידער נישט געצויגן בלויז דערפאַר וואָס זיי זענען געווען פון זיין שטאָט.

ער האָט זיך אַליין נישט געקענט דערקלערן די סיבות פאַרוואָס ער האָט נישט געוואָלט בלייבן וווינען אין זיין שטאָט. כאָטש ער וואָלט זיך לויט די צוזאָגן — און דאָס מיט באַוואָרענישן, דאָ בעסער איינגעאָרדנט. וואָרעם ווער קען דאָס אַריינקוקן אין דער אייגענער נשמה און אויפקניפּן דעם קנויל פון וואָסן און פאַרוואָסן פון די אייגענע באַשטימונגען און האַנדלונגען? ...

ס׳קען זיין ס׳איז אין אים געווען די מורא פאַר אַפרישן דורכ־פאַל, זאָל זיין אַ מאַטעריעלן, — אין זיין אייגענער שטאָט. צוליב זיינע שוואַכקייטן און קראַנקהייטן האָט ער בכלל מורא געהאַט צו נעמען אויף זיך אַבאַזונדערן פאַמיליע־יאָך. ער האָט אויך געחלומט פון פרייע צייט פאַר שרייבן און לערנען. און נאָך מער האָט ער מורא געהאַט צו ווערן ביי אַ דורכפאַל אין דער אייגענער שטאָט אַריינ־געפּלאָנטערט אינעם אייגענעם משפּחה־געפּלאָנטער און זיך דאַרפן אַרומרייסן אַרום איינציקן ירושה־איבערבלייב — דאָס נאָך נישט אויס־געצאָלטע הילצערן הויז.

האָט ער אַזוי אַ צייט געקלויבן צווישן די פאַרשידענע שידוכים, ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ שידוך פון ביאַליסטאָק. ער האָט אַליין קלאָר נישט געוווּסט פאַר וואָס ער האָט אויסגעקליבן ביאַליס־טאָק. נאָר עפּעס האָט אים די שטאָט געצויגן. צו וויל ער האָט שוין מיט איר געהאַט אַ געוויסן קאָנטאַקט דורכן געקויפטן קופּאָן שטאָף, — צו דער שם פון אַזאַ יידישער „עיר ואם” באַיחוסט דורך הרב שמואל מאָהילעווער דער פירער פון חיבת ציון, ד״ר זאַמענהאָף דעם שעפער פון עספּעראַנטאָ, ד״ר כאַזאַנאָוויטש דעם גרינדער פון דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק ביי דער העברעישער אוניווערסיטעט אין ירושלים און דעם שוין באַגעגנטן ליטמאַן ראַזענטאַל דעם פריערדיקן געטרייען הרצליאַנער און שפּעטערדיקן אַזוי געטרייען זשאַבאָטינסקי־יאַנער, דעם ציוניסט־רעוויזיאָניסט, האָט אים געצויגן, צו אַלץ צוזאַ־מען האָט ער נישט געוווּסט. ער האָט פאַרגעסן אַז זיין זיידע איז

שווינדל און אפּנאַרן, ווי צו „גניבת דעת הבריות", פּאַרפּירן, פאַלשע עצות און פאַרבלענדן די אויגן, א. א. וו. און ווייטער, אַזוי דאַרף מען אַנווענדן דעם „ובחוקותיהם לא תלכו", אין יעדן פּרט פונעם יידישן אופן פון לעבן און הלבשה.

„דער קלענסטער ברוך אינעם דורותדיקן שטייגער ווי אין דער הלבשה, קען חלילה גורם זיין צו הפקרות, צו פּורק עול זיין, ביז ר"ל צו עבודה זרה. די יידישע הלבשה איז די יידישע אוניפאָרם וואָס פאַרהיט דעם ייד נישט צו פאַרקריכן אויף פרעמדע וועגן. אָנ־רירן באָרד און פּיאות, צי אפילו בייטן די יידישע היטל און כאַלאַט, איז גורם אָוועקצוגיין פון יידישקייט.

„און ס'איז דעריבער געזאָגט געוואָרן, „הזהרו במצוות קלות כבחמורות" (היט זיך אין גרינגע מצוות ווי אין האַרבע). דאָס זעלבע פאַרקערט. מען דאַרף זיך היטן פון אַ גרינגע עבירה ווי פון אַ האַרבע".

צו דעם האָט דער רבי געבראַכט אַ סך ראיות פון פאַרשידענע ספרים. נאָך דער סעודה האָבן די חסידים מיט גרויס הנאה איבער־געחזרט און מפרש געווען דעם רבינס רייד. ערשט שפּעט אין דער נאַכט איז יאַנקעלע מיטן טאַטן אַהיים געגאַנגען.

אויף צו מאָרגן שבת האָט זיך דעם רבינס טיש־פראַווען איבער־געחזרט. די חסידים האָבן געשטעלט וויין, און נאָכן זינגען זמירות, האָט דער רבי ווידער געזאָגט תורה. דאָס מאָל פון מדרש און זוהר: יי' ילחם לכם ואתם תחרישון (בשלח). רבי אבא פתח (ישעיה נ"ח) „אם תשוב משבת רגלך עשות חפצך ביום קדשי". זכאין אינון ישראל דקב"ה אתרעי בהון לאתדבקא בהו מכל שאר עממין דעלמא. ומגו רחימותא דלהון קרוב לון לגביה ויהב לון אורייתא ויהב לון שבת דאיהו קדישא מכל שאר יומין... ומן דנטיר שבת כאילו נטיר לאורייתא כלא.

ג' וועט קעמפן פאַר אייך און איר שוויגט (בשלח). האָט רבי אבא אָנגעהויבן: „אַז דו וועסט צוריקהאַלטן פון שבת דיינע פיס, פון צו טאָן דיינע זאַכן אין מיין הייליקן טאָג" (ישעיה נ"ח).

זוכה זענען די קינדער פון ישראל, אַז דער הייליקער גע־בענטשט איז ער, האָט געגליסט אין זיי מער ווי אין אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט און האָט געוואָלט זיי זאָלן זיך באַהעפטן אין אים.

און צוליב זיין ליבשאַפט צו זיי — האָט ער זיי דערנענטערט צו זיך, האָט זיי געגעבן די תורה און האָט זיי געגעבן דעם שבת

מיט אַ שטיק חזקת הבתים (בבא בתרא) מיט רש״י, תוספות און מהרש״א, און ער האָט געזען ווי דעם פעטערס אויגן בליצן און פינקלען ביי זיין זאָגן, האָט זיך יאַנקעלע דערפילט פעסט און שטאָלץ ביי זיך.

ער איז שוין מער נישט, האָט ער געטראַכט, קיין דרדקי־יונגל וואָס מער ווי אַ שטיקל חומש מיט רש״י קען ער נישט, און ווען מען נעמט שמחת תורה אַרונטער מיט כל הנערים אונטער איין טלית, נאָר ער קען זיך שוין אַצינד פאַרמעסטן מיט די גרויסע שטיבל־בחורים אין אַ פּלפּול, און ביי די הקפות וועט ער שוין קריגן אַ באַזונדערע הקפה, ווו מען וועט אים שוין אויפרופן אינעם אייגענעם זכות: „יעמוד הבחור יעקב ברב אהרן הכהן".

•

## דער טאַטע האָט יאַנקעלען געוואָלט לערנען שווימען

ביאַלע האָט אַ פיינעם טייך. כאָטש נישט אַזאַ גרויסן ווי דער שכנותדיקער בוג, איז ער גענוג פאַר אַזאַ שטאָט ווי ביאַלע. בפרט איז ער געווען גענוג פאַרן יידישן ביאַלע. און אין די וואַרמע זומער־טעג (אַ חוץ די דריי וואָכן) איז דער טייך קושנאַ גאָר געווען ווי אַ יידישער טייך.

ער איז עס געווען אין די וואָכעדיקע טעג, בפרט אין די פרייטיקדיקע נאָכמיטאָגן, ווען די ביאַלער יידן זענען געקומען לכבוד שבת זיך באָדן אין קוועלעס ביידלעך, ווו ער איז עס געווען צוליב די קאַרפּ־פיש וואָס קוועלע פלעגט האַלטן אינעם קאַסטן ביים „קעסל־גרוב".

גייענדיק פון דער קשיווע גאַס צום באַן באַלד ביי דער אָנהייב וואָליע (ביאַלער פאָרשטאָט), איז מען אַרויף אויף אַ הילצערנעם בריק מיט פאַרענטשעס פון ביידע זייטן וועג, אונטער וועמען עס האָט זיך געשפּרייט אַ קלאָר קוואַליק וואַסער, וועמענס געלענגער איז פון רעכטס (ביים הויף־וואַל פון שלאָס) געווען שמעלער און פון לינקס ברייטער.

און גאָר דאָס לעבן פונעם טייך איז געווען אויף דער לינקער זייט. דאָ, אויף דער זייט טייך, האָט זיך ביים סאַמע ברעג רעכטס געפונען דעם אַלטן קוועלעס הילצערנע הייזקע, ווי דאָ לינקס זענען געווען די לאָדקעס און האָבן זיך געפונען די ביידלעך.

דער טייך איז געווען אַ באַזונדערע אַטראַקציע פאַר ביאַלע. ער איז געווען ווי פאַר אַנדערע גרעסערע שטעט אַ מוזעום, אָדער

אפּווארטנדיקן מאַן וואָס איז אין איין ציטער געשטאַנען אין אַ ווינקל פונעם צווייטן חדר און האָט געבעטן אויף צוויי זאַכן: אויף אַ גיכן איבערקומען — און „אל תפתח פה” — ס'זאָל חלילה ווידער נישט זיין קיין מיידל און האָט אים מיט פרום-שיינענדיקע אויגן אַ זאָג געטאָן: „מזל טוב ר' אהרן, ס'איז אַ יונגל, אַ בן זכר”. איז דאָס גאַנצע הויז געוואָרן פול מיט פרייד און ליכט.

מען האָט זיך באַלד גענומען צו דער עבודה פון באַוואַכן און באַהיטן די קימפּעטאָרן — מיטן קינד. זיי ביידע אָפּהיטן פון אַ בייז אויג און פון שדים און רוחות רחמנא ליצלן. און דער עיקר, צו זען אַז דער ניי-געבוירענער זאָל וואַקסן לתורה, לחופּה און למעשים טובים.

מען האָט פאַרשטעלט די בעט מיט קאָלדרעס, זיי באַהאַנגען מיט שיר המעלותן און סגולות — און דאָס קינד האָט מען אָנגעטאָן אויף די הענטעלעך רויטע בענדעלעך מיט קמיעות אויפן הערצל, און מיט נאָך אַזעלכע אָפּהיטענישן און באַוואָרענישן ווי אין פּסוק שטייט...

אַ גאַנצע וואָך זענען געקומען חדר-יונגלעך ליינען קריאת-שמע און די לעצטע נאַכט פאַרן ברית האָט מען אונטער דער קימפּעטאָרנס קישן אַרונטערגעלעגט דעם מוהלס מעסער (חלף).

די שמחה איז אויך דערגאַנגען צום פעטערס הויז. צום הויז פונעם שטאָטישן חסידישן גביר ר' שמואל פּיזשיץ. מחמת דעם קינדס באָבע טובע רויזע וואָס האָט שוין דאַן ווי זיין זיידע ר' יעקב נישט געלעבט, איז געווען שמילקעס איינציקע שוועסטער, ווי איר בת יחידה אַלטע, איז געווען זיין איינציק שוועסטער-קינד.

אַ חוץ דעם האָט דעם קינדס פעטער אהרן, המכונה ר' אהרעלע פאַלעווער, אַ צונאָמען נאָך זיין פעטער דעם קינדס זיידן משה פאַלעווער וואָס האָט געשטאַמט פון פּילעוו און האָט געוווינט אין אַן אייגן הויז אין יאַנעווע ביי ביאַלע (ביאַלע פּאָדליאַסקע) וואָס האָט שוין אויך נישט געלעבט (געשטאָרבן אין וואַרשע)), איז דאַן געווען אַ מענטש (אַ שרייבער) ביים פעטער שמילקע. און שמילקע פּיזשיץ, אַ ייד אַ למדן און אַ קאָצקער חסיד, האָט פון זיין זייט אויך געוואָלט אַז זיין שוועסטער-קינד זאָל האָבן אַ יונגל.

יאַנקעלע האָט נישט זוכה געווען צו קענען אַ זיידן נישט נאָר שפעטער, נאָר אויך נישט קינדווייז. ער האָט נאָר געקענט איין באָבע אידעס, זיין פאָטערס מאַמע, אַ הויכע, שלאַנקע פרוי אַן אלמנה, וואָס פלעגט אָפט קומען קיין ביאַלע באַזוכן איר געליבטן זון אהרן און ביי דער געלעגנהייט אַרויסנעמען איר קליין אייניקל (פאַרן חדר) אויף אַ שפּאַציר, אָדער אים מיט נעמען אויף אירע באַזוכן ביי די קרובים,

און צי מען איז פול אמונהדיק צי נישט, צי מען איז מסכים מיט זיינע פירושים צי נישט, ווערט א ייד גרינגער אויפן געמיט, ווערט איםווארעמער אויף דער נשמה ביים לערנען א שטיקל חומש מיט רש״י. און רש״י ווי קורץ ער איז אין זיין פירוש קעגן אנדערע, קען מען פון אים א סך לערנען אי וועגן דקדוק, אי וועגן די מקורות אויף וועלכע ער שטיצט זיך און ציטירט זיי מיט א ברייטער האנט, ווי דעם תרגום, די משנה, די ברייתא, ר׳ משה הדרשן א. א.

מען האט דאס געפיל ווען מען לערנט רש״י, ווי ער, דער בעל מפרש פונעם צוועלפטן יארהונדערט וואלט זיך אזוי מיט יעדן לערנער, קליין צי גרויס, און דאס פון אלע צייטן פריינטלעך אדורכגעשמועסט. איז טאקע דארט ווו עס פעלט רש״י, למשל נדרים, דער פירוש פיל גרעסער וואס פארנעמט א גרויסן ארט פונעם טעקסט, און ווען מען דארף אנגעשטרענגטער לערנען.

און גרעסער איז די מעלה פון רש״ים פירוש ווי פון אים אליין, זיין אפנקייט, באשיידנקייט און אויפריכטיקייט. ער איז נישט רמזימדיק ווי אנדערע מפרשים, איבערלאזנדיק פארן לערנער אליין זיך צו דער־טראכטן, אליין צו דערגיין דעם פשט; נאר ער ברענגט זיין פירוש ארוים קלאר און אפן און דאס מיט א ברייטער האנט.

ער איז באשיידן אנצווייזן די מקורות אויף וועלכע ער פאר־רופט זיך, נעמט צו הילף פארשידענע ראיות צו זיינע רייד און שעמט זיך נישט אין געוויסע פאלן צו זאגן, ער, דער גרויסער בקי, „לא ידעתי פירושו״ (איך ווייס נישט זיין פירוש), אדער „לא מצאתי ברייתא״ (איך האב אויף דעם נישט געפונען קיין ברייתא). און דארט, ווו נאר ער איז נישט אינגאנצן זיכער אין זיין אויסטייטש, האט נישט אלע ראיות, באווארנט ער זיך מיטן „לבי אומר״ (מיין הארץ זאגט מיר).

איז נישט קיין וואונדער וואס מען האט אים געלערנט און מען לערנט אים מיט פולן צוטרוי. מען פלעגט זאגן: „זע, וואס זאגט רש״י״. ווי רש״י וועט שוין אלץ פארענטפערן. און נאך ווארעמער און ליבלעכער איז דער זאג: „זע, וואס מאכט רש״י״. ווי מען וואלט ס׳ערשטע פרעגן נישט וואס דער טאטע זאגט, נאר וואס דער טאטע מאכט...

נאר דאס ערגסטע האט ער נישט געקענט פארטראגן דעם „לא תחנם״ פון די שבע עמים (זאלסט אויף זיי נישט האבן קיין רחמנות. ואתחנן ז׳), ווי דעם „לא תחיה כל נשמה״ (קיינעם נישט לאזן לעבן) פון די זעקס פעלקער (שפטים י״ד). און דאס הגם ער האט געוווסט

אזוי איז געווען מיט דער ייִדישער איבערזעצונג פון שפינאָזאָס „עטיק" וואָס איז אַ חוץ דער שווערער אַלגעבּרעשער פאָרם געווען מיט פיל פּרעמדע אויסדרוקן און דייטשמעריזמען. אזוי מיט ניטשעס „זאַראַטוסטראַ", ווי מיט פיל פרעמדע באַגריפן און דייטשמעריזמען אין אַנדערע ביכער איבערגעזעצט אין יידיש.

און כאָטש ער האָט לכתחילה נישט גאָר אַלץ פאַרשטאַנען, האָט ער געוווּסט אַז קיין אַנדער וועג איז פאַר אים נישטאָ — און אַז ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, וועט ער אויך יענע ערטער באַגרייפן. ווייל איין געדאַנק קלערט אויף דעם צווייטן. ער האָט פונדעסטוועגן די שווערע ערטער פיל מאָל איבערגעחזרט, ווי ער פלעגט פריער איבער־חזרן אַ שווערע גמרא אָדער תוספות.

ער האָט אמת די ביכער, די ספרים חיצונים, נישט אזוי פאַר־ערט, זיי נישט געקושט ווי פריער די ספרים. ער האָט זיי אָבער מיט זיין גאַנצן יונגטלעכן ברען ליב געקריגן. הגם מיט אַ וועלטלעכע, וואַכעדיקע ליבשאַפט. זיי זענען אָבער געוואָרן זיין גייסטיקער פאַרוייל אין זיינע שווערע מינוטן, ווי זיין טרייסט און גאָר זיין אויסלעב. באַזונדער האָט ער זיך געקוויקט מיט די שכלדיק־אויפקלערערישע, ווי מיט די שיין־גייסט ליטעראַרישע.

ער האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער מאָדערנער יידישער ליטעראַ־טור, האָט אָנגעהויבן לייענען די קלאַסיקער, ווי אַלץ וואָס האָט נאָר נעהאַט אַ שייכות צום יידישן פאָלק און לעבן. ער האָט אָבער אויך נישט מזלזל געווען אין די גוטע ביכער פון די אַנדערע ליטעראַטורן.

די רוסישע שרייבער זענען אים שוין געווען באַקאַנט פון פריער דורך דער רוסישער כרעסטאָמאַטיע „פּיסאַטעלי" (שרייבער) וואָס ער האָט געלערנט אין שולע. ער האָט געזוכט געדאַנק און שיינקייט, דערהויפּט עטיש־עסטעטישע שיינקייט. און ער האָט ווי פריער ביים לערנען, אויך דאָ ביי יעדער זאַך געפרעגט: „מאי קא משמע לן?" ער האָט נישט פאַרטראָגן קיין סתם לייענען. בפרט אַ ראָמאַן, פלאַך לייענען.

צווישן די אבות פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור האָט ער מער געשעצט פּרצן. און דאָס נישט נאָר צוליב זיינע חסידישע געשיכטן, צוליבן אַראָפּלאָזן זיך אין די טיפענישן פונעם יידישן גייסט און פאַרשטעל און פון דאָרט אַרויסטויכן די פערל פונעם יידישן געדאַנק און פאַנטאַזיע, נאָר אויך צוליבן מקרב זיין און דערציען אַ דור פון יידישער שרייבער. פאָרן צוגרייטן פאַר אונדז דעם נאָכוווּקס פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

היינט, ווען יאַנקעלע שרייבט אָט די שורות, ווען ער איז אַליין אויסגעוואַקסן צו אַ שרייבער פון צענדליקער ביכער און מאַנוסקריפּטן, ווען ער האָט אויף זיין אייגן שרייבערישן לייב און לעבן אַזויפיל אַדורכגעמאַכט, אַזויפיל רשעות, פּראָוואָקאַציעס און פאַלשקייטן, ווענן ווען עס פאַקטן עס וועט נאָך אויסקומען צו שרייבן, איז נאָך פּרץ מער אויסגעוואַקסן אין זיינע אויגן. און ער וווּנדערט זיך, פאַרוואָס קיינער טראַכט נישט אויך אים אויף אַ געוויסן אופן צו באַערן...

דאַן אָבער, האָט ער אין זיין יונגלעשער נאַיוועקייט און תמימות, אין זיין אַנגעצונדנקייט און יונג נשמהדיקער פרישקייט און ריינקייט, אַרויפגעקוקט צום שריפטשטעלער, צום קינסטלערישן, ווי צום טראַכטנדיקן און וויסנשאַפטלעכן יידישן וואָרט, ווי בכלל צו יעדן אָפּגעקלייבענעם ריינעם וואָרט, מיט גרויס פאַרער און רעספּעקט.

ער האָט אין זיין תמימות געגלויבט אין דעם וועלטלעכן שריפטשטעלערס וואָרט, ווי פריער אין דעם געשריבענעם רעליגיעזן וואָרט. ער האָט געמיינט אַז אַלץ וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט פונעם שרייבערס פען איז ווי אַמאָל דעם נביאס וואָרט אויסגעגליט אינעם טיגל פון אמת און אַלץ אין אים איז „תוכו כברו"... ער האָט נאָך אמת נישט צו גוט געקענט דאָס לעבן און ער האָט נישט געוווּסט פון די אַלע שטערונגען און שטרויכלונגען וואָס ליגן ביי יעדן איינעמס פיס. אָ, ווי אַנדערש ער האָט זיך אָט דאָס אַלץ פאָרגעשטעלט.

נאָך אַ צייט פון לייענען און לערנען איז ער אַליין געוואָרן ליטעראַריש אינספּירירט. עס האָט זיך אין אים דערוועקט אַ חשק צו שרייבן, אַליין צו ווערן אַ שרייבער. עס זענען אין אים אויפגעקומען געדאַנקען און געפילן וואָס האָבן געזוכט זייער אויסדרוק, האָבן אים נישט געלאָזט צו רו. ער האָט אָנגעהויבן מיט לידער.

ער האָט אָבער באַלד זיך געשטעלט גרויסע פאָדערונגען. און נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעשריבן אייניקע דיכטערישע העפטן, האָבן זיי אים אויסגעזען צו לייכט, הומאָריסטיש-פלאַך און נישט פאַרטיפט. האָט ער זיי פאַר קיינעם נישט ווייזנדיק צעריסן.

ער האָט אָבער שוין פון שרייבן נישט רעזיגנירט. געהאַלטן אַז ער דאַרף זיך מער פאַרטיפן, מער אין זיך אויסגליען און אויסבריען דאָס וואָרט און דאָס דערנענטערן צום אמת און לעבן. און וואָרטן אויף בעסערע געלעגנהייטן. היינט ווייסט ער, אַז אויך אין דעם איז ער געווען נאַיוו. ווייל קיין סתם געלעגנהייטן זענען נישט בנמצא. אַלץ ווערט נאָר דורכן מענטש אַליין צוגעגרייט, און דורך אים אַליין אַדורכגעפירט.

געפרווווט דערנענטערן צו איר. און וואָס מער ער האָט זיך צו איר דער־נענטערט, אַלץ מער האָט ער געפילט ווי אַ וואַרימקייט וואַלט פון איר אַריבער אין זיין לייב, וואָס האָט זיך צעגאָסן איבער אַלע זיינע אברים. ער איז געוואָרן צערייצט און דאָס האַרץ אין אים האָט אָנגעהויבן קלאַפּן. ער פילט דאָס זעלבע האָט ער זיך דערמאָנט, ווען זי גייט פאַרביי זיין מאַמעס קראָם.

וואָס איז דאָס? האָט ער זיך גענומען פרעגן. איז דאָס ליבע? די צערייצטקייט אין אים האָט גענומען וואַקסן. און ער האָט איר שוין געוואָלט אַרומנעמען און מיט איר ווערן אינטימער... נאָר אין דעם מאָמענט האָט רבקהלע דערזען די געפאַר. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט, זיך געזעצט אים אַנטקעגן און אָנגעהויבן פרעגן: — זאָגט מיר יאַנקעלע, זענט איר אַ גלוביקער, גלויבט איר אין אַלץ?

— וואָס מיינט איר אין אַלץ? האָט ער צוריקגעפרעגט.

— איך מיין, האָט זי געצויגן אירע ווערטער, אין אַלץ וואָס אונדזערע עלטערן גלויבן.

— זיכער נישט. האָט ער פעסט געענטפערט. מען דאַרף אָבער אָפּטיילן דעם פאָרמאַליזם פון גלויבן פון עצם גלויבן.

— וואָס מיינט עס? דערקלערט מיר גענויער.

יאַנקעלע איז אַ צינד געווען צופרידן אי פון די פראַגן, אי פון אונטערדריקן אין זיך דעם גלוסט. ער האָט זיך דערמאָנט אינעם זאָג. ווען דער יצר הרע באַפאַלט דיר, „משכהו לבית המדרש" (צי אים אַריין אין בית המדרש). ער האָט געענטפערט:

— גלויבן און רעליגיע רבקהלע, זענען לויט מיר, צוויי באַזונדערע באַגריפן. גלויבן מיינט, דער ריינער גרונט-גלויבן. למשל, דער גלויבן אין גאָט, צי אין אַן אַנדער באַשאַפערישער קראַפט. — דאַקעגן אָבער, רעליגיע, מיינט אַ פאָרמאַליסטיש אויסגעאַרבעטע סיסטעם פון געזעצן, מנהגים און ריטואַלן, אויף צו דינען דעם גלויבן. צווישן עצם גלויבן און פאָרמאַליזם פון גלויבן, איז אַ גרויסער אונטער־שייד.

איינער קען גלויבן אין גאָט ווי אין באַשאַפער פון דער וועלט, און דאַקעגן נישט גלויבן אין אַלץ וואָס מען שרייבט אים צו, אין נאָר דעם אָנגעהויפטן פאָרמאַליזם און אין די אַלע פול-פאַרצווייגטע געבאָ־טן און פאַרבאָטן. בפרט אין די איבער גענומענע פון דער פרעמד געגנדינערעשע מנהגים און זיטן.

— אויב איר גלויבט נישט אין אַלץ, ווי זשע אַזוי ווייסט איר

ראַסט צי רבקהלעס געמיט. נאָך דער רוסישער צערקווע האָבן זיי זיך אויף אַ באַנק אַוועק געזעצט.

ווי צונגעריים פון פריער איז זי אַרויס:

— פאַרוואָס האָט איר דאָס געטאָן? שיקט צוריק די תנאָים און מיר וועלן התונה האָבן.

— איך וועל די תנאָים נישט צוריקשיקן. איך וועל קיין יידישע טאָכטער נישט פאַרשעמען.

— און מיר מעגט איר פאַרשעמען? מיין האַרץ מעגט איר צעברעכן?

— איך האָב אין אונדזער ליבע נישט געזען קיין תכלית. מיר וואָלטן זיך ביידע אַלעבן לאַנג געדאַרפט פייניקן.

— מיר וועלן זיך איינאָרדענען, און איך נעם אויף זיך דעם עול.

— רבקהלע, — איך האָב דאָך אייך דעם לעצטן אָוונט געזאָגט אַז איך גיי שרייבן תנאָים. און איר האָט געענטפערט, „טאָ גייט. ווער לאָזט אייך נישט". בין איך געגאַנגען און האָב געשריבן. און אַצינד איז שוין צו שפּעט. ווי זאָגט דער רוס: „וואָס מיט דער פען איז אַנגעשריבן, קען מען מיט קיין האַק נישט אַרויס האַקן".

— ווייסט איר נישט אַז אַ פרוי מוז אויך האָבן אַבּיסל שטאָלץ? איך האָב אייערע רייד נישט געגלויבט. זיי אָנגענומען פאַר אַ שפּאָס. האָב איך אויך אַזוי געשפּאַסט. און האָט איר דען נישט פאַרשטאַנען אַז איך האָב נישט געמיינט ערנסט?

— איך קען אין אַ צווייטנס האַרץ נישט אַריינקריכן. איך קען יענעמס געפילן און געדאַנקען נישט ליינען.

זי האָט זיך אויפגעהויבן צוריק צוגיין אין שטוב. ער האָט איר אָן אַ וואָרט אויסצורעדן באַגלייט, ביז זי איז צוריק געקומען צו איר הויז. ביים הויז האָט ער איר אויסגעשטרעקט זיין האַנט. זי האָט איר ווי אומווילִיק און מיט אַן אומעטיק פנים אָנגענומען און געזאָגט אַ גוטע נאַכט.

*

יאַנקעלע האָט זיין כלה אייניקע מאָל באַזוכט. ער האָט געפּרוּווט צו איר ווערן דרייסטער. האָט זיך געוואָלט צו איר צוגעוווינען, ווי אויך זיך מער אַרומקוקן. אַ גאַנצן טאָג איז ברכה געווען פאַרנומען אין קראָם. די קראָם איז ווי זיין מאַמעס אַ מאַליקער שפּייכלער באַשטאַנען פון אַ פויערישע קונדשאַפט. איז ער דערווייל אַרומגע-

נישט אַרוים. און דו האָב טענות צו דיינע אייגענע — נישט צו אונדז"...

האָט ער געוואָלט אָנגעבן דעם אַקציז אין גערירכט און זאָל זיך דאָרט אַלץ אַרויסווייזן און אויפקלערן. האָט זיך ווידער זיין באַרעכנטע מאַמע אַריינגעמישט „ווילסט זיך אָנהייבן מיט אַ גאַנצן אַקציז, וועסט ביי זיי סיי ווי נישט געווינען. און ווער ווייסט וואָס זיי קענען נאָך אָפּטאָן. מען קען נאָך אונטערצינדן אונדזער הויז. און ס'איז דאָ אויך פּאַרמישט אַ יידישע האַנט". „ווער איז די יידישע האַנט, מאַמע?" מער האָט די מאַמע נישט געוואָלט רעדן. זי האָט אָפּט אויך געקענט שווייגן. און ביידע האָבן דאַן נאָך נישט געאַנט, אַז אַנשטאַט ער זאָל אָנגעבן אין גערירכט, וועט מען גאָר אים אָנגעבן אין גערירכט.

ער האָט דעם אַקציז אָפּגעלאָזט. געפּרואווט אויך אין דעם פּאַרגעסן. כאָטש ער האָט ביי דער העכערער מאַכט די זאַך יאָ געקענט געווינען. און געטראַכט האָט ער, זיין מאַטעריעלן מצב האָט ער טאַקע נישט פּאַרבעסערט, דערפאַר אָבער וועט ער ווייטער זיין פריי פון יעדן עול און זאָרג. איז אָבער קיין סך צייט נישט אַריבער ווי מען האָט אים צוריק דערמאָנט אין זיינע זאָרגן. דער ענין פּ.ק.או. וואָס ער האָט געמיינט אַז ער איז שוין פון דעם פּטור, האָט זיך צוריק אָפּגעפרישט.

און ס'איז געווען ווען ער איז זיך אַזוי געגאַנגען במנוחה פון דער קראָם אין שטוב, ווי אַ ייד גייט זיך אַזוי במנוחה שבת נאָכן עסן, איז אים אָנטקעגן געקומען אַן הויכער געשטאַלטנער פּוילישער זשאַנדאַר־סערזשאַנט מיט אַן ענגנדיקן מיליטערישן לעדער־פּאַרטפעל ביי דער זייט, און אים גלייך געפרעגט צי ער איז ער — צי ער איז „פּאַן יאַנקיעל קאַהאַן".

יאַנקעלע האָט פאַרשטאַנען אַז וויבאַלד ער קומט אים אַנטקעגן און דאָס גרייט מיט זיין נאָמען, — איז דאָ נישט שייך צו לייקענען, אויסבאַהאַלטן, ער איז אַנטדעקט, בפרט ווען ער האָט סיי ווי ליב צו גיין מיטן אמת. און כאָטש ער האָט נאָך אינעם ערשטן מאָמענט נישט געוווסט צו וואָס באַזונדער ער איז אַנטדעקט, — האָט ער געענטפערט אַז יאָ. אָבער ביסלעכווייז, ביסלעכווייז איז אַ קלאָרקייט אין אים אויפגעגאַנגען, און ער האָט זיך דערמאָנט אין דער קלאָגע קעגן פּ. ק. או. און פון איצט אָן איז שוין אַלץ צוגעגאַנגען גלאַטיק. אויפן זשאַנדאַרמס פאַרלאַנג איז ער מיט אים צוריק אַריין אין קראָם. און כדי זיך צו מאַכן מער זיכער, — האָט דער זשאַנדאַר באַטראַכט דעם אויף דער וואַנט ענגנדיקן „צעננניק" (פּרייז־קוראַנט).

רעדן. ער פלעגט זיין מיטאָג עסן שפּעט און ווי אָפּגעכאַפּט. און אין די נעכט פלעגן זיי ביידע, דער טאַטע מיט דער מאַמען אוועקפאַלן מידע. די איינציקע נאָר צייט פאַר אים אַ שמועס צו טאָן מיט דער מאַמען וועגן געשעפט, ווי וועגן אַנדערע זאַכן, איז געווען אין די שבתדיקע ווי יום טובדיקע באַגינענס „כלחוך השור", ווען יאַנקעלע וואָס איז געשלאָפן מיטן טאַטן איז נאָך געווען פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף.

דער טאַטע איז געווען אַ ספרה רבה. ער פלעגט אַליין דורכ־פירן אַלע זיינע ענינים. אָנגעבן זיינע ספּראַוועס און שרייבן די קאָנט־ראַקטן אָן דער הילף פון אַן אַדוואָקאַט. זיין שרייבן איז געווען קאָנ־דענסירט און צום פּונקט. זיין כתב אַ קלאָר־פּערלדיק, אַזוי אין יידיש, העברעיש, רוסיש און פּויליש.

האָט ליב געהאַט ריינקייט, פּינקלעכקייט און אָרדענונג. די דאָזיקע מידות האָט ער אָפּגעהיט ביז עקסטרעמקייט. זיינע מלבושים האָט ער געהאַלטן אין איין פּוצן און ריייניקן. אפילו אין מיל, האָבנדיק צו טאָן מיט מעל־שטויב, איז זיין כאַלאַט און מאַנטל שטענדיק געווען ריין. ער פלעגט יעדעס מאָל ווי נאָר ער האָט פאַרלאָזט זיין קאַנטאָר, נעמען דאָס בערשטל און אָפּרייניקן זיינע מלבושים פון יעדן ברעקעלע שטויב.

אַזוי אויך פלעגט ער אָפּרייניקן יאַנקעלעס כאַלאַטל ווי נאָר ער פלעגט אים מיטנעמען אין מיל, כאָטש יאַנקעלע האָט זיך אין מיל נישט געמישט. און ערשט אין שטוב, ווי ער האָט קיין צייט נישט געהאַט, האָט זיך תמיד געיילט, און די יונגערע שוועסטער יאָכע האָט זיך פאַרנומען מיט דער הויז־ווירטשאַפט און די פאָדלאָגע האָט געמעגט זיין ווי ריין, פלעגט ער שוין נעמען די באַרשט און איר אויפסנייי אויסקערן. אַזוי אויך איז געווען מיט פּינקטלעכקייט און אָרדענונג.

די ספרים אין דער גלאָז־שאַפע האָבן געהאַט זייערע באַשטימטע ערטער אויף וועלכע זיי האָבן געמוזט שטיין. די קליינע ספרים אָנהייבנדיק פון די תורה שבכתבדיקע חומשים, האָבן זיך מיט די אַנדערע קליינע שייכותדיקע ספרים תמיד זיך געמוזט געפינען אויף דער אויבערשטער פּאָליצע, ווי נענטער צום הימל... זיי זענען געווען די הויפּט־יחסנים.

נאָך זיי זענען אין זייער ריי געגאַנגען די תורה שבעל־פּהדיקע גמרות, וואָס האָבן פאַרנומען די צווייטע פּאָליצע. די דריטע אין דער ריי זענען געווען די גרויסע פּוסקים־ספרים: דעם רמב"מס „יד החזקה",

מער אַרויפגעאַרבעט, נישט געפּאַסט צו פאַרקריכן אונטערן שטאַט מיטן גאַנצן קליינוואַרג. האָט זי געדונגען ביי חיים לווין אַ גרויסע דירה פון דריי צימערן מיט אַ קיך און גאַניק, ווי אויך אַ שפּייכלער פאַר אַ שפּייז־קאָלאָניאַל קראָם. צייטנווייז האָט זי אויך געהאַט אַ צווייטן שפּייכלער פאַר תבואה, מיט וועלכן בלויז דער טאַטע האָט זיך אָפּגעגעבן.

אַזוי האָט אויך דער טאַטע אינעם זעלבן הויף געעפנט אַ פאַבריקל פון טשעטקאַרניעס צו שניידן שטרוי און שעטשקע פאַר די בהמות. אין פאַבריקל האָט געאַרבעט בלויז איין פוילישער מעכאַניקער וואָס האָט צוגעפּאַסט די מאַשין־טיילן און זיי צונויפגעשטעלט. און פאַרקויפט די שעטשקאַרניעס האָבן די מאַמע מיט דער שוועסטער הדס.

דאָס זענען אָבער געווען קורץ דויערנדיקע זייטיקע געשעפטן. דאָס עיקר־געשעפט מיט וועלכן די מאַמע און די שוועסטער האָבן זיך פאַרנומען איז געווען די שפּייז־קראָם אינעם גרויסן שפּייכלער.

דער הויף פלעגט זיין פול מיט פויערישע פורן פון די אַרומיקע דערפער. צעשפּאַנט דעם פערד, אים אויסגעדרייט מיטן פּנים צו וואָגן, האָט שוין דער פויער זיך געלאָזט אין שטאָט עפּעס פאַריכטן אָדער איינקויפן, צי גאָר אין שענק. פלעגן אָבער ווי נאָר דער פויער האָט זיך דאָ באַוויזן מיט זיין פור, אים די יידישע קרעמער און תבואה־הענדלער פון הויף אַרומרינגלען, באַלאַגערן, און אָנהייבן רייסן צווישן זיך איבערן פויערס זעקל תבואה אָדער איינקויף.

און די קאָנקורענץ, דערהויפּט צווישן די שפּייז־קרעמער, איז געווען גרויס. מען פלעגט ממש רייסן פונעם פויערס הענט די זעקעלעך און טאָרבעס פאַר שפּייז און די גאַנשערס פאַר נאַפט אָדער אויל. פאַרשטייט זיך אַז פון דער דאָזיקער שניידנדיקער קאָנקורענץ האָט מער געוואונען דער פויער ווי דער קרעמער (אויב מען האָט אים נאָר אָרנטלעך באַהאַנדלט), וואָס פלעגט אָפט קריגן גאָר זיין איינקויף פאַר ווייניקער ווי אַ קאָפּיקע פּרנסה.

יאַנקעלע איז דאַן געווען צופרידן פון זיין לאַגע. די נייע דירה איז געווען אַ גרויסע, אַ רחבותדיקע, אַז מען האָט געמוזט דעם לעצטן צימער פאַרדינגען פאַר אַ יידיש־רוסישן סטודענט, וואָס איז צוליב די באַגרענעצונגען קעגן יידן אין רוסלאַנד, געקומען לערנען אין דער היגער רוסישער גימנאַזיע.

דער סטודענט, יאַשאַ, אַ יונגער בלאַסער בחור מיט אַ שוואַרצער טאָלסטאָיאַנער רובאַשקע און פרענזלדיקן גאַרטל, האָט אין זיין צימער געהאַט אַ נייעם גלאַנציקן ראָווער, מיט וועלכן יאַנקעלע האָט